This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

This material is provided online strictly for personal use only. For commercial, academic or any other use, please contact us at the following email address:

info@yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation

1961
1981

סאָוועטיש

XX

היימלאַנד

8

סאָוועטיש היימלאַנד

ליטעראַריש-קינסטלערישער
כוידעש-זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר

דערשײַנט פון 1961

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל"

מאָסקווע

אויגוסט

8

1981

БИБЛИОТЕКА
ДОМА ЕВРЕЙСКОЙ КНИГИ
ЭКЗЕМПЛЯР
ВЫДАЧЕ НЕ ПОДЛЕЖИТ

אינהאַלט

צום צוואַנציקיאָריקן יובילײ פון „סאָוועטיש היימלאַנד“

באַגריסונג פון סעקרעטאַריאַט פון דער פאַרוואַלטונג פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פּססר 3

אַרן ווערגעליס. די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז אַרײַנגעטראָטן אין די 80־ער יאָרן. וואָס ווײַטער? 4

יעכיעל שרײַבמאַן. ווײַטער... (ראָמאַן) . . . 8

לידער, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ אין די יאָרן 1961 — 1981 100

20 שעפערישע יאָר: סאַכאַקלען און ראַיוינעס. כאַים מעלאַמוד. דער נעס פון „סאָוועטיש היימלאַנד“; שירע גאָרשמאַן. „גיי און מאַך“! בוזי מילער. אַזוי ווערט איבערגענומען אַ פּאָן; אַווראָם גאָנטאַר. דער ערשטער טאָג. ראָזע קאַץ־ראַבינאָוויטש. עלטער און ייִנגער; דאָרע כײַקינע. מײַן יאָמטעוו און מײַן אינדערוואָכן. שמועל גאָרדאָן. מעראַגלים; מוישע אַלטמאַן. פּראָבלעמען; טעוויע גען. צוגאַסט באַ די לעבעדיקע; הערשל פּאָליאַנקער. אונדזער לעבנס־בוך; כאַיםביידער. פון מאָנטיק ביז שאַבעס; יוסעף שוסטער. אָן אָפּן פענצטער אין לעבן; באָריס מאָגילנער. אויצרעס; ירמע דרוקער. בלעטערנדיק די צוויי הונדערט צוואַנציק נומערן; הערש רעמעניק. אַ נײַער פּעריאָד אין אונדזער ליטעראַטור; נאָטע לוריע. צוויי קאַפּיטלען פונעם פערטן טייל פון דעם ראָמאַן „הימל און ערד“; 123

רעזומע (רוסיש, ענגליש) I

הויפּט־רעדאַקטאָר

א. ווערגעליס

רעדקאָלעגיע:

כ. ביידער (שטעלפאַרטרעטער פון הויפּט־רעדאַקטאָר),
ש. גאָרדאָן, ט. גען,
נאָטע לוריע, ב. מאָגילנער,
ב. מילער, כ. מעלאַמוד,
ה. פּאָליאַנקער,
י. שוסטער (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר), י. שרײַבמאַן

דער רעדקאָלעגיע
און רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל
„סאָוועטיש היימלאַנד"

דער סעקרעטאַריאַט פֿון דער פֿאַרוואַלטונג פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר באַגריסט האַרציק די רעדקאָלעגיע, דעם אַוואַנגאַרד־אַקטיוו און די מיטאַרבעטער פֿון דער רעדאַקציע פֿונעם ליטעראַרישן כּודעש־זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" אין צוזאַמענהאַנג מיטן צוואַנציקסטן יאָרטאָג זינט עס איז דערשינען זײַן ערשטער נומער.

פֿאַר די יאָרן פֿון זײַן עקזיסטענץ האָט דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", אַדאַנק דער קלאָרקײַט פֿון די אידייִשע פּאָזיציעס און דעם קינסטלערישן ניוואָ פֿון די פּובליקירטע ווערק, דעראָבערט אַנערקענונג מיצאַד די לייענער באַ אונדז אין לאַנד און אין אויסלאַנד.

ס'איז פֿריידיק, וואָס אין „סאָוועטיש היימלאַנד" פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן די היינטצײַטיקע טעמע. מיט דער גאַנצער שאַרפֿקײַט און פּובליציסטישן פּאַטאָס דעמאַסקירט דער זשורנאַל די קאָלערליי אַנטפּלעקונגען פֿון אַנטיסאָוועטיזם, טרעט אַרויס פֿאַר שאַלעם און אַנטשפּאַנונג.

די סאָוועטישע יידישע ליטעראַטור, וועמענס טריבונע עס איז דער כּודעש־זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", ווײַזט אַרויס אַן אַקטיווע טעטיקײַט באַנאַנד מיט די אַנדערע ברידערלעכע ליטעראַטורן פֿון די פֿעלקער פֿון פֿססר. די אויטאָרן פֿון „סאָוועטיש היימלאַנד" זעצן פֿאָר דערפֿאָלגרײַך די אינטערנאַציאָנאַליסטישע טראַדיציעס פֿון דער סאָוועטישער פֿילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

מיר ווינטשן דעם זשורנאַל און זײַנע אויטאָרן ווײַטערדיקע דערפֿאָלגן אין דער שעפֿערישער אַרבעט לטובֿת דער סאָציאַליסטישער קולטור.

סעקרעטאַריאַט פֿון דער פֿאַרוואַלטונג
פֿונעם שרײַבער־פֿאַרבאַנד פֿון פֿססר

ארן ווערגעליס

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור איז אַרײַנגעטראָטן אין די 80־ער יאָרן. וואָס ווײַטער?

1

די יאָרצענדליקער, וועלכע ס'האָט ביז איצט דורכגעמאַכט די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור, קאָן מען אײַנטיילן אין דרײַ גלײַכע לויט דער גרייס צײַט־אָפּשניטן, פון וועלכע דער מיטעלער — אַ צעשפּרייטער איבער די פערציקער און פופציקער יאָרן — האָט געהאַט אַלע אומגינסטיקייטן און געפאַרן, וואָס עס ברענגט מיט זיך און לאָזט נאָך זיך איבער אַ וועלט־קריג, דערצו נאָך אַזאַ, אין פאַרלויף פון וועלכן איינער פון די קעמפנדיקע צדדים האָט פאַרפּראָגראַמירט און אין אַ גרויסער מאָס פאַרווירקלעכט די פאַרניכטונג פונעם פאָלק, דעם שעפער און אָפּנעמער פון אָט דער ליטעראַטור.

דאָס געזאָגטע פירט אַרויף אויפן געדאַנק, אַז, האָבנדיק אין זינען די רעזולטאַטיווע צײַט, ווען עס האָבן נאָרמאַל פונקציאָנירט די קאָמוניקאַציע־קאַנאַלן ליטעראַטור — לייענער און לייענער — ליטעראַטור, דאַרף מען זיך האַלטן פאַר פאָלגנדער פעריאָדיזאַציע פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור:

1) דער פעריאָד פון די 20־ער — 30־ער יאָרן. אויפוואַכונג פון אַלע שעפערישע קויכעס אינעם געוועזענעם טכום. אויפקום־פּראָצעסן; פּאָלעמיק, שטרײַטן און זוכונגען אין גאַנג פון דער סטאַביליזאַציע פון דער יונגער און נײַער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור; אָנזאַמלונג פון נאָוואַטאָרישע לויט דער אידייִשקײַט קינסטלערישע ווערטן; אויפקום פון עטלעכע צענטרען פון דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דער טעריטאָריע פון אונדזער לאַנד; אויסגעברייטערקײַט פון דער ליטעראַרישער פעריאָדיק, פון דער פאַרלעגערישער און וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישער נעץ, פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און מאָסמיטלען, וואָס עס האָט געבראַכט צו דער פּראָפעסיאָנאַליזירונג פון אַ פילצאָליקער מאַכנע ליטעראַטור־שעפער אויף ייִדיש סײַ אין די הויפּטשטעט, סײַ אויף דער פעריפעריע פון אוקראַיִנע און ווײַסרוסלאַנד; אויספאָרמירונג פון צוויי, אַפילו פון דרײַ שעפערישע דורות — לויט דער צײַט פון די דעביוטן אין דער ליטעראַטור — אין שפּיץ מיט אַ דאָר אָנהייבער (גרונטלייגער), וועלכע זײַנען געוואָרן נאָך אין אָנפאַנג פון זייער שאַפונג קלאַסיקער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, ווײַל אין זייערע ווערק איז הויך־קינסטלעריש פאַרקערפּערט געוואָרן די גרונט־טעמאַטיק פון דער צײַט: רעוואָליוציע און בירגערקריג, איבערגעשטאַלטונג פונעם לעבן אין לאַנד בכלל און בײַ די ייִדישע פאָלקס־שיכטן בפרט.

2) דער פעריאָד פון די 60־ער — 70־ער יאָרן. אַ שנעלע אויפשטעלונג — אין נײַע און אַנדערע צײַט־באַדינגונגען — פון די שעפערישע קויכעס און פונקציאָנעלע אימפּולסן פון דער

א מאָך: „כ'בין ניט קיין ייִד — אָן „ייִסראַיילי"... עס וועט קומען א ציַיט, ווען ס'וועט אָפּשטאַרבן דער עמיגראַנטישער דאָר, דער שפּראַך־פאַרמיטלער און אריבערטראָגער פון מידעס און געוווינשאַפטן צווישן ייִדן פון פאַרשיידענע לענדער, און דאַן וועט א ייִד פון אַוסטראַליע אופהערן צו פאַרשטיין א ייִדן פון אונגאַרן, א ייִד פון ייִסראָעל — א ייִדן פון אוקראַיִנע. די נאַציאָנאַלע סוּויוועראָבער צווישן ייִדן אין די לענדער גופע וועט אַף לאַנג נאָך פאַרבליַיבן, און ניט אומבאַדינגט אין דער שפּראַכלעכער ספער.

די פליכט פון דער ליטעראַטור אין אַזא אומגעבונג איז — נאָכפאָלגן געטריַי די אַנטוויקלונגס־פּראָצעסן בא דעם פאָלק, אָפּשפּיגלען זיי, שטעלנדיק זיך א ציל צו אונטערהאַלטן דעם נאַטירלעכן גאַנג, פּראָגנאָזירן די טענדענצן אין דער צוקונפט און פירן דעם לייענער אַף סאָציאַל־פּראָגרעסיווע און נאַציאָנאַל־באַרעכטיקטע וועגן צו אָט דער צוקונפט. די ליטעראַטור — אויב זי איז א לעבעדיקע, א פאָלקס־אויסדריקערן, — איז א מיטבויערן און א ציל־אַנטפּלעקערן. אויב זי איז דאָס ניט, דאַרף דאָס פאָלק זי ניט האָבן. טאַקע אין אַזא טראַגישער פּאָזיציע שטעלט זיך איצט אַליין אַוועק די ייִדישע ליטעראַטור אין די לענדער פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

בעעמעס: וואָס קומט היַינט פאָר, לאָמיר זאָגן, אין דער ייִדישער אַמעריקע, וועלכע איז אין דער ניט וויַיטער פאַרגאַנגענהיַיט געווען איינע פון די מעטראָפּאָליעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור אינעם עמיגראַנטישן דאָר? פון איין זיַיט, איז געוואָרן ווי קיינמאָל ביז איצט אינטענסיוו די אַסימילאַציע. דער באַרימטער „שמעלץ־טאָפּ" זידט און קאָכט אַף די גליִענדיקע קוילן פון דער אַטאָמיש־עלעקטראָנישער טקופע. פון דער צווייטער זיַיט, ווערן כוצפּעדיקער די פּעטע שפּינען פון דער ייִדישער קלעריקאַלער רעאַקציע, פאַקטיש — א רעליגיִעזע מאַפיִע, וועלכע פאַרציט אַלץ מער דאָס נאַציאָנאַלע לעבן מיט געטאָ־שפּינוועבס אין די קינסטלעך געשאַפענע „שטעטלעך", ווו פינצטערע פאַנאַטישע סעקטעס באַמיִען זיך אַראָפּצוקיַיקלען די ראָד פונעם ייִדישן נאַציאָנאַלן לעבן צוריק אין טיפן טאָל פונעם מיטלאַלטער. די לאַגע ווערט באַזונדערס פאַרשווערט דערמיט, וואָס אין די לעצטע יאָרן האָט די פּראָגרעסיווע ייִדישע באַוועגונג אין פּשאַ, קאַנאַדע אאַ. מיַירעוו־לענדער שווער געליטן פון א גלאָבאַלן פאַראַט פון אירע אָנפירער און איז איצט לאַכלוטן פאַראַליזירט — ניט פייִק צו אופהייבן די מאַסן קעגן דער קלעריקאַלער און ציִעניסטיש־שאָוויניסטישער אינוואַזיע.

וואָס טוט אין אָט דער אומגעבונג די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור? צום גרויסן באַדויערן, איז זי אומפייִק עפּעס צו טאָן. זי פאַלט צוערשט אַריַין אין א לעטאַרגישן שלאָף, איַינעמענדיק די פּילן, וואָס די זעלבע אַנטיפּאָלקישע רעאַקציע האָט פאַר איר פאַרגרייט, און זי כאַפּט זיך שוין מער ניט אוף, גייט פּאַמעלעך אויס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך, ווי א געשטאַנק, אַלס קלוימערשטע ייִדישע שריַיבער, די אונטערגעשיקטע פּילן־פאַרשפּרייטער. און אין רעזולטאַט: נאָך א הונדערטיאָריקן „אַמעריקאַנער בום" אין דער ייִדישער ליטעראַטור — קיין איין אַמעריקאַניש־געבוירענער און דאָרט פאַרוואָרצלטער ייִדישער שריַיבער; אַלע די, וואָס האָבן אינעם גאָלדענעם לאַנד אָפּגערוישט, זיַינען געקומען צום הודזאָן מיט דער עמיגראַציע, און „עמיגרירנדיק" אין די עלטערע יאָרן, אין זייער גרעסטער מערהיַיט, פון דער אַמעריקאַנער טעמאַטיק, דאָס הייסט — אָפּזאָגנדיק זיך צו זיַין היַינטציַיטיקע שריַיבער אין זייער לאַנד־סוּויווע, זיַינען זיי אין לעצטן סאַכאַקל אַוועק אין דער אייביקיַיט, געמינערטע אין פיל הינזיכטן אַלס קינסטלער אין פאַרגליַיך מיטן אָנהייב־פּעריאָד פון זייער שאַפונג.

דאָס זעלבע בילד זעען מיר אין פראַנקריַיך, קאַנאַדע, דאָרעם־אַמעריקע. די ווייניק פאַרבליבענע, שוין באַהערשטע מיצאַד דער קלעריקאַלער ייִדישער רעאַקציע און מיצאַד דעם ציִעניזם, אַפּאַטיש־פאַרשלעפּערטע, ווי פליגן אין טיפן האַרבסט, שריַיבן אַמאָל אָן „א שיר", געווידמעט ירושאָלאַיִם, אָדער וועגן דעם, אַז די עלטער איז געקומען און די קויכעס גייען אויס, אָדער — אין פּראָזע־שורעס — אַמאָל א שפּאָגל־נײַע כסידישע „הויף"־מיַיסע און אַן אַנדערס מאָל א קליין־נעשאָמעדיקע אָפּגרענעצונג פון דער רויטער פאָן, און דאָס איז דער סאָף. ביכער לאָזן מערסטנס אַרויס די פּילן־פאַרשפּרייטער און, ווי עס פירט זיך שוין פון לאַנג, פאַרמעגלעכע גראַפאָמאַנען. פון די פּראָפעסיאָנעלע שריַיבער (באַשעוויס, גראַדע, העלער, סוצקעווער, שולשטיין אאַ.) הערט מען אַזוינס, אַז דאָס פּאָנעם פלאַמט פון כאַרפּע.

די פּראָפּאַגאַנדע־צענטרען פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליסטישער ליטעראַטור ווילן אָט די דעגראַדאַציע־סימפּטאָמען ניט אַנערקענען (אַלנפאַלס — אין דער עפנטלעכקיַיט), זיי שטעלן איצט אַרויס שאַכערמאַכערניקעס אָנשטאָט שריַיבער און טאַלאַנטלאָזע שראַבעכצן אָנשטאָט ליטעראַרישע ווערק, אָבער די נאָענטע ציַיט וועט זיך אויסלאַכן פון אַזא „ליטעראַטור" און, אַנטפּלעקנדיק דעם הוילן עמעס, אָנרופן אַלץ באַם ריכטיקן נאָמען.

בא היַינטיקן טאָג ווערט די עצעם סובסטאַנץ ייִדישע ליטעראַטור אָפּגעהיט בלויז אין סאָוועטנפאַרבאַנד, די „מאַנטיע" פון א ייִדישן שריפטשטעלער הענגט אין די רעדאַקציע־ציַימערן אַף קיראָוו־גאַס אין מאָסקווע, דער אכריַיעסדיקער צוגאַנג צו ייִדישער שעפערישקיַיט, די זאָרג פאַרן העמשעך און דער גלויבן אין אים קומט פון מאָסקווע.

צי הייסט עס, אַז מע איז שוין מיט אַלץ באַוואָרנט, אַז עס איז אויסגעפּלאַסטערט דער וויַיטערדיקער וועג פאַר דער דויערסדיקער ייִדישער ליטעראַטור? ניין, און גראָד פאַרקערט.

א געפיל פון אליארעם דארף ארומכאפן די פראָגרעסיווע שעפער און די געטרייַע לייענער און שעצער, ווייַל ס׳איז באַשיַימפערלעך צו זען, ווי די קאָמאנדע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אראָפּצושטויסן די בירגערלעכע ייִדישע ליטעראטור פון די רעלסן אין אָפּגרונט־אראָפּ, די „קולטור־טרעגער״ פונעם ציִעניזם האָבן באקומען די נייטיקע פּאָזיציעס צו אָפּטאָן ביזן סאָף דאָס מערדערישע שטיקל ארבעט, און עס העלפט זיי די כארפעדיקע געפאלנקייַט פון די נאָך פונקציאָנירנדיקע אין די אמעריקעס, אין אייראָפּע און אין ייִסראָעל ייִדישע ליטעראטור־שעפער. צוזעענדיק די הייַנטצייַטיקע ליטעראַרישע „דעמאָגראפיע״, דאָס פיליאַריקע פעלן פון א שרייַבער־צוּוווּקס און דאָס אינטענסיווע אויסשטארבן פונעם עלטערן דאָר, און שטייענדיק פארן פאקט, אז קעגן דעם שפרודלדיקן אָטריאַד סאָוועטישע ייִדישע וואָרט־מייַסטערס ווערט אלץ העפקערדיקער געפירט א קאמף מיטן אָנווענדן אלע אָפּסאמערישע מיטלען פון רעאקציע און אנטיקאָמוניזם, — קאָן מען און מע מוז אליארמירן דער ייִדישער עפנטלעכקייַט וועגן דער געפאר פון א קאטאסטראָפּע. דאָס איינציקע מיטל צו באוואָרענען, אז די ייִדישע ליטעראטור זאָל קענען אויסלעבן אירע יאָרן מיט נוץ און מיט קאָוועד, איז — קאָנסאָלידירן אלע עכט שעפערישע קרעפטן אירע ארום די אידייען פון פראָגרעס און הייַנטצייַטיקייַט, האלטנדיק פאר א יעסאָד די העמשעכדיקע אָנזאמלונגען און די שעפערישע פרינציפּן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור אינעם פעריאָד, וועלכן מיר האָבן געקרוינט אלס פעריאָד פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״.

3

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור האָט אין די 60־ער — 70־ער יאָרן אָנגעשטעלט דעם קאָמפּאס אף דער הייַנטצייַטיקייַט, אפן איצטיקן פאָלקס־לעבן, און דאָס איז די סיבע, פארוואָס עס האָט זיך איר איַינגעגעבן צו פאָרזעצן ווירדיק דאָס גרויסע קינסטלערישע ווערק, וואָס רופט זיך אָן ייִדישע וואָרט־שאפונג.

ס׳דארף פארשריבן ווערן פאר די קומענדיקע דוירעס, אז א היפשע צאָל הויך־באגאבטע, אידייִש־פאָרגעשריטענע, שעפעריש געוואגטע שריפטשטעלער פון מאָסקווע, קיִעוו, ביראָבידזשאן, אָדעס, טשערנאָוויץ, ווילנע, קעשענעוו און אנדערע סאָוועטישע שטעט האָבן אין דער נייַער צייַט אונטער דער אומופּהערלעכער בילערייַ פון די אומברענגער פון ליטעראַרישע ייִדישע ווערטן אריַינגעהויכט א נייַעם אָטעם אין אונדזער מאמע־ליטעראטור, און א דאנק דעם זייַנען אין די סאָף־יאָרצענדליקער פונעם יאָרהונדערט ניט פארשוויגן געוואָרן און ניט פארשריגן געוואָרן די גרויסע אופטועז פון דער ייִדישער קלאסיק, פון די פאָרזעצער פון דער קלאסישער טראדיציע אין די 20־ער — 40־ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, און עס איז דעראָבערט געוואָרן א העמשעך־פאָטענציאַל, מיט וועלכן די ייִדישע ליטעראטור איז איצט אריַינגעטראָטן אין די 80־ער יאָרן.

וואָס ווייַטער?

ווייַטער וועט לעבן און פאָרזעצן איר גאנג די אידייִש־געזונטע, עכט קינסטלערישע ייִדישע ליטעראטור, וואָס וועט מיטנעמען אין וועג די 20 יאָרגענג פון דער גייַסטיק קרעפטיקער און אכרייַעספולער צייַטשריפט „סאָוועטיש היימלאנד״.

א געפיל פון אליארעם דאַרף ארומכאפן די פראָגרעסיווע שעפער און די געטרײַע לייענער און שעצער, ווײַל ס׳איז באַשײַמפערלעך צו זען, ווי די קאָמאנדע, וואָס האָט זיך אונטערגענומען אראָפּצושטויסן די בירגערלעכע ייִדישע ליטעראטור פון די רעלסן אין אָפּגרונט־אראָפּ, די „קולטור־טרעגער״ פונעם ציִעניזם האָבן באקומען די נייטיקע פּאָזיציעס צו אָפּטאָן ביזן סאָף דאָס מערדערישע שטיקל ארבעט, און עס העלפט זיי די כארפעדיקע געפאלנקײַט פון די נאָך פונקציאָנירנדיקע אין די אמעריקעס, אין אייראָפּע און אין ייִסראָעל ייִדישע ליטעראטור־שעפער. צוזעענדיק די הײַנטצײַטיקע ליטערארישע „דעמאָגראפיע״, דאָס פּיליאָריקע פעלן פון א שרײַבער־צוווּקס און דאָס אינטענסיווע אויסשטארבן פונעם עלטערן דאָר, און שטייענדיק פאַרן פאקט, אז קעגן דעם שפּרודלדיקן אָטריאד סאָוועטישע ייִדישע וואָרט־מײַסטערס ווערט אַלץ העפקערדיקער געפירט א קאמף מיטן אָנווענדן אלע אָפּסאמערישע מיטלען פון רעאקציע און אנטיקאָמוניזם, — קאָן מען און מע מוז אַליארמירן דער ייִדישער עפנטלעכקײַט וועגן דער געפאַר פון א קאטאסטראָפע. דאָס איינציקע מיטל צו באוואָרענען, אז די ייִדישע ליטעראטור זאָל קענען אויסלעבן אירע יאָרן מיט נוץ און מיט קאָוועד, איז — קאָנסאָלידירן אלע עכט שעפערישע קרעפטן אירע ארום די אידייען פון פּראָגרעס און הײַנטצײַטיקײַט, האלטנדיק פאַר א יעסאָד די העמשעכדיקע אָנזאמלונגען און די שעפערישע פּרינציפּן פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור אינעם פּעריאָד, וועלכן מיר האָבן געקרוינט אלס פּעריאָד פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד״.

3

די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור האָט אין די 60־ער — 70־ער יאָרן אָנגעשטעלט דעם קאָמפּאס אף דער הײַנטצײַטיקײַט, אפן איצטיקן פּאָלקס־לעבן, און דאָס איז די סיבע, פאַרוואָס עס האָט זיך איר אײַנגעגעבן צו פאָרזעצן ווירדיק דאָס גרויסע קינסטלערישע ווערק, וואָס רופט זיך אָן ייִדישע וואָרט־שאפונג.

ס׳דאַרף פארשריבן ווערן פאַר די קומענדיקע דוירעס, אז א היפּשע צאָל הויך־באגאבטע, אידייִש־פאָרגעשריטענע, שעפעריש געוואגטע שריפטשטעלער פון מאָסקווע, קיִעוו, ביראָבידזשאן, אָדעס, טשערנאָוויץ, ווילנע, קעשענעוו און אנדערע סאָוועטישע שטעט האָבן אין דער נײַער צײַט אונטער דער אומופהערלעכער בילערײַ פון די אומברענגער פון ליטערארישע ייִדישע ווערטן ארײַנגעהויכט א נײַעם אָטעם אין אונדזער מאמע־ליטעראטור, און א דאנק דעם זײַנען אין די סאָף־יאָרצענדליקער פונעם יאָרהונדערט ניט פארשוויגן געוואָרן און ניט פאַרשריגן געוואָרן די גרויסע אופטוען פון דער ייִדישער קלאסיק, פון די פאָרזעצער פון דער קלאסישער טראדיציע אין די 20־ער — 40־ער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט, און עס איז דעראָבערט געוואָרן א העמשעך־פּאָטענציאַל, מיט וועלכן די ייִדישע ליטעראטור איז איצט ארײַנגעטראָטן אין די 80־ער יאָרן.

וואָס ווײַטער?

ווײַטער וועט לעבן און פאָרזעצן איר גאנג די אידייִש־געזונטע, עכט קינסטלערישע ייִדישע ליטעראטור, וואָס וועט מיטנעמען אין וועג די 20 יאָרגענג פון דער גײַסטיק קרעפטיקער און אכרײַעספולער צײַטשריפט „סאָוועטיש היימלאנד״.

■ ■ ■

יעכיעל שרײַבמאַן

װײַטער...

ראָמאַן

אַלעף

1

די קאַמער אין טפיסע, װוּ איך בין געזעסן, די טפיסע־צעלע אויף טשערנאָװיצער יידיש, איז געװען א לעפיש־הויכער צימער, א קאַלטער און אן אָפּגעלופּעטער, האָט, געדענק איך, געטראָגן דעם נומער אכט און צװאַנציק.

א קלײן פענצטערל, געקעסטלט־פאַרגראַטעט, העט־העט אויבן, לעבן דער סאַמע סטעליע. עפּעס זען דורך די פּאָר קויטיקע שײַבלעך האָט מען זיך געדאַרפט אוױעקשטעלן אויף עמעצנס אַקסלען, א צי טאָן זיך אַרויף, בלײַבן הענגען מיט ביידע הענט אויף די גראַטעס, װידער זיך א צי טאָן אַרויף, פאַרטשעפּען דעם קין אין שטײנערנעם בײַשטידל פונעם פענצטערל, און ערשט קוים זען א פּײַג: א הויל װינקל פון א דאַך מיט צװיי צי דרײַ שמאָלע אײַזערנע קוי־מענס, אונטן — דאָס שטיקל טפיסע־הויפל צװישן פיר װענט מיט אָן א שיר אויך אזוינע גע־קעסטלט־פאַרגראַטעטע פענצטערלעך, אויבן — א זשמעניע הימל, אַמאָל אשיק־פאַרכמאַרעטע, נידעריק הענגענדיק איבערן קאָפּ, אַמאָל, פאַרקערט, װי אָפּצולאַכעס, בלוי־אויסגעלײַטערט, אויפן־דורכזיכטיק, װי גלאָז, װײַט־װײַט, טיף־טיף, ביז ערגעץ אין אײנזאַפּקײט.

בײַ א װאַנט אין קאַמער — לענגויס דער װאַנט, פון אײן עק ביז צום אַנדערן — איז גע־שטאַנען א מין הילצערנער טאַפּטשאַן, א נאַרע. דאָרט זײַנען מיר אַלע אכט און צװאַנציק פאַרשפּאַרטע געשלאָפן. געשלאָפן אין דער ברייט פון דער נאַרע, אַלע מיטן קאָפּ צו דער װאַנט, אַרײַנגערוקטע אײנער אין אַנדערן, צנויפגעפּרעסטע, אַרומגענומענע, קײנמאָל ניט אויף דער פלייצע, פאַרשטײט זיך, נאָר אויף א זײַט, אז עמעצער איז אַמאָל באַנאַכט אַראָפּגעקראָכן טאָן זײַנע באַדערפענישן, האָט ער זיך שוין קוים־קוים געקאָנט צוריק אַרײַנרוקן אויף זײַן פּלאַץ.

לעבן דער נאַרע, אין דער מיט צעלע, קאָן מען זאָגן, איז געשטאַנען אן אַלטער אויסגע־הריזעטער טיש.

אַרום טיש האָט דער אוילעם געגעסן, געגאַלט זיך, אַרײַנגעקוקט אין ביכלעך, געפירט דיסקוסיעס, אָפּגעהאַלטן זיצונגען — יעדע שאָ אין טאָג האָט זיך געהאַט איר טועכץ און איר טאַכלעס.

אויפן גאַנצן אויבערפלאַך פונעם טיש איז געװען אויסגעקריצט (אָפּאַנעם, מיט א טשװאָק, צי אפילו מיט א מעסערל), אויסגעבערענט (אָפּאַנעם, מיטן פלעמל פון א ליכטל, מיט א ציי־גײַער, צי אפילו גלאַט מיט א שװעבעלע), אַדער פאַשעט אָנגעצײכנט מיט טינט, צי מיט א כימישן בלײַשטיפט, נעמען און פאַמיליעס, ראַשעטײװעס. אויסיעס גאָטיש־דײַטשישע, לאַ־טײַן־רומענישע, סלאַװישע, יידישע. דער טיש איז שוין, זעט אויס, אַלט געװען א שײן ביסל יאָרן. ער האָט איבערגעלעבט דורות. אָנגעזען זיך מיט צענדליקער אויסטערלישע פּנעמער. אָנגעהערט זיך מיט הונדערטער סוידעסדיקע שמועסן. א טיש פון פּראָסטע, אפילו ניט גוט אויסגעהובלעװעטע ברעטער. א פּראָסטער הילצערנער טפיסע־טיש.

אין א װינקל, לעבן דער שװערער טיר מיט דער שטאָלענער פּרענטע אין דער דרויסנ־דיקער זײַט, מיטן קײַלעכדיקן קוקערל אין דער מיט, דורכװאַנען אַרײַנקוקן צו אונדז האָבן די שאָמרים געקאָנט, נאָר מיר אַרויסקוקן — ניט, איז געשטאַנען אַרומגעצוימט מיט א מין האַלב װענטל, צי א מין פּלויטל, די שײנע קײלע אין צעלע — דער קיבל.

אַרויסגעטראָגן דעם קיבל האָבן אַלע טאָג צװיי מענטשן, א הענגענדיקן אויף א שטעקן צװישן זײערע ביידנס אַקסלען. כאָטש געגעסן האָבן מיר װײניקלעך, איז די דאָזיקע הויכע

קיילע, קיין אײַנהאָרע, טאָמיד געווען פול מיט אַן אויג — איין קליינער שאָקל — צעגיסט זי זיך, מעכילע, שיין איבער די ברעגעס אריבער.

א גאנצע וואנט, אנטקעגן דער נארע, איז געווען אַ ליידיקע (שיר ניט געזאָגט „אַ פרײַע"). דאָרט האָבן זיך די ארעסטירטע געדארפט טאָן אַ שטעל אויס מיט אראָפּגעכאַפּטע היטלען אין די הענט, ווען אין קאַמער האָט זיך פלוצעם ארײַנגעיאָוועט די טפיסע־נאַטשאַלסטווע. אונדזער אוילעם אָבער האָט זיך פאר מײַן צײַט קיינמאָל בא דער דאָזיקער וואנט ניט אויסגעשטעלט, קיינמאָל פאר קיינעם די היטלען פונעם קאָפּ ניט אראָפּגעכאַפּט. דאָס איז שוין געווען אויסגעקעמפט מיט אַ צײַט צוריק. ניט גרינג אויסגעקעמפט, נאָר אויסגעקעמפט. און פאר מײַן צײַט געדענק איך ניט, נאַטשאַלסטווע זאָל זיך אמאָל געווען אין קאַמער צו אונדז ארײַניאָוון. ס'איז איר פּאָשעט, אפּאָנעם, ניט אָנגעשטאנען. ס'איז געווען קעגן קאָוועד פון נאַטשאַלסטווע ארײַנצוקומען צו פארברעכער מיט דער גאנצער סוויטע הינטער זיך, פאר־שנירלט מיט אלע בלישטשענדיקע שליפעס און אקסלבענדלעך, פארגארטלט מיטן גאנצן קלייזײַען אף די לענדן, און יעדער פארברעכער באַזונדער זאָל זיך קאַלטבלוטיק בלײַבן זיצן דאָרט, ווו ער זיצט, טאָן ווײַטער דאָס, וואָס ער האלט אין טאָן, ניט אופהייבן די אויגן און זיך קיין ריר ניט געבן פונעם אָרט, גלײַך ווי גאָרנישט ניט.

אין קאַמער איז פונדעסטוועגן געשטאנען איין מענטשלעך בעטל אויך. אַ שמאָל אײַזערן בעטל מיט אַ קרעכצנדיקער דראָטענער „סעטקע", מיט אַ מאַטראַץ, אפילע מיט אַ לײַלעך, מיט אַ סאָלדאַטסקער הארטער קאָלדרע, מיט אַ קישעלע צוקאָפּנס — געשטאנען בא דער וואנט אנטקעגן דער טיר, אונטערן פארגראַטעטן פענצטערל.

אפן דאָזיקן אײַזערנעם בעטל איז געשלאָפן דער אלטער וועסטלער.

אין דער טשערנאָוויצער באַוועגונג איז געווען נאָך איין וועסטלער — דער יונגער וועסטלער. אים האָב איך געקענט. כ'האָב איין מאָל אפילע געהאַט מיט אים אַ באַגעגעניש. וועגן אלטן וועסטלער האָב איך נאָר געהערט. וועגן אלטן וועסטלער זײַנען צווישן די כאַוויירים אומגעגאַנגען לעגענדעס. דער הוילער נאָמען אליין „דער אלטער וועסטלער" קלינגט צווישן אוילעם, ווי אַ לעגענדע. און אָט זיץ איך מיטן אלטן וועסטלער אין איין טפיסע־קאַמער. אונטער איין דאך. בין מיט אים מעסלעס בא מעסלעס אינײַנעם. קען אים. זע אים. רעד מיט אים. זאָג אים אפילע דו, ווי אלע כאַוויירים זאָגן אים. ווי כאַוויירים ביכלאַל, קיין כילעק ניט, צי איינער איז עלטער און דער צווייטער איז ייִנגער, צי קען מען זיך שוין לאַנג, צי האָט מען זיך נאָרוואָס באַקאַנט, זאָגן זיך איינער דעם אנדערן.

דער יונגער וועסטלער איז געגאַנגען ווינטער אין הוילן קאָפּ, די האָר פארקעמט אין אַ זײַט מיט אַ שייטל. ער האָט אפן עסטרײַכישן שטייגער, אפּאָנעם, ספּאָרטסמעניש, געטראָגן פּאָמפּע־הויזן, אריבערגעפאלענע איבער די קני, ארײַנגעשפיליעטע אין לאַנגע, פארביק־אויסגעקעסטלטע זאָקן, „שטוצן", ווי מ'האָט אַזעלכע זאָקן אין טשערנאָוויץ גערופן. האָט געטראָגן אַ גרינבלעך־ברוינלעכן האָריקן מאַנטל, אַ העמד מיט אַ שטײַפלעכן קאָלנער, אַ שניפּס, וואָנצעלעך.

ביז טשערנאָוויץ האָב איך זיך ניט פאָרגעשטעלט קיין רעוואָלוציאָנער אָן אַ שוואַרצער, צי לאָז שוין זײַן אַ ווײַסער, אויסגעניייטער קאָסאָוואָראָטקע. נאָך דער באַגעגעניש מיטן יונגן וועסטלערן האָב איך, געדענק איך, אַ טראַכט געטאָן, אַז ס'איז איינס פון דיביידע: אָדער דער דאָזיקער שטאָלצנער אויסגעפּליגלטער באָכער איז עפּעס ניט דאָס, אָדער — ניט אין דער קאָסאָוואָראָטקע, אפּאָנעם, גייט עס. און נאָך האָב איך אַ טראַכט געטאָן: עפּשער גאָר לעשעם קאָנספּיראַציע, האַ? נאָר סײַוויסײַ: ס'איז מיר ניט געווען צום הארצן ניט דער הוילעך זײַנער, ניט זײַנע מאַנירן, ניט די צו הויכע, צו געפּליגלטע רייד, וואָס ער האָט גערעדט.

דער אלטער וועסטלער — אײַ, דאָס איז געווען גאָר־גאָר עפּעס אנדערש. ער איז זיך דיר צעגאַנגען אין אלע אייוורים דײַנע. האָסט זיך באַלד אײַנגעקלעפּט אין אים. פונעם ערשטן קוק.

ריישיס: שטאַרק אַ פּאָשעט מענטשל, אַ היימישער אַמכאָ־מענטש, ווי מע זאָגט. צווייטנס... אָט דאָס איז עס טאַקע, וואָס קיין צווייטנס און קיין דריטנס, קיין באַזונדערע גרויסע זאַכן אויסצוטיילן און אָנצומאָלן זיי האָבן זיך אַזוי־אָ, אין דרויסן, אף קיין האָר ניט אָנגעזען אין אים. אַן אויסגעדאַרט גופל, הויט און ביין. אַ שיטערלעך־פארשנייטער קורץ־באַוואַקסענער קאָפּ. דאָס פּאָנעם אָן אַ באָרד און ניט געגאָלט — אַ ווײַס־גרויע נידעריקע פאַרוואַקסנקײַט, אַ הארטע און שטעכיקע, אף ביידע אײַנגעפאלענע באַקן, אַזש ארום דער נאָז, אַזש איבערן גאַנצן אָדערדיקן האַלדז. אף די ליידיקע ערטער קאַרבן און קנייטשן, טיפע, ווי שניטן, ווי, כאָלילע, דורך און דורך. אויגן — רויטלעך־אָנגעצונדענע, גלײַך זיי וואָלטן נעכט דורכאַנאַנד ניט צוגעמאַכט זיך, געווען וואַך. אַן אויסזען פון אַ פאַרהאָרעוועט בלעכערל ערגעץ אין אַ

שטעטל, אַן אויסגעמוטשעט פּאַרפּאַראַשעט סטאָליערל, צי גאָר אַ פּאַראַשט מילנערל מיט אַ פֿאַרמעליקט פּאָנעם און אַ פֿאַרמעליקטן קאָפּ.

די באַזונדערע גרויסע זאַכן זײַנען באַ אָט דעם אַלטן מענטשן געלעגן פֿאַרבאָרגן ערגעץ טיף אינעווייניק, אין אים. אָדער האָבן, מיט דער צײַט אָנגעזאַמלטע, געשווען, אויב מע קאָן אַזוי זאָגן, אַרום אים, אַרום זײַן זעלטן־ערלעכן שטייגער־לעבן, אַרום די ניסאָיענדיק־אָפּגע־לעבטע יאָרן זײַנע.

(אַן אַלטער מענטש. הײַנט בין איך מיסטאָמע עלטער פֿון אים. דעמלט האָט אונדז דער אַלטער וועסטלער אויסגעזען גאָר אַן אַלטער מענטש. אַ זאָקן. צווישן אונדז אַלע דער סאַמע־סאַמע עלטסטער).

ער איז דאָס גאַנצע לעבן מער געזעסן אין די טפֿיסעס, ווי געווען אויף דער פֿרײַ. ער האָט שוין ניט געהאַט קיין איין צאָן אין מויל. מ'האָט אים אָפּגעשלאָגן די לונגען, אַ טעל געמאַכט די ריע. ער האָט ניט פֿאַרמאָגט קיין קינד און קיין רינד.

פֿאַרוואָס האָט אַ גאַנצע מעלוכע מיט סיגוראַנצעס, מיט פֿאָלקן זשאַנדאַרן, אַרסענאַלן, קאַזעמאַטן, צענדליקער טויזנטער געטרײַע טשינאָווניקעס מוירע געהאַט פֿאַר אַזאַ מאָגער מענטשל, הויט און ביין?

פֿאַר אונדז איז אַזאַ פֿראַגע ניט געווען קיין פֿראַגע. מיר האָבן געהאַט פֿאַר איר אַ קלאָרן זעלבסטפֿאַרשטענדלעכן ענטפֿער. פֿאַרקערט — כ'פֿלעג אָפּטמאָל באַנאַכט, צונויפֿגע־קוועטשט צווישן אוילעם אויף דער נאַרע, ליגן מיט אָפֿענע אויגן, קוקן ווי פֿונעם אַרומגעדראַ־טעוועטן לעמפּעלע אויבן באַ דער סטעליע פֿאַלט די שײַן אויפֿן אַלטן וועסטלערס צעעפֿנט־ליידיק מויל, אויפֿן פֿאַרשפּיציקט־פֿאַריסענעם קין זײַנעם, אויפֿן גאַנצן אויסגעדאַרט־פֿאַרשמאָלטן גופֿל אין אײַזערנעם בעטל, און פֿלעג זיך שטעלן אַ פֿאַרקערטע פֿראַגע: פֿונוואַנען גייט דער דאָזיקער גרויסער קויעך באַ אָט דעם מאָגערן מענטשל, הויט און ביין, דאָס גאַנצע לעבן אַזוי אַקשאָנעסדיק, אָן מוירע, אַנטקעגנשטעלן זיך אַ גאַנצער מעלוכע מיט סיגוראַנצעס, מיט פֿאָלקן זשאַנדאַרן, אַרסענאַלן, קאַזעמאַטן, גערייכטן, טפֿיסעס און מיט וואָס ניט?

דער אַלטער וועסטלער האָט אָנגעפֿירט מיט דעם טפֿיסע־קאָמיטעט. אין ענגן פּירעקעכיקן הייפֿל, וווּהין מע פֿלעגט יעדן טאָג אויף אַ שאָ צײַט אַרויסלאָזן אַלע צעלעס פֿאַליט־אַרעסטיר־טע שפּאַצירן, דרייען זיך, אויסגעשטעלט צו צוויי, אַרום־און־אַרום אין אַ ראָד, פֿלעגט דער אַלטער וועסטלער יעדעס מאָל שפּאַנען מיט אַן אַנדער כאַווער לעבן זיך. ער האָט יעדן באַ־זונדער ליב געהאַט אויסצופֿרעגן, ווי עס לעבן אין דער היים טאַטע־מאַמע; האָט מען ברי־דערלעך און שוועסטערלעך; וויאַזוי זעט אויס דאָס שטעטל צי דאָס דאָרף, פֿונוואַנען מ'איז געקומען; וואָס טראַכט מען וועגן דער וועלט; וואָס לייענט מען און וואָס אַרבעט מען; האָט מען אין דרויסן ניט געהונגערט; איז מען אַליין, צי מע פֿאַרמאָגט שוין אַ כאַווערטע; וויאַזוי איז מען דורכגעפֿאַלן; דעריקער האָט ער ליב געהאַט אויסצוהערן אויג־אויף־אויג אַלע קלייני־קײַטן, וואָס זײַנען פֿאָרגעקומען באַם האַלטן זיך אין סיגוראַנצע. אַז ס'האָט זיך אַמאָל געמאַכט, עמעצער האָט באַ די אויספֿאַרשונגען ניט גאָר־גאָר געהאַלטן זיך העלדיש, האָט דער אַלטער וועסטלער ניט אַזוי־אַ פֿראַסט, איינס־צוויי אופֿגעהערט רופֿן אים כאַווער. פֿאַרקערט: ער פֿלעגט אים האַלטן לעבן זיך אין טפֿיסע־הייפֿל, אַרום־און־אַרום אין דער ראָד, עטלעכע טעג קעסיידער. ער האָט זיך דערגרונטעוועט צו די סאַמע איידלסטע פֿאַרוואָסן, קעדיי צו פֿאַר־שטיין און מויכל זײַן. ניט אָפּקוילען, ניט אָפּשטופּן, נאָר פֿאַרקערט — מערער דער־נעענטערן, מיט רייד אויסהיילן, אויסבעסערן, פֿאַרהאַרטעווען. דער אוילעם האָט אָבער גוט געוווּסט, אַז דעם אַלטן וועסטלערן איז געגנוג איין מינדסט ניט עמעס וואָרט. פֿאַר איין ניט עמעס וואָרט האָט ער קיינעם ניט געשאָנעוועט און קיינעם ניט מויכל געווען — מ'האָט זיך אַפֿילע אויף די אויספֿאָרשונגען יאָ געמעגט האַלטן העלדיש.

איין מינדסט ניט עמעס וואָרט עמעצנס איז געווען געגנוג, דער אַלטער וועסטלער זאָל אים אופֿהערן רופֿן כאַווער און האַלטן פֿאַר אַ כאַווער.

יעדן אָוונט, פֿאַרן מאַכן נאַכט, האָט דער אַלטער וועסטלער אײַנגעפֿירט אין צעלע אַזאַ כּעזשבן־האַנעפֿעש־שאָ. יעדער איינער האָט אין אָט דער שאָ געדאַרפֿט אַרבעטן איבער זיך, קנעטן, אויספֿורעמען, אַרבעטן איבער זײַן ערלעכקײַט. ערלעכקײַט אין ברייטערן זין. אופֿריכ־טיקײַט, כאַווערישקײַט. ריינקײַט. אויסגעהאַלטנקײַט. איבערגעגעבנקײַט. אַפֿילע פּאַשעט גוטסקײַט.

אַ מין אָוונט־טפֿילע־שאָ פֿאַרן לייגן זיך שלאָפֿן. אָדער: אַ מין אָוונטיקע גימנאַסטיק — נעשאָמע־גימנאַסטיק. דעמלט האָבן מיר עס גערופֿן פֿראַסטער, פֿינקטלעכער און עפּשער אַ ביסל טרוקענער: אַ שאָ פֿון זעלבסטקריטיק.

דער אלטער וועסטלער אליין האָט מיט דער דאָזיקער שאָ אָנגעפירט. יעדער איינער באַזונדער האָט געדאַרפט רײַסן פון זיך שטיקער. אופשטעלן זיך און אָף א קאָל, דער גאַנ־צער אוילעם זאָל הערן, אָנהייבן צעגלידערן דעם אָפּגעלעבטן טאָג זײַנעם, אויסקראַצן אין זיך פאַרן טאָג כאַטאָים. א זאַג געטאָן הײַנט א כאַוועַר ניט אזא וואָרט ווי מע דאַרף; אפילע נאָר א קוק געטאָן קרום; נאָר א טראַכט געטאָן שלעכטס; א געפיל פון זשעדנעקײַט, לעמאָשל, באַם א נעם טאָן אין די הענט דאָס שיסעלע עסן; א טראָפּן ספייקעס, פוילקײַט, קינע, כניפע און אזוי ווײַטער און ווײַטער. דאָס וואָרט ערלעכקײַט איז באַם אלטן וועסטלערן געוווען דאָס סאַמע וויכטיקסטע וואָרט. ער האָט עס אוועקגעשטעלט העכער אלצדינג. אלצדינג האָט עס אין זיך קוילעל געווען. אי דעם קויעך די וועלט איבערצומאַכן, אי אין דער שפּעטערדיקער איבערגעמאַכטער וועלט דאָס פּאָנעם אירס. ער פלעגט דאָס דאָזיקע וואָרט ארויסזאָגן מיט א מין ציטערנדיקער הייליקײַט אף די ליפּן. ס׳האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אז ער איז דאָס גאַנצע לעבן זײַנס מערער געזעסן אין די טפיסעס, ווי געווען אף דער פרײַ, צוליב אָט דעם איינעם הייליקן וואָרט. ער האָט דאָס באַ יעדן איינעם פון אונדז געמאָנט מיט א מין קינדעריש־נאַיִווער איבערגעטריבנקײַט. ער האָט עס געמאָנט פון אונדזערע טועכצן און פון אונדזערע טראַכטעניש. באַ גרויסע זאַכן און באַ די סאַמע קלענסטע קלייניקײַטן:

— ערלעכקײַט!

אין יאָרן ארום האָט מיר א באַקאַנטער מײַנער, אַן אַנטיילנעמער אין שפּאַנישן ביר־גערקריג דערציילט אזא געשיכטע. ווען די בעסאַראַבער אינטערבריגאַדיסטן האָבן אין פער־ציקסטן יאָר אומגעקערט זיך אהיים פון די פראַנצויזישע קאָנצלאַגערס, ווו זיי זײַנען געווען אינטערנירט, האָט מען זיי אלע געשיקט אף א כוידעש צײַט אָפּרוען זיך אין א הינטער־מאָסקווער סאַנאַטאָריע. קימאַט יעדן טאָג פלעגן זיי ארומפאָרן אָנקוקן מאָסקווע. איינמאָל האָט איינער פון זיי ניט געגומען אין טראַמוויַ קיין בילעט. אפדערנאַכט, אין סאַנאַטאָריע, האָט דער אוילעם אינטערבריגאַדיסטן אים געמאַכט אַן עפנטלעכן מישפּעט פאַר ניט ער־לעכקײַט. אַן עלטערער כאַוועַר זייערער, א געוועזענער קאָמינטערן־טוער, האָט דעם באַשול־דיקטן פאַרטיידיקט:

— כאַוויירים, — האָט ער געזאָגט, — צוליב וואָס די דאָזיקע שפּיל? ערלעכקײַט דאַרף מען ניט נעמען אזוי שמאָל, אזוי קליינלעך. נו, האָט ער ניט געקויפט קיין בילעט פאַר עטלעכע קאָפּעקעס. נאַרישקײַטן. מענטשן זײַנען ניט מער ווי מענטשן. יעדער מיט זײַנע מענטשלעכע שוואַכקײַטן. אף דער ערד גייען ניט אום קיין מאַלאָכים...

ארויסרופנדיק איצט אף פּאַפּיר דעם אלטן וועסטלערס געשטאַלט, כידעש איך זיך אף יענעם עלטערן כאַוועַר, מיין, אז ער איז ניט גאָר גערעכט.

אין קליינע פשאָרע, ווייסט מען ווויל, שלעפּט מיט נאָך זיך א צווייטע קליינע פשאָרע. די קלענסטע פשאָרעלעך זײַנען אמאָל בעקויעך אונטערצוגראָבן הייליקײַטן, צעברעכן לוכעס. דעם אלטן וועסטלערס קינדיש־נאַיִווע איבערגעטריבנקײַט איז, טראַכט איך, געווען גע־רעכטער.

2

דרייט זיך אום צווישן אונדז אין צעלע א יונגערמאַן פון א יאָר דרײַ און צוואַנציק, א נידעריקלעכער און דיקלעכער, מיט א פּליכל אפן קאָפּ, אין א הוילן אָפּגעבליאַקעוועטן זשי־לעט מיט צווײַ נאָדלען אויבן לעבן אייבערשטן קעשענקעלע, ארומגעדרייט מיט ווײַסע און שוואַרצע בײַוועלעך, טראָגט א פּאָר שמאַטענע פּאַפּיצעס אף די פיס, א טונקל העמדל מיט א צעכראַסטעטן קאָלנער אונטערן זשילעט. די פּלייצע איז אים א קאָפּל אײַנגעבויגן, ס׳פּאָנעם א קאָפּל אויסגעבלייכט, און כאָטש ער איז נאָך צו יונג, עס זאָל שוין ליגן אף אים דער פּאַך זײַנער, און כאָטש אפן האלדז הענגט אים איצטער ניט קיין סאַנטימעטער, זעט מען עפּעס באַלד, אז דער יונגערמאַן איז א יונגערמאַן א שנײַדער.

ער דרייט זיך צווישן אונדז אום זײַטלדיק, פלוצעמדיק, א ביסל שעמעוודיק פאַרלוירן, ווי אַן אָנגעטאָנענער צווישן נאַקעטע. מער שווײַגט ער, ווי ער רעדט. הערט זיך צו מיטן גאַנצן אויסגעבלייכט־פאַרכידעשטן פּאָנעם זײַנעם, וואָס אנדערע רעדן. אז ער פרעגט עפּעס עמעצן, פרעגט ער מיט א „זײַט זשע מויכל“. מיך רופט ער רעב יעכיִעל. ווען ער וויל מיר עפּעס זאָגן, צי מיך עפּעס פרעגן, גייט ער פריִער נאָך א פּאָר טריט הינטער מיר, טוט מיט

א פינגער א ריר די פּלייצע מײַנע, ווי ער וואָלט אָנגעקלאַפּט, צי ער מעג אין מיר אַרײַנגיין, רעדט מיט א ווייך־ניכעדיק, קליינשטעטלדיק־בעסאַראַביש, זינגענדיק קאָל:

— איז ווּס זשע זוגט איר, סיט אמול עפּעס ווערין, האַ?

— פאַרוואָס אירצסטו מיך? שעמסט זיך ניט?

— ווּס אי דעיר כילעק? מיר קענענזעך שױן דען לאַנג? כ׳מיין, די אידייע איז אוואַדע זייער א ווילע אידייע, זעיט איר־דעך אָבער ווּס סע טיצעך. רעשועם, ראַצכים. עיך זיץ אימזיסטינימנישט ויצעך. טיורמעס זענען איפּגעבאָוועט געוואָרן פאַר גענווּעם און גאַזלרנעם. קימט עס פאַר פּינקט קאַפּויער. זעצן זיי אָן יענע, ווּס באַרען זיך קעגן גנייווע און גזיילע. אז געהאַרגעט מעיג אזא וועלט ווערין, ווי מע ריפּט מעיך נוסן.

ער טוט זיך א הוסט אויס און גיט א לאַך:

— כ׳בין א שנאַדער. וואָלטעך כאַטש געזעסן פאַר נעמען אמול א שטיקל איטער. איר ווייסט ווּס דאָס איז? טילעך אָך באַלד דערצעילן.

דער יונגערמאַן, א יעדינעצער שנײַדערל, האָט, קומענדיק אָף א טאָג קיין טשערנאָוויץ עפּעס אײַנקויפן, צופעליק באַגעגנט אָף דער גאַס א בען־איר זײַנעם, וואָס האָט גראָדע געטראָגן בא זיך מאַפּער־מאַרקעס צו פאַרשפּרייטן. נאָכן האָט באַצאָלט פאַר צוויי מאַרקעס און האָט מיטן בען־איר אזוי זיך פאַרדרייט מיט רייד, אז יענער האָט אים פאַרגעסן צו זאָגן, אז נאָכן באַצאָלן דאַרף מען די מאַרקעס באַלד צערײַסן. די צוויי מאַרקעס האָט נאָכן אַרײַנגעלייגט טיף אין בוזעם־קעשענע, לעבן די דאָקומענטן און די פאָר הונדערטער, וואָס זײַנען אים געבליבן. שיינע רויטע מאַרקעלעך. א שוואַרץ פּענצטערל מיט גראַטעס. אָן אָנגעמאָלטער קאָפּ הינטער די גראַטעס. ער וועט זיי אהיים ברענגען דעם ייִנגעלע זײַנס, זאָל זיך דאָס קינד מיט די „מענטשעלעך" שפּילן. האָקיצער — אין יענעם באַנאַכט איז באַם וואָקזאַל פאַרגעקומען אַן אָבלאַווע. מ׳האָט דערנאָך פונעם יעדינעצער שנײַדערל געשניטן פּאַסן: ווו האָט ער די דאָזיקע מאַרקעס גענומען? ער ווייסט ניט. וואָס הייסט, ער ווייסט ניט, וואָס מאַכט ער זיך טאַמעוואַטע? ער האָט זיי געפונען וואַלגערן זיך אָף דער גאַס. אַזעלכע מאַרקעס וואַלגערן זיך ניט אָף דער גאַס. ער ווייסט ניט, וואָס פאַר א מאַרקעס דאָס זײַנען. וואָס זשע האָט איר זיי באַהאַלטן טיף אין בוזעם־קעשענע? זאָגט ער דאָך: שיינע, רויטע מאַרקעס, האָט ער זיי געוואָלט אהיים ברענגען דעם ייִנגעלע זײַנס. אהא, שיינע, רויטע מאַרקעס! האָקיצער, מ׳האָט נאָכגעשיקט קיין יעדינעץ, צוריקגעבראַכט קיין טשערנאָוויץ, די פאָר הונדערטער זײַנע האָבן פאַוואַלינקע אָנגעהויבן הייסן מאָפּר־געלט, מ׳האָט אים צונויפגעשטעלט א שייַנעם „דאָסאַר", ווי ס׳פלעגט אין רומעניע הייסן, און אָט דרייט זיך דאָס יעדינעצער שנײַדערל מיטן נאָמען נאָכן אליין אום הינטער א שוואַרץ פענצטערל מיט גראַטעס.

פאַוואַלינקע, וואָס א טאָג און וואָס א טאָג מערער, איז נאָכן היימיש געוואָרן מיטן אויעם. ער שלאָפט צונויפגעטוליעט מיט אונדז אַלע אָף דער נאַרע. דער אַלטער וועסטלער האָט א וואָך צײַט באַזונדער אָפּגעגעבן זיך מיט אים. ער ווייסט שוין, נאָכן, פּינקטלעך, אָף אויסוויינק, וואָס עס באַטײַטן די פיר אויסיעס, די ראָשעטייוועס אינעם וואָרט מאָפּר. ער ווייסט שוין אפילו, נאָכן, אז דער טאָפּ באַרשטש מיט די אומשוימענדיקע פעטע שטיקלעך פלייש אויבן, וואָס מע באַקומט אַלע טאָג אַרײַן פון דרויסן, איז א מאָפּרישער טאָפּ באָרשטש. ער ווייסט שוין אויך, אז כוץ זײַן אייגענעם אַדוואָקאַט, וואָס ער אליין וועט מירטשעם שטעלן, וועט ערשט דער מאָפּר שטעלן פאַר זײַנטוועגן אן אַדוואָקאַט — און ס׳וועט מירטשעם זײַן גוט.

אין דער שטילער שאָ, ווען דער אוילעם לייענט, זיצט נאָכן ערגעץ פאַרוקט אין א ווינקל און קוקט אויך אַרײַן אין א בראָשורקע. ס׳א שווערע איוורע. אָנהאָקן א פורל האַלץ איז קעגן דעם א שפּיַ. ער פאַרלירט אַלע מאָל דעם פאָדעם, כאַפּט א קוק, צי עמעצער זעט דאָס ניט, מישט איבער א בלעטל נאָך א בלעטל, און די געדאַנקען זײַנע פליִען זיך דערווײַל אינמיטנדערינען אליין אוועק אהין קיין יעדינעץ, אהיים, צום ווײַב זײַנס און צום ייִנגעלע זײַנס.

אין דער שאָ, ווען דער אוילעם פירט דיסקוסיעס, פּינטלט נאָכן מיט די אויגן, פּילט, ווי עס פלאַמען אים די באַקן. ווילע, טאַכיקע שמועסן, וועלט־זאַכן. ער וואָלט אוואַדע, ווי יעדער איינער, אויך געמעגט עפּעס א זאָג טאָן. גיי, ליגט אים די צונג אין קימפּעט — ווו נעמט מען אַזעלכע רייד און אַזעלכע געדאַנקען?

דער אַלטער וועסטלער האָט באַשטימט א כאַוער, וואָס זאָל יעדן טאָג פירן מיט נאָכן לײַכטע „טעאָרעטישע" שמועסן. און נאָכן לאָזט זיך רעדן. די כעוורע, זעט ער, האַלטן אָפּ פון אים. און ער, פּילט ער, האַלט פון זיי אויך א שטיק וועלט. ער וואָלט זיי אַלע באַנייט און באַקליידט, ווען ער האָט נאָר מיט וואָס. ער בעט זיך מאַמעש, מע זאָל אים געבן

עפעס טאָן. דער אוילעם גייט אום אין קאמער — הײַנט דער, און מאָרגן יענער — אין די הוילע רעקלעך אף זיך, מיט הוילע נאקעטע קני, און נאָסן זיצט אף דער נארע מיט טער־קיש־טאמעוואטע ארונטערגעלייגטע פיס, זיצט, אַן אופגעריכטער, אין זײַנע וואסערן, און מיט א ניגנדל אונטער דער נאָז פארנייט ער בא הויזן אופגעטרענטע נאָטן, פארפעסטיקט קנעפלעך, פארצירעוועט ריסן, באווארפט מיט גאָר א כיינעוודיק זיגזאגעלע אויסגעריבענע צעבאָרשטענע מאנזשעטן אונטן.

בא דעם דאָזיקן צופעליקן יעדינעצער שנײַדערל איז א טאָג און א טאָג, זעט מען, ניט גלײַך. וואָס א מאָל הייבט ער אָן ווערן בארײדעוודיקער, הייבט זיך פאוואָלינקע אָן מישן אין די שמועסן. אפילע ארײַנפאלן, אָנעם „זײַטשע מויכל" זײַנעם, יענעם אין די רייד.

מערער פון אלצדינג, וואָס ער זעט דאָ און הערט דאָ א גאנצן טאָג, האָט זיך, זאָגט ער, צוגעקלעפט צו זײַן הארצן די לעצטע שאָ פונעם טאָג, אָט די שאָ פארן לייגן זיך שלאָפן. אזוינס איז גאָר ניט אף פאַרצושטעלן זיך. ס'א זעלטנקײַט איינס אין דער וועלט. דערציילן עס עמעצן, וועט מען עס גאָר ניט וועלן גלייבן. צוליב אזא זאך אליין, זאָגט ער, האָט זיך שוין געלוינט די גאנצע געשיכטע, וואָס איז מיט אים געשען, די גאנצע צאָרע, וואָס ער האָט אף זײַן קאָפּ.

כאָטש ער זאָגט מיר שוין, דאנקען גאָט, דו, טוט ער מיר נאָך פונדעסטוועגן א פּאָר מאָל א ריר מיט א פינגער די פּלייצע, ווי ער וואָלט אָנגעקלאָפּט צי ער מעג אין מיר ארײַנגיין, און גיט צו מיר א רעד מיטן ווייך־ניכטעדיקן זינגענדיקן קאָל זײַנעם:

— העירסט, ווס כ'על דיר זוגן, כ'האָ מוירע, כ'בין א פארפאלענער.

— נארישקײַטן, — ענטפער איך אים, — ס'וועט זיי ניט העלפן קיין טײַנעס. דער פּראָצעס וועט דיך מוזן באפרײַען.

— נע, ניט דוס, כ'מעין, זעסטעך, ווס סע טיצעך: כ'הייב אָן ווערן א מענטש. כ'וויס שוין גראדע ניט אזוי פינקטלעך, וואָס ער מיינט.

— איז דאָך גוט. וואָס זשע פּלוצעם — א פארפאלענער?

— האָבעך דעך א וואב מיט א קינד.

— זאָלן זיי דיר זײַן געזונט, — זאָג איך, — איז דאָך אוואדע גוט. וועלן זיי זיך נאָר פרייען.

— מאכסט זעך געפייגערט. ס'ראסט מיר פאר זיי דוס הארץ. כ'על שוין האלטן אין איין איבערליגן אין די טירומעס. הײַנט, ווי איצעך מיר שוין לייגן די האנט א כאפ צו טון אמול א שטיקל איטער? האָבעך די גאנצע מאנסע געדאַרפט, האָ?

און ער טוט זיך א צעלאך מיט אזא ווויל דריבנע געלעכטערל, נאָסן.

כ'וויס ניט פארוואָס, אז איך וויל דערזען פאר די אויגן די גאנצע טפיסע־קאמער דעמלט, באווײַזט זיך פאר מיר צווישן די ערשטע דאָס דאָזיקע יעדינעצער הייליקע שנײַדערל, ווי מיר האָבן אים אלע גערופן.

3

אין דרויסן האָט די טפיסע אויסגעזען א געוויינלעך דרײַגאָרנדיק הויז.

דרײַ שורעס געוויינלעכע פענצטער צו דער גאס ארויס, א פארשלאָסענער טויער אין דער מיט הויז, ענלעך צו א סאך אנדערע אזעלכע טויערן אין שטאָט, „אָפגעשפּערטע" ווי נאָר עס פאלט גוט צו די נאכט.

דער דרויסנדיקער טפיסע־פאסאד איז זיך געשטאנען לײַטיש אפן אוסטריצע־פּלאץ, גלײַך ווי גאָרניט, גלײַך ניט אים מיינט מען. ניט געשטאָכן די אויגן, ניט קאליע געמאכט דעם אייביקן האנדל־וואנדל אפן פלאץ (אינדערפרי — עלטערע איבערגעפרוירענע ווײַבער לעבן מארק־שטעלעכלעך, אפדערנאכט — יינגערע פרירנדיקע אונטער די לאמטענס אפן טראָטואר), האָט זיך לײַטיש צוגעצייכנט צו די איבעריקע גאָרנדיקע הײַזער, מיט די באלקאָנדלעך אויבן און מיט די קלייטן אונטן, ארום־און־ארום דעם פלאץ.

די טפיסע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אינווייניק, פון יענער זײַט טויער, אף די אײַזערנע געדרייטע שווינדל־טרעפּ צווישן גאָרן און גאָרן. אין די שווארצע קאָרידאָרן מיט די פּאַר־פּרענטעטע טירן. אויבן אין די צעלעס און אונטן אין די קעלער־קאָרצערס, אין ענגן שטײַג־הויפל, אונטער די שפּיציקע טורעם־דעכלעך, איבער די אָנגעפּעלצטע וועכטער מיט די ביקסן אין די הענט אין דער הינטערשטער זײַט טפיסע, לעבן א קאָסע־אָפּגעהאקטן בארג־אראָפּ.

די טפּיסע האָט, הייסט עס, געהאַט אַ פֿאָדערשטע זייַט און אַ הינטערשטע זייַט. אַ פֿון דרויסן און אַן אינווייניק. אַן אַלטע איידעלע טפּיסע, אַוועקגעשטעלט מיט קאָפּ. אַוועקגעשטעלט נאָך, אַפּאָנעם, אין די גוטע איידעלע פראַנץ־יאָזעף־צייַטן.

געזעסן זייַנען אין טפּיסע אַריבער הונדערט „געפערלעכע פאַרברעכער”. אַלע אַכט און צוואַנציק אין מייַן צעלע זייַנען געווען שטאָטישע, היגע, געכאַפּטע בא דער האַנט דאָ אין טשערנאָוויץ, מערסטנס יונגוואַרג. איין צעלע איז געווען אַ פרויען־צעלע. נאָך אין דרייַ צעלעס זייַנען געזעסן סאַמע דאָרפישע, קאָן מען זאָגן, מייַנסטנס הוצולן, רוטענער, מענטשן שוין ניט קיין יונגע, טאַטעס פון קינדער, מייַנסטנס פויערים, באַטראַקעס, וואַלד־העקער, פליטנטרייַבער אַפּן פּרוט און אַפּן טשערמוש. קימאַט אַלע האָבן געטראָגן לאַנגע האָר ביז איבער די אַקסלען אַריבער. אַף דער שפּאַציר־שאָ אַרום־און־אַרום אין טפּיסע־הויף האָבן געשווינדלט פאַר די אויגן די אַלציין־ברוינלעכע גראָב־האָריקע סוקמאַנעס זייערע, ווייַסע שמאָל־אָפּגעצויגענע הויזן, די אַלציינע אַרומגעשנורעוועטע פּאָסטעלעס מיט די שפּיציק־פּאַריסענע נעז אַף זייערע פיס.

קיין אַלציינע געשטרייַפטע טפּיסע־קליידער האָט דאָ אין טפּיסע קיינער ניט געטראָגן. די טשערנאָוויצער טפּיסע איז געווען אַ טפּיסע אַ צייַטווייַליקע. מ׳איז דאָ מייַנסטנס געזעסן ביזן פּראָצעס. דערנאָך, פאַר די פאַרמישפּעטע, זייַנען, קיין אייַנהאָרע, געווען אין לאַנד גענוג טפּיסעס מיט אַלע פּישטשעוואָקעס. אי מיט אַלציינע געשטרייַפטע קליידער, אי מיט פּאַרקאָוועטע קייטעלעך אַף די פיס, מיט נאַסע אייַנצל־קאַמערס, מיט אַלע זיבן גוטע זאַכן, דער מענטש זאָל ווערן אויס מענטש. טפּיסעס מיט נעמען אַף דער וועלט: דאָפּטאַנע, גאַלאַטע, זשילאַווע...

ס׳איז מיר עפּעס אויסגעקומען, געדענק איך, אַז די דאָזיקע דאָרף־מענטשן, די הוצולן, האָבן אומיסטן, ווי אָפּגערעדטע צווישן זיך, אָנגעטאָן זייערע אייגענע אַלציינע בגאָדים, קעדיי, פּאַרקערט, אויסדריקן דערמיט איין פאַראייניקטקייַט קעגן אַלציינע געשטרייַפטע טפּיסע־קליידער, קעגן טפּיסע, קעגן פאַרברעכן.

עס שטייט מיר פאַר די אויגן טאַראַס שטעפּאַניק, אַ הויכער און ברייטפּלייציקער, אַפּן ערשטן אויגנבליק — אַ טרעגער אַ גוואַר, וואָס קאָן אַ נעם טאָן אַף אַן אַקסל דעם שווערסטן קאַסטן און אַפילע זיך ניט אייַנבייגן, אַוועקשפּאַנען מיט אים אונטערטענצלענדיק.

אינדערעמעסן — אַ שוואַך־רירעוודיקער, אַ קראַנקער אי אַף די לונגען, אי אַפּן האַרצן, אַ פאַמעלעכדיקער. אַ פּראָסט ווינטיק־פאַרפאַליעט פּאָנעם, מיט ברילן אַף די אויגן. די לאַנגע האָר פונהינטן פאַלן מיט קנייטשן, טונקל־בלאָנדע, באַשפּריצטע דאָ און דאָרט מיט אַן אַשיק־טונקעלער גראָווקייַט. דאָס גאַנצע געשטאַלט זייַנס — אַ מין געמיש פון טרעגער, פויער, געלערנטער.

כאָטש ס׳איז שוין דאָ אין דעם אַזויפיל יאָרן, און כאָטש כ׳האָב שטעפּאַניקן גוט אָנגעקוקט פון דער נאָענט אַ פּאָר געציילטע שאָ, ניט מער, און שפּעטער האָב איך אים מערער אין ערגעץ ניט געזען און אין ערגעץ ניט באַגעגנט, שטייט ער מיר איצט אַ לעבעדיקער פאַר די אויגן, מיט אַלע שטריכעלעך און מיט יעדן ריר זייַנעם, גלייַך ס׳וואָלט ערשט נעכטן געווען.

אין בוקאָווינער הוצולישע דערפער איז טאַראַס שטעפּאַניק געווען אַ שעם־דאָוואָר. ער האָט די בוקאָווינע אויסגעשפּאַנט צופוס, האָט מען דערציילט, אין דער לענג און אין דער ברייט. מ׳האָט אים אומעטום געקענט, מ׳האָט אומעטום געוואַרט אַף זייַן אַראָפּיאַווען זיך, ווי מע וואַרט אַמאָל אַף עפּעס אַ גוטער בסורע, אַף אַ ווילער אייצע אין אַ נויט, אַף אַ פלוצעמדיקער אופגעריכטער שאָ. ער האָט דעם אוילעם ניט נאָר געבונטעוועט קעגן דערנידעריקטן לעבן אונטער די רומענישע זשאַנדאַרן און פּערטשעפּטאָרן. ניט נאָר איבערגעלאָזט אין זייערע אויגן, רעדנדיק און דערציילנדיק, אַ שטראַלכל שייַן פון אַ מאָרגנדיקן ליכטיקן טאָג. ער האָט נאָך, כוץ דעם, גלאַט אַזוי געקענט אָפּזיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט מיט די מענטשן, וווּ ער האָט גענעכטיקט, און אַרומטאָלקעווען מיט זיי זייערע טאָגטעגלעכע אויסקומענישן, כאַיונע, שלאַפּקייַטן, קינדער־כאָוועס, זיי העלפן אופפּלאָנטערן מישפּאָכע־פאַרפּלאָנטערנישן, מאַכלויקעס מיט שכיינים, שטייגער־זאַכן. אָדער — גאָר אַוועקזעצן זיך פאַרלייענען אַף אַ קאָל אַן אוקראַיִניש ביכל, צי אַפילע צונויפזאַמלען ערגעץ אין אַ כאַטע יונגע קינדער און אייַנלערנען מיט זיי דעם סלאַווישן אַלעפבייס. אַליין, האָט מען דערציילט, איז טאַראַס שטעפּאַניק ביז אַרום פערצן־פופצן יאָר געווען אַ פאַסטעכל פון שאָף. ערגעץ אין די בערג, לעבן סטאָראָזשענעץ, אין אַן עסטרייַכישן באַראָנס פּי־טשערעדעס. די מאַמע שטעפּאַניקס, אַ יעפּאַסטויאַר, אַ שטומע, נעבעך, האָט געדינט אין באַראָנס הויפל, געהאָלפן רייניקן די פערד־שטאַלן, וואַשן דעם באַראָנס קאַרעטעס. פון וועמען זי האָט געבוירן דאָס קינד, איז געבליבן אַ סאָד. מ׳האָט געזאָגט — דעם באַראָנס אַ קוטשער. מ׳האָט אַפילע גערעדט — דעם באַראָנס זונדל.

ווער ס׳האָט געזאָגט — א שטומע אָפּגענארטע ליבע, ווער אפילע — א געצוווּנגענקײַט, א פארגוואלדיקטקײַט. פונקט אזוי איז געבליבן א סאָד, פארוואָס מ׳האָט אין א פּאָר יאָר ארום, ווען דאָס ייִנגעלע פלעגט שוין נאָכלויפן א באָרוועסער דער מאמען אין די פערד־שטאלן, פלוצעם, אין א שיינעם פארטאָג, געפונען די שטומע יעפּאסטויארדיקע הוצולקע א דערטרונקענע צווישן די שטיינער־שפּיצן אונטערן ראשיקן וואסערפאל אראָפּ פונעם הויכן בארג. דער באראָן אליין האָט באפוילן אוועקפירן דעם קליינעם טאראסן אין די בערג צו די פאסטעכער, אין זײַנע שאָף־סטינעס... טאראס שטעפאניקס לעבנס־געשיכטע האָט מען דערציילט מיט אזא נוסעך, ווי עס וואָלט דערציילט געוואָרן א הוצולישע פאָלקסמײַסע. א פאסטעכל פון שאָף אין די בערג האָט אליין פון זיך אויסגעלערנט זיך לייענען און שרײַבן אי דײַטש, אי אוקראַיִניש, אי שפּעטער אונגאריש, רומעניש, סערביש, רוסיש. ער איז אויסגעוואקסן הויך און שיין, ווי א סאָסנע־בוים. בא זיבעצן יאָר איז ער אוועק קיין ווין. א שטיק צײַט געווען אין קיִעוו און אין פעטערבורג. אין בודאפעשט פארכאפּט די אונגארישע רעוואָליוציע, אומגעקערט זיך דערנאָך אהיים און אופגעהויבן אין עטלעכע דערפער אלע פאסטעכער און אלע וואלד־העקער, אָנגעצונדן דעם באראָנס הויפל. די רומענער האָבן אים זעקס יאָר געהאלטן פארקאָוועט אין קייטן, שיר ניט פארמישפּעט צום טויט. טאראס שטעפאניקס לעבנס־געשיכטע האָט זיך אין די הורצולישע דערפער ארומגעוועבט אי מיט אויסטערלישקײַטן, אי מיט העלדישקײַטן, און אפילע איצט, דאָ אין טפּיסע, האָט מען זי דערציילט מיט אזא נוסעך, ווי עס וואָלט דערציילט געוואָרן א הוצולישע פאָלקסמײַסע. ער פארמאָגט א זיקאָרן, וואָס מע זעט אזוינס ניט. גאנצע ביכער פארווערטע, לעמאָשל, „דעם קאָמוניסטישן מאניפעסט”, צי לענינס „אימפּעריאַליזם די העכסטע סטאדיע פון קאפּיטאליזם” טראָגט ער מיט זיך אין קאָפּ. ער קאָן אויסווייניק א ציטיר טאָן וואָרט בא וואָרט, און אָנווײַזן פּינקטלעך, אף וועלכן זײַטל די ציטאטע געפינט זיך, אפילע אין דער וויפלטער שורע, פון אויבן אראָפּ, צי פון אונטן ארויף, דאָס און דאָס וואָרט שטייט. ער קוקט ארײַן אין א דײַטשיש ביכל און לייענט פון דאָרט ארויס אף רומעניש, קוקט ארײַן אין א רומעניש ביכל און לייענט ארויס אף דײַטש, אף אוקראַיִניש, אף רוסיש.

אזוי האָט דער אוילעם גערעדט וועגן טאראס שטעפאניקן.

דאָס, וואָס דער אלטער וועסטלער איז געווען אין אונדזער „שטאָטישער” קאמער, איז שטעפאניק געווען אין די דרײַ „דאָרפישע” קאמערס. כ׳פלעג אים יעדן טאָג זען אפן שפּאציר. כ׳פלעג אָבער נאָר זען די פּלייצע זײַנע. אמאָל, באם ארײַנגיין צוריק, ווען די ראָד האָט זיך א קערעווע געטאָן — א שטיק פּאָנעם. ער האָט געשפּאנט א הויכער, א ביסל אײַנגעהויקערט, דעם קאָפּ ארײַנגעצויגן אין סוקמאן. פונדעסטוועגן — דער סאמע העכסטער.

כ׳האָב מאמעש קינדעריש, געדענק איך, געגארט א פּאָר שאָ כאָטש אָנקוקן שטעפאניקן פון דער נאָענט, הערן זײַן קאָל און פילן זײַן אָטעם. א פּאָר שאָ כאָטש זיצן לעבן אים און גלאט קוקן אף אים.

כ׳האָב אפילע שטילערהייט געשעמט זיך מיט אזא קינדיש־קאפּריזנעם פארלאנג מײַנעם. און פונדעסטוועגן ניט אויסגעהאלטן — ארויסגעזאָגט זיך וועגן דעם אין אן אָוונט־שאָ אף א קאָל. דער אלטער וועסטלער האָט מײַנע רייד אויסגעהערט מיט אזא ערנסטקײַט, ווי איך וואָלט געשטאנען און גערעדט וועגן עפּעס גאָר א וויכטיקער וועלט־פּראָבלעם. ער האָט דערנאָך א זאָג געטאָן, אז אזעלכע איבערגעטריבענע געפילן צו אזא שטעפאניקן קאָן מען פארשטיין, שעמען זיך דערמיט דאָס איז יאָ א נארישקײַט. ער האָט מיר דערלויבט טאקע באלד איבערמאָרגן נאָכן שפּאציר קלוימערשט אלפּי־טאָעס, איבער די טרײַבענישן און שטופּענישן, פארבלאָנדזשען, צוריק ארײַנגיין ניט אהער, אין דער אכט־און־צוואנציקסטער, נאָר אין דער נײַן־און־צוואנציקסטער, אין שטעפאניקס קאמער. דערנאָך, באם אָוונט־קאָנטראָל, זאָגן, אז איבער אזעלכע טרײַבענישן און שטופּענישן, קאָן מען ניט נאָר פארבײַטן די טירן, נאָר איינגאנצן אמאָל בלײַבן אין דרויסן. דער שוימער איבערמאָרגן אין קאָרידאָר איז אזא שוימער, וואָס טרײַבן און שרײַען, טרײַבט ער און שרײַט מיט אזעלכע קוילעס, ווי מע הייסט אים, נאָר זען מיט די אויגן זעט ער ניט פּינקטלעך אזוי, ווי מע הייסט אים...

כ׳בין געזעסן, געדענק איך, צווישן די הוצולן, און טאראס שטעפאניקן אָנגעקוקט גאָר־גאָר פון דער נאָענט.

כ׳האָב זיך אײַנגעקוקט אין אלע שטריכעלעך פון זײַן פּאָנעם, אין מינדסטן ריר פון זײַנע הענט.

כ׳האָב זיך אײַנגעהערט, אײַנגעזאפּט אין זיך אלע קלאנגען פון זײַן קאָל.

א מענטש. א געוויינלעכער מענטש, ווי אלע מענטשן. די ברילן זײַנען אים געלעגן אפן שטערן. די בלאָנד־גראָוולעכע האָר זײַנע — צעפּאלן, א קאפּעלע צעשויבערט. דאָס אויסגענייטע העמד מיט די ברייטע ארבל — צעשנורעוועט, א קאפּעלע צעכראסטעט. די הוצולן

ארום אים, און איך צווישן זיי (איך הײַנט — צום ערשטן מאָל, זיי, אַזויפיל טעג, אַזויפיל וואָכן, עפשער יאָרן — צום הונדערטסטן מאָל), האָבן מיר אַלע געקוקט צו אים מיט אײנע און די זעלבע נײַגעריקע פּנעמער, אײנער און דער זעלבער איבערגעטריבנקײַט, ווי דער אַלטער וועסטלער האָט אַ זאָג געטאָן. אין בײדע הענט, נאָענט צו די אויגן, האָט ער גע־האַלטן אַן „אינפּרעקאָר" — אַזוי האָט מען דעמאָלט גערופן די קאָמינטערן־אויסגאַבע („אינטער־נאַציאָנאַלע פּרעסע־קאָרעספּאָנדענץ"). ווען ער האָט געלײענט, זײַנען די ברילן געלעגן אַרופּ־גערוקט אַפן שטערן. ווען ער האָט דאָס פאַרגעלײענטע איבערגעטײַטשט און אַרומגערעדט, האָט ער די ברילן זײַנע צוריק אַראָפּגערוקט אַף דער נאָז, אַפּאָנעם, זען אין די אויגן, צי ס'איז שוין גענוג קלאָר דאָס, וואָס ער טײַטשט אויס און רעדט אַרום, צי עפשער דאַרף מען קלאָרער, נאָך פּאָשעטער. דער „אינפּרעקאָר" איז דעמאָלט אָנגעקומען קײן טשערנאָוויץ אין דײַטש פון ווין, צי פון בערלין. פאַרגעלײענט פאַרן אוילעם און קאָמענטירט דאָס איבער־געלײענטע האָט שטעפּאַניק אַף אוקראַיִניש, אַף הוצולישן רוטעניש, ווי ס'האָט דעמאָלט געהײסן.

ער האָט מיך שפּעטער אַ פרעג געטאָן:

— דו האָסט אויך פאַרשטאַנען?

— כ'האָב פאַרשטאַנען. — האָב איך געענטפערט.

— קענסט אוקראַיִניש?

— נײן. — האָב איך געענטפערט.

— קענסט ניט קײן אוקראַיִניש און האָסט פאַרשטאַנען?

— כ'האָב פאַרשטאַנען.

ער האָט מיך אַ רעגע אָנגעקוקט און האָט געזאָגט:

— אויב דו קענסט ניט קײן אוקראַיִניש און דו האָסט פאַרשטאַנען, איז דאָס זײער־זײער גוט. נאָר אויב דו קענסט ניט קײן אוקראַיִניש און דו נאַרסט אָפּ, אַז דו האָסט פאַרשטאַ־נען, איז דאָס זײער־זײער שלעכט.

כ'האָב נאָך דעמאָלט אײ קײן אײן אוקראַיִניש וואָרט ניט געקענט, אײ אַלצדינג, וואָס שטעפּאַניק האָט פאַרגעלײענט, פאַרשטאַנען, אײ — אוואַדע און אוואַדע — ניט אָפּגענאַרט.

אָדער נאָך עמעסער:

פאַרשטאַנען האָב איך, מעגלעך, ניט, נאָר אָפּגענאַרט האָב איך אויך ניט.

4

באַנאַכט, אַף דער נאַרע, אײנמיטן שלאָף, כאַפּ איך זיך פּלוצעם אויף: וווּ בין איך? ווו ליג איך? ס'איז, אַפּאָנעם, האַלב אַף דער וואָר און האַלב אין כאָלעם. דאָס לעמפּעלע אַף דער סטעליע ברענט אַ גאַנצע נאַכט — אַ דאָרן־פײַערל, וואָס ברענט און ווערט ניט פאַרברענט, העלפט די שאָמרים היטן אונדז. כ'ליג מיט פאַרקוועטשטע אויגן און זע פּאַר זיך אַ פּונקענ־דיקע פינצטערניש. אין כוישעך־רעדער דרײען זיך אַרײַן פײַער־רעדער. איך הער אין שלאָף, ווײַט און פאַרדושעט, מײַן אײגן געשרײ, און כאַפּ זיך אַף אַן עמעסן אויף.

אַ כאַווער, אין דער לינקער זײַט לעבן מיר, האַלט מיך אַרומגענומען, איך, אין דער רעכטער זײַט לעבן זיך, האַלט אַרומגענומען בענען.

בענע האָט אַ רעגע צעעפנט די אויגן, אַ דרײ געטאָן צו מיר דעם קאָפּ. דאָס שרײַען מײַנס האָט אים אײנעם אויך אופגעוועקט. ער האָט אַ פּאָר מאָל אַ טוליע געטאָן צו זיך מײַ־נע הענט, באַרויִקנדיק מיך אַזוי, און שלאָפט שוין ווײַטער.

דער גוטער כאַווער מײַנער. דער זעלטן־גוטער בענע יאָרגרוי. וויִאַזוי וואָלט די כאַ־ווערשאַפט צווישן אונדז געווען אַוועקגעגאַנגען ווײַטער, אין יאָרן אַרום, ווען בענע וואָלט געווען געלעבט? צווײ בעסטע כאַוויירים מײַנע דעמאָלט, בענע און באָרע, זײַנען בײדע אַוועק פון דער וועלט גאָר פרי. באָרע לערנער — גיליאָטינירט בימײ היטלער אין פּאַריזש; בענע — געפאַלן נאָך פריִער אין מאַדריד. די דאָזיקע צווײ כאַוויירים מײַנע — כאָזער איך איבער — האָבן ניט אופגעהערט לעבן אין מײַן זיקאָרן, געעלטערט זיך די גאַנצע צײַט אײנײנעם מיט מיר, און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז זײ שטײען איצט און הערן די רײד מײַנע וועגן זײ פּונקט מיט אַזעלכע באַזילבערטע קעפּ, ווי מײַנער. —

גראָד הײַנט האָט מען בענען אַרײַנגעשיקט פֿון דער היים צוויי נײַע העמדער. אין איין העמד האָט ער אָנגעטאָן זיך, אין צווייטן העמד — מיך. באַטאָג, הייסט עס, געטיילט זיך מיט מיר מיטן העמד, ווי מע זאָגט. איצט, באַנאַכט, טיילט ער מיט מיר אַ בייזן כאָלעם מײַנעם, טוליעט צו זיך מײַנע הענט, וואָס האַלטן אים אַרומגענומען. שלאָף, שלאָף. טפּו־טפּו, אַף אַלע פּוסטע פעלדער.

איך שלאָף שוין אָבער מער ניט. איך ליג מיט פאַרמאַכטע אויגן און שלאָף שוין, דאַכט זיך, מער ניט. דער אוילעם אַף דער נאַרע כראָפּעט צוביסלעך צו. דעם אַלטן וועסטלערס אײַזערן בעטל טוט פֿון צײַט צו צײַט אַ קרעכץ. כ׳געדענק ניט — עס הערן זיך באַנאַכט אין צעלע דעם שוימערס טריט, צי ניין?

דער טאַטע — מיט דער שוואַרצער קוטשמע אַפֿן קאָפּ, אײַנגעקאָרטשעט אין פאַרשמאָל־צעוועטן ווינטערדיקן פּידזשאַק זײַנעם. ס׳איז אים קאַלט, ער זיפצט. טאָמיד, בא צאָרעס, נעמט אים דורך אַ מעסוקענע קעלט און עס רײַסן זיך אַרויס פֿון טיף־טיף אינווייניק אין אים שווערע לאַנגע זיפצן. די בריוו מײַנע פונדאַנען האָט ער שוין אוואַדע באַקומען. ער האָט נאָך איידערן בריוו, אין די עטלעכע וואָכן, ווען מ׳האָט פֿון מיר קיין אײַנגעטונקענע פען ניט געהאַט, עפּעס אָנגעהויבן פילן, פאַרשטיין, אַז ס׳איז מיסטאַמע אַ־דאָס־אָ, אָ־דאָ־אָ.
וואָס איז דאָ וואָס צו קלערן? — ס׳איז אוואַדע ניט גוט. כאָטש צוריקגערעדט — קיין אומ־קאָוועד איז עס ניט. פאַרקערט: ער פאַרשטייט עס און איז ניט קעגן דעם, ווייסט מען ווויל, און שטילערהייט, אין זיך, טוט ער אַפילע אַ טראַכט, אַז בא אים, בא אים אַליין, הייסט עס גאָר אַפילע אַ קאָוועד. נאָר וואָס טוט מען, אוי, מיט איר, מיט דער מאַמען? זי איז דאָך פאָרט ניט מער ווי אַ ייִדענע — וואָס ווייסט זי פֿון אַזעלכע זאַכן? און זי איז דאָך פאָרט ניט מער ווי אַ מאַמע. ווי׳אַזוי דערלאַנגט מען איר אַזאַ בריוו? און מיט וואָס גרייט מען זי פריִער צו? און ווי׳אַזוי נעמט מען און מע נאַרט זי גאָר אָפּ? שוין אַריבער אַ כוידעש, אַז זי קנײַפּט זיך אַלע טאָג שטיקער פּאַנעם אויס: לויף, פלי, וואָס שווײַגסטו? וווּהין זאָל ער פליִען און מיט וואָס זאָל ער פליִען? דער גרויסער לויפער און דער גרויסער פליִער וואָס ער איז! ער זעצט זיך אַוועק, דער טאַטע, אײַנגעקאָרטשעט אין פאַרשמאָלצעוועטן ווינטער־דיקן פּידזשאַק זײַנעם, מיט דער שוואַרצער קוטשמע אַפֿן קאָפּ, פֿון יענער זײַט טיש, אַף דער לאַנגער אויסגעהריזעטער באַנק. אַ לאַנגע אויסגעהריזעטע טפיסע־באַנק, ווי אַ לאַנגע אויסגעהריזעטע כיידער־באַנק. ער קוקט אַף מיר מיט זײַנע שוואַרצע, שטענדיק בלישטשענ־דיקע און שטענדיק טרויעריקע אויגן.

— אוי, זונעניו, אַ פאַסקודנע שלעכטע וועלט.

— איז דאָך גוט. כ׳האָב עס פֿון דיר טאַקע ניט נאָר איין מאָל געהערט.

— כ׳ווייס, כ׳פאַרשטיי. איך האָב ייִנגלווײַז אויך געוואָלט דאָס, וואָס דו ווילסט. און וואָלט עפשער אויך געוועזן געטאָן דאָס, וואָס דו טוסט. זעסטו דאָך. האָט מיך דאָס לעבן פאַרדרייט. וואָגל איך אָפּ אין פינצטערן ראַשקעוו.

— מוסערסט מיך, טאַטע, צי דו פאַרענטפערסט זיך פאַר מיר?

— ס׳אי מיר אַ ראַכמאָנעס אַף דער מאַמען. זי וועט עס ניט אויסהאַלטן. זי גייט אַזוי אויך אום, קוים וואָס זי זשיפּעט. ז׳איז דאָך ערשט ניט לאַנג אָפּגעשטאַנען פֿון אַ שלאַפקייט.

— וואָרפסט עס אַרוף אַף איר, אַף דער מאַמען?

איך רעד, דאַכט זיך, מיטן טאַטן אַ ביסל שטרענגלעך. ניט אַזוי, ווי מע דאַרף רעדן מיט אַ טאַטן. כ׳ליג מיט פאַרמאַכטע אויגן, האַלב וואַכנדיק, האַלב דרעמלענדיק, און רעד אי מיטן טאַטן, אי מיט מאַליען.

פאַרוואָס רעד איך מיטן טאַטן פונקט איצט, ווען ער דאַרף אַ טרייסט, אַזוי הארט? אוואַדע האָט אים דאָס לעבן פאַרדרייט. אַרומגעדרייט מיט אַ פולער שטוב מיט קינדער, מיט נויט, שלאַפקײַטן, זאָרג. פאַרדרייט, פאַריאָכט. ווי׳אַזוי קאָן איך ווועלן, ער זאָל טראַכטן, אַז דאָס־אַ אַליין, מײַן זיצן אין טפיסע, זאָל גאָר זײַן די טרייסט?

דעם טאַטן האָב איך זייער ליב געהאַט. וואָס ווײַטער — מערער. מאַליען, האָט זיך מיר דעמלט געדאַכט, האָב איך ניט ווייניקער ליב. כ׳האָב מוירע צו זינדיקן — עפשער נאָך מערער.

מיט מאַליען רעד איך ווייכע רייד. זי מיט מיר רעדט עפּעס שטרענגלעך, זי זאָגט מיר מער ניט צערטלענדיק „ייִנגעלע”, ווי זי פלעגט מיר זאָגן. פאַרשטייט זיך, די צען־צוועלף כאַדאָשים, זינט זי איז אוועקגעפאָרן, זינט כ׳האָב זי דאָס לעצטע מאָל געזען, זײַנען געווען אַזעלכע לאַנגע צען־צוועלף כאַדאָשים, אי בא מיר, אי מינאַסטאַם אוואַדע און אוואַדע בא איר, דאָרט, אַף איר גאָר סוידעסדיקער אַרבעט, וואָס כ׳טאָר אַפילע ניט וויסן ווו, און טאָר אַפילע קיין בריוו פֿון איר ניט באַקומען, אַז סע פּאַסט שוין גאָרניט, ניט איר, זי זאָל עמעצן

צערטלען מיט אזא וואָרט „יינגעלע״, און ניט מיר, עמעצער זאָל מיט אזא וואָרט מיך צערט־לען. וויאזוי זעט זי איצטער אויס, מאַליע? אין וואָס גייט זי איצטער אָנגעטאָן? כ׳בעט זי, זי זאָל אַראָפּנעמען פונעם קאָפּ דאָס שאַלעכל, אָדער דאָס היטעלע, וואָס זי טראָגט. כ׳וויל איין קוק טאָן, צי דער הויכער שטערן אירער איז נאָך דער זעלבער הויכער קלוגער שטערן אירער, וואָס האָט זיך מיר אזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. ווען זי טוט א לאַך, ווערט איר, דאַכט זיך, אויף א באַק א כיינגריבל. כ׳געדענק ניט, צי עס ווערט איר איין כיינגריבל אויף איין באַק, צי אויף ביידע באַקן צוויי כיינגריבלעך. כ׳מוז מיך אָנטאָן א קויעך פּינקטלעך צו דערזען דעם קאָליר פון אירע אויגן. ס׳איז מיר דען אָנגעגאַנגען דער פּינקטלעכער קאָליר פון אירע אויגן? דאָס גאַנצע פּאָנעם אירס זע איך ערגעץ ווייט און פאַרהוילן, ווי זי אַליין איז איצטער ווייט און פאַרהוילן. רעדט זי אַמאָל פונדערווייטנס אויך אזוי מיט מיר, ווי איך מיט איר? עפּשער איז זי שוין ניט אַליין? כ׳מוז מיר אָנטאָן א קויעך פּינקטלעך צו דער־הערן דעם קלאַנג פון איר קאָל. א ווייטלעכס, א ביסעלע א שטרענגלעכס, נאָר — אירס, מאַליעס באַקאַנט קאָל:

— נו, גוט, דעם ערשטן עקזאַמען, קאָן מען זאָגן, האָסטו אויסגעהאַלטן, איצטער וועלן מיר זען ווײַטער.

— פאַרוואָס דאַרף מען זען און זען? און וויפל עקזאַמענעס מוז מען עס אויסהאַלטן?

— דאָס גאַנצע לעבן. ביזן סאָף. וואָס זשע, האָסט געמיינט ס׳איז עפּעס אזוי־אָ, ס׳א שפּילעכל?

— איצטער, דאָ, זאָגסטו מיר אויך אזוי? גלייבסט, אַפּאָנעם, פאַשעט ניט אין מיר.

— ווען איך גלייב ניט אין דיר, רעד איך מיט דיר ניט אזוי האַרב. איצטער־אָ, אַז דו האַלטסט שוין אזוי ווײַט, מעג איך דיר שוין זאָגן: וויאזוי נעמט מען און מע פאַרליאַפּעט זיך איבער די אויערן אין א מיידל אזוי־אָ איינס־צוויי, אזוי־אָ לײַכטזיניק?

— כ׳האָב זיך ניט פאַרליבט אין דיר, ווי מע פאַרליבט זיך גלאַט אין א מיידל. און ניט אזוי־אָ איינס־צוויי. כ׳האָב אויף דיר אַרויסגעקוקט טעג און וואָכן. ווייסט עס דען אַליין ניט? דו ביסט דאָך, פּונקט ווי איך, אזוי געוווען פאַרליבט.

— נו גוט, יינגעלע, שלאָף, שלאָף, איצטער וועלן מיר זען ווײַטער.

אזוי ליג איך אויף דער נאַרע און רעד, האַלב אין שלאָף, האַלב אויף דער וואָך, מיט מאַליען, מיטן טאַטן, מיט זיך. א כאַוער, אין דער לינקער זײַט לעבן מיר, האַלט מיך אַרומגענומען. איך, אין דער רעכטער זײַט לעבן זיך, האַלט אַרומגענומען בענען. כ׳וואָלט ערשט געשמאַק אנשלאָפן העט פאַרטאָג — אָט באַלד דאַרף מען שוין אופשטיין. דאָס שטילע געפּעכט, אַלע פאַרטאָג, אויבן איבער אונדז אויף דער סטעליע, צווישן ברענענדיקן לעמפּעלע, וואָס ברענט און ברענט ניט אויס און אָנוואַקסנדיקן ביסל טאָג־שײַן אין פאַרגראַטעטן פענצטערל, זע איך שוין אין יענעם פאַרטאָג ניט. דעם עמעס געזאָגט, זעט דעם דאָזיקן געפּעכט קיינער ניט. אין צעלע ווערט ניט ליכטיקער און ניט טונקעלער. איך דערהער ווידער אין שלאָף קוילעס. מײַנע כאַווירים שרײַען מיר פּעפּער, שלעפּן מיך אַראָפּ פון דער נאַרע בא די פיס. באַשטראָפן מיך, דערפאַר ווײַל איך בין אופגעשטאַנען דער לעצטער און מ׳האָט מיך קוים דערוועקט, כ׳זאָל איינער אַליין צובעטן די „בעטן״ אונדזערע, אופראַמען אין „שלאָפצימער״, גרייטן צום טיש, מע זאָל דערלאַנגען פרישטיק, לעבן דער ליידיקער וואַנט, ווו מיר וואָלטן גע־דאַרפט אויסשטעלן זיך פאַר נאַטשאַלסטווע מיט די היטלען אין די הענט, שטעלן מיר זיך עטלעכע כעווררע אויס מיט האַלבנאַקעטע לײַבער און מושטרירן א פּאָר מינוט די הענט און פיס אונדזערע. מיר וואַשן זיך לאַכנדיקע און שפּריצן זיך וואַשנדיק איינער דעם אַנדערן אָפּ. מיר טרינקען אויס די בלעכענע קווערטלעך טיי מיט די אײַנגעווייקטע פּערטלעך ברויט. מיר פרישטיקן אָפּ און זעצן זיך אַלע אויס אַרום טיש צו דער ערשטער, פרימאָרגנדיקער, פּאָליטישער שאָ. דער טאָג אין טפיסע, כאָטש ער ווערט וואָס אַמאָל לענגער, הייבט זיך אָן פרייִלעכער, ווי עס ענדיקט זיך די וואָס אַמאָל קורצווערנדיקע נאַכט. קיין פרישע צײַטונ־גען האָבן מיר ניט, פאַרשטייט זיך, אויף דער גאַנצפרײַעדיקער פּאָליטישער שאָ. אין די איי־נעכטנדיקע און פאַר צווייִנעכטנדיקע בלעטער לייענען מיר אַרויס צווישן די שורעס אַלע נײַסן, וואָס וועלן פאָרקומען אויף דער וועלט מאָרגן און איבערמאָרגן. מיט דער וועלט, א גאַנצן טאָג, קענען מיר זיך גרינגער אויסטײַנען, איידער א פּאָר שאָ באַנאַכט מיטן טאַטן, מיט מאַליען, צי מיט זיך אַליין...

5

איך אַזאַ גאַנצפרי האָט מען מיך ענדלעך גערופן צום „אויספאָרשונגס־ריכטער”. דער ריכטער, וואָס דאַרף שוין דאָ, נאָך דער סיגוראַנצע, ווען מ׳איז שוין באַ אים גוט אין די הענט מיט אַלע פּאַקטן פון פאַרברעכן און מיט אַלע קאָרפּדעליקטן, רויִק און פּאַמעלעך, אָן געשלעג און אַפילו אָן געשריי, קלאַמפּערשט יורידיש באַגרינדעט, אַפילו דעמאָקראַטיש, צוגרייטן דעם גרויסן פאַרברעכער דעם גרויסן גערעכטן מישפּט, ווי אים קומט.

א טפּיסע־וועכטער, מיט דער האַנט זײַנער אַפּן רעוואָלווער באַ די לענדן, האָט מיך גע־פירט אין די קאָרידאָרן, אַף די געדרייטע טרעפּ אַראָפּ און ווידער אין קאָרידאָרן מיט אַזאַ שטילשווײַגעניש און מיט אַזאַ באַקוקן יעדן שפּאַן און יעדן ריר מײַנעם, גלײַך אָט־אָט וועט פון מיר עפּעס טאָן אַ שפּרונג אַרויס, צי איך אַליין וועל זיך מיטאַמאָל טאָן אַ רײַס אויף, די טפּיסע־ווענט וועלן זיך צעפאַלן, די צעלעס צעעפענען, אַלע פאַרשפּאַרטע וועלן אַרויס אַף דער פרײַ, פון דער גאַנצער טפּיסע וועט כּלילע ווערן איין שטיק פײַער.

בענע האָט יעדן טאָג געטײַנעט, אַז דאָס וואָס מ׳האָט אין אונדז אַזוי לאַנג פאַרגעסן, איז עפּעס ניט קיין גוטער סימן. זיי גרייטן אונדז מיסטאָמע צו נײַע כאַטאָים. דער טפּיסע־קאָמיטעט, פאַרקערט, האָט געהאַלטן, אַז דאָס וואָס מע רופט אונדז אַזוי לאַנג ניט אַרויס, איז גראָדע ניט שלעכטס: זיי האָבן קעגן אונדז ניט קיין גאָר־גאָר געדיכטס, ווי זיי דאַרפן האָבן, צײַען זיי. קלערן זיי. און מיר זאָלן זיך דערווײַל וואָס לענגער זיצן. נאָר ס׳וועט זיי גאָרניט העלפן. אַז ס׳איז ניטאָ, איז ניטאָ. אויב מ׳האָט דאָרטן אַליין אַף זיך ניט גערעדט קיין שלעכטס, אַליין אַף זיך ניט געשיט, וועלן זיי עס דאָ, זיי זאָלן אַפילו זײַן מיט טויזנט קעפּ, אונדז ניט קענען צוטשעפּען.

דעם אַדוואָקאַט, וואָס בענעס אייגענע האָבן בענען געשטעלט, האָט מען נאָך דערווײַל צו אונדז ניט צוגעלאָזט. ער האָט אָבער מינאַסטאַם אינדרויסן ניט געשוויגן. דער טפּיסע־קאָמיטעט האָט אָפּאָנעם אויך איבערגעגעבן אַרויס, מע זאָל זען עפּעס טאָן. און אָט האָט מען נעכטן בענען אַראָפּגעפירט צום ריכטער, און אָט פירט מען הײַנט מיך אַראָפּ.

כ׳גיי מיט אַזאַ שטעל און מיט אַזאַ אופגעהויבענעם קאָפּ, אַפילו מיט אַ שמייכעלע אַף די ליפּן פון דעם וועכטערס קאָמישקײַט באַם פירן מיך, אַז דאָס אַליין רופט אַרויס באַ אים נאָך מערער פּאָרזיכטיקײַט צו יעדן שפּאַן און יעדן ריר מײַנעם, מאַכט אים נאָך קאָמישער.

ס׳איז מיר גוט אַפּן האַרצן, ווײַל איך ווייס שוין, אַז נעכטן האָט דער ריכטער געהייסן בענען אָנשרײַבן אַ באַקאָשע, אַ „טשערערע”, הייסט עס, מע זאָל אים, בענען אַרויסלאָזן ביזן פּראָצעס. מיר, טראַכט איך, וועט דער ריכטער מיסטאָמע אַזאַ באַקאָשע ניט הייסן אָנשרײַבן. ס׳וואָלט זיך, פאַרשטייט זיך, ניט שטאַרק געוואָלט בלײַבן אין טפּיסע אַליין אָן בענען. ס׳איז מיר גוט אַפּן האַרצן, ווײַל איך ווייס, וואָס בענע האָט דערוף דעם ריכטער געענטפערט. אויב עס רעדט זיך וועגן אַרויסלאָזן ביזן פּראָצעס, דאַרף מען אַרויסלאָזן אונדז ביידע אי־נײַנעם, אי אים, אי מיך. אי דאָס — אָן אַ באַקאָשע.

אונטן, לעבן דער טיר, ווו דער וועכטער מײַנער האָט מיר אַ ווײַז געטאָן כ׳זאָל שטיין בלײַבן, האָב איך דערזען טאַניַן. זי איז געזעסן אַנטקעגן דער טיר אַף אַ באַנק, און איר וועכטער איז לעבן איר געשטאַנען. זי האָט מיך אויך באַלד דערזען. אַ רעגע האָבן זיך אונדזערע אויגן באַגעגנט, דערנאָך האָבן מיר שוין איינער צום אַנדערן אַפילו קיין בליק ניט געטאָן. ווי מיר קענען זיך גאָרניט. ווי מיר וואָלטן זיך איצט לעבן דער־אָ טיר, צום ערשטן מאָל דערזען. גלײַך ווי מענטשן, וואָס קענען זיך ניט, און זעען זיך צום ערשטן מאָל, טאָרן איינער צום אַנדערן אַפילו קיין קוק ניט טאָן.

איך האָב געגאַנוועטערהייט יאָ אַ וואָרף געטאָן אַ פּאָר בליקן אַף טאַניַן. פון דער גאַנ־צער צײַט אין טפּיסע האָב איך טאַניַן קיין איין מאָל ניט געזען. כ׳האָב אין אַ טאָג אַרופגע־שטעלט זיך אַף עמעצנס אַקסל און דורכן פאַרגראַטעטן פענצטערל אַראָפּגעקוקט אין טפּיסע־הייפל אין דער שאָ, ווען ס׳האָבן שפּאַצירט די פרויען. ניט נאָר די פּענעמער — די שאָטנס פון די שפּאַצירנדיקע פרויען אַרום־און־אַרום אַף די ווענט האָט מען קוים־קוים געזען. כ׳האָב איצט געוואָלט איין קוק טאָן, ווי זי זעט אויס, וואָס פאַר אַ פּאָנעם זי האָט. כ׳קאָן ניט זאָגן, אַז כ׳האָב געפילט צו איר אַ גרויסע סימפּאַטיע, צי גאָר אַ גרויסן פאַרדראָס, פאַרוואָס זי האָט מיך אַרײַנגעצויגן, אויסגעגעבן. דער טפּיסע־קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז זי האָט אָנגערופן מײַן נאָמען אין אַזאַ שרעקלעכער פאַרכאַלעשטקײַט, ווען זי האָט שוין אַליין ניט געוווּסט און ניט געפילט, וואָס זי טוט און וואָס זי רעדט. עפּשער האָט זי דעם טפּיסע־קאָמיטעט ניט אײַנגאַנצן דערציילט דעם עמעס. עפּשער האָט דער טפּיסע־קאָמיטעט דערווײַל אַזוי געהאַלטן,

קעדיי דערוויַיל געבן טאָנין אַ מעגלעכקייט פאַריכטן דאָס, וואָס זי האָט קאַליע געמאַכט, און מע וועט זיך ערשט שפּעטער גוט פאַנאַנדערקלײַבן. זי איז איצט געזעסן אויף דער באַנק, אַנטקעגן דער טיר, ווו דער וועכטער האָט מיר אָן רייד באַפוילן שטיין צו בלײַבן, גאַרניט קיין געענדערטע. שיין און כיינעוודיק, ווי טאָמיד. דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטן אַ קאַפּל אָוועקגעדרייט. זי אויף מיר האָט די גאַנצע צײַט, אַפילו געגאַנוועטערהייט, קיין בליק ניט געוואָרפן.

כ׳בין דערנאָך געשטאַנען קעגן אויספאָרשונגס־ריכטער. ער האָט מיך אַזוי געלאָזט שטיין אַנטקעגן זיך אַ גוטע עטלעכע מינוט. ער האָט ארײַנגעקוקט אין צעעפנטן „דאָסאַר" מײַנעם, ווי ער וואָלט זיך איצט צום ערשטן מאָל מיט אים באַקענט. ער האָט מיך קיין וואָרט ניט געפרעגט און מיר קיין וואָרט ניט געזאָגט. אַפילו קיין הייב ניט געטאָן די אויגן צו מיר, גלײַך ווי איך וואָלט אין צימער דאָ אינגאַנצן ניט געווען.

ס׳איז מיר, געדענק איך, דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, אַז ער טוט עס אומיסטן אַזוי, כ׳זאָל דערוויַיל שטיין און קאָנען כאַפּן אַ קוק דורכן פענצטער הינטער אים אַפן אויסטריע־פּלאַץ. מענטשן לויפן, ראַשן, טוען וואָס זיי ווילן, זײַנען פרײַ. אופרייצן די גלוסטעניש צום פרײַען דרויסן, מיינט ער אַפּאָנעם, וועט עפּשער ווירקן שטאַרקער ווי פּײַניקן און מוטשען. ס׳וועט דערנאָך זײַן גרינגער, הייסט עס, מיט מיר זיך אויסצוטײַנען.

כ׳בין געשטאַנען און געקוקט אויף די פינגער מיט די אויסגעשפּיציקטע נעגל, וואָס קנײַפּן מײַן „דאָסאַר". אויף אַ גלאַנצנדיק־אויסגעלעקטן קאָפּ האָר, אַפן פּאַטשיילעכל אין אייבערשטן קעשענקעלע, אויף די סינעדיק־פּאַרלאָפענע אויגן זײַנע, כאָטש ער האַלט זיי אַראָפּגעלאָזט, און כאָטש ער וועט זיי באַלד טאָן אַ הייב אויף צו מיר, פאַרשטיי איך, מיט אַ שמייכעלע.

דעם „קאָרפּדעליקט" מײַנעם, גאָרקיס „מוטער" מיט די אונטערגעשטראָכענע שאַרפע שורעס, פונוואַנען כ׳האָב קלאָמפּערשט אַרויסגעשריבן פּראָקלאַמאַציעס, און ס׳האָט שיר ניט געדאַרפט הייסן, אַז אַלע פּראָקלאַמאַציעס אין דער וועלט זײַנען מײַן שטיקל אַרבעט, האָט ער מיטאַמאָל געטאָן אַ שלײַדער אָפּ פון זיך אין אַ זײַט, אַ בורטשע געטאָן „אידיאָטן", און האָט ענדלעך, אַלץ נאָך אַרײַנקוקנדיק אין מײַן „דאָסאַר", אַ זאָג געטאָן:

— זײַנען מיר, הייסט עס, קאָמוניסטן. ווי זשע פּאָרט זיך אַ העברעיִשער סעמינאַר מיט קאָמוניזם, האַ?

כ׳האָב געשוויגן. ער האָט אַ הייב געטאָן צו מיר די אויגן. און טאַקע מיט אַ שמייכעלע:

— אויף אַ פראַגע דאַרף מען באַלד ענטפערן. כאָטש מ׳איז אַזאַ גרויסער העלד. איך פרעג: זײַנען מיר, הייסט עס, קאָמוניסטן?

— אַ העברעיִשער סעמינאַר פּאָרט זיך ניט מיט קאָמוניזם. — האָב איך געענטפערט.

— פּאָרט זיך. פּאָרט זיך. די דאָזיקע שיינע אידייע קריכט אַרײַן אין יעדן לאָך. אַפילו אין אײַערע סינאַגאָגעס, אַפילו אין מאָנאַסטירן צווישן מאָנאַשקעס. פאַרוואָס נאַרסטו אָפּ? אַ קאָמוניסט זאָגט דאָך נאָר דעם עמעס.

— כ׳זאָג דעם עמעס. — האָב איך געענטפערט.

— אַהאַ. אַנערקענסטו, הייסט עס. דאָס געפעלט מיר. זאָג זשע מיר, כ׳בעט דיך, דאָס מיידל, וואָס וואַרט דאָרט אין קאָרידאָר, קענסטו?

— כ׳קען זי. — האָב איך געענטפערט.

— ווי־אַזוי הייסט זי?

— טאָני.

— ריכטיק. דאָס געפעלט מיר. דערצייל זשע מיר איצטער פּינקטלעך, אָן מוירע. קיינער וועט דיך דאָ מיט קיין פינגער ניט טשעפּען. וויפל צײַט קענסטו שוין טאָנין? ווי־אַזוי קענסטו זי? פונוואַנען קענסטו זי? אַלצדינג. פונעם אָנהייב אָן, ביטע.

— כ׳קען זי פון דער סיגוראַנצע. — האָב איך געענטפערט.

מער ווי די איינע עטלעכע מינוט האָט זײַן איידלקייט ניט אויסגעהאַלטן. ער האָט געטאָן אַ שפּרונג אויף פונעם פּלאַץ און אַ זעץ געטאָן מיט דער דלאָניע אין „דאָסאַר" מײַנעם:

— ליגנער!.. אויסוואורף!..

ער האָט צעוואָרפן די פּאַפּירן פונעם טיש, צוריק זיי צונויפגעשאַרט, דאָס רויטגעוואָרענע פּאָנעם זײַנס איז אים געוואָרן בלייך. ער האָט אַרויסגעכאַפּט פון אַ טישקעסטל אַ צווייטן „דאָסאַר", אָנגעהויבן מישן אים, און בעשאַס־מײַסע, שטילערהייט שוין, אַלץ געבורטשעט צו מיר:

— אָט דאָס איז דער אומגליק אײַערער. איר מיינט, איר זײַנט קליגער פון יעדן. איר וועט איבערכיטרעוועןן די גאַנצע וועלט. טיפּשים. דעגענעראַטן. אַפּנאַרער.

דערנאָך איז קעגן אויספאָרשונגס־ריכטער געשטאַנען לעבן מיר טאָני.

ער האָט ווידער געריבן זיך די ברעמען, מיט אַן איידל שמייכעלע אין די אויגן. טאָני האָט אויך ניט געלייקנט: זי קען מיך. זי האָט מיך אפילו אָנגערופן אי באם נאָמען, אי בא דער פאַמיליע. נאָר זי האָט דעם נאָמען מײַנעם אויך צום ערשטן מאָל אין איר לעבן געהערט דאָרט, בא די אויספאָרשונגען אין סיגוראַצע.

דער ריכטער האָט ווידער צעקידעט די פּאַפּירן אפן טיש. ס'פּאָנעם זײַנס האָט זיך אים ווידער אָנגעגאָסן. ער האָט אָבער מער ניט געשריגן און מער ניט געזידלט: דאָס וואָס טאָני האָט איצט געלייקנט, איז געשטאַנען קאַפּויר שוואַרץ אף ווײַס אין „דאָסאַר" אירן.

ער האָט די אויגן אײַנגעגראָבן אין די פּאַפּירן און אַלעמאָל געהויבן מיט די אַקסל. א רעטעניש, הייסט עס. ער הייבט גאָרניט אָן פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער האָט נאָך גאָר אַזוינס ניט באַגעגנט און קאָן גאָר אַזוינס ניט אויסטײַטשן. ער האָט געבורטשעט אין די פּאַפּירן:

— איך פאַרשטיי ניט. וואָס פאַר א מענטשן זענט איר? דאָ זאָגט איר איינס, דאָרט א צווייטס. קיין וואָרט איז קיין וואָרט ניט. קיין כּסימע קיין כּסימע ניט.

ער האָט א קוק געטאָן אף טאָנין מיט אַזא עמעסזוכנדיקן קוק, ווי ער וואָלט שיר ניט א זאָג געטאָן: ווו איז יושער אף דער וועלט, האַ?

טאָני האָט ניט געענטפערט. מיטביידע הענט האָט זי פּלוצעם געטאָן א פאַרהייב דאָס קליידל אירס ביז העט אַרוף, אַזש פאַרשטעלט זיך דערמיט א האַלב פּאָנעם. זי האָט זיך ניט געשעמט, ניט פאַר אים, דעם איידעלן ריכטער, ניט פאַר מיר, דעם כאַווער אירן לעבן זיך. אף אירע נאַקעטע פיס, כאָטש עס זײַנען שוין אַוועק עטלעכע וואָכן, האָבן זיך נאָך דאָ און דאָרט אָנגעזען שוואַרץ־בלאָע אופגעלאָפענע שטיקער, צערונצלטע און פאַרצויגענע, ווי רויפאַרטריקנטע פליייש.

זי איז אַזוי געשטאַנען א פּאָר אויגנבליקן. דאָס פּאָנעם אירס — א ביסל אויסגעקערעוועט צו מיר.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאָזיקע ניט גאָר איידעלע פאַרהייבן דאָס קליידל, איז געווען טאָניס ענטפער אפן ריכטערס איידעלע רייד, וואָס ער האָט נאַרוואָס גערעדט.

די נאָך ניט פאַרהיילטע ווונדן אף אירע נאַקעטע פיס האָט זי, פאַרשטייט זיך, מערער געוויזן מיר, איידער אים.

* * *

אין א צוויי וואָכן אַרום האָט מען מיך און בענען אַרויסגעלאָזט ביזן פּראָצעס. דער טפיסע־קאָמיטעט האָט אונדז געהייסן דאַפקע יאָ אָנשרײַבן באַקאַשעס. בענעס אַדוואָקאַט האָט אינדרויסן ניט געשוויגן, איז געלאָפן אי וועגן בענען, אי וועגן מיר. אין א גאַנצפרי זײַנען מיר ביידע אַרויסגעגאַנגען פונעם טפיסע־טויער מיט די בינטלעך אונדזערע אין די הענט. א פּאָר רעגעס שטיין געבליבן און אַרומגעקוקט זיך צי די שטיבער אינדרויסן זײַנען די זעלבע שטיבער, דער הימל איבערן קאָפּ דער זעלבער הימל, גלײַך מיר וואָלטן שוין דאָ געפעלט יאָרן.

אַרום און אַרום האָט שוין געשמעקט מיט פרילינגדיקײַט, מיט זוניקײַט. ביימער האָבן שוין, דאַכט זיך, אָנגעהויבן גרינען.

מענטשן לויפן, ראַשן, טוען וואָס זיי ווילן, זײַנען פרײַ. עס מאָנט זיך אוודע א זאָג צו טאָן, אַז מיר זײַנען א פּאָר רעגעס געשטאַנען און דעם פרײַען דרויסן אײַנגעאָטעמט אין זיך מאַמעש מיט צעבלאָזענע נאָזלעכער. כ'ווייס ניט וואָס בענע האָט דעמלט געפילט. איך שטרענג זיך אָן מיט אַלע קויכעס אַרויסצורופן אין זיך דאָס געפיל פון פרײַקײַט אין יענעם גאַנצפרי, און געדענק עפּעס ניט אין זיך דעמלט אַזא געפיל.

פאַרקערט.

מיר האָבן זיך מיט בענען געזעגנט, אַרומגענומען זיך. בענע איז אַוועק אהיים צו זיך, צו דער שוועסטער. עפּשער גאָר צוריק צום פאָטער. איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אונטן אין שטאָט, צו דער פרוי שאַלער אף דער מאָראַרי־גאַס, ווו איך בין ביזן אַרעסטירט ווערן געוווינט אף קוואַרטיר.

כ'בין, דאַכט זיך, געגאַנגען אַן אומעטיקער. ס'האָט מיר גאָר ווי באַנק געטאָן נאָך דער טפיסע־צעלע, פונוואַנען כ'בין נאַרוואָס אַרויס אף דער פרײַ.

ס'איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען ניט קיין פרײַקײַט, נאָר פאַרקערט — א ניט פרײַקײַט.

בוים

1

א שרײַבער קאָן טאָן וואָס ער וויל.

אָט וויל איך, טו איך א מאַך א קפיצעס־הדרך און בין ווידער אין דער היים, לאָז זיך אַראָפּ מיטן הויכן שטיינערנעם בארג, בין ווידער אין דאָזיקן ראַשקעוו, דעם קווארן איינגעקאַרטשעטן בריסטל מײַנעם, צו וועלכן איך פאַל אָפּט זשעדנע צו מיט די ליפּן און מיט די פינגער, זייג און זייג, קאָן זיך קיינאָנהאָרע, שוין אַזאַ גרויסער באָכער, ניט אנטוויינען, כאָטש מ׳האָט די פאַרבלאָוועטע צעטראַסקעטע פּיפּקעס אָנגעשמירט מיט א ביטערקייט און מ׳האלט אָף מיר אין איין אָנשרײַען:

— נו, אַ, קאַקע, פעו!

דאָס דאָזיקע פּיצל ראַשקעוול. א פּינטעלע א קליינטשינקס אָף גאָטס גרויסער וועלט, א שטערנדל צווישן די מילי־מיליאַסן שטערן און שטערנדלעך. וויפל כ׳האָב שוין וועגן דעם דערציילט און דערציילט, האלט איך נאָך גאָר פונפאַרנט, האָב איך נאָך גאָרניט דערציילט און גאָרניט געזאָגט. און וויפל כ׳וועל נאָך מינאַסטאַם זאָגן און דערציילן, וועט אוודאי מער בלײַבן ניט דערציילטס און ניט דערזאָגטס.

אוילעם קנעט די ערעוופּייסעכדיקע טיפע ראַשקעווער בלאָטעס. דעם אלטן דאַיענס זון, כאַים־דאָוויד, האָט שוין אַט־אַט, ערגעץ אין א ליטווישער יעשיווע געזאָלט ענדיקן אָף ראַוו, און איז, פּאַר צופּיל לערנען, זאָגט מען, פּאַר צו א שאַרפן קאָפּ, איצט, דאָ, אין דער היים לעבן טאַטן, דער ראַשקעווער שטאָט־מעשוגענער. ער שטייט לעבן אונדזער שטוב און רופט דורך דער אָפענער טיר ארויס מיט א פינגער א שוועסטערל מײַנס, פייגעלען. ער איינער ווייסט וואָס פאַר א גוט הערצל פייגעלע פאַרמאָגט. ביגנייווע, די מאַמע קלאַמפּערשט זעט ניט, ברענגט זי אים אלע פרײַטיק ארויס אונטערן פּאַרטעכל א פּאָר הייסע לאַטקעס. כאַים־דאָוויד דאַנקט ניט, בענטשט ניט. די הייסע לאַטקעס טוען אים א ברי אין בוזעם דאָס נאָקעטע לײַב אונטערן צעכראַסטעטן העמד. ער טוט זיך א צעלאַך מיט א ברייט, הייזעריק־פּאַרדושעט געלעכטער. אויגן האָט ער בלאָע — ליכטיק־בלאָע הימל־אויגן. א בערדל — א בלאָנדס און א שיטערס, צייל די עטלעכע האָר איבער אָף די פינגער. א קאָפּ — אָן איבערנאַטירלעך־פּאַרוואַקסענעם, א העל־פלאַקסענעם. ער פּירט אייביקע שמועסן, וויקוכים, מיט ראַבאָנים און ראַשיי־יעשיוועס. ער צעלאַכט זיך אינמיטן די צעהאַקטע שטיקלעך טײַנעס זײַנע מיט זײַן הייזעריק־פּאַרדושעטן געלעכטערל. דעם שוואַרצן צעפּליקטן קאַפּטן טראָגט ער ניט אָנגעטאָן אָף זיך, ווי מע טראָגט אָנגעטאָן א קאַפּטן. נאָר גייט אין אים איינגעהילט, ווי אין א טאַלעס, א שוואַרצן טאַלעס. אָדער ער טוט אים פלוצעם א פּאַרוואַרף אָף איין אַקסל, א שפּיץ פּאָלע אהער, א שפּיץ פּאָלע אהין, האלט דעם צעפּלויגענעם קאַפּטן צו מיט א האַנט בא די לענדן, בלײַבט שטיין מיט א פּאַריסענעם קאָפּ, ווי דער פּרינץ האַמלעט אין זײַן טענדע־ווערענדע. ניט די הייסע לאַטקעס אין בוזעם פאַרענטפערן די קאַשע זײַן־אָדער־ניט־זײַן, נײַערט, אַפּאָנעם, דעם דאָזיקן קליינעם מיידעלעס גוט הערצל. מאַכמעס כאַים־דאָוויד דעם שטאָט־מעשוגענעמס צווייטע האַנט טוט בעשאַס־מײַסע א קניפּ מײַן שוועסטערל פייגעלען אין בעקל. כאַים־דאָווידס סאָף, אַגעוו: אין א ווינטער־נאַכט, בא א שטאַרקן פראָסט, געבליבן זיצן אָף די טרעפּלעך לעבן טאַטנס בעסדן־שטיבל. ניט אָנגעקלאַפּט, דער טאַטע זאָל אים אַרײַנלאָזן, צי דעם אלטן טאַטנס אויערן האָבן שוין דעם זונס אָנקלאַפּן ניט דערהערט. גאַנצפרי האָט מען דעם אלטן דאַיענס זון, כאַים־דאָוויד דעם שטאָט־מעשוגענעם, געפונען אָפן טאַטנס טרעפּלעך א פאַרשטאַרטן...

וואָס בין איך פלוצעם אַרײַן אינדערמיטן מיט כאַים־דאָווידן? א שרײַבער קאָן טאַקע טאָן וואָס ער וויל, נאָר עפּעס טיף אין אים אינווייניק פּירט אים בא דער האַנט, ער זאָל טאָמיד טאָן ניט דאָס, וואָס ער וויל טאָן, נאָר דאָס, וואָס ער דאַרף טאָן.

כ׳האָב נאָך גאָרניט דערציילט וועגן מײַן קיידער־כאַווערל אווראָם־מוישע דעם מילנערס. די דרײַ וואַסערמילעכלעך זײַנען איינס לעבן אנדערן געשטאַנען אין דניעסטער מיט מאַכיק־פאַרוואַקסענע דעכלעך, אלטע, הילצערנע, גראָ־פאַרגרינטע, אלציינע, ווי איין מאַמע וואָלט זיי געהאַט. מ׳האָט זיך לעבן זיי ניט געטאָרט באָדן, מאַכמעס דעם דערטרונקענעם, וואָס דער דניעסטער מאָנט, מע זאָל אים געבן זומער בא זומער, מאָנט ער, האָט מען געזאָגט, גראַד

דאָ אַף דעם־אָ פלאַץ, לעבן די דרײַ וואַסערמילעכלעך. כ׳פלעג אַלע פאַרנאַכט זען אווראָם־מוישעס טאַטן, מייער דעם מילנער, אַהיים גיין פון זײַן מיל־אַרבעט, פאַרבײַ אונדזערע פענצטער, מיט אַ טאָרבע מעל אַף דער פלייצע און מיט אַן עמער לעבעדיקע פישלעך אין דער האַנט. ער איז געגאַנגען שווער, אײַנגעהויקערט, גראָוו און אַלט פונעם קאָפּ ביז אין די פיס, אַ פאָנעם דאַפקע אַ רויטס, אַ געגאָלטס, ווײַסע ברעמען און ווײַסע וואָנצעס, ווײַסע הויכע שטיוול זומער און ווינטער, פאַרכמורעט, אָן אַ שמייכל און אָן אַ שאָקל טאָן זיך צו עמעצן, פאַרהאָרעוועט און אויסגעמוטשעט, פלעג איך מיינען, בייז אַף דער וועלט. נאָך אַ פאָר זמאַנים כיידער, איז אווראָם־מוישע געוואָרן אַ לערניי׳נגל באַ אַ בלעכער. אינגאַנצן עטלעכע כאַדאָשים זײַנען מיר, כיידעריי׳נגלעך, אים מעקאַנע געווען, וואָס ער איז אַרויס פון די האַלאָבליעס. דער אומגליק איז מיט אים געשען גאָר אינגיכן. ער איז נאָך דעמלט מיסטאָמע קיין גוטע צען יאָר ניט אַלט געווען. אַן אײַזערנע קלאַפקע, צי גלאַט אַ שטיק בלעך האָט אים אַ שפרונג געטאָן אין פאָנעם און אים אויסגעזעצט אַן אויג. אַז מיר, כיידעריי׳נגלעך פלעגן אים דערנאָך אַמאָל באַגעגענען מיטן שוואַרצן לעדערל אַפן אויסגערונענעם אויג, זײַנען מיר ניט גאָר געווען זיכער צי דאַרפן מיר אַף אווראָם־מוישען שטאַרק־שטאַרק ראַכמאָנעס האָבן איבערן אומגליק זײַנעם, צי עפשער גאָר פאַרקערט, ווידער אים מעקאַנע זײַן פאַר דער דאָזיקער העלדישקײַט, אַלקאָלפאָנעם דער דאָזיקער ניט געוויינלעכקײַט, וואָס האָט פאַסירט מיט אים איינעם, און ווײַטער מיט קיינעם ניט. ער אַליין האָט זיך, קענטיק, אויך געהאַלטן פאַר אַ שטיק העלד. ער פלעגט אונדז אויסמײַדן, אַוועקדרייען דעם קאָפּ באַם באַגעגענען זיך. ניט, מיין איך, ווײַל ער האָט זיך געשעמט פאַר אונדז מיט זײַן בלינד געוואָרענעם אויג. נאָר פאַרקערט, ער האָט זיך גאָר, אַפאָנעם, אָנגעהויבן מיט אונדז שעמען: קליינוואַרג, כיידעריי׳נגלעך, גאָרנישטלעך — זעען נאָך ניט און ווייסן נאָך ניט, וואָס עס קען זיך איינס־צוויי געבן אַ טו אָפּ אַף דער וועלט. קיין גרויסע פילאָסאָפיעס, סאָצי׳אַלע, ווי מע זאָגט, קאַטעגאָריעס, זײַנען, פאַרשטייט זיך, אין דער דאָזיקער געשעעניש אווראָם־מוישעס ניט אַרײַנגעטײַטשט געוואָרן. ס׳איז געווען גענוג, אַז אין איין קורץ שטיקל צײַט האָט אַ צעניאָריק יי׳נגעלע מיטן נאָמען אווראָם־מוישע אָנגעהויבן הייסן אווראָם־מוישע דער בלעכער, און פונעם יי׳נגעלע אווראָם־מוישע דער בלעכער איז איינס־צוויי געוואָרן אַ יי׳נגעלע אווראָם־מוישע דער בלינדער...

דער עמעסער אומגליק איז ערשט געשען דערנאָך.

אין אַ זומער־טאָג האָט זיך פלוצעם צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז מייער דער מילנער ליגט שוין פון אַ פאָר טעג אַפן טויטן בעט און קאָן קאָן ניט שטאַרבן, קאָן ניט לאָזן די נעשאָמע. ער מאָנט, מע זאָל אים ברענגען דעם ראָוו, ער וויל זאָגן ווידע, עפעס מוז ער זיך פאַרן טויט מיסוואַדע זײַן. די גאַנצע גאַס האָט געקוקט, ווי דער קליינער אווראָם־מוישע מיטן שוואַרצן לעדערל אַפן בלינדן אויג פירט דורך רעבע נאָכעמלען אַהיים צו זיי, צום טאַטן. רעבע נאָכעמל איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין דער אַטלאַסענער קאַפאָטע, אין סויבלנעם שטרײַמל, איין האַנט אַפן ביינערנעם הענטל פון זײַן שטעקן, די צווייטע האַנט אַרײַנגעשטעקט אין ברייטן גאַרטל מיט די קוטעסן — אין זײַן גאַנצער יאָמטעוודיקער האַלבאָשע, ווי לעהאַוודל, צו עמעצן אַף כופע־וועקידושן. הינטער אים, בייז, האָט נאָכגעשפאַנט יאַנקעוו, דער גאַבע זײַנער. מייער דער מילנער איז געלעגן אין זײַן בעטל אַ צעדעקטער. דער ווײַסער קורץ־געשוירענער קאָפּ זײַנער, די ווײַסע לאַנג שוין ניט אָפּגעגאָלטע באַקן, דאָס העמד און די גאַטיעס, די איבעריקע ווײַסקײַטן, וואָס האָבן דעם גויסעסדיקן מילנער אַרומגערעמלט, האָבן דערמאָנט אין פאַרמעליקטע מילשטיינער, אין צעמאָלענע ווייצלעך, אין אַ מעל־ווײַסקײַט, אין וועלכער מייער דער מילנער האָט זיך פאַרן שטאַרבן אײַנגעטונקען, קעדיי דאָס מיסוואַדע זײַן זיך אויסצומײַדן, און ס׳האָט, זעט מען, ניט געהאָלפן. די איינע נאָז און די איינע צעעפנטע אויגן זײַנע זײַנען געבליבן רויטע. ער האָט אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ פונעם קישן, אַליין אונטערגעשפאַרט אים מיט אַ דלאָניע און אַ קוק געטאָן צום רעבן נאָכעמלען מיט אַזאַ בעטעניש אין די רויטע אויגן, ווי באַ אַ גאַזלען אַ מערדער, וואָס טוט אַ רעגע פאַרן קעפן אים, אַ האָף, אַז ס׳קאָן נאָך געשען אַ נעס. די רייד זײַנע האָט מען קוים געהערט:

— רעבע... איך בין פול מיט זינד... זײַט מיר מויכל, רעבע...

— ניט איך, דער באָרעכיבאָרעכשמוי דאַרף דיר מויכל זײַן.

— רעבע... מײַנע הענט זײַנען אײַנגעטונקען אין בלוט...

— וויי איז מיר, אין בלוט?

דעם רעבן נאָכעמלען, האָט מען דערציילט, איז באַפאַלן אַ ציטערניש. ער האָט זיך אַזוי פאַרלוירן, אַז ער האָט גאָר אָנגעהויבן רופן מייער דעם מילנער, וואָס איז מיט אַ היפש ביסל יאָרן עלטער פון אים, „קינד מײַנס”. גלײַך ניט ער, נאָר אַליין דער באָרעכיבאָרעכשמוי

שטייט איצט דאָ לעבן שטאַרבנדיקן מילנער, און ער רעדט דאָס אַזוי, דורך אים, רעבע נאָ־כעמלען, מיטן גויסעס:

— זאָג, קינד מײַנס, זאָג ערעוו יעציִעס־נעשאָמע אַלצדינג אויס. מע דאַרף עס אויבן וויסן...

— רעבע... איר געדענקט דאָך... אין יענעם יאָר, ווען די אוקראַיִנער יידן זײַנען אַנט־לאָפן פון די פּאָגראָמען... אַהער... אַריבער צו אונדז... גלייבט מיר, רעבע... כ׳האָב צענדליקער יידן געהאָלפן ראַטעווען זיך... מיט די זעלבע הענט... זיי פלעגן זיך באַנאַכט אַריבערשיפן צו מיר אינעם מילעכל אַרײַן... ווי אייגענע ברידער, רעבע... נאָר איין פּאַרפּאַלק... איין־און־איינציק פּאַרפּאַלק... ניט איך מייער מילנער האָב עס געטאָן... אַ שעד איז אין מיר אַרײַן... אַ ניט גוטער... אַ פאַרבלענדזועניש... פינגערלעך, אוירינגלעך, פינפערלעך... דאָס צירונג ליגט נאָך פון דעמלט אָן באַהאַלטן אויבן אַפן בוידעם, אין אַן אָנגעשטשערבעטן ליימענעם קריגל... נעמט עס, רעבע, פאַר קאָהעלס־וועגן... צעטיילט עס אָרעמעלײַט... זאָלן מיר יידן מויכל זײַן... לאָזט מיך שטאַרבן, רעבע...

דער רעבע נאָכעמל, האָט מען דערציילט, איז עטלעכע רעגעס געשטאַנען אַ פאַרשטיי־נערטער, אָן לאָשן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען נאָענט צו מייערן, איבערגעבויגן זיך איבער אים און אָן רייד אָנגעשפּיגן אים אין פּאַנעם אַרײַן. ראַשקעוו איז געגאַנגען כאָדראָם. אינ־מיטן יענעם הייסן העלן זומער־טאָג האָט זיך פּלוצעם אַראָפּגעלאָזט איבערן שטעטל אַ פינצ־טערניש, דער הימל האָט זיך פאַרצויגן מיט שוואַרצע כמארעס, ס׳האָט זיך אופגעהויבן אַ בלאָזעניש, אַ דרייעניש, דער ווינט האָט אויסגעזעצט שויבן, אַראָפּגעריסן דעכער, ס׳האָט אָנגעהויבן ליאַפּען ווי פון עמערס, ס׳איז געוווען הימל־עפּן־זיך. באַנאַכט איז מייער מילנער יאַקאָש געשטאָרבן. נאָך דער מיטע איז אַפילע קיין הונט ניט נאָכגעגאַנגען. דאָס גאַנצע שטעטל האָט, ווי איין אָול, זיך געבראָכן די הענט, געריסן זיך קריִע נאָכן רעציכעדיק אומ־געבראַכטן פּאַרפּאַלק. מיטן טאַטנס קווורע האָט זיך, נעבעך, מיסאַסעק געווען אוראָם־מוישע מיטן שוואַרצן לעדערל אַפן בלינדן אויג, און אַ קאָרעוו זייערער, אַ הינקעדיק יידל, אַ בייגלבעקער. מ׳האָט דעם מעס־טאָמע באַגראָבן הינטערן פּלויט, אַרויס דעם בעסוילעם. באַלד דעם אַנדערן טאָג האָט אַ גאַנצע קאָמיסיע רומענישע אַדוינים — דער פּרימאַר פונעם שטעטל, דער פּערטשעפּטאָר, דער שעף־דע־פּאָסט מיט זײַנע זשאַנדאַרן — אַרומגערינגלט מייער דעם מילנערס שטוב, אַלצדינג אינוויייניק איבערגעקערט האָרע־קאָרע, גענישטערט און געזוכט אי אויבן אַפן בוידעם, אי אונטן אין קעלער, און דאָס אויסגעשטשערבעטע קריגל גאָלד, נאָך אַלע זוכענישן, ניט געפונען. דער דאָזיקער גאַנצער אומגליק איז, פאַרשטייט זיך, געווען אוראָם־מוישעס. מיר, די ביידער־כאַווײרימלעך זײַנע, האָבן אים מערער ניט באַגעגנט. און אַז מיר האָבן אים יאָ אַמאָל באַגעגנט, האָבן מיר געזוכט אים אויסצומײַדן, אוועקגעדרייט דעם קאָפּ פון אים, מער ניט אַ טראַכט געטאָן, אַז מע דאַרף אים שטאַרק־שטאַרק ראַכ־מאָנעס האָבן, נאָר, פאַרקערט, אַוועקדרייענדיק דעם קאָפּ, שטילערהייט דרײַ מאָל אויסגע־שפּיגן און שטילערהייט, אין זיך אַ שעפּטשע געטאָן: שאַקעץ טעשאַקצענו. אײַ, אײַ, אײַ. פונוואַנען האָט זיך צו אונדז גענומען אַזאַ אַכזאָריעס? ווער האָט אין אונדז אַרײַנגעהאַקט, ווי פּלאָקנס, אַזעלכע הארבע, קלאָמפּערשט עטישע, געזעצן? כ׳ווייס ביז הײַנט ניט, וואָס פון דעם דאָזיקן אוראָם־מוישען איז געוואָרן. איז ער געבליבן אַ בלעכער? האָט ער שפּעטער כאַסענע געהאַט, געהאַט קינדער? עפּשער זײַנען ערגעץ די קינדער זײַנע גרויסע מענטשן? עפּשער האָט ער אַליין עפּעס אופגעטאָן גוטס אין זײַן לעבן, שטיל גוטס, וואָס לאָזט זיך ניט דערהערן? עפּשער איז ער גאָר ערגעץ אומגעבראַכט געוואָרן אין אַ געטאָ, פאַרברענט געוואָרן אין אַ קרעמאַטאָריע־אויוון? וויפל כ׳האָב שוין וועגן מײַן ראַשקעוו דערציילט און דערציילט, איז מיר קיינמאָל ניט געקומען אַפן זינען דער נאָמען אוראָם־מוישע. איצט, פּלוצעם, האָט געגעבן אַ שווים אויף, ווי פון אַ פינצטערניש אַרויס, אַ ראַשקעווער ייִנגעלע מיט אַ שוואַרץ לעדערל אַף אַ בלינד אויג. כ׳זיץ און פּײַניק זיך איבער דער דאָזיקער אַכ־זאָריעס. כ׳וויל זי מיט די שורעס מײַנע פאַרגלעטן, פאַרקלענערן. אַז ס׳איז אַכזאָריעס, אין דעם סאָפעק איך ניט.

נאָך מערער: ווער ווייסט, צי איז גאָר אינגאַנצן אַמאָל געווען אַ קריגל צירונג בא מייער דעם מילנער אַפן בוידעם; צי האָט גאָר מייער דער מילנער טאַקע אַרײַנגעוואָרפן אין וואַ־סער לעבן מילעכל זײַנעם אַ פּאַרפּאַלק מיט צוויי שווערע שטיינער אַף די העלדזער? וואָס קאָן ניט פאָרקומען מיט אַ מענטשנס מויעך בעשאַס גסיסע־אַנגסטן!

אָט האָט איר, בעניי־ביי, נאָך איין שטיקל ראַשקעוו.

2

בין איך, הייסט עס, ווידער אין דער היים. דאָס בלאָע טשערנאָוויצער סעמינאַר־היטל טראָג איך מער ניט. אויס סטודענט. כ׳האָב נאָך געהאַט דרײַ כאַדאָשים דעם סעמינאַר צו ענדיקן. וואָס ענדיקן, צוליב וואָס ענדיקן? ס׳איז שוין בײַ מיר געווען מיט אים פאַרענדיקט נאָך איידער כ׳האָב אים אָנגעהויבן. וואָס זשע האָב איך זיך אַריבער צוויי יאָר געמוטשעט? צוליבן היטל — הייסן אַ סטודענט? צוליבן פּאַפּירל — הייסן דערנאָך אַ געענדיקטער? ס׳האָט אָפּאָנעם, געפעלט קויעך און סייכל, אָדער אײַנזאַפּן אין זיך דאָס ביסל סעמינאַר־וויסן ווי סע קער צו זײַן — ס׳וועט אַמאָל צוניץ קומען, אָדער באַלד באַם אָנהייב אַ שלײַדער טאָן דאָס היטל אין דער ערד — אויס, ניט וואַרטן, אַז דרײַ כאַדאָשים פאַרן ענדיקן זאָלן זיי אַ זאָג טאָן: נעם עס, זײַ מויכל, אַראָפּ, האָסט עס מער קיין רעכט ניט צו טראָגן. נאָכן אַרויסלאָזן מיך פון דער טפּיסע בין איך אַפילע אַהין ניט אַרײַנגעגאַנגען. אַ סעמינאַר־באַכער פון מײַן קורס האָט מיך באַגעגנט אַף דער גאַס און אָן מײַסעס באַלד מיר אַ זאָג געטאָן, אַז מ׳האָט מיך פונעם סעמינאַר אויסגעשלאָסן. ער האָט זיך אַפילע קיין קוועטש ניט געטאָן דערבײַ. מעגלעך, דער באַכער האָט געטראַכט, אַז די בסורֿע איז פאַר מיר גאָר ניט קיין שרעקלעכע בסורע. מעגלעך, ער האָט פּונקט ווי זיי פאַרשטאַנען, אַז מיר קומט, אַזוי־אָ, אָן צערעמאָניעס, אָנצוזאָגן אַזאַ בסורע. מיילע, פאַר מיר איז דאָס ניט קיין אומגליק. איך האָב אַף דעם געוואַרט. איך האָב דאָס געוואָלט. איך האָב דאָס אַליין ניט געקאָנט טאָן, האָט די צײַט עס פאַר מיר געטאָן. אָבער זיי, די שיינע בעקאָוועדיקע לײַט? דער ראַבינער מאַרק, דער דאָקטער גאָטליב, און טאַקע דער ווילינקער דאָקטער פּאַראַט? ווי׳אַזוי נעמען עס שיינע בעקאָוועדיקע ייִדן, און מע קוילעט אַוועק אַ ייִדיש ייִנגל? דרײַ כאַדאָשים פאַרן ענדיקן. פאַרן „צוקומען”, ווי איר אַליין האָט דאָך געהאַלטן אין איין זאָגן, „צו אַ טאַכלעס”. פאַרוואָס? דאָס ייִנגל האָט מען דאָך ניט אײַנגעזעצט פאַר גאַנווענען, צי כאַלילע פאַר גאַזלענען, צי אַפילע פאַר טשעפּען עמעצן מיט איין פינגער. זיי האָבן דען אַזעלכע טעמפּע קעפּ און פאַרשטייען ניט, אַז דאָס דאָזיקע ייִנגל וויל דער וועלט זאָל ווערן גוט? און ניט נאָר מיט הוילע רייד וויל ער דאָס, וואָס ער וויל. ער גייט צוליב דעם אָפּקומען. זיצן אין טפּיסעס. ווערן געפּײַניקט. פאַרוואָס זשע האָבן זיי אים נאָך באַשטראָפט? עפּשער פאַר מוירע? עפּשער פאַר שלעכטקײַט? עפּשער פּאַשעט די אַלטע באַוווּסטע געשיכטע: שיינע, בעקאָוועדיקע לײַט.

אַזוי ליג איך אַפן סאָפּקעלע, פאַרנט אין שטוב, לעבן אונדזער קיכל, און דאָס סאָפּקעלע האַלט אין איין סקריפּען — כ׳דריי זיך אַלעמאָל איבער אַף איין זײַט און דריי זיך צוריק איבער אַף דער אַנדערער זײַט. בײַטאָג טראַכט איך וועגן די אַלע סעמינאַר־זאַכן מײַנע מיט אַ שמייכל, בײַטאָג, טראַכט איך, דאַכט זיך, וועגן זיי אינגאַנצן ניט. בײַנאַכט, דאַפקע דרעמלענדיק, אין האַלב־פאַרשלאָפנקײַט, יאַווען זיי זיך אַרויס אין מיר, ערגעץ פון גאָר־גאָר אינווייניק, ניט ווי קיין שמייכל, נאָר ווי אַ מין מישפּעט. אַלע איבערלעבענישן מײַנע, זײַטיקע צי איקערדיקע, קלענערע אָדער גרעסערע, ווערן בײַנאַכט אַף מײַן געלעגער, אין שלאָף צי אַף דער וואַך, פאַרוואַנדלט אין מישפּאָטים. מעגלעך, דאָס וואָרט פּראָצעס, דער קומענדיקער פּראָצעס מײַנער אין טשערנאָוויץ, וואָס הענגט איבער מיר קעסיידער אין אונטערבאַוווּסטזײַן, רופט אַרויס קעגן זיך בײַנאַכט אַף מײַן געלעגער אין שלאָף צי אַף דער וואַך די דאָזיקע אַלע קעגן־פּראָצעסן, קעגן־מישפּאָטים. דער טאַטע אין אַלקערל כראָפּעט און קרעכצט, אוי און אוי. ער איז נאָך געווען דעמלט, דער טאַטע, אַ יונגער מענטש, און כראָפּעט און קרעכצט, ווי אַ זאָקן. די קינדער, צו צוויי און צו דרײַ אַף זייערע געלעגערלעך, פּײַפן אין געשמאַקן שלאָף מיט די נעזלעך, בלאָזן מיט די ליפּלעך, ווער העכער און ווער שטילער, ווער דינער און ווער גרעבער. אין גאַס, לעבן אונדזער דרויסנדיקער טיר, האָט דער נאַכט־סטראַזשניק צוגעשפּאַרט זיך, אָפּאָנעם, כאַפּן אַ דרעמל אַף אַ שטעלכל און כראָפּעט אויך גאָרניט שלעכט. דאָס לעמפּל ברענט אַף דער וואַנט אָנעם קאָלפּעקל, טראָגט איבער זיך אַף דער סטעליע אַ געל רעדל שײַן, ווי אַ פּלאַטשיק פאַרגעלט קאַפּעליושל בײַ אַ פאַרצײַטיקן אוילע־רעגל. איך הער אויף דערקענען, ווען דער טאַטע כראָפּעט און ווען דער סטראַזשניק אין דרויסן כראָפּעט. איך שפּרינג אַראָפּ פונעם געלעגער, כאַפּ זיך אַרײַן אין אַלקערל, און טו אַ טאָרע דעם טאַטנס פוס, וואָס שטעקט אים אַרויס פון דער קאָלדרע מיט די פינגער אַרויף — איך וויל ניט, דער טאַטע און דער סטראַזשניק זאָלן ביידע כראָפּען מיט איין כראָפּעניש. דער טאַטע טוט אַ לעצטן לאַנגן כאָרכל און צעעפנט די אויגן. די מאַמע עפנט אויך אויף די אויגן. זי ליגט לעבן טאַטן אין בעט אײַנגעקנוילט, ווי אַ ניונקעלע, אָן רייד בײַנאַכט און אָן געשרייען, שטיל און וואָרקענדיק, ווי אַ טײַבעלע. זי שטורכעט דעם טאַטן, ער זאָל אַראָפּגיין זען, וואָס

איך וויל, און דער טאטע זיצט דערנאָך אפן סאָפּקעלע לעבן מיר אין די הוילע גאטיעס. אצינד־אָ, אינמיטן נאכט, וויל ער בא מיר וויסן ניט מער און ניט ווייניקער: „נו, וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער, האַ?" איך גענעץ. דאָס גוטע גענעצן. „האָסטו, הייסט עס, באשלאָסן, בלײַבסטו טאקע א היגער?" — טוט ער מיך א פרעג מיטן זעלבן טרויעריקן קאָל און מיטן זעלבן געבעט, ווי פארדרײַיאָרן, ווען ער האָט מיך א פרעג געטאָן: „האָסטו, הייסט עס, באַשלאָסן, פאָרסטו טאקע אוועק?" „אזוי ווײַזט עס אויס, — ענטפער איך, — דערווײַל בלײַב איך א היגער." „וואָס זשע הייסט דערווײַל?" „דערווײַל, טאטע, הייסט דערווײַל", — ליג איך און קוק אפן לעמפּלס פארגעלטן שײַן־קאפּעלירושל אויבן אף דער סטעליע. „הערסט, עפּשער וואָלט געווען א פלאן א רעד טאָן כאלעמויעד מיט א פּאָר באלעבאטים? איצטער, ווייסטע־דעך, איז ביין־האזמאנים. כאלעמויעד איז פונקט די צײַט. מע קאָן זיך צונויפשטעלן א פּאָר טאלמידים". ער וויל, הייסט עס, דער טאטע, איך זאָל ווידעראַמאָל קנעלן מיט זאלמען דעם פּראַצענטניקס טאכשיטל, אויסצאָלן דעם פּראָצענט פאר די עטלעכע הונדערטער, וואָס ער האָט מיט א פּאָר יאָר צוריק בא זאלמענען גענומען, און דער פּראָצענט איז, קיין אײַנהאָ־רע, מיט דער צײַט אויסגעוואקסן העכער און מערער, ווי די עטלעכע הונדערטער אליין. „טאטע, איצטער איז דאָך ניט כאלעמויעד. איצטער איז באנאכט, שפּעט באנאכט". דער טאַ־טע הייבט זיך אוף פונעם סאָפּקעלע, גייט אוועק פון מיר אן אײַנגעהויקערטער, שארט מיט די פיס, ווי א זאקן. איך הער, ווי דער טאטע זאָגט אין אלקערל דער מאמען מיט א שעפּטש: „דאָס וואסער, רייזל, איז מיר שוין איבערן האלדז!" און די מאמע זאָגט עפּעס צוריק דעם טאטן מיט א שעפּטש. זיי שעפּטשען אזוי און שעפּטשען איינער צום אנדערן. איך ווער דערווײַל אנדערמלט. דעם טאטנס וואסער, פיל איך פלוצעם, פלייצט ארײַן צו אונדז אין שטוב דורך די פענצטער, דורכן בוידעם־לעדל, דורכן פּריפּעטשיק אין קיכל. די שטוב פילט זיך אָן, ווי א מיקווע. דער טאטע און די מאמע ליגן ביידע אין בעט איבערגעדעקט די קעפּ מיט דער קאָלדרע. כאָטש דאָס וואסער איז שוין איבערן האלדז, וועט פאר צאָרעס, ווייס איך, אף די געלעגערלעך, ווו די קינדער ליגן צו צוויי און צו דרײַ, מירטשעם, מיט מאזל, אָפּזוכן זיך א פלאץ פאר נאָך איין שוועסטערל. אויבן אפן וואסער שווימט אום מיטן דענעק אראָפּ, ווי א קיילע אונטערצושטעלן אין א רעגן אונטער א צעבראָכענעם דאך, מײַן בלוי טשערנאָוויצער סעמינאר־היטל. אין א פּאָר ערעוופייסעכדיק־אויסגעטאָנענע, פארבלאָטיקטע, לעכערדיקע שטיוול בולבעט דאָס וואסער מיט א ניגן: בול־בול, בול־בול...

3

שמאָלע געסלעך. א שטוב צו א שטוב. א טיר קעגן א טיר. ליקלעך — ניט קיין געסלעך.

א צווייגאָרנדיק שטיבל מיט אן אָנגעגלאָזט וועראנדעלע אויבן, מיט ענגע טרעפּלעך ארוף צום וועראנדעלע. קרומע גאנעקלעך אין שנײַדער־געסל, קאָסע יאטקע־בײַדלעך אין יאטקע־געסל. אין א פענצטער, צווישן א פּאָר אלטע זייגערס, א שילד מיט אן אָנגעמאָלטן ציפערבלאט. אף א צווייטער שילד — צוויי מענטשעלעך מיט מעשונעדיק־שפּיציקע נעז. איין מענטשל זיצט אײַנגעהילט אין א לײַלעך, דאָס צווייטע מענטשל שטייט מיט פארדרייטע וואָנצעס, האלט א שערל אין דער לופטן. אף א דריט שילדל — א רעקל, צי א סערדעט, צי א ווײַבערשער ראָק, צי גיי ווייס־וואָס.

שילדלעך, וויוועסקעס, קלייטלעך, שטעלעכלעך, א טיר מיט אײַזערנע שטאָרן, א בוי־דעם־פענצטערל, לאנגע גאנעקעס, א טיפער אראָפּגאנג אין א באשקע מיט פארדריפּעטע פענצטערלעך בא דער סאמע ערד, לעבן סאמע הילצערנעם טראָטואר.

איין אלטער אקאציע־בוים אנטקעגן ראבינאָוויטשס אפּטייק. א ביסל גרינס? — אפן פּאר־מאָכיקטן דאך פון דער באָד. א העקדעש. אן אײַנפּאָר־הויז. אן אלטע קלויז. א שנײַדעריש שולעכל. א בעסמעדרעש פאר פּראָסטאקעס, ווי ראשקעווער באלמעלאָכעס רופן מענטשן אָן מעלאָכעס אין די הענט.

העט אויבן אף דער פּאָדערשטער וואנט פונעם בעסמעדרעש איז אויסגעעסעט פון שטיין א צעעפנטער סייפער און אין ביידע זײַטן סייפער שטייען אויסגעקריצט צוויי לייבן, איינער קעגן אנדערן מיט אופגעהויבענע לאַפּעס. איבער די לייבן, האלב־קײַלעכדיק, איז אויסגעשלאָגן מיט מאציוועס־קסאוו: „המיסאסעק רעב זוסיע טשאָקלער". ער, דער זיידע זו־סיע מײַנער, האָט זיך מיסאסעק געווען באם בויען דעם בעסמעדרעש, האָט אים אין דרויסן און אינעווייניק אויסגעארכיטעקטערעוועט.

דעם זיידנס זיידעס, דה. דעם זיידנס זיידנס זיידעס, האָבן, אפאָנעם, פארשטיי איך, די דאָזיקע גאנצע ראשקעווער ארכיטעקטור מיטגעבראכט מיט זיך אהער אין אונדזערע מעקומעס ערגעץ, מעגלעך, פון א קארדאָווע, צי פון א רעגנסבורג, צי עפשער גאָר פונעם אלטן פארצייַטיקן פראָג.

די שמאָלקייַט און צווייגאָרנדיקייַט, די טיר קעגן א טיר, דאָס טוליען זיך שטיבל צו שטיבל, איז, מיין איך, ניט קיין סימען פון אמאָליקער גרויסשטאָטישקייַט, אורבאניסטיק, אזוי צו זאָגן. ס'איז גיכער א טוליען זיך איינער צום אנדערן אין אן אייס־צאָרע. אָנטרעטן זיך אָף די פיאטעס. קעדיי איינער דעם אנדערן פילן. ס'איז גיכער א סימען פון פארצייַטיקער געטאָ־ארכיטעקטור.

און, אפאָנעם, איבער די זעלבע זאכן טאקע האָט זי זיך ווייַטער אזוי אופגעהאלטן, איבערגעגעבן זיך פון דאָר צו דאָר, ניט באָטל געוואָרן אין לאנגע יאָרהונדערטער.

דער טאטע, אין דער הויכער שווארצער קוטשמע און אין פוטערנעם פעלצל אָן די ארבל, מיט זייַן טונקל פּאָנעם, מיט די איינגעפאלענע באקן, מיט אלע שטריכעלעך און קנייטשלעך זייַנע ארום דער נאָז, ארום די שווארצע אויגן, אפן שטערן, מיט זייַן אָנכאָכמעסדיקייַט און פּראָסטער אָרנטלעכקייַט, איז אינגאנצן א היגער, א ראשקעווער, א מאָלדאַוואנישער ייִד. דערקענסט ערגעץ אנדערש זייַן היגקייַט צווישן טויזנטער. הער זיך אָבער אמאָל אייַן אין זייַן כליפענדיקער זיפצעניש, ווען ער שטייט צווישן טאָג און נאכט א פארזאָרגטער אָף דער שוועל פון אונדזער טיר. קוק זיך אייַן אין פארוואסערטן גלאנץ פון זייַנע טרויעריקע אויגן. טו א כאַפּ אוף זייַנע בליקן, ווען עמעצער קלאַפּט אָן באנאכט אין פענצטער. מעליצעדיק געזאָגט: מיטגעשלעפטע, דורך לאנגע יאָרהונדערטער, שאָטנס פון פארצייַטיקע געטאָ־מויערן, רייכעס פון פארסמאליעטן לייַב אין שייַטער־פלאמען.

אונדזער מישפּאָכע, פונעם טאטנס צאד, האָט מען אין שטעטל גערופן „די בניי־סאָפרים". כ'האָב עס שוין אמאָל דערציילט. אין יענער צייַט, דעמלט ווען ס'איז נאָך געווען בא וועמען, איז מיר ניט אייַנגעפאלן אויסצופאָרשן, צי בא עמעצן פּאָשעט גוט א פרעג טאָן, אין וועלכן דאָר האָט אן אורזיידע מייַנער געזינדיקט מיט דער פען; וו'אזוי ער האָט געהייסן און ווי ער האָט אויסגעזען; איז ער געווען א גוטער מענטש, צי א שלעכטער; אן אָרעמער, צי ניט גאָר קיין אָרעמער; וואָס פאר א ספאָרים האָט ער געשריבן; וו'אזוי געשריבן, און צוליב וועמען געשריבן; איז ער געווען א שרייַבער, אן עמעסער שרייַבער, צי עפשער גאָר נאָר אן איבערשרייַבער. אלקאָלפּאָנעם, עלטערפעטערס און עלטערמומעס, שוועסטערקינדער, דעם טאטנס, און גלידשוועסטערקינדער, נעענטערע און ווייַטלעכערע קרויווים אונדזערע, דאָס הייסט: דעם סויפערס קינדער, אייניקלעך און אורייניקלעך, האָט דער סויפער, דער אורזיידע מייַנער, ניט מיט קיין גאָר וואזשנער יערושע פארזאָרגט, ניט מיט קיין גאָר גרויסער טאכלעסדיקייַט ארויסגעלאָזט אָף דער וועלט. אלע זייַנען געווען ענלעך איינער אפן אנדערן. אויגן שווארצע, פענעמער איבערגעגעלטע. אָרעמעלייַט — גאדלאָנים. זיי האָבן דיר געקענט אָפּזיצן וואָכנווייַז אָן א ביסן ברויט אין שטוב און קיינעם קיין פּיפּס ניט טאָן. א קלוג וואָרט, א כקירעלע, א דרינגעניש מיטן גראָבן פינגער, צי גלאט אָפּשטיין א האלבן טאָג אָף א מייַסע, הונגעריקערהייט, וועט מען דיר ניט פארבייַטן פארן שענסטן נעגידישן ראָסל. מיט רייד קאָן מען צונויפירן בערג, אופשטעלן שטעט, איבערקערן וועלטן. זאָל אָבער, אשטייגער, נאָר ארויספאלן א טאפליע פונעם פענצטער, וועט מען דיר זיצן א גאנצן ווינטער פארשטעקט די שויב מיט א קישעלע, און זאָל אריַינבלאָזן, לאָז אריַינוויייען — ניט דאָס איז דער גרויסער אומגליק. מ'איז היציק, מ'איז הייס־געבאָדן, מ'איז גרויסע גיבוירים — אין שטוב, צווישן זיך. אין גאס, צווישן מענטשן, גייט מען אום ווייכע, געפאלענע בא זיך, דערשלאָגענע. איין זאך יאָ: דאָס וואָרט „בניי־סאָפרים" טוט מען א זאָג ארויס צווישן מענטשן מיט בלישטשענדיקע אויגן, מיט שטעל. וואָס עמעס, איז עמעס: מיטן אורזיידן דעם סויפער גרויסן זיך די אייניקלעך, די יאָרשים זייַנע. מיט קיין גאָר גרויסער טאכלעסדיקייַט — ניט, נאָר מיט גאָר גרויסער ייִכעסדיקייַט האָט דער אורזיידע מייַנער, דער סויפער, יאָ ארויסגעלאָזט די קינדער, אייניקלעך און אורייניקלעך אָף דער וועלט. כ'זאָג עס אָן א שמייכל, אָן דער מינדסטער איראָניע.

אָט גייט, לעמאָשל, אריבער די גאס אָף די צוגעטריקנטע סטעזשקעלעך, דעם זיידן יעכיעל־אווראָמס א שוועסטער, דעם טאטנס מומע, האָדל.

הינטער איר גייט נאָך די טאָכטער אירע, שיינדל.

די מומע האָדל איז א קליינטשיקע, א נידעריטשקע. שיינדל איז א דארע און א לאנגע.ביידע זייַנען שוין אלטע ייִדענעס. די מומע האָדל, ווייס איך, איז שוין א שיין ביסל יאָרן אן אלמאָנע, און די טאָכטער אירע, שיינדל, זיצט שוין פון א שיין ביסל יאָרן נאָך א מויד —

ס'איז שוין גאָר פריקרע אָנצורופן זי מיטן וואָרט מויד, אפילע אַלטע מויד. די מומע האָדל האַלט אונטער דאָס קליידל אירס מיט א האַנט, דאָס שיינע קליידל זאָל זיך, כאָלילע, ניט אויס־שמירן אונטן מיט קיין בלאָטע. שיינדל שפּאַנט מיט א שטעקן. אזוי לאַנג, ווי זי איז, איז דער שטעקן נאָך לענגער פון איר. זי האַלט אים ניט אויבן, בא אַן עק, נאָר אין דער מיט, בא א העלפט שטעקן. צוליב וואָס דאַרף זי אזא לאַנגן שטעקן ווייסט נאָר איין גאָט. קעדיי, אפּאָנעם, אויסצוזוען לעבן אים א ביסעלע קירצער — ס'איז נאָך, הייסט עס, עפּעס דאָ לענ־גערס פון איר אַף דער וועלט. די צוויי בורנוסלעך זייערע זײַנען אזוי באַליגט און באַנייט מיט לאַטעס, זאָלסט זײַן מיט טויזנט קעפּ, וועסטו ניט אויסזוכן קיין איין פרײַ שטיקל פּלאַץ אוועקצולייגן, אויב מ'עט דאַרפן, א נײַע לאַטע.

די מומע האָדל דערזעט מיך און רופט מיך צו.

— גיב נאָר א קוק, — זאָגט זי, — שיינדל, קיין אײַנהאָרע, איציקס ייִנגל.

זי שפּאַרט אָן א האַנט אַף אַן אַקסל מײַנעם און דעכעט זיך אויס. שיינדל קוקט אַף מיר פון אויבן אראָפּ, קוקט זײַטלדיק, עפּעס, דאַכט זיך, ניט גערן.

— איינגאַנצן איציק, — זאָגט די מומע האָדל, — א קינד זאָל אזוי סאַמעווען מיט א טאַטן!..

— א טאַטנס א קינד... — טוט שיינדל א וואָרטשע בייזלעך, מיט א גראָב קאָל.

— קומסטעך, ווייס איך, פון א גרויסער שטאָט, — מאַכט די מומע האָדל, — זאָג זשע מיר נאָר, כ'בעט דיך, דאָרטן זײַנען אויך דאָ קאַפּצאָנים?

— מאַמע, לאָז אָפּ די קאַפּצאָנים. פרעג אים בעסער אַף שאַלטיקעס, אַף אומליט...

די מומע האָדל פאַרגיט מיר א סאַך קאַשעס, נאָר קיין איין ענטפער הערט זי ניט אויס ביזן סאָף. די ענטפערס דאַרף זי ניט. זי טוט מיר דערנאָך א זאָג דאָס סאַמע־סאַמע איקער־דיקסטע, אפּאָנעם, וואָס זי האָט מיר צו זאָגן: „איי, איז דער זיידע יעכיעל־אוראָם דײַנער געווען אַן ערלעכער מענטש, איי, אַן ערלעכער מענטש!” און טוט מיר דערנאָך א פרעג דאָס סאַמע־סאַמע איקערדיקסטע, אפּאָנעם, וואָס זי האָט מיך צו פרעגן: צי ווייס איך כאָטש גוט, פונוואַנען מיר קומען אַלע אַרויס? אַז שיינדל דערהערט דאָס וואָרט „סופער”, די צוויי ווערטער „בני־סאָפרים”, צעשײַנט זי זיך מיט אזא צעשײַנטקייט אַפן פּאָנעם, גלײַך ווי איצטער־אָ, אין דער־אָ רעגע, האָבן זיך אָפּגעטאָן פון איר אַלע אומגליקן, אַלע בייזקײַטן, און זי איז דער סאַמע לײַטזעליקסטער מענטש אַף דער וועלט.

פון וואָס, אשטייגער, לעבן די מומע האָדל מיט דער טאָכטער אירער שיינדל? מע לעבט. פון גאָרניט לעבט מען. מע פאַרעט זיך אמאָל, ניט פאַר קיינעם געדאַכט, בא א ווײַבערישן מעס. ימע קען דינים, מע קאָמאַנדעוועט שטיל מיט דער וואַשערן, מיט די אווילים. מע ווייסט וואָס מע דאַרף פריִער טאָן און וואָס מע דאַרף שפּעטער טאָן. מע קומט דערנאָך, אין דער שיווע־וואָך, אַרײַן אין דער פאַראַוולטער שטוב, ווי טרייסטערנס, צודערלאַנגערנס. מע טוט, הייסט עס, נאָר גוטס, מײַסים טויווים. קיין נעדאָווס אומזיסט, כאָלילע, נעמט מען ניט. מע זאָל אפילע צען מאָל אין טאָג אויסגיין, כאָלילע, פאַר הונגער.

צי, לעמאָשל, אונדזער שאַפּסע, דעם טאַטנס א פּעטערס א זון. אַן אייגן געשוועסטער־קינדל, הייסט עס. נאָך איין אייניקל, אָדער אורייניקל דעם סויפערס.

שאַפּסע איז געווען א נאָמען אין ראַשקעוו. קליין און גרויס האָט אים געקענט. אַן אַרײַנ־גייער אין אַלע ראַשקעווער הײַזער. ס'הייסט, א צוגייער צו דער טיר, צו דער שוועל פון אַלע ראַשקעווער הײַזער.

זײַן הוילעך און אויסזען: א רעקל מיט לאַנגע אַרבל העגנט אַף א שמאָל גופל, ווי אַף א קינד, וואָס טוט אמאָל א כאַפּ אַרוף אַף זיך דעם פאָטערס א מאַלבעש; א שוואַרץ־גראָוו צעשפּאָלטן בערדל; איין האַנט און איין פוס אָפּגענומען — די האַנט פאַרבויגן, אַראָפּגעהאָנ־גען, דער פוס אונטערהינקענדיק, צוקלאַפּנדיק, ווי א הילצערנער; א שוואַרץ היטל אַפן קאָפּ; שוואַרצע ברענענדיקע אויגן.

מיט דער באַשערטער זײַנער, מיט עסטערן (ראַשקעווער כאַכאָמים פלעגן זי רופן עס־טער־האַמאַלקע), אָן קינדער, פאַרשטייט זיך, האָט שאַפּסע געוווינט אין אַן אָפּגעזונדערט שטיבל, ערגעץ אונטן באַם דניעסטער, צווישן די דרײַ וואַסערמילעכלעך און דער ראַשקע־ווער כאָשעווער באָד. כ'ווייס ניט פאַרוואָס גאַסן־ייִנגלעך, ווײַסעכעוורעניקעס האָבן גראָד אַפן דאַך פונעם דאָזיקן שטיבל שאַפּסעס ליב געהאַט צו וואַרפן שטיינער, ליגן באַהאַלטן הינטער א פּלויטל און אָנקוקן, ווי די מומע עסטער, עסטער־האַמאַלקע, לויפט אַרויס א צעשויבער־טע און שרײַט אַף קוילע־קוילעס: שאַפּ־סע, גע־וואַ־אַלד!

מיט אזא אויסזען, מיט אזא הוילעך און מיט אזא רומל האָט שאַפּסע געקאָנט זײַן אַף די שוועלן פון ראַשקעווער הײַזער דער ערשטער צווישן די ערשטע. נאָר ווידער דאָס איי־

גענע: סאָפּרישע גאַדלאָנעס, שטאָלצע קאַפּצאָנישקייט — בעטלען בעטלט מען ניט, אומזיסט קיין שטיקל ברויט עסט מען ניט.

אַזוי־אָ, לאָם און קרום און אומגליקלעך, האָט ער געהאָרעוועט מער ווי אַ סאַך ראַשקעווער שיינע ייִדן. ער האָט אײַנגעשפּאַנט אין אַ יאָך דעם איבערנאַטירלעכן זיקאָרן זײַנעם, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט, — אויך מינאַסטאַם אַ ירושע־זאַך. ער איז געוואָרן אַ מין ראַשקעווער לעבעדיקער פּינקעס. דער זיקאָרן פֿון אַ גאַנץ שטעטל. אָט קלאַפּט ער אָן אויבן אויפֿן באַרג אין אַ טיר: איר האָט מאָרגן יאָרצײַט נאָך דער באָבע פּעסיען, אָלעהאַשאָלעם; צי ערגעץ אונטן אין גאַס: נאָך אַ פֿעטער באָרעכן; צי נאָך אַ קליין אייפּעלע יאַנקעלע, וואָס איז נעבעך אוועקגעגאַנגען פֿון דער וועלט באַלד אויפֿן אַנדערן טאָג נאָכן בריס־מילע. ער הינקט אום, מיט די לאַנגע אַרבל איבער די הענט, אויפֿן פֿעלד, צווישן די קוואָרים, ווײַזט אָן דאָס בערגל, וווּ מ׳האָט דעם אייפּעלע מיט יאָרן צוריק געטאָן זײַן רעכט. זוכט אָפּ אָן אַלטע אָפּגעריבענע מאַצייווע, וואָס קיינער ווייסט שוין ניט, ווער עס ליגט אונטער איר. פּאַלט אָפּדערנאַכט אַרײַן אַהיים, צו עסטערן, אָן אָנגעפּראָווירענער און פֿאַרבלאָווטער, מיט עטלעכע דאַרע בייגל און אַ פּאָר גראָשן אין קעשענע, ערלעך פֿאַרהאָרעוועטע און קאָשער פֿאַרדינטע.

אַ ראַשקעווער, ווייסט מען, איז ניט קיין פֿאַרגינער: ס׳האָט קיינער קיינמאָל ניט אַ זאָג געטאָן, אַז מיט אַזאַ זעלטענעם זיקאָרן, ווי שאַפּסעס, וואָלט אָן אַנדערער, אין אַנדערע צײַטן, אוועקגעגאַנגען ערגעץ גאָר־גאָר ווײַט. אַ ראַשקעווער האָט אָבער ליב אַ טיפֿע כאָכמע: אַזאַ־אָ שאַפּסע, האָט מען געזאָגט, ווען ער האָט סייכל, וואָלט דאָך מיט אַזאַ אויסגעשפּילטן זיקאָרן געקאָנט ווערן אָן אוישער. ער קען דען ניט אָנזאָגן די זעלבע יאָרצײַטן פֿיר מאָל אין יאָר?..

אַזוי האָבן זיך אומגעבלאָנקעט צווישן די שמאָלע ראַשקעווער געסלעך דעם סויפֿערס, דעם אורזיידנס אייניקלעך. עס פֿלעגט מיר אויסקומען, אַז אַזאַ שאַפּסע און אַזאַ מומע האָדל מיט דער טאָכטער אירער שיינדל, וואָס מוזן, הייסט עס, פֿאָרען זיך אַרום טויטע און פֿאַרשטאָרבענע, באַדינען אָן אַלטע טויטע וועלט, גייען אַליין אַרום ווי לעבעדיקע באַרמינענס, שוועבן ערגעץ איבער אָפּגרונטן צווישן לעבן און שטאַרבן, צווישן יאָ זײַן און ניט זײַן.

כ׳האָב געריסן פֿון זיי שטיקער און ס׳האָט געריסן דאָס האַרץ, קוקנדיק אויף זיי. זאָל איך זיי אויך אַרײַנשטעלן אין צעטל געקריוודעטע און באַאוולטע, פֿאַרשעמטע און דערנידעריקטע? ווי?אַזוי? מיט וואָס? ווער וועט זיי וועלן מיטנעמען? זאָלן לעבעדיקע מייסים שטיל אָפּגיין אין זייער רו אַרײַן, נעלעם ווערן.

איצט, נאָך טשערנאָוויץ אין יענע עטלעכע וואָכן אין דער היים צווישן פּייסעך און שוועס, נאָכן אָפּזיצן מײַנעם די פּאָר כאַדאָשים אין טפּיסע און נאָכן עלטער ווערן דאָרטן אויף אַ פּאָר יאָר, האָב איך פֿלוצעם אָנגעהויבן טראַכטן, אַז זיי, די אומגליקלעכע און אָרעמע אייגענע מײַנע, מיינט דער כעזשבן אויך. כ׳בין געפּײַניקט געוואָרן און אָפּגעקומען און וועל ווײַטער געפּײַניקט ווערן און אָפּקומען, קעדיי אויך זיי, די דאָזיקע בידנע שטאָלצע קאַפּצאָנים, זאָלן האָבן זייער שטיקל כיילעק אין דער וועלט.

קאָן זײַן, אַז גראָד אין יענע טעג האָט דער אַלטער ראַשקעווער ספּאָרים־שרײַבער, אין לאַנגע יאָרן אַרום, איבער דורעס געפּאַלענע און דערשלאָגענע „בניי־סאָפֿרים“ זײַנע, ווידער אָנגעקניפּט זיך אין אַ ווײַט־ווײַט אייניקל...

4

„וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער, האַ?“ דעם טאַטנס אייביקע פֿרעגעניש. זיך, דער וועלט, ווען אַ קינד ליגט קראַנק, ווען אַ קינד, כאָלילע, פֿעלט זיך, ווען אַ קינד וואַקסט אונטער, ווען מ׳איז איבערן קאָפּ אײַנגעטונקען אין כויוועס, ווען אַלצדינג גייט שלים־שלימאַזל, ווען ס׳איז גוט קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן — און ווען איז דעם טאַטן ניט קאַלעמוטנע אויפֿן האַרצן?

מע קאָן אַזוי אַלץ פֿרעגן און פֿרעגן, דעם ווײַטער אַלץ ווײַטער און ווײַטער איבערוקן, ביז העט־העט, אין יענעם שיינעם לעצטן טאָג — אָפּגעפֿרעגט, אָפּגעדריפּעט אַ לעבן, ווי ער אַליין, דער טאַטע, האָט ליב אַ זאָג צו טאָן.

דאָס דאָזיקע פֿרעגעלע זײַנס פֿרעגט ער מיך איצטער מער ניט. ער שווײַגט שוין. דערווײַל — איז דערווײַל. כ׳האָב געטאָן זײַן ווילן, און דערווײַל, ביז עפּעס־וואָס, וויפֿל איך בלײַב נאָך דאָ אין דער היים, אָנגעזאָטלט די פּלייצע מײַנע (כ׳האָב שיר ניט געזאָגט: דעם האָרב מײַנעם), ווי מע זאָטלט אָן אַ קעמל, מיט „שטונדן“. גאַנצע צען־צוועלף שטונדן. צען־צוועלף הײַזער (ווידער „הײַזער“, „שוועלן“), וווּהין איך קום אַרײַן אַלע טאָג אויף אַ דרײַ

פּערטל שאַ, זיצן און לערנען מיט א קלײן טאַלמידל. איך זיץ, פאַרשטײט זיך, ניט מיט קײן טײַטל אין דער האַנט און ניט מיט קײן יאַרמלקעלע אפן קאָפּ. נאָר עס זעט מיר בעמײלע אויס די זעלבע יענטע, א ביסעלע אנדערש געשלײערט. פאַרקערט: איך גײ נאָך צו זײ, טראַג נאָך יעדערן באַזונדער אָפּ די סכוירע אהײם. פּונקט אַזעלכע „שטונדן", אזא „לערערײַ", האָב איך געטראָגן אף זיך פאַרצװייִיאַרן, פאַרדרײַיאָרן, אײדער כ'האָב זיך ארויסגעריסן אין דער גרויסער װעלט. און אװעק בין איך, װײסן מיר גוט, קײן טשערנאָװיץ אין סעמינאַר, קלאַמ־פּערשט „פאַרפּולקומען" זיך אלס לערער — קעדײ ארויסרײַסן זיך פון אזא־אַ לערערײַ. איז איצט, נאָך דעם, װאָס ס'איז פאַרגעקומען דאָס, װאָס ס'איז פאַרגעקומען, און כ'האָב זיך שוין פונעם סעמינאַר אויך ארויסגעריסן, זאָל זײַן — עס האָט מיך ארויסגעריסן, גײ איך ערשט צוריק אום דאָ, אין ראַשקעװ, פון גאַנצפרי ביז אפּדערנאַכט, אין צען־צװועלף הײַזער און טו ערשט קוים װידער דאָס זעלבע, װאָס כ'האָב דאָ געטאָן פאַרצװייִיאָרן, פאַרדרײַיאָרן. א שײַ־בע מײַסע. א שײנער װײַטער.

נאָר אז מע װיל, איז עס ניט מעסוקן.

דאָרטן, אין דער גרויסער שטאָט, האָב איך דען ניט געגעבן קײן שטונדן? נאָך שענער: כ'געדענק יענעם גליקלעכן טאָג, װען כ'האָב דאָרט אַזעלכע־אַ פּאָר שטונדעלעך געפּאַקט. עמעס, דאָרטן האָב איך שטונדן געגעבן זײַטיק, אזוי צו זאָגן, קעדײ קענען ארויסהאַלטן זיך, ניט הונגערן, און קענען דאָרט װײַטער טאָן דעם איקער. דאָ, זע איך, זײַנען זײ, די שטונדן, מײַן איקער. פון אינדערפרי ביז פאַרנאַכט גײ איך אום אין צען־צװועלף הײַזער, טראַג אף זיך, װי ס'איז, אפּאַנעם, אין מײַן נאַטור, דעם דאַזיקן זײער ניט ליבן יאָך ניט געפּאַלשעװעט. לײג אפילע, װײַס'איז־ניט־איז, ארײַן אין דעם האַרץ, מויעך. פאַרשפּעטיק קײנמאָל אין ער־געץ ניט, טו אלצדינג, די טאַלמידים זאָלן מיך ליב האָבן, ארויסקוקן אף מיר. פיל, מיט אײן װאָרט, װי דער דאַזיקער ניט ליבער יאָך, דער באַרג אף די פלײצעס קאָן מיך פּאַװאָ־ליע גוט־גוט צופּלעטשן.

ניט מעסוקן איז עס איבער עפּעס אנדערש. ערשטנס — דערװײַל; צװײטנס — העלפן פּונ־דעסטװעגן דעם טאַטן א ביסל אויסגלײַכן זיך די בײנער; דריטנס — װי עס זאָל ניט זײַן, א טועכץ איז עס, עס הײסט ניט אומגעגאַנגען באַטל, געפּוסט־און־פּאַסעװעט.

כוץ דעם, עפּשער איז גאָר אזוי גלײַכער, האַ? מיט ראַשקעװ, װײס איך, שפּילט מען זיך ניט. פריִער, פאַרצװייִיאַרן און פאַרדרײַיאַרן, איז מיר װײניק־װאָס אָנגעגאַנגען, װאָס מענטשן װעלן רעדן. פאַרקערט: װאָס ערגערס מענטשן האָבן גערעדט, אלץ בעסער, האָב איך געטראַכט, איז עס פאַר מיר, ניט װי א מין צולאָכעס־זאַך, נאָר װי א מין גוטער סימען, אז גערעכט בין איך, אז די גאַנצע קרומקײַט דער װעלטס גלײַכט זיך ניט אויס, װײַל מענטשן װילן גיכער, די בלאָטע זאָל שטײן אזוי װי זי שטײט, אײדער עמעצער זאָל זי טשעפּען, צעקלויצן. גוט־שלעכט, ביטער װי גאַל, נאָר זאָל שוין זײַן אזוי װי ס'איז און זאָל קײנער ניט װעלן עפּעס איבערשטעלן, איבערקערן, בעסער מאַכן. מיט ראַשקעװער קאַפּמענטשן שפּילט מען זיך ניט. פאַרצװייִיאַרן, װען כ'האָב אײנמאָל אף א טעאַטער־אַפיש אָנגעצײכנט מיט שײנע געדרוקטע אויסיעס דאָס װאָרט „שבת" מיט אן „א" נאָך דער שין, אן „ע" נאָך דער בײס און א סאַמעך אפן אָרט פון דער „ת" — נעמלעך הײַנט שאַבעס, דעם אַזויפלטן און אַזויפלטן, װעט מען דאָ און דאָ שפּילן די פּיעסע „דער דאָרפס־יונג", האָט א גאַנצער אוילעם ארומגערינגלט אונדזער שטוב און געמאַנט באַם טאַטן, ער זאָל מיך זײ ארויסגעבן. ס'האָט זײ ניט געפּרײט ניט די שײנע אָנגעמאָלטקײַט מײַנע אף דער אַפישע, ניט דער טעאַ־טער, װאָס איז שוין לאַנג אין ראַשקעװ ניט געװען, און װעט הײַנט שאַבעס יאָ זײַן. דאָס װאָרט שאַבעס, װאָס איז אָנגעשריבן געװאָרן ניט אזוי, װי מ'האָט עס ביז איצטער געשריבן, דאָס האָט זײ ארויסגעבראַכט פון די כײלים. זײ האָבן די אנדערשקײַט אָנגערופן „מעכאַלעל געװען". זײער קומען שאַבעס־קוידעש מיט שטעקנס אין די הענט און שאַבעס־קוידעש מיך װעלן דוירעס זײַן, דאָס האָט, פאַרשטײט זיך, ניט געהײסן „מעכאַלעל געװען". דער טאַטע איז געשטאַנען אף דער שװעל פון דער טיר א בלײכער, מיט װײַסע ציטערנדיקע ליפּן, און דאַפקע ניט איבערגעשראָקן זיך, און דאַפקע געהאַלטן מיט מיר, א יעכץ געטאָן צום אוילעם: „פּערע־אָדאָמס!" איך בין ארויס פון דער שטוב דורך דער הינטערטיר מיט א געלעכטער, ארוף צו זשעניען און מיר האָבן ערשט דאָרט, אײנינעם מיט זשעניעס מוטער, אלע גוט געלאַכט. אפּדערנאַכט איז מען יאַקאָס אין טעאַטער געשטאַנען קאָפּ אף קאָפּ. איך האָב אין „דאָרפס־יונג" געשפּילט יאַנקל בוילע, זשעניע — נאַטאַשען, דער אוילעם האָט אונטערגעהויבן דעם זאַל, געהאַלטן אין אײן פּליעסקען, און דאַכט זיך, אז צװישן די פּליעסקערס זײַנען גע־װען א פּאָר פון די „פּערע־אָדאָמס" אויך. נאָר דאָ האָט שוין גיכער געאַרבעט דער קויעך פון טעאַטער, אײדער די שװאַכקײַט פון א ראַשקעװער נאַכצוגעבן. א ראַשקעװער איז גראָדע

ניט קיין באַלן אַזוי־אַ איינס־צוויי נאָכצוגעבן. אַ ראַשקעווער האָט אין זיך אַזאַ ביטערע איינגעשפּאַרטקייט, ער וועט דיר ניט נאָכגעבן צוריק, זאָלסט זיך אַפילע שטעלן אָפן קאָפּ. דעמלט אָבער, פאַרצווייערן, האָט עס מיך וויינינק־וואָס געאַרט. פאַרקערט: ס׳האָט מיר גאָר דערפון נאָך האַנאָע געטאָן.

פונקט אַזוי, קאָן מען זאָגן, האָט מיך וויינינק געאַרט און ס׳האָט מיר אַפילע געטאָן האַנאָע, ווען איינמאָל, אָפן אַנדערן טאָג יאָמקיפּער, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז עטלעכע כּעוורע אונדזערע האָבן נעכטן, אין סאַמע יוים־האַדין, ווען עס ציטערט אַ פיש אין וואַסער, ניט נאָר ניט געפאַסט, ווי אַלע מענטשן פאַסטן, נאָר זײַנען אַוועק צו גיטל דער מעשומיי־דעסטע און אָזש אָנגעגעסן זיך מיט טרייפענעם קאָלבעס, אָפּצולאָכעס, הייסט עס, דעם מע־לעך־מאַלכיי־האַמלאָכים און אָפּצולאָכעס אַ שטאָט מיט יידן. ס׳איז געווען אַ פּוסטער קלאַנג, צי ניט קיין פּוסטער קלאַנג. נאָר איך האָב געהאַט האַנאָע, וויאַזוי די פּערע־אָדאָמס, גאָטס סטראַפּטשעס, ווי מענדעלע רופט זיי, אַרבעטן כּוישעך, זײַנען גרייט צו קוילען, וואָרגן, שיסן, הענגען, פאַרשטיינען, דערטרינקען, פאַרסאַמען, אָנטאָן אַלע מיסעס, וואָס ווערן אויס־געדערכנט אין אונסאָנע־טויקעף, און וויַזן דערמיט, הייסט עס, גוט, וואָס פּאָר אַ פּאָנעם זיי האָבן אינייַנעם מיטן אייל־ראַכום־וועכאַנון זייערן. כאָטש דאָס מאָל איז אויך דער טאַטע אומגעגאַנגען אַ גאַנצן אָפּדערנאַכט אין שטוב אָן אָנגעבלאָזענער, ניט געקוקט אין מײַן זײַט און ניט אויסגערעדט קיין וואָרט מיט מיר.

איצטער, נאָך טשערנאָוויץ, זעען מיר די אַלע זאַכן אויס קליינשטעטלדיקע ייִנגלשקייטן. מיט זשעניען באַגעגן איך זיך מער ניט. צי זשעניע באַגעגנט זיך מער ניט מיט מיר. איך הייס דאָך שוין אַ געזעסענער. און זשעניע הייסט נאָך פונדעסטוועגן אַ באַלעבאַטישע טאָכ־טער, אַ מיידל, וואָס שטייט אין שידוכים, און דאַרף הײַנט־מאָרגן צוקומען צו אַ שטאַנד. אַפילע פּאַשעט טעאַטער שפּילן פּאַסט שוין ניט צום רומל. פון מאַליען ביז זשעניען איז, קיין אײַנהאָרע, אַזאַ ווײַטקײַט, ווי די ווײַטקײַט צווישן די אַלע זאַכן, וואָס כ׳האָב שוין דאָרט אין טשערנאָוויץ געטאָן, און די דאָזיקע ייִנגלשע היצענישן, מיט וועלכע כ׳האָב זיך דאָ פּאַר־צווייערן געהיצט. כ׳ זע זיך אַ סאַך עלטער, אײַנגעצויגענער אין זיך, אַרײַנגעטראַכטער. מיט די כעוורע מײַנע אָפּדערנאַכט אונטן אין גאַס, צי אַפילע שאַבעס באַטאָג אין דער גיטמאַני־כעס גאָרטן, אָדער אין קלימעוצער וואַלד אָף אַ שפּאַציר, ראַש איך זיך מער ניט. מײַנע דרײַ אַמאָליקע כאַווײרים פון „אַ קאַפּיטל ראַשקעווו", וויגדער, ניסל און ניוקע, זײַנען אין שטעטל ניטאָ. ניוקע דינט, וויגדער און ניסל אַרבעטן אין יאַס זייער שנײַדערײַ און סטאָ־ליערײַ. אַרקע און פּרידל, דאָפּקע צוויי ווילע, פאַרשטאַנדיקע ייִנגלעך, באַוווּסטזיניקע, ווי מע פלעגט דעמלט זאָגן, שוין, אַפּאָנעם, שטיקלעך טוער אין שטעטל, און בײדע דאָפּקע אין איין עלטער מיט מיר, צי עפּשער גאָר אַפילע מיט אַ יאָר אָדער צוויי עלטער פון מיר, זעען מיר עפּעס אויס גאָר גרינע, גאָר יונגע, צי זיי דאַכט זיך עפּשער אויס, אַז איך גאָר האַלט זיך עלטער און וואַזשנער — קיין לײַטישער שמועס און קיין גרויסע כאַווערשאַפט קנופּט זיך עפּעס ניט צונויף צווישן אונדז. כאָץ דעם האָב איך טאַקע גוט אין זינען, אַז איך הייס שוין אַ געזעסענער. אַרויסגעלאָזט פון דער טפּיסע האָט מען מיך דערוויַל ביזן פּראָ־צעס. כ׳האָב עפּשער ביז דעמלט ניט געטאָרט אוועקפאָרן פון דאָרט. קיינער ווייסט עס דאָ ניט. איך אַליין מאַך זיך דערפון אויך ניט וויסנדיק, צוליב וואָס זשע ווידער ראַשן, היצן זיך, וואַרפן זיך אין די אויגן? מיט ראַשקעוו, האָבן מיך דאָך געזאָגט, שפּילט מען זיך ניט. איז טאַקע עפּשער גאָר ניט קרום, וואָס איך טראָג אָף די פּלייצעס די עטלעכע לײַטישע שטונדן מײַנע, גיי אום, פון גאַנצפרי ביז אָפּדערנאַכט, אין צען־צוועלף הײַזער, אַלע טאָג אומעטום אָף אַ דרײַ פערטל שאָ, לײַטיש, גלײַך ווי גאַרניט, זיצן און לערנען מיט אַ קליין טאַלמידל. ס׳איז עפּשער, רעד איך מיך אײַן, גלײַכער אַזוי.

וואָס זשע וועט זײַן ווײַטער, האַ?

איך זינג אויס די דאָזיקע פינף ווערטער מיט אַ צעצויגן ניגנדל. פלוצעם. מיר־ניט, דיר־ניט. און דאָס זעקס־זיבניאָריקע טאַלמידל מײַנס, פּייסי ריוויליס מיזיניקל, כאַזמל, טוט אַ הייב אוף צו מיר פונעם העפטל אַרויס די אייגלעך, הערט אוף קײַען דאָס שפּיץ ציינגל זײַנס, קוקט מיך אַ רעגע אָן, האַרעוועט באַלד ווײַטער, מיטן קעפּל אין העפט, באַם שורע־גריסל, און פונקט מיטן זעלבן צעצויגענעם ניגנדל קרימט ער זיך מיר, אַפּאָנעם, נאָך, כאַזערט אײַ־בער שטיל, צווישן די ציינדלעך, ווי אַ ווײַט־ווײַט ווידערקעלכל: וואָס־זשע־וועט־זײַן־ווײַ־טער, האַ?..

דער טאַטע פרעגט מיך מער ניט די אײביקע פּרעגעניש זײַנע. איך פרעג זיך שוין אַליין.

5

כ׳מוז ווידער אראָפּכאַפּן א ביסל אין א זײַט און דאָ־אָ, אויב ס׳איז שוין יאָ געקומען צו רייד וועגן אמאָליקע ראַשקעווער כּאַוויירים און כּאַווייריםלעך מײַנע, ווידמענען א פּאָר זײַטלעך כּאַנע אַדעסקין.

כ׳וויל, די זײַטלעך זאָלן שטיין באַזונדער, אויסטיילן זיך, ווי א דענקמעלעכל, זײַן ליכ־טיקן אַנדענק. א באַזונדער דענקמעלעכל קומט אים.

אי איך טרעט אָפּ אין א זײַט, אי איך טו א שפּרונג איבער אַף א צענדליק יאָר שפּעטער. אין אוקראַיִניש שטעטל קאַדימע, ניט גאָר ווײַט אַף יענער זײַט דניעסטער, ערגעץ צווישן באַלטע און בערשאַד, שטייט אונטן אין א טאָל א הויכער מעמאָריאַל־שטיין מיט אויסגעקריצטע עטלעכע הונדערט נעמען. דאָ אונטן אין יאַר, לעבן באַרג־אָפּשיט, ליגן דער־שאָסענע און לעבעדיק־באַגראָבענע אין יענע ערשטע מילכאָמע־וואָכן, ווען די היטלער־ראָצ־כים זײַנען דורך קאַדימע דורכגעגאַנגען.

גאַנץ ראַשקעוו האָט זיך עוואַקוִירט. גאַנץ ראַשקעוו, ניט ווי מע טוט עס אַמאָל אַזוי א זאָג. נאָר אָן שום גוזמע, קינד־און־קייט, קליין און גרויס, איבערגעלאָזט האָק־און־פּאָק, שטיבלעך און אַלצדינג, וואָס אין די שטיבלעך, בוידעמער און קעלערס, אפילו דאָס ביסל בעטגעוואַנט, אפילו דאָס טעפּל קוליש, וואָס האָט זיך געקאָכט אַפּן פּריפּעטשעק, ווער מיט א פּורל, ווער צופוס, ווער אַריבערשיפּנדיק זיך מיטן פּאַראָם, ווער מיט א שיפל און ווער אפילו גלאַט אַריבערשווימענדיק. מיט איין וואָרט, גאַנץ ראַשקעוו איז נאָכגעגאַנגען כּאַנע אַדעסקין, געטאָן דאָס, וואָס כּאַנע אַדעסקין האָט געצייצט. ס׳הייסט, וועמען געצייצט, וועמען געבעטן און וועמען, זאָגט מען, אפילו געסטראַשעט, אָנגעכאַפּט באַם גאָרגל, געשאָלטן, ווי ס׳איז קיינמאָל ניט געווען אין זײַן טעווע, אין טאַטנס טאַטן אַרײַן. קעגן וועמען־וועמען, נאָר קעגן כּאַנען זײַנען די גרעסטע ראַשקעווער אַקשאָנים געוואָרן ווייך ווי טייג. אַזא קויעך האָט כּאַנע אין זיך געהאַט. ביפּראַט אין אַזא צײַט, אין אַזא אומגליק, ווען די גרעסטע אַק־שאָנים ווייסן אַליין ניט, צי דאַרף מען זיך אַקשענען אַף ניין, צי איז עפּשער גלײַכער אָק־שענען זיך אַף יאָ. געבליבן זײַנען נאָר א פופצן־צוואַנציק זקיינים און זקיינעס. צונויפגע־זאַמלט זיך אַלע אין איין שטוב. די זקיינים — אײַנגעהילט אין זייערע טאַלייסים, די זקיי־נעס — מיט די טכינעס אין די הענט. און אַזוי־אָ, נעבעך, זײַנען געקומען די מערדער, די רומענישע פּאַשיסטן, אַרויסגעשלעפּט זיי אַלע אין דרויסן, און אַזוי־אָ, די זקיינים, אײַנגע־הילטע אין די טאַלייסים, די זקיינעס מיט די טכינעס אין די הענט, אַרײַנגעוואָרפן זיי איינ־ציקווײַז אין א טיפער קערנבעצע, פּאַרשיט מיט זיי די קערנבעצע ביז אַרוף, פּאַרקלאַפּט דער־נאָך דאָס דעקל פונויבן מיט טשוועקעס.

גאַנץ ראַשקעוו האָט זיך עוואַקוִירט, נאָר ווייניק ראַשקעווער האָבן זיך געראַטעוועט. אַף די פּורלעך און צופוס, פּאַוואָליע־פּאָרער און שווער־גייער, מענטשן, וואָס האָבן זיך ביז דעמלט אין זייער לעבן פונעם שטעטל ניט אַרויסגערירט, זײַנען סאָפּקאָלסאָף דעריאָגט גע־וואָרן, פּאַרכאַפּט געוואָרן פון די דײַטשישע קוילערס אין די ערטער, וווּ זיי זײַנען געבליבן שטעקן, ווער באַלד אין עטלעכע טעג אַרום, ווער שפּעטער, ווײַטער, אומגעבראַכט געוואָרן אַפּן פּלאַץ, צי דערנאָך אַף די וועגן צוריק, צי אין כּאַדאָשים אַרום אַף די וועגן קיין טראַנס־ניסטריע, צי נאָך שפּעטער אין די טראַנסניסטריִע־געטאָס אַליין.

א שטיק ראַשקעוו, די סאַמע פּאָן, מעג מען זאָגן, — יונגוואַרג, יונגע מאַנצבלען — ליגט אונטערן קאַדימער הויכן מעמאָריאַל־שטיין. אַף א מאַרמאָרנעם טאָוול, צוגעפעסטיקט באַ דער זײַט, זײַנען די ראַשקעווער העלדן אויסגערעכנט. דער ערשטער צווישן זיי, אויבן, שטייט כּאַנע אַדעסקי.

קיין באַזונדערע, ניט געוויינלעכע העלדישקײַטן קאָן איך כּאַנע אַדעסקין ניט צושרײַבן. פּינקטלעך וואָס און ווי־אַזוי ס׳איז געשען, האָט מיר קיינער ניט געקאָנט דערציילן. מע זאָגט, מ׳האָט באַ די ראַשקעווער כּעוורע געפונען געווער: א ביקס, יאַקבע, א פּאָר גראַנאַטן. ווי קומט צו די ראַשקעווער כּעוורע געווער? דער גרויסער שיסער, וואָס כּאַנע אַדעסקי איז גע־ווען? מע זאָגט, א ראַשקעווער ייִנגל האָט זיך אַרופגעוואָרפן אַף א דײַטשישן אָפיצער, א ריס געטאָן די עפּאָלעטן זײַנע. גלאַט אַזוי, הייסט עס, אַרופגעוואָרפן זיך אַף א דײַטשישן אָפיצער און א ריס געטאָן די עפּאָלעטן זײַנע? ס׳האָבן זיך אפילו געפונען א פּאָר כּאַכאָמים, וואָס האָבן געזאָגט, אַז שולדיק אין דער גאַנצער געשיכטע איז טאַקע ער, כּאַנע אַדעסקי. באַלד, ווי מ׳איז געבליבן פּאַרכאַפּט אין קאַדימע און מ׳האָט זיך וויי־ניט־איז צעשטעלט אין הײַזער, ערגעץ אין א שקאָלע, אין א ליידיקן באַראַק, איז כּאַנע אַדעסקי אומגעגאַנגען און

געבונטעוועט דעם אוילעם: מע דאַרף ניט שווײַגן, מע דאַרף עפּעס אָנהייבן טאָן. מע דאַרף ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ס'איז עפּשער נאָך געווען צו פרי, זאָגן די כאַכאָמים. זיי האָבן דאָך דערווײַל קיינעם ניט געטשעפּעט, האָט מען זיי געדאַרפט טשעפּען? איך זאָג אויך, אַז שולדיק אין דער גאַנצער געשיכטע איז ער, כאַנע אַדעסקי. און טאַקע דעריבער ווידמע איך זײַן ליכטיקן אָנדענק אַ פּאָר באַזונדערע זײַטלעך. שטעל אים אויף, לעבן קאַדימער מע־מאָריִאַל־שטיין, אַ קליין באַזונדער דענקמעלעכל.

אַ ראַשקעווער ווײַבל, צווישן די געציילטע לעבנגעבליבענע דעמלט אין קאַדימע און דערנאָך נאָך קאַדימע, האָט מיר דערציילט, אַז זי איז געשטאַנען אויבן אַפן בארג און מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי מ'האָט אונטן אין טאָל די ראַשקעווער כעווראַ געשאָסן. די טאַטעס און די מאַמעס, די ווײַבער, שוועסטער, אייגענע, און גלאַט ראַשקעווער, האָבן די ראַצכים צונויפגעטריבן אַרויף אַפן בארג. אַלע זאָלן אויבן זען מיט די אייגענע אויגן. כאַנע אַדעסקי איז קעגן די סאָלדאַטן מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן געשטאַנען אַרויסגערוקט אַ ביסל פאָרנט. ער האָט פּלוצעם אָנגעהויבן עפּעס שרײַען, צי עפּעס זינגען. מ'האָט פּינקטלעך ניט געקאָנט וויסן. נאָר דאַכט זיך, אַז זינגען. און דאַכט זיך אַפילע די ווערטער „דאָס וועט זײַן אונדזער לעצטער...". מאַכמעס די ביקסן האָבן אָנגעהויבן שיסן פּונקט דעמלט, ווען די איבעריקע כעווראַ האָבן שוין אויך געשריגן צי געזונגען. און דאָס געשריי צי דאָס געזאַנג האָט זיך אויסגעמישט מיט די שיסערײַען, און אָהער, אויבן אַפן בארג, האָבן זיך נאָר דערטראָגן אָפּגעהאַקטע ווידערקוילעס.

דערנאָך האָבן די קוילערס אַראָפּגעטריבן די אייגענע אין טאָל און זיי געשטופּט לאַפּעטעס אין די הענט. דער אוילעם איז אַרופּגעפאַלן מיט געוויינען אַף די באַרמינענס, מ'האָט געכאַלעשט, געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. די סאָלדאַטן האָבן מיט די ביקסן און מיט די לאַפּעטעס געהאַקט די מענטשן איבער די קעפּ, געמאַנט, מע זאָל אָנהייבן גראָבן. עמעצער האָט אַ געשריי געטאָן: „ייִדן, מע דאַרף די טויטע סײַוויסײַ ברענגען צו קווורע!" איצטער זײַנען אויבן אַפן בארג געשטאַנען די סאָלדאַטן. געשטאַנען מיט די אויסגעשטרעקטע ביקסן אין די הענט. ווען די גרוב איז שוין געווען אויסגעגראָבן, די באַרמינענס אַראָפּגעלאָזט אין איר, האָט זיך ערשט דעמלט אָנגעהויבן אַ שיסערײַ. אייניקע זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין פאַרטיקן קייווער, אַנדערע זײַנען זיך צעלאָפן און געבליבן ליגן אַרום־און־אַרום אַפן בארג־אַפּשיט. די גוואַלדן און די געשרייען און די פאַרבלוטיקטקײַטן זײַנען ניט איבערצוגעבן.

וויפל ראַשקעוו איז ראַשקעוו, האָט עס נאָך אַזוינס ניט איבערגעלעבט. סײַדן אַמאָל, צוריק מיט דוירעס, איידער ראַשקעוו איז געוואָרן ראַשקעוו, אין די צײַטן פון אינקוויזיציעס, בלוטיקע רעדיפעס, ווען מ'האָט ייִדן אויך אַזוי־אַ, אָן אַ פּאַרוואָס און אָן אַ פאַרוועגן, געוואָרפן אין שײַטערהויפנס.

ס'איז אויסגעקומען, הערט איר, גלײַך ווי אייניקלעך פון יענע אַמאָליקע מערדער און קוילער זײַנען געקומען אָהער אין אונדזערע מעקוימעס, אַפּזוכן די אייניקלעך פון די אַמאָליקע קאַרבאָנעס און קדושים, און דאָס שטיקל אַרבעט זייערע זיידעס אַרויסענדיקן, אַפּטאָן עס ביזן סאָף, ווי עס קער צו זײַן...

כ'קער זיך אום צוריק צו יענע ערעוופייסעכדיקע און נאָכפייסעכדיקע עטלעכע וואָכן מײַנע אין דער היים, און זע כאַנע אַדעסקין אין זײַן העלער זומערדיקער טוזשורקע מיט די פיר אופגעלייגטע קעשענעס. אַזוי האָט ער ביזן סאָף פון זײַן לעבן ליב געהאַט צו טראָגן אַ טוזשורקע מיט פיר קעשענעס.

כאָטש ער איז נאָך קיין פולע צוואַנציק יאָר ניט אַלט, שנײַדט זיך אים שוין אַפן קאָפּ אַ ווויל פּליכל, דערווײַל — צוויי ברייטע ווינקלען איןביידע זײַטן שטערן.

ער רייכערט אַ ציגאַרעט, פאַרצי׳ענדיק אַן אויג, ווי ער וואָלט נאַרוואָס אָנגעהויבן רייכערן, און איז נאָך מיט די האַרבע רויך־קרײַזעלעך ניט קיין גוטער־ברודער. כאָטש רייכערן רייכערט ער פון קליינערהייט אָן, און אין דער היים האָט מען אים פון קליינערהייט אָן געלאָזט רייכערן איבער צוויי זאַכן: ערשטנס, ווײַל ער איז אַן איין־און־איינציקער זון, אַ ציטעריקער — פּרוווּ, לאָז אים ניט; צווייטנס, איז באַ די אַדעסקיס אַזאַ שטוב — קינדער לאָזט מען פון קליינערהייט אָן אַליין שטיין אַף די פיס, אַליין דאַרפן וויסן, וואָס ס'איז פאַר זיי גוט און וואָס ס'איז פאַר זיי ניט גוט.

אין ראַשקעוו האָט מען די אַדעסקיס שטוב געהאַלטן פאַר גאָר אַן איידעלער שטוב. פּרויקע אַדעסקי, כאַנעס פאָטער, איז שטענדיק אומגעגאַנגען מיט אַן אָפּגעגאָלטן קאָפּ. פון דער באָרד רעדט מען שוין ניט, אַן עמעסער גאָלועך אַרום־און־אַרום, הייסט עס. ער איז געווען אַ ניט־געענדיקטער פּראָוויזער. ניט געענדיקט ערגעץ אין אַ ווײַטער רוסישער שטאָט,

ווײַל דאָס ענדיקן האָט זיך אַלץ געצויגן און געצויגן, ביז נאָך דער כאַסענע, ביז אין די ערשטע פּאָר קינדער, ביז ס'האָט אים אַראָפּגעצויגן אַהער קײן ראַשקעװ און ער האָט געפּועלט בײַ זיך, אַז אַ ניט־געענדיקטער פּראָװיזער איז אױך אַ שטיקל זאַך. ער האָט געהאַלטן אין ראַשקעװ אַ מין ניט־אָפיציעל אַפּטײקל. בעסאַד, פּאַר גאַנץ בראַד, האָט ער פון אונטער דער סטאַיקע פּאַרקױפט אַ שמירעכץ, אַ שװענקעכץ, אַ מיקסטורקע אײנע אין דער װעלט, גוט צו אַלצדינג, אַלײן פון אים אױסגעקאָמבינירט, אַ פּראָשעק מילוטן־מיט־סיקוטן, אוכע־דימע אַנדערע דאָקטערײַעכצן. לעפּאָנעם זײַנען געלעגן אין אַ גלעזערן שאַפּקעלע עטלעכע שמעקנדיקע זײפּלעך, אַ פּאָר טױביקלעך קרעם, פלעשעלעך אָדעקאָלאָן, אַ קילע־בענדל, אַ שפּרינצאַװקע, אוכעדױמע נאָך אַזעלכע אַפּטײק־מינים, װאָס מע מעג פּאַרקױפן, ניט זײַנדיק דאַפקע קײן געענדיקטער פּראָװיזער.

כאַנע האָט געהאַט צװײ שװעסטער. אײנע — בעטיע, מיט אַ גראָב מאַנצבלש קאָל, קורץ־געשױרענע האָר, אַ ראַשערן, אַ לױפּערן, שטענדיק אַ רעדערן. די צװײטע, פּאַרקערט, אַניע — מיט אַ לאַנגן צאָפּ אַפּן רוקן ביז העט אַראָפּ צו די טריט, און אױסגעמאָגערט בלײך פּאָנעם, אַ שטיל־גײערן און שטיל־רעדערן, מע קאָן אַפּילע זאָגן אַ שװײַגערן, אַלקאָלפּאָנעם — אַן אָפּשװײַגערן.

בײַ די אָדעסקיס אין שטוב האָט מען מערער גערעדט רוסיש װי ייִדיש. און ניט נאָר ער, פּראַיקע, און זײ, די קינדער, צװישן זיך, נאָר אַפּילע די אָדעסקיכע, כאַנעס מוטער, ברײַנע, — אַ פּראָסטע ייִדענע פון אַ גאַנץ יאָר, װאָס האָט געקאָנט אָפּשטײן מיט אַ שכײנע בײַ דער שטוב צװײ שאָ און קנאַקן אַ ראַשקעװער ייִדיש מיט אַלע שאַלשעלעסן, האָט אינמיטן די רײד ליב געהאַט אַרײַנצװאָרפן דאָ און דאָרט אַ רוסיש װאָרט, װי, לעמאָשל, „קאַראָטשעגאָװאַריא", אָדער „נע בעז טאָװאַ", און פּלוצעם אינגאַנצן איבערגײן אַף רוסיש, אַז די שכײנע, די מיטשמועסערן, שטײט און הײבט אַזש מיט די אַקסלען, טראַכט, אַז ס'איז, דאַכט זיך, ניט מער, װי אַ װאָכעדיקער שמועס, פון דעם פון יענעם און פון קעבעבע, װוּהין זשע קלעפּט זיך דאָ פּלוצעם רוסיש אינמיטנדערינען.

בעטיע און אַניע האָבן, צװישן געצײלטע עטלעכע עלטערע מײדלעך, איבערגעלײענט אין דער ראַשקעװער ביבליאָטעק די פּאָר פּאַליצעס רוסישע ביכלעך, װאָס זײַנען נאָך דאָרט פּאַרבליבן פון פריער; און אױסער דער ביבליאָטעק, אױסער, זאָגן מיר, פּושקינען, צי הערצענען, צי דאָסטאָיעװסקין, צי אַפּילע גאָרקין, נאָך אַמאָל געקראָגן, אַפּאָנעם, אַלײן דורכן טאַטן, דורך פּראַיקע אָדעסקי, װאָס פּלעגט אַמאָל צופּאָרן קײן קעשענעװ נאָך אַ ביסל סכױרע פּאַרן אַפּטײקל, בלאָקן, צי יעסענינען, צי אַפּילע מאַיאַקאָװסקין; און ניט פּאָשעט איבערגעלײענט נאָר אױסגעלערנט אַף אױסװײניק, קעדײ אין אַ פּרײַטיק אָפּדערנאַכט באַם טיש, צי אין אַ שאַבעס באַטאָג, װען ס'קומט זיך צונױף אַ קאָמפּאַניע, אופּשטעלן זיך, ביפּראַט די עלטערע שװעסטער, גראָד די שװײַגערן בעטעװע, אַניע, און אױסװײניק דעקלאַמירן מיט אַ שטילער בענקשאַפט אין קאָל און, דאַכט זיך, אַפּילע מיט אַ גלאַנצנדיקער פּײַטקײַט אין די אױגן.

כאַנע אָדעסקי האָט פון זיך אַלײן אױסגעלערנט זיך שפּילן פידל. ס'הײסט, עס רעדט זיך נאָר אַזױ פון זיך אַלײן. מע פּלעגט אים אָפּט באַגעגענען שפּאַנען מיטן פידעלע אין די הענט קײן קלימעוץ־צו, צו טאַדעריקע קלעזמער. פּאַר אַ סאַך ראַשקעװער איז אַף אײביק געבליבן אַ רעטעניש, װאָס פּלוצעם האָט פּראַיקע אָדעסקיס בעניאַכיד, אַזאַ געראָטענער כאַנע, מיט אַזױפיל אײדלקײַט אין זיך און מיט אַזאַ קאָפּ אַף די פּלײצעס, אינמיטנדערינען איבערגעלאָזט די סאַראָקער גימנאַזיע, איז מיר־ניט, דיר־ניט, פּלוצעם געװאָרן אַ קלעזמערוק, אָנגעהױבן גײן מיט טאַדעריקעס קלעזמער־קאַפּעלע שפּילן אין די דערפער אַף כאַסענעס, אַף די זשאָקן בײַ די הױדלקעס, און אַפּילע, אַן אַ ביסל בושע, דאָ אין שטאָט, אַף אַ ייִדישער כאַסענע אױך.

מ'האָט גערעדט און גערעדט און מ'איז יאַקאָס, װי דער ראַשקעװער שטײגער איז, אַנשװיגן געװאָרן. אַ רעטעניש — אַ רעטעניש. אַז דיר, רעב טאַטע פּראַיקע אָדעסקי, איז ליב, איז אונדז, זײַטיקע מענטשן, ניכע. מיר האָבן זיך, דאַנקען גאָט, יעדער אונדזערע אײגענע פּעקלעך מיט אונדזערע אײגענע געשיכטעס.

כאַנע אָדעסקי איז עפּעס געװען אַנדערש, װי אַלע. אַנדערש אַפּילע, װי יעדער פון אונדזער אױלעם, די ראַשקעװער לינקע אין יענע יאָרן. זײַן לינקײַט האָט ער ניט געטראָגן פון פּאָרנט. ניט אַרױסגעשטעלט זיך מיט איר. ס'איז בײַ אים ניט געװען קײן מאָדע־זאַך. די באַגריפן רעװאָליוציע, סאָװעטנרוסלאַנד, קאָמוניזם זײַנען צו אים ניט געקומען דרױסנדיק, אַלײן פון דער בעסאַראַבער לופט, װאָס איז אין יענער צײַט געװען אָנגעגליט מיט זײ. ער האָט זיך, אַפּאָנעם, לאַנג אין זײ געגריבלט. זײ זײַנען אָנגעװאַקסן אין אים פון אינװײניק,

פאַמעלעך, בעהאַדראַגעדיק, אַפּאַנעם, נאָך פון קליינערהייט אָן, פון דער שטוב. די לינקײַט זײַנע האָט ער אין זיך געטראָגן זאַכלעך, דעריבער, אַפּאַנעם, טיף פאַרבאָרגן. ער האָט בײַ־כלאַל אויסגעזען א פאַרבאָרגענער, א שטיק ניסטער. טאַקע דעריבער, ווײַזט אויס, איז יעדער „קרומער״ גאַנג זײַנער געווען פאַר ראַשקעוו א רעטעניש, אַרויסגערופן אַף די גאַנעקלעך רייד. פאַרוואָס אוועקגעוואָרפן די גימנאַזיע? וואָס פּלוצעם גאָר קלעזמערײַ? פאַרוואָס האָט זיך כאַנע אָדעסקי גראַדע פאַרליבט אין מוישע מאַליערס טעכטערל, א פּראָסט מיידל פון דער הינטערגאַס? נאָר אז כאַנע אָדעסקי האָט זיך פאַרליבט, האָט קיינעם ניט געהאָלפן קיין שום טײַנעס. מ׳האָט ווידער גערעדט און גערעדט, ביז מ׳האָט זיך מיטן דאָזיקן קרומען גאַנג כאַנעס צוגעוווינט. דאָס מאָל איז מען אפילו אין שטוב געווען קעגן דער דאָזיקער פאַר־ליבטקײַט. אין דרויסן האָט עס אָבער קיינער ניט געוווּסט. מ׳האָט זיך געטשיפּעט און געט־טשיפּעט אינווייניק. אזוי לאַנג, ביז כאַנע האָט סאַפּקאָלסאָף מיט מוישע מאַליערס טעכטערל כאַסענע געהאַט, פון דער היים אוועקגעגאַנגען, איבערגעגאַנגען וווינען טאַקע אהין, צו מוי־שע מאַליער אין הינטערגעסל.

נאָר דאָס איז שוין פאָרגעקומען העט שפּעטער. א דרײַ־פיר יאָר שוין, ניט מער, פאַר קאַדימע...

אָט זע איך, ווי מיר שפּאַצירן ביידע, אין א נאָכפּייסעכדיקן פאַרנאַכט, אויבן אין דעם שטילן ליק לעבן גאַלעכס הויף, צווישן צוויי שורעס שטיינערנע פּלויטלעך אַרום ווײַנגערט־נער.

פריִער, ערעוו טשערנאָוויץ, פלעג איך זיך מיט כאַנען ניט גאָר כאַווערן. עס האָט זיך מיר שטענדיק אויסגעדאַכט, אז ער האַלט ניט פון מיר, קוקט אַף מיר פון אויבן אַראָפּ. דע־ריבער האָב איך פון אים ווייניק געהאַלטן. איך האָב, אַפּאַנעם, שוין דעמלט ניט ליב געהאַט דעם, וואָס האָט מיך ניט ליב. אפילו אויב ס׳האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט. איצט, נאָך טשערנאָוויץ, קומט צו מיר כאַנע אַלע פאַרנאַכט, רופט מיך אַרויס פון דער שטוב, זאָגט צו מיר זייער ליב: קום, וועלן מיר א ביסל ביידע רעדן.

עס זײַנען גוטע פאַרנאַכטן. די ווײַנגערטנער זײַנען שוין באַבלעטערט. די ביימער, דאָ אַרויס דער שטאָט, אין די מאָלדאַווישע הויפן, האָבן שוין אָפּגעצוויטעט, צעגרינט זיך. די זון פאַרגייט ערגעץ אויבן אַפן ראַשקעווער באַרג, שײַנט אָפּ, בלישטשענדיק אין אַלע פענצ־טער, אַנטקעגן, אַף יענער זײַט דניעסטער, אין סאָוועטישן ראַשקעוו. די שטיינערנע ווײַנ־גערטנער־פּלויטלעך זײַנען אזוי נידעריק, אז מיר קענען אַרופשטעלן אַף א פּלויטל א פוס, אָנשפּאַרן אין דער קני אַן עלנבויגן, אין א דלאָניע — דאָס פּאָנעם, שטיין אזוי א פּאָר רע־געס אָן רייד, גלאַט אַריבערקוקן אַנטקעגן, אַף יענער זײַט דניעסטער, אהין.

אין יענעם פאַרנאַכט, געדענק איך, האָב איך אַלעגאָריש א זאָג געטאָן:

— די זון פאַרגייט און די זון גייט אויף...

דאָס וואָרט אַלעגאָריע, אַפּאַנעם, איבער פּערעצעס פּינטעלעך, איז דעמלט געווען זייער פּאָפּולער אין די בעסאַראַבער שטעטלעך צווישן אונדזער אוילעם.

כאַנע האָט א שמייכל געטאָן. ער איז ניט קיין גרויסער ליבהאָבער פון אַזעלכע געפּליגל־טע רייד. ער האָט מיך באַלד אָנגענומען אונטערן אָרעם, אַפּאַנעם, דעם שמייכל צוריקצו־כאַפּן, פאַרגלעטן.

— הער מיך אויס, — האָט ער געזאָגט, — לאָמיר הײַנט רעדן קאָנקרעט... (דאָס וואָרט „קאָנקרעט״ איז דעמלט אויך געווען זייער א פּאָפּולער וואָרט). טראַכסט עפּעס צו טאָן מיט דײַנע קינדער?

— מיט די קינדער? טאָן?

— יאָ, מיט זיי. מיט די טאַלמידים דײַנע.

ער איז די גאַנצע צײַט אין יענעם פאַרנאַכט געגאַנגען לעבן מיר און מיך געהאַלטן אַרומגענומען, קעדיי, ווײַזט אויס, דער טאָן, מיט וועלכן ער האָט מיט מיר גערעדט, זאָל מיר ניט אויסזען פּריקרע. ער האָט גערעדט מיט אזא טאָן, גלײַך ניט איך — ער וואָלט נאָרוואָס אַרויסגעקומען פון דער טפיסע, וואָלט שוין דורכגעמאַכט קאַלטס און וואַרעמס. איך גיב איבער זײַנע רייד צעשויבערט, בעערעך. ער, האָט ער געזאָגט, אין קיין גרויסער שטאָט רײַסט זיך ניט. ער בלײַבט שוין דאָ. וויפל ס׳וועט נאָר זײַן מעגלעך. פונדאַנען פאָרט ער ניט אוועק. וואָסי, דאָ איז שוין ניטאָ וואָס צו טאָן? און אין די דערפער, אַרום ראַשקעוו, האָט מען שוין עפּעס אָפּגעטאָן? כאָטש ער האָט נאָך פּינקטלעך ניט קאָנטראָלירט, פאַרוואָס איך בין געזעסן און ווי־אזוי מ׳האָט מיך אַרויסגעלאָזט און צי ס׳וועט זײַן א פּראָצעס, צי ס׳וועט ניט זײַן קיין פּראָצעס, און כאָטש ראַשקעוו איז, ווי באַוווּסט, ראַשקעוו, און אין אַזעלכע

פאַלן קאָנען אומגיין פאַרשיידענע טאָלקן — הערט ער זיך צו קיינעם ניט צו, און גלייבט מיר. עפּעס איז פאַראַן, האָט ער געזאָגט, צווישן אונדז ביידע א סאך ענלעכס. ניט דערמיט, וואָס ער האָט אוועקגעוואָרפן די גימנאַזיע און איך דעם סעמינאַר. ביכלאל — אין א סאך זאכן, אזוי דאכט זיך אים. א סימען, אז ער גלייבט מיר — אָט דערציילט ער מיר, אז אין ראַשקעוו ווערט איצטער געפירט אַן ארבעט, און ניט קיין קליינע ארבעט. אומעטום. צווישן יונגעוואַרג. צווישן די באַלמעלאָכעס. אין ביידע מאַהאַלעס. אפילע צווישן די מיידלעך, וואָס ארבעטן אפן בארג טוטין, און גלאַט צווישן מענטשן. אומעטום, ווו ס׳איז אָנגעווייטעקט און אָנגעצאַרנט, ווו מע ווארט אף אונדזער וואָרט און ווו אונדזער וואָרט קלעפּט זיך צו. און וואָס האָב איך זיך אזוי א כאַפּ געטאָן, ווען ער האָט מיך געפרעגט וועגן די קינדער? וואָס זשע, צווישן קינדער, מיין איך, איז שוין גאָר ניטאָ וואָס צו טאָן? ס׳איז גראַדע גוט, האָט ער געזאָגט, וואָס כ׳האָב געפּאַקט די צען־צוועלף טאַלמידים מײַנע. הײַנט זײַנען עס קליינע קינדער, אין עטלעכע יאָר ארום, טוסט א קוק — זײַנען עס שוין גרויסע ייִנגלעך, מענטשן, זײַנען עס שוין מיר. שטילערהייט, איידל, דין, דאַרף מען אין זיי אַרײַנבלאָזן א געפּיל, א פונק. ווייס איך דען ניט, אז פון איין פונק האָט זיך דער פלאַקער צעפלאַקערט? אויב איך מיין, אז מיט טאַדעריקעס קאַפּעלע אף די כאַסענעס אין די דערפער שפּילט ער פּאַשעט אָפּ, באַקומט דאָס ביסל געצאָלטס פאַרן שפּילן און שוין, אָפּגעשפּילט, און ווײַטער גאָרניט — האָב איך א גרויסן טאָעס. א רעוואָליוציאָנער, האַלט ער, דאַרף מען געבוירן ווערן. ס׳איז ווי א מין טאַלאַנט. ניט יעדער פאַרמאָגט, לעמאָשל, א שיין קאָל, און ניט יעדן, זאָגן מיר, ציט צו שפּילן פידל. דאָס איז ניט פון יענע ארבעטן, וואָס מע טוט אָפּ, מע פאַראַמט דעם וואַרשטאַט און מ׳האָט זיך באַפרײַט, מ׳האָט די ארבעט געענדיקט. דאָס איז אַן ארבעט, וואָס מע טוט באַטאָג און באַנאַכט, דאָס גאַנצע לעבן. מע קען זיך פון איר קיינמאָל ניט אָפּטיילן, טאַקע, ווי ער האָט פריִער געזאָגט, ווי מע קען זיך ניט אָפּטיילן פון א טאַלאַנט, מיט וועלכן מ׳איז אף אייביק באַשענקט געוואָרן. סײַדן עס געשעט אַן אומגליק און דו פאַרלירסט דעם טאַלאַנט, אָדער דו צעטרעטסט אים אליין מיט די אייגענע פיס. אזוינס מאַכט זיך אויך. אָ־אָ! אזוינס מאַכט זיך, נאָך ווי!

כאָנע איז די גאַנצע צײַט געגאַנגען און גערעדט. איך האָב געשוויגן. כ׳האָב נאָר, געדענק איך, געטראַכט: ט׳האָסטו דיר — כאָנע אָדעסקי, און ט׳האָסטו דיר — ראַשקעוו. כ׳וועל נאָך וועגן כאָנען דערציילן שפּעטער, אין די ווײַטערדיקע קאַפּיטלעך.

6

צווישן פּייסעך און שווועס.

די צוויי שווועס־טעג זײַנען געווען מײַנע צוויי לעצטע טעג אין ראַשקעוו. אף לאַנגע, לאַנגע יאָרן. מע קאָן אפילע זאָגן אף טאָמיד.

באַלד אף מאָרגן, ווען כ׳האָב געשפּאַנט פון איין שטונדע צו דער צווייטער, געשפּאַנט פאַרטראַכט, אין דער מיט גאַס, ווי געוויינלעך, איז פּלוצעם, ווי פון דער ערד ארויס, אויסגעוואַקסן קעגן מיר דער ראַשקעווער זשאַנדאַרם־שעף, דער שעף־דע־פּאָסט בעלאַהאַז, מיטן קליינעם גראָבטשינקן זשאַנדאַרל זײַנעם הינטער זיך, וואָס מ׳האָט אין ראַשקעוו גערופן דער בײַסער. דער ראַשקעווער שעף־דע־פּאָסט איז, געדענק איך, געווען א דאַרער, אַן אויסגעמאָגערט־ביינערדיקער, מיט א לאַנגער שפּיצעכיקער ניאָניע, גריבער אין די באַקן, קליינע גיך־אומלויפנדיקע אייגעלעך. דער בלויער פרענטש זײַנער, די איבערגעקרייצטע גאַרטלען, די שליפעס און די אַקסלבענדלעך זײַנען אף אים געהאַנגען, טעלעבענדעט זיך, ניט געהאַט זיך אף וואָס צו האַלטן, אָט גליטשט ער זיך, נעבעך, פון זיי ארויס. נאָר אזוי־אָ אָפּגעשונדענערהייט, ווי מע זאָגט, איז דאָס געווען א מעסוקענער רעצייעך, א רעצייעך א קוילער. ניט איין ראַשקעווער באַלעבאָס האָט געפילט אף זיך, ערגעץ אף דער פּלייצע צי אף אַן אַקסל, אַלע פינף דאַרע קנעכלעך פון דעם שעף־דע־פּאָסטס ביינערדיקער האַנט. א רײַב און א שטורכע קלאָמפּערשט גוטברודעריש, אין א וויץ. ער, וואָס מאַכט דעם וויץ, האָט א קאַפּעלע האַנאָע, און יענער, מיט וועמען ער מאַכט דעם וויץ, זאָל פילן און געדענקען. מע שמועסט שוין ניט, ווען אין אָדן פלעגט אַרײַן די רעציכע. טירן האָבן זיך פאַריגלט, פענצטער — פאַרקייטלט: א טורבע הונט לויפט אום אין גאַס מיט א פינע אין מויל. ער האָט אָבער געהאַט א גרויסע מײַלע: א נעמער. א נעם־באָכער איינער אין דער וועלט, ווי ראַשקעווער

קרעמערלעך פלעגן זאָגן. די מײַלע איז אָבער, פלעגט מען ווידער זאָגן, געגאַנגען געפּאַרט מיט אַ גרויסן כיסאָרן: נאָך איידער ער האָט געגומען האָט ער באַלד פאַרגעסן, אַז ער האָט געגומען, און גיי טו אים לאָד איס, גיי טו אים עפּעס. דאָס קליינע גראָבטשינקע זשאַנדאַרל פלעגט טאָמיד גיין הינטערן שעף־דע־פּאַסט מיט אַ קורצער ביקס אַפן אַקסל, אַ קורצע ביקס, וואָס האָט איבער זײַן, דעם זשאַנדאַרלס, קליינקײַט, אויסגעזען לאַנג. מ'האָט אים אין שטעטל אַ נאָמען געגעבן דער בײַסער, ווײַל איינמאָל אין אַ באַנאַכט האָט ער אַף מענאַשע שוסטערס באָכער בורציע, אַף בורציע מענאַשעס, דערפאַר ווײַל ער האָט אים באַגעגנט שפּעט גיין אין גאַס, אַרופגעכאַפּט זיך אַף די פּלייצעס און אים געגעבן אַ מעסוקענעם ביס אין קאָפּ. ראָש־קעוו האָט פון דער דאָזיקער געשיכטע געלאַכט. געלאַכט, פאַרשטייט זיך, מערער מיט יאַ־שטשערקעס.

דער שעף־דע־פּאַסט האָט מיר געטאָן אַ לייג אַרוף אַפן אַקסל זײַן קנאָכיקע האַנט: שטיי, הייסט עס, און ריר זיך ניט פונעם פּלאַץ. ער האָט מיך אַ פרעג געטאָן, צי איך בין דער און דער, צי איך בין, הייסט עס, איך. דאָס זשאַנדאַרל האָט מיט אַלע פישטשעווקעס אַראָפּ־געכאַפּט די ביקס. פונקט אין דער זעלבער רעגע און פונקט מיטן זעלבן ריטם, ווי דער שעף־דע־פּאַסט האָט מיר דאַ־אַ, אינמיטן גאַס, מודיִע געווען:

— ביסט אַרעסטירט. קום!

כ'בין געגאַנגען קלאָמפּערשט רויִק, אַ ביסעלע פאַרשטיינערט, קלאָמפּערשט קאַלטבלו־טיק. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז מענטשן אַף די שוועלן, אין בײדע זײַטן גאַס, קוקן זיך אײַן, מיט דלאָניע־דעכלעך באַ די שטערנס, ווי מע פירט מיך, און קאָנען זיך עפּעס גוט ניט אָפּגעבן קיין כעזשבן, וואָס ס'איז דאָ נאָר וואָס, אין מיטן העלן טאָג, פאָרגעקומען. נאָר דאָס האָט זיך מיר נאָר אַזוי אויסגעדאַכט. נאָך איידער מ'האָט מיך דורכגעפירט פאַרבײַ אונדזער שטוב, איז דאָרטן עמעצער פריִער געהאַט צוגעלאָפן אָנזאָגן אין דער היים באַ מיר די גוטע נײַס. מאַכמעס די מאַמע איז שוין געשטאַנען אין דרויסן אַ צעשויבערטע, מיט אַ רויט פאַרוויינט פּאָנעם, געקנײַפּט זיך די באַקן, געבראָכן זיך די הענט, די ליפּן האָבן איר אונטערגעציטערט, און כ'האָב געהערט ווי זי פרעגט מיך, צי זי פרעגט זיך אַליין:

— וואָס איז שוין נאָכאַמאָל, האַ? ווײַ איז מיר, גוואַלד, פאַרוואָס?

מיר האָבן שוין פאַרבויגן אין אַן אַנדער געסל, אונדזער שטוב איז שוין געבליבן ווײַט הינטן, נאָר איך האָב נאָך אַלץ געזען דער מאַמעס ציטערנדיקע ליפּן, אַלץ געהערט איר שטילן הארצרײַסנדיקן גוואַלד.

אײַ, ערשט נעכטן, דעם צווייטן טאָג שוועס, האָב איך געהאַט אַזאַ ווױלן טאָג. מיר האָבן זיך אַלע צונויפגענומען באַ סאָרקע גערצנשטיין אַף אַ קערמעשל. סאָרקע גערצנשטיין האָט מאַמעש מיט אַ פּאָר טעג צוריק אומגעקערט זיך פון יאַס מיט אַ גאָר־גאָר זעלטענעם דעמלט ניצאָכן: אָפּגעגעבן באַקאַלאַריאַט און אויסגעהאַלטן.

סאָרקעס פּאָטער, כאַים־רוווֹן גערצנשטיין, איז געווען אַ פּראָסטער ייִד, גאָר ניט קיין גרויסער לאַמדן, פלעגט אַ גאַנצע וואָך, פון זונטיק פאַרטאָג ביז פרײַטיק פאַרנאַכט צו ליכט־בענטשן, אומוואַגלען איבער די דערפער מיט אַ פערד־און־וועגעלע — אַ קליאַטשע הויט און ביין, צווישן צוויי האַלאָבליעס, אַ טראַסקענדיק פעסל אויבן אין דער מיט וועגעלע — פּלעג מיטן דאָזיקן געשפּאַן אופקויפן אין די דערפער האָניק און כאַזער־האָר. אַ שיינע צונויפפּאָ־רעניש: האָניק און כאַזער־האָר. ער איז געווען אַ פּראָסטער, ברייטפּלייציקער, דאָרפישער ייִד. אַ גראָבלעך קאָל, מערער אַ שווײַגער, אַמאָל־אַמאָל אַ וואָרט, אַ ברומקע, אַלקאָלפּאָנעם שאַבעס אין דער היים צווישן די שטאָטישע, ביפּראַט צווישן סאָרקעס כעווּרע, וואָס קומען אַרײַן אין שטוב און רעדן וועגן אַזעלכע הויכע מאַטעריעס אַף ניט מאַסיג צו זײַן, אַף שטיין בלויז און הערן, שטילערהייט, אין זיך, אָנקוועלן, מיט אַן אינוויינעקסטער כעדווע אַ ברומקע טאָן, נאָר, כאָלילע, ניט אַרײַנפּאָרן מיט קיין רייד, כאָלילע, ניט שטערן.

סאָרקעס מוטער, אויך, פאַרשטייט זיך, פון די גאָר קליינע גראַמאָטייען, איז געווען אַ ייִדענע מיט זייער אַ ווויל פּאָנעם, זייער אַ כיינעוודיקע, אַ גוטע, אַ צוגעלאָזטע צו יעדן, אַ בעריע, וואָס מע זעט אַזוינס ניט. זי איז טאָמיד אומגעגאַן אַ צעשײַנטע, אַ גליקלעכע, וואָס דאַ־אָ, אין דאָזיקן קליינעם יערושע־שטיבל אירן אין סאַמע אָרעמסטן הינטערשטן געסל, האָט זיך באַ זיי אַרויסגעכאַפּט אַזאַ געראָטענע טאָכטער, מיט, קיין אײַנהאָרע, אַזאַ שאַרף קעפּל און מיט אַזאַ וועלעניש צום לערנען, מיט אַזויפיל פאַרשטאַנד, אַזויפיל אָנזען באַ מענטשן, אַזויפיל כאַווײרים און כאַווערטעס, אָן קיינעמס שאָדן נאָר אַף מעקאַנע צו זײַן, און ס'זאָל איר, אָן קיינעמס שאָדן, קיינמאָל ניט פאַרשטערט ווערן.

און אז זײער נאכעסדיקע סאָרקע האָט, דאַנקען גאָט, דאָרט אין דער גרויסער שטאָט יאָס אויסגעהאַלטן אַזאַ שווערן עקזאַמענט, אַליין, נעבעך, געפּאָרן, אַליין אויסגעהאַלטן און אַליין צוריקגעקומען, און וועט, מירטשעם, ערשט ווײַטער פאָרן אַרײַן לערנען אויף אַפּטײ־קערשע, ווי־אַזוי זשע מאַכט מען ניט לעקאַוועד דעם קיין שטיקל אונטערהאַלט? ווי־אַזוי פאַר־בעט מען כאָטש ניט דעם גאַנצן אוילעם אירן אויף קיין שוועס־בײגעלעך?

מיר, ווידער, אַז מיר האָבן אַזאַ גוטן טערעץ צוניפצוזאַמלען זיך אַלע אינײנעם — פאַר־קערט: זאָל עס טאַקע הייסן באַקאַלאַריאַט, שוועס־בײגעלעך — ווי־אַזוי זשע נוצט מען אַזאַ גוטן טערעץ ניט אויס?

האַקיצער, אַלע ווינקעלעך אין שטוב זײַנען געווען באַהאַנגען מיט שוועס־גרינס — אַקאַציע־צווײַגלעך, שמעקנדיקע ניסן־בלעטער. אויפן טיש זײַנען געשטאַנען פּרוכטאָוניצעס מיט ניס, אַ פּאָר בײַכיק־פינגערדיקע פלעשער מיט רויטן ווײַן. סאָרקע האָט געטראָגן אַ ווײַס קאָפּטעלע. די צוויי לאַנגע צעפּ אירע, אַריבערגענומענע הײַנט פון דער פּלײצע, ווו זײ ליגן טאָמיד, אַהער, פאָרנט — כ׳האָב זיך מיט אַזעלכע צעפּ ניט וואָס צו שעמען, כאָטש איך בין שוין אָן אַ מיטוואָך אַ סטודענטקע, — זײַנען אויפן קאָפּטעלע געווען שוואַרץ ווי פּעך, געגלאַנצט מיטן זעלבן הייסן גלאַנץ, ווי די צוויי הייסע אויגן סאָרקעס.

סאָרקעס קלענערע שוועסטער, כאַנע, אַ שיין אויסגעקײַלעכיקס מײדל, ניט מער, האָט פונדעסטוועגן סאָרקעס אוילעם באַדינט, געהאָלפן אויסזעצן זיך, געזען, לעבן יעדן זאָל זײַן אַ גאָפּל, אַ גלעזל, אַליין דערלאַנגט דערנאָך אויפן טיש די טעלער מיט די הייסע בײגעלעך.

מ׳איז געזעסן ענגלעך, אײנער אין אַנדערן. סאָרקעס מוטער איז געשטאַנען אויף יענער זײַט שוועל אין אַנדערן קײדערל, אין אַלקערל זײערן, דאָס פּאָנעם אַרומגערעמלט מיט אַ געבלימלט טיכל, אַלע מאָל אַרויסגעקוקט אַהער צו אונדז, און, ווי טאָמיד, מערער נאָך ווי טאָמיד, אַנגעקוועלט. הינטער אירע פּלײצעס — כאַים־רווון, אין אַ לאַנג יאָמטעוודיק רעקל, מיט אַרומגעשוירענע וואָנצעס, ווי טאָמיד, מיט זײַן אינוויינײקסטער כעדווע אויף די ליפּן.

דעם טיש האָט געפירט דאַניעל שויכעטמאַן. אויף אַזעלכע „אָפּענע" צוניפקומענישן איז כאָנע אַדעסקי, לעשעם קאָנספּיראַציע, פאַרשטייט זיך, קיין שום אָנפירער ניט. פאַרקערט: דער קלענסטער צווישן די קלענסטע, דער שטילסטער צווישן די שטילסטע.

דאַניעל שויכעטמאַנען האָבן ראַשקעוווער גערופן דאַניעל דער רויטער. ער האָט טאַקע פאַרמאָגט רויט־געלבלעכע ברעמען, רויטלעכע אויגן, העל־שיטערלעכע האָר אויפן קאָפּ, וואָס האָבן געוואָרפן אין אַ רויטקייט. דעם צונאָמען אָבער האָט ער אופגענומען ניט אויף דעם כעזשבן. ער האָט אים אופגענומען בעאַהאַווע, שטאָלצירט מיט אים, פלעג אפילע באַ אַ שפּאַרעניש מיט עמעצן ליב האָבן אַליין אַ זאָג צו טאָן: רעדסט מיט דאַניעל דעם רויטן, רעדסטו!

צווישן גאַנצן אוילעם איז ער געווען דער סאַמע עלטסטער אין די יאָרן. באַקאַלאַריאַט־שמאַקאַלאַריאַט. ער האָט שוין געלאַכט פון אַזעלכע זאַכן. ער איז שוין אַליין געשטאַנען מיט אַ פוס אין אוניווערסיטעט. שוין געווען אויפן צווייטן קורס יוריספּרודענץ און האָט דעם פוס צוריק אַרויסגעשלעפּט, זיך פּראָלעטאַריזירט, געוואָרן אַ וועבער און שטאָלצירט דערמיט, וואָס ער איז אַ וועבער. אין יענעם זומער האָט זיך דאַניעל אַ פּאָר כאָדאָשים געדרייט אין ראַשקעוו, מאַכמעס די וועב־פאַבריק דאָרט אין דער גרויסער שטאָט האָט זיך פּלוצעם פאַר־מאַכט, ער איז געבליבן אויף דער גאַס, אָן אַרבעט און האָט מיטן נאָמען „אַרבעטסלאָזער" אויך, דאַכט זיך, ניט ווייניק שטאָלצירט. צו קיין שטיל־סוידעסדיקער, אונטערערדישער אַר־בעט, האָט ער ניט געטויגט. ער האָט ליב געהאַט צו ראַשן, קאָהעלן זיך, קעמפן מיט דער וועלט אויף אַ קאָל. אויף די גאַנעקלעך אויבן אין גאַס פלעגן זיך ביז שפּעט באַנאַכט, ביז הײ־זעריקײַט, הערן דאַניעלס אַמפּערנישן, דאַניעלס אַרגומענטן. ער איז געווען אויסגעקאָכט אין יעדער מינדסטער געשעעניש אויף יעדן ווײַטסטן פּינטעלע אין דער וועלט. און האָט אי די סאַמע גרעסטע, אי די סאַמע קלענסטע זאַכן אויסגעטײַטשט קלאַסנקעמפעריש, מאַרקסיסטיש. ער האָט בעטאַכלעס־האַסינע פּײַנט געהאַט באַלעבעסלדיקײַט, מאַכטײסעדיקײַט, פּויל־אינ־טעליגענטישקײַט, ווי ער פלעגט דאָס רופן. ער האָט אויף די גאַנעקלעך געריסן שטיקער, גע־מאַכט אַש־און־פּאַרעך פון די פּאָר ראַשקעווער אַטאָ־בעכאַרטאָנו־יונגעלײַטלעך, וואָס האָבן קעגן דאַניעלס אײַזערנע אַרגומענטן סאַפּקאַלסאָך ניט געהאַט מער קיין ווערטער און גע־מוזט אָנקומען צו איין קאָנטער־אַרגומענט: אַ שווײַגנדיק אַוועקמאַכעניש מיט דער האַנט, אָדער אַ גרויסהאַלטעריש שמײכעלע אויף די ליפּן.

ביכלאַל איז דער אוילעם דעמלט באַ סאָרקע גערצנשטײן אויפן קערמעשל געווען אַ פּאַר־שײדניאַריקער. דאַניעל, דער סאַמע עלטסטער צווישן אונדז — אויף עטלעכע יאָר עלטער פון סאָרקען; איך, מוישע גולטשין, עסטער בודעשעסקי (מע האָט זי אַלע יאָרן גערופן סטעלע),

פּיגע שפּרינץ — ייִנגער אַף אַ פּאָר יאָר פֿון סאַרקען; כאַנע אַדעסקי, מישע גורעוויטש, עס־טערקע בערקאָוויטש און אַנדערע שול־כאַווײרים און שול־כאַווערטעס סאַרקעס — אין איינע יאָרן מיט איר. דער לייענער וועט די אַלע אויסגערעכנטע נעמען שפּעטער נאָך באַגעגענען.

דאַניִעל שויכעטמאַן איז געשטאַנען מיטן גלעזל ווײַן זײַנעם אין דער האַנט, קלאָמ־פּערשט געהאַלטן אַ טאָסט פֿאַר סאַרקעס וועגן און מיט אַ קאַפּעלע אַ שטילערן קאָל, אָף אַ פּאָר טענער שטילער ווי שטענדיק, פּאַוואָלינקע אויסגעוואָנט אין אַלע עקן וועלט, אומגעקערט זיך דערנאָך צוריק אַהער, צו די ראַשקעוווער בלאָטעס, צו דער ראַשקעוווער אַרעמקײַט, אַרײַ־בערגעכאַפּט זיך אַנטקעגן, אָף יענער זײַט דניעסטער, אין סאָוועטישן ראַשקעוו, פּאַרקערע־וועט קיין דאָפּטאַנע, וווּ עס „שמאַכטן״ אין די פֿינצטערע טפּיסע־צעלעס פֿאַר פּראָלעטאַרי־שער גערעכטיקײַט אַרבעטער, פּראָלעטאַריער, כאַווײרים — פֿאַר זייערטוועגן הייבט דאַניִעל אויף דעם טאָסט.

מיר האָבן דערנאָך, געדענק איך, געזונגען דאָס טפּיסע־לידל „לאַ דאָפּטאַנאַ סוס לאַ האַש״ — אויבן אין דאָפּטאַנע אין דער צעלע „האַש״. מיר האָבן געזונגען דאָס אַרבעטער־לידל „מיר זײַנען שמידער״. אָף אַזעלכע אָפֿענע צונויפֿקומענישן, אומעטום אין די גרויסע שטעט, שפּילט מען טאָמיד אויס אַ סקולפּטור־פֿיגורל, אַ שקאַטולקע, צי אָפּילע אַ שאָך־ברעטל, וואָס די טפּיסע־כאַווײרים קענען דאָרט מײַסטעריש אויס פֿון ברויט, שיקן עס אַרויס אָף דער פֿרײַ אויסצושפּילן, אָדער פֿאַרקויפֿן, און דאָס געלט גייט פֿאַר דער „רויטער הילף״.

מיר האָבן אַזאַ טפּיסע־אַנטיקל ניט פֿאַרמאָגט. איך האָב אָבער פֿאַרמאָגט אַ לידל. אַ נײַ, אייגן, ניט לאַנג צונויפֿגעשטעלט לידל. ניט גאָר קיין אײַ־אײַ־אײַ, אָן הויכער פּאָעזיע, פֿאַרשטייט זיך, און אוואַדע אָן איידעלער מײַסטערשאַפֿט. נאָר אַ לידל, אָן אייגן־געשאַפֿן לידל. כ׳וואָלט עס, מעגלעך, איצטער אָפּילע ניט דערמאָנט און וואָלט עס אוואַדע אין כעזשבן מײַנעם ניט אַרײַנגענומען, ווען מיטן דאָזיקן לידל זאָל שפּעטער ניט געווען געשען קיין אויסטערלישע געשיכטע. און, מעגלעך, אַז גראָד דאָס דאָזיקע נאַיווע, גראָב־געטעסעטע לידל האָט מיר שפּע־טער, גורלדיק און פֿאַראַקשנט, אונטערגעזאָגט מײַן ווײַטערדיקן טאַכלעס אין לעבן. דער קויעך פֿון אַ לידל. קויעך פֿון נעגינע. לאָמיך אויסזאָגן פֿריִער, ווען איך בין אין איינע עט־לעכע כאַדאָשים אַרום אָנגעקומען קיין בוקאַרעשט, איז שוין דאָס לידל מײַנס געווען דאָרט פֿאַר מיר — אוילעם האָט עס שוין געזונגען. כ׳ווייס נאָך אַדהײַנט ניט, וויאַזוי דאָס איז אַזוי גיך געשען. נאָר אַזוי גיך איז עס געשען. און אַז איך פֿלעג אַמאָל, די ערשטע צײַט, זײַן דערבײַ, ווען מ׳האָט דאָס לידל געזונגען, פֿלעג איך ניט וואָגן אַ זאָג צו טאָן, אַז דאָס איז מײַנס — מע זאָל מיך ניט רופֿן ליגנער, אויסשטעלער, וואָס אין דער קאָרט.

אַ נײַ, אייגן־געשאַפֿן לידל. פֿאַרוואָס זשע זאָל מען אַ לידל אויך ניט קאָנען אויסשפּילן? כ׳האָב זיך אופֿגעשטעלט, געדענק איך, און בין אַזש רויט געוואָרן. דער אוילעם האָט, דאַכט זיך, ניט מיט קיין גאָר גרויסער היסלײַוועס אופֿגענומען מײַן אײַנפֿאַל — ט׳האָסטו דיר אַ נײַעם לידל־פֿאַרפֿאַסער. ס׳איז, דאַכט זיך, ניט געוואָרן גאָר שטיל אויך. נאָר איך האָב אוועק־געלייגט אַלע בושעס אין אַ זײַט און געזאָגט, אַז אָט וועל איך דאָס לידל אויסזינגען, דער־נאָך אויסשפּילן, און דער, וואָס וועט דאָס לידל געווינען, דעם וועט דאָס זײַן געווידמעט, שפּעטער, ווען דאָס לידל וועט זיך אָפּדרוקן.

און כ׳האָב אָנגעהויבן זינגען, אויסזינגען די ביטערע אויסקומעניש פֿון אַן אָרעמען באָר־וועסן שיך־פּוצער. קיין קאָל צום זינגען האָב איך שוין דעמלט ניט געהאַט — די פֿאַרכריפּע־טע הייזעריקלעכקײַט האָט זיך צום שיך־פּוצערס אויסקומעניש גראָדע גוט אַרײַנגעפּאַסט. דער ניגון — אַ היימישער, אַ גרינגער: דער ניגון פֿון „דירע־געלט״. דאָס לידל האָט זיך געלאָזט הערן, דעם עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערטן רעפֿרען האָט מען פּאַוואָלינקע אָנגעהויבן אונ־טערכאַפּן, אונטערהאַלטן:

שיכעלעך איך פּוץ און פּוץ,
שיכעלעך גאַנץ נײַע,
און איך אַליין נאָר באָרוועס זיץ,
איך, דער פּוצער שײַע.

(וואָס פּלוצעם אַ שיך־פּוצער אין די ראַשקעוווער בלאָטעס? אָפּאָנעם, אַ גרויסשטאָטישער, אַן אַראָפּגעבראַכטער. פֿאַרוואָס „שיכעלעך״ פֿאַרצויגן? אָפּאָנעם, צוליבן ריטם. ניט געקאָנט אַן אייצע טאָן זיך מיטן ריטם. ווער האָט באַשטימט, דער פּוצער זאָל הייסן שײַע? אָפּאָנעם, דער גראַם „נײַע״, און ניט פֿאַרקערט. דער איקער איז אָבער, אָפּאָנעם, ניט דאָס. אָט זעט איר דאָך, דער איקער, אָפּאָנעם, איז: ער, שײַע, פּוצט דער וועלט אויס די שיך און זיצט אַליין באָרוועס).

ווי־אַזוי עס זאָל ניט זײַן, ערשטע פֿרייד פֿון שאַפֿן איז געווען. דאָס לידל האָב איך אויס־געזונגען. מ'האָט עס דערנאָך אויסגעשפּילט. מאַפּר־געלט איז געוואָרן אַריבער אַ הונדערטער. געווינען דאָס לידל, דאָס הייסט די ווידמונג אויפֿן לידל, האָט, מאַלט אײַך, דאַניעל שוויכעט־מאַן.

אַ קינדיש־גליקלעכער, ווי אַ צווייטער אויף זײַן אָרט, ווען ער וואָלט געווינען אַ מיליאָן, האָט דאַניעל דאָס לידל איבערגעשריבן, מיך אַ פּאָר מאָל צוגעקוועטשט צו זיך, געקלאַפּט מיר אין דער פּלייצע. דאָס לידל האָט זיך, קיינמאָל ניט פֿאַרשטייט זיך, קיינמאָל ניט אָפּגעדרוקט. שוואַרץ אויף ווײַס, אַז עס איז געווידמעט דאַניעלן, האָט עס קיינער קיינמאָל ניט געזען. דאַניעלן האָב איך ליב געהאַט, כ'האָב זיך מיט אים געכאַוועוועט אַ סך יאָרן. ער איז מער ניטאָ. איך גיב אים איצט, אָט דאָ־אָ, אויף דעם כּיוון „פּאָסמערטנע", ווי מע זאָגט. אַ ליכטיקן אָנדענק אים!

און סאָרקע גערצנשטיין?

אַנומלטן, זײַענדיק צוגאַסט אין בוקאַרעשט, האָב איך זי, אין פֿערציק יאָר אַרום, באַ־געגנט. פֿיר צענדליק יאָר. אָט־אָט אַ גאַנץ לעבן. סאָרקע הייסט שוין לאַנגע יאָרן סאַנדע סאַווארד, טראָגט דעם נאָמען פֿון דעם פֿראַנצויזישן קאָמוניסטישן טוער סאַוואַרד — איר לעבנס־כאַווער, איר ערשטע און אײנציקע ליבע. דעם פֿאַרמאַצעווטן־פֿאַקולטעט האָט זי, פֿאַרשטייט זיך, ניט געענדיקט. די אַפּטייקערישע קענטעניש זײַנען איר אָבער גוט צוניץ געקומען שפּעטער, אין די פֿראָנט־לאַזאַרעטן פֿונעם שפּאַנישן בירגערקריג. דאָרט האָט זי זיך באַקאַנט מיט סאַוואַרדן, פֿאַרליבט זיך איינער אין אַנדערן, כאַסענע געהאַט, געקעמפֿט דער־נאָך אײנײנעם קעגן היטלערן אין פֿראַנצויזישן ווידערשטאַנד. סאַוואַרדן האָט די געסטאַפּאָ פֿאַרמוטשעט, סאַנדען — פֿאַרשיקט קיין אָשוועניטשים. מיר זײַנען בײדע געזעסן אין איר שיין־אויסגעשטעלט, נאָר אײן־אַליינינק, אַלמאָנעדיק דירעלע. אויבן אין דער מיט וואַנט — איר לעבנס־כאַווערס פּאָרטרעט. אויף איר האַנט — באַם דערלאַנגען דאָס שאָלעכל קאַווע, באַ יעדן קער און ווענד אירן — דער אָשוועניטשים־נומער. סאַנדע איז אַ פֿאַרשטייערן אין אינ־טערנאַציאָנאַלן אָשוועניטשים־קאָמיטעט, פֿאָרט אויף קאָנגרעסן, ווידערשטענדלער־צונויפֿקומע־נישן, אָשוועניטשים־זיצונגען. די פֿערציק יאָר האָבן זי, דאַכט זיך, גאָרניט אַלט געמאַכט. כ'האָב געזען די זעלבע כיין־גריבעלעך אויף אירע באַקן, די זעלבע ריירעוודיקײַט, דאָס זעלבע גלייבן אין ווײַטער, ווי דעמלט, ערשט נעכטן, אין צווייטן שוועס־טאָג אויף איר קערמעשל. די דורכגעזילבערטע האָר אירע אויפֿן קאָפּ האָבן געגלאַנצט מיטן זעלבן הייסן גלאַנץ, ווי דעמלט אירע שוואַרצע צעפּ אויפֿן ווײַס קאָפּטעלע, ווי דעמלט און איצטער די הייסע קלוגע אויגן אירע.

סאָרקע־סאַנדע שטייט באַ מיר אויף יענעם צעטל ראַשקעווער, וואָס שוין צוליב זיי אַליין קומט, ראַשקעוו זאָל ווערן אַ שטיקל נאָמען אויף דער וועלט, ראַשקעוו זאָל זײַן ראַשקעוו.

דער שעף־דע־פּאָסט האָט מיך געהאַלטן פֿאַרשפּאַרט אין קעלער ביז אַרום פֿאַרנאַכט־צו. די מאַמע און די מומע איטע האָבן פֿון יענער זײַט פּלויט אַ גאַנצן טאָג געדרייט זיך אָפּ־און־אויף פֿאַרוויינטע, מיט שוואַרצע שאָלעכלעך אויף די קעפּ, ווי, כאָלילע, ניט אויסגערעדט זאָל עס זײַן.

די מאַמע האָט מיר דערנאָך, אין דער היים, אויסגעטאַפּט אַלע אייוורים, צי הענט־און־פֿיס זײַנען מיר גאַנץ, צי איך בין טאַקע איך, צי בין איך עס טאַקע דאָ צוריק אין שטוב אַ לע־בעדיקער.

לאָזט זיך אויס, דער שעף־דע־פּאָסט האָט באַקומען אַ פּאַפּירל, אַ „מאַנדאַט־דע־אַדוטשע־רע", ווי ס'האָט באַ די רומענער דעמלט געהייסן, מיך באַלד אָפּצושיקן קיין טשערנאָוויץ צום פּראָצעס. אַרעסטירן מיך האָט ער ניט געהאַט קיין רעכט. ער האָט פּאַשעט געוואָלט אַ הונ־דערטער, און גיי לאָד אים, גיי טו אים עפּעס.

ווי דער טאַטע האָט אַזוי גיך געפּאַקט אַ הונדערטער, איז ניט שײַעך צו פֿרעגן. אַזוי, אַלע טעג פֿון אַ גאַנץ יאָר, איז דער טאַטע, ווייסן מיר, ניט גאָר קיין גרויסער אופֿטוער. אַ שוואַך מענטשל. זיפֿצעניש און קרעכצעניש. אַפֿילע אַ האַלוואָעלע בעטן באַ עמעצן שטופּט ער מיט דער מאַמען. פֿאַלט אָבער, לעמאָשל, פּלוצעם אײַן אַ קינד, באַקומט היץ, צי וואַרגט זיך מיט אַ ביינדל, צי עס טוט אַזוי זיך פּלוצעם אומגעריכט אַ רוק אָן אַ צאָרע, ווערט דער טאַטע ניט אויף צו דערקענען. אַ גוואַר. פֿלינק און ספּריטנע, בעקוויעך איבערצוקערן וועלטן, אופֿהייבן אַ שטאָט מיט מענטשן, אַרויסמאָנען הילף אַפֿילע באַ אַ שטיין.

דער טאַטע איז באַלד אוועק צו ליאָווע אווראָם־לייוויס, דעם שעף־דע־פּאָסטס ערשטער קויסע־גוטערברודער אין שטעטל. דעם טאַטנס פּאָנעם, דערציילט די מאַמע, איז געווען אַזוי ווײַס, די ליפּן אַזוי פֿאַרברענט, אַז דער שיינער ליאָווע אווראָם־לייוויס האָט זיך אַזש דער־

שראַקן. ליאָווע האָט אַליין אָפּגעשטעלט דעם מעקעך — אַ הונדערטער. צוגעזאָגט, אַז באַלד נאָכן אָנבײַסן גייט ער אַהין אַרוף, דער טאַטע זאָל נעמען די פּאָר גראָשנס און זאָל אויך אַהין אונטערקומען.

דער שעף־דע־פּאָסט האָט געיעכצט, געקידעט זיך, געשריגן, אַז אַזאַ פּאַרשוין, ווי מיך, דאַרף מען הענגען, שיסן, קעפּן. אַ הונדערטער איז בלאָטע, אַ הונדערטער איז קיין געלט ניט. נאָר ליאָווע אוראַם־לייוויס האָט אים די צען צענערלעך פּאַוואָלינקע אַרײַנגערוקט אין דער אייבערשטער קעשענע פונעם פרענטש, פּאַוואָלינקע אַרויסגעקריגן פון דער האַנט זײַנער דעם מאַנדאַט־דע־אַדוטשערע און אים הינטנאַרומער פּאַוואָלינקע דערלאַנגט דעם טאַטן. דער שעף־דע־פּאָסט האָט געשריגן, אַז פּאַרטאָג, ווען דער באַלעגאָלע פּאָרט צום וואָקזאַל, וועט ער אַליין אַרויסקומען אין גאַס אַכטונג געבן, דער פּאַרשוין זאָל אָוועקפּאָרן גלײַך קיין טשערנאָוויץ. ליאָווע אוראַם־לייוויס האָט עס גענומען אָף זיך, אַ ווונק געטאָן דעם טאַטן, ער זאָל אויסזײַן די צײַט — דער פּאַרשוין וועט, מירטשעם, באַלד זײַן אין דער היים.

כ׳בין דעמלט אוועקגעפּאָרן פון ראַשקעוו אָף טאָמיד, קאָן מען זאָגן, און האָב זיך מיט קיינעם ניט געזעגנט. די מאַמע איז אַ גאַנצן פאַרנאַכט ניט אָפּגעטראָטן פון מיר אָף קיין איין שפּאַן. זי האָט מיר פאַרצירעוועט די שקאַרפּעטקעס מיט טרערן. זי האָט אויסגעפּרעסט אַ פּאָרל גרעט מײַנס און עס מערער נאָס געמאַכט, ווי אויסגעפּרעסט. זי האָט געמאָנט, איך זאָל איר כאָטש צוזאָגן, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס דאָרטן אין טשערנאָוויץ וועט זיך ענדיקן גוט.

פּאַרטאָג האָבן זיך צעקלונגען לייזער באַלעגאָלעס גלעקלעך. ווי טאָמיד, ווען איך פּאָר אוועק, איז די מאַמע געשטאַנען אין איין זײַט בריטשקע און דער טאַטע אין דער אַנדערער זײַט בריטשקע. ס׳איז אָנגעלאָפן דער שעף־דע־פּאָסט מיטן קליינעם גראָבטשינקן זשאַנדאַרל זײַנעם, דעם בײַסערל. ווען די בריטשקע האָט געריוערט, האָט מיך דער שעף־דע־פּאָסט נאָכ־געסטראַשעט מיט אַ קולעק: פּאָרן, הייסט עס, אַ רועך דיר אין די ביינער, גלײַך קיין טשערנאָוויץ! דער טאַטע איז געבליבן שטיין הינטן אַ פאַרגליווערטער. ס׳האָט זיך מיר אויסגע־דאַכט, אַז ער פרעגט מיך פונדערווײַטנס מיט די אויגן:

— טאַקע גלײַך קיין טשערנאָוויץ? כ׳ווייס, עפּשער איז גלײַכער ניט גלײַך קיין טשער־נאָוויץ?..

גימל

1

צוויי מיט אַ האַלבן כאַדאָשים איצט, אין די עלטערע יאָרן, פּלאַטערן דורך ווי אַ זומער־פייגעלע, בלײַבן אין זיקאָרן ווי איין טאָג. דאָס גאַנצע לעבן איז אַזוי גיך איבערגעפלויגן — טײַנען עלטערע מענטשן. דעמלט, אין דער פריִער יוגנט, האָבן צוויי מיט האַלבן כאַדאָשים געהייסן גאָר אַ סאַך צײַט. וואָס קאָן ניט פּאַרקומען אין צוויי מיט האַלבן כאַדאָשים? וואָס קאָן אין איין וואָך ניט פּאַרקומען, אין איין טאָג, אין איין רעגע!

ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די טשערנאָוויצער באַלעבאָסטע מײַנע, די פרוי שאַלער, האָט זיך אין די צוויי מיט האַלבן כאַדאָשים שטאַרק אַראָפּגערוקט, דאָס פּאָנעם אירס — איין קנייטש. קיין אָנבײַסנס אונדזערע כאַווײרים קאָכט זי מער ניט. די שטוב אירע, האָט זי גע־זאָגט, איז שוין קאָמפּראָמעטירט. ערעוו דעם ערשטן מײַ, און נאָך אַ פּאָר מאָל דערנאָך, איז געקומען פּאָליציי, געניִשטערט און געזוכט, אַלצדינג צעוואָרפן און צעשאָטן. פון די פיר קוואַרטיראַנטקעס איז בײַ איר געבליבן איין סאָניע. פון וואָס זשע זאָל זי לעבן? גייט זי אַמאָל אַרײַן אין אַ הויז „מאַכן אָרדענונג“, „אָפּוואַשן אַ בריק“. אוי, ווען איר גאָטזעליקער רודאָלף זאָל געוועזן וויסן, אַז נאָך זײַן טויט וועט זײַן ווײַב גיין וואַשן בריקן אין פרעמדע הײַזער, וואָלט ער סײַוויסײַ געוועזן געשטאָרבן.

די פרוי שאַלער האָט מיט אַ שפּיץ פון אַ טיכעלע אויסגעווישט זיך די אויגן, דאָס פּאָ־נעם אירס איז געוואָרן ליכטיקער, זי האָט, דאַכט זיך, אַפילו אָנגעהויבן לאַכן, מיך, ווידער,

ווי פריזער, שפּאַסיק אַ רוף געטאָן בורשע, נאָכגעפרעגט זיך אַף אַלע קליינע שוועסטערלעך מײַנע אין דער היים, צוריק געוואָרן די אַלטע פריזערדיקע פרוי שאַלער.

זי האָט מיר אויסדערציילט אַלע נײַסן, וואָס זײַנען אין די פּאָר כאָדאָשים געשען אין טשערנאָוויץ. נאָר איידערן אויסדערציילן די נײַסן, האָט זי מיט אַ געלעכטער פּלוצעם אַ זאָג געטאָן, אַז שלעכטע, „בלײַדע" מענטשן האָבן נאָך מײַן אוועקפאָרן אויסגעטראַכט, אַז צווישן אונדז ביידן, צווישן מיר און דער פרוי שאַלער, הייסט עס, איז געווען עפּעס ניט קיין ריינס. גלײַך ווי, ווען צוויי „פּערזאָן" זײַנען איינער צום אַנדערן גוט, מוז עס נאָר זײַן דערפאַר, ווײַל צווישן זיי איז עפּעס ניט קיין ריינס. נאָר וואָס קאָן מען וועגן אַן אָרעמער פרוי, אַן אַלמאָנע, וואָס מוטשעט זיך אַזוי ביטער מיט אַ קינד אָן אַ טאַטן, איר פּאָר זײַנע ביינדעלעך, ניט אויסטראַכטן? — האָט די פרוי שאַלער ווידער אַ זוך געטאָן דאָס טיכעלע ערגעץ אין אַן אַרבעלע פון איר כאַלאַט.

אין די דריטהאַלבן כאָדאָשים איז אין טפיסע געשטאָרבן דער אַלטער ווערסטלער. ער איז דאַכט זיך, אַפילע ניט געלעגן קראַנק. געשטאָרבן, זאָגט מען, פּלוצעם. אַרויסגעלאָזט די נע־שאָמע באַנאַכט אין שלאָף. שטיל, ווי אַ הייליקער. קרויווים זײַנע און, פאַרשטייט זיך, די כאַוויירים, האָבן אײַנגעלייגט וועלטן, מע זאָל אים אַרויסגעבן מעקאַבער זײַן — באַערדיקן, ווי די פרוי שאַלער האָט געזאָגט — אין דרויסן, אַף דער פרײַ. ס'איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקור־מען. ס'האָט געדויערט אַ פּיר־פינף מעסלעס. נאָר אַ לעוווײַע האָט דער אַלטער ווערסטלער געהאַט — האַלב טשערנאָוויץ איז נאָכגעגאַנגען. פון די הינטערגאַסן, פון די פאַבריקן. אַלטע לײַט און יונגע קינדער, און גלאַט מענטשן. אַף דער גאַס האָבן זיך אָפּגעשטעלט די פיאַקערס, די טראַמווײַען. מ'האָט אים געטראָגן, אײַנגעהילט אין אַ שוואַרצער דעק, אַרומגערעמלט מיט אַ רויט קענטעלע. ס'האָבן אים געטראָגן עפּשער צוואַנציק אירע. הינטן און איןביידע זײַטן לעווײַע איז פּאָליציי נאָכגעפאָרן אַף פערד, ווי בא אַ קייסער. שוין אין עק שטאָט, נאָכן בריקל, האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און געהאַלטן רעדעס. עמעצער האָט אַרויסגעכאַפּט פונעם בוזעם אַ רויטע פאָן. די פּאָליציי האָט דעם אוילעם אָנגעהויבן צעטרײַבן, טרעטן מיט די פערד. אַ סאַך מענטשן זײַנען געבליבן ליגן אַף דער ערד צעבלוטיקטע און צעשלאָגענע. מ'האָט אַ סאַך מענטשן אַרעסטירט. נאָר מ'האָט דערנאָך, זאָגט מען, אַלעמען אַרויסגעלאָזט. זיי האָבן פאָרן „דיזן אַלטן און ווירדיקן אַרבײַטס־מאַן", ווי די פרוי שאַלער האָט דײַטשמע־ריש געזאָגט, טויטערהייט, זעט אויס, געשראָקן זיך מערער, ווי פריזער, לעבעדיקער הייט!

(אין יענע דריטהאַלבן כאָדאָשים שטעל איך אויך אַרײַן עליזער שטיינבאַרגס לעווײַע. כאָטש נאָך עליעזער שטיינבאַרגס לעווײַע בין איך נאָך אַליין נאָכגעגאַנגען. זי איז פאָרגע־קומען פונקט אין דער וואָך צווישן מײַן אַרויסגיין פון דער טפיסע און מײַן אוועקפאָרן אַהיים. ס'איז געווען אַ קאַלטער אָנהייב־פּרילינג־טאָג. ערעוו פייסעך, זאָגן פרומע ייִדן, שטאַרבן צאַדיקים. אַז עליעזער שטיינבאַרג איז געווען אַ שרײַבער אַ צאַדיק, וועגן דעם דאַרף מען, פאַרשטייט זיך, קיין שום פרומע סימאָנים ניט. די גאַנצע גאַס אַפּן וועג צום טשערנאָוויצער בעסוילעם איז געווען פול מיט אוילים. מ'איז נאָכגעגאַנגען דער מיטע פאַרפרוירענע, מיט אופגעשטעלטע קאָלנערס. שטיינבאַרג איז אויך ניפטער געוואָרן פּלוצעם און אומגעריכט. אַ פּאַשעטע אַפּענדיציט־אָפּעראַציע. אַ גאַנצע וועלט גייט זי דורך איינס־צוויי. אַ שפּילעכל הײַנט, ניט קיין אָפּעראַציע. שטיינבאַרג, דער אומשטערבלעכער, ווי מע זאָגט, האָט זי ניט אויסגעהאַלטן. שטיינבאַרגן האָבן אויך געטראָגן עפּשער צוואַנציק אירע. אויך אַן אײַנגע־הילטן אין אַ שוואַרצער דעק, אַרומגערעמלט מיט רויטן. לעבן רייִשס ייִדישן טעאַטער האָט זיך די לעווײַע אַ רעגע אָפּגעשטעלט. איין רעגע, ניט מער. אַפּאָנעם, ניט לעקאָוועד שטיינ־באַרגן, נאָר לעקאָוועד רייִשס ייִדישן טעאַטער. מעשאָלים שטיינבאַרגס האָט מען פאָרגע־לייענט שפּעטער אַפּן בעסוילעם, באַם אָפּענעם קייווער. הינטן און אין ביידע זײַטן לעווײַע איז פּאָליציי אַף קיין פערד ניט נאָכגעפאָרן. ווי האָבן זיי געקאָנט וויסן, וויפל פולווער עס ליגט באַהאַלטן אין שטיינבאַרגס מעשאָלים קעגן זיי און קעגן די באַלעבאַטים זייערע, וואָס זיי היטן אַזוי געטרײַ אָפּ אַף דער קייט אין זייערע בײַדלעך? און עפּשער האָבן זיי יאָ גע־ווּסט און זיך געמאַכט ניט ווּסנדיק? מאַכמעס אין עק גאַס, שוין פון יענער זײַט בריקל, האָבן אונדזערע כאַוויירים אָנגעהויבן איבערגעבן איינער דעם אַנדערן, אַז קאָמפּראָמעטיר־טע, געזעסענע, הייסט עס, צי אַזוי באַוווסטע, זאָלן באַלד נעלעם ווערן — צווישן אוילעם האָט מען דערקענט אַ פּאָר איבערגעטאָנענע פּאָליציי־אַגענטן. מיר זײַנען פאַרשווונדן אין זײַטיקע געסלעך. כ'האָב ניט זוכע געווען אָנצובייגן זיך איבער שטיינבאַרגס אָפּענעם קייווער אויך מיט מײַן זשמענקעלע ערד.)

און נאָך אַ נײַס.

די נײַס האָט מיר שוין דערציילט סאָניע, די איינציקע קוואַרטיראַנטקע איצט בײַ דער פרוי שאַלער.

דער לייענער געדענקט אַוודאי, אַז צווישן אַלע פיר קוואַרטיראַנטקעס, מיט וועמען כ'האָב דאָ פריִער איינגעוווינט, איז סאָניע געווען די סאַמע געטרײַסטע. אַ מאַרקולעש־טער מיידל, געאַרבעט אין אַ טריקאָטאַזש־פאַבריקל, געהאַט אַ גראָב־הייזעריקלעך קאָל, אַ פּאָר גראָבע ליפּן, וואָנצעלעך, אַ שפּיציק־אַרויסגערוקט אונטערמויל, ווי בײַ אַ זקיינע, מיט איין וואָרט: ניט פון די גאָר גרויסע יעפאַסטויערס. מיידלעך, מאַכט זיך אָפט, ניט קיין באַ־שענקטע מיט שיינקייט, גיבן זיך אויס פאַרביסענע, נערוועזע, ניט־פאַרגינערנס, בייזע אויף דער וועלט. סאָניע איז געווען פונקט דער היפּעך. די גוטסקייט און די ווילקייט אליין. און ניט דערפאַר ווײַל דערמיט האָט זי קאָנקורירט מיט שיינע. פּאָשעט, אַ געטרײַע נעשאָמע, ווי מע טוט אַ זאָג, געטרײַ יעדן, קיין כילעק ניט וועמען. אבי יענער דאַרף איר געטרײַקייט, און אַפילע ווען יענער וויל ניט איר געטרײַקייט. זי איז געבליבן ווײַטער וווינען בײַ דער פרוי שאַלער — כאָטש וווינען אַליין, אין די כאַווערטעס, איז איר ניט געווען זיס. און כאָטש זי איז דאָ אײַנגעשטעלט איבער די אָפּטע פּאָליצײַ־אַבלאַוועס, — ווײַל די פרוי שאַלער איז געבליבן ווי אַ פּן וואַסער, און אָן איר, און אַפילע מיט איר, איז דער פרוי שאַלער ערגער, ווי איר, סאָניען, איז.

כ'בין געזעסן בײַ דער פרוי שאַלער, ווי אויף שפּילקעס. אַרויסגיין דרייען זיך אויף דער גאַס — ווער ווייסט, צי ס'איז קעדײַ? זיצן אַ סאַך דאָ, איז אָבער עפּשער אויך ניט קעדײַ. ווי דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט. כ'האָב זיך סאָפּקאָלסאָף דערוואַרט אויף סאָניען. זי איז אָנ־געלאָפן פון דער אַרבעט אַ פאַרפלאַמטע, אַ פּאָר שאָ פריִער, ווי שטענדיק. מיר האָבן זיך צעקושט. זי האָט פאַרשטאַנען, האָט זי געזאָגט, אַז הײַנט וועל איך מיסטאָמע אָנקומען. זי האָט גאָרניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט מיר. צי כ'בין ניט הונגעריק, פאַרוואָס איך לייג זיך אַ ביסל ניט צו אָפּרוען זיך פונעם וועג, באַלד וועט זי מיר געבן אַ שיסל וואַסער אָפּצו־וואַשן זיך, אָט מאַכט זי שוין טיי. זי האָט אָנגעהויבן אָנפּאַמפּען דעם פּרימוס פאַרנט אין קאָרידאָרל און מיט אַ פינגער מיך צו רוף געטאָן. זי האָט מיר שטילערהייט געזאָגט, אַז דאָ אין דער דירע, ווו כ'האָב געוווינט, טאָר איך הײַנט בעשום־אויפן ניט נעכטיקן.

— פאַרוואָס? וואָס האָב איך מוירע צו האָבן? — האָב איך זיך געמאַכט שטאַרק. — סײַ־וויסײַ. כ'בין דאָך געקומען אויף אַ פּראָצעס.

— ניט דאָס. אָן אַנדער זאַך. — האָט סאָניע אַ ווונק געטאָן אויף דער פרוי שאַלער. די פרוי שאַלער, הייסט עס, ווייסט דערפון ניט, און איך האָב געמיינט, אַז סאָניע גיט מיר אַזוי אָנצוהערן וועגן די נאַרישע זאַכן, וואָס רעכילעסניקעס האָבן נאָך מײַן אוועקפאָרן אויסגע־טראַכט אויף מיר און אויף דער שאַלער.

מיר זײַנען מיט סאָניען געזעסן אויפן דיוואַנדל אירן בײַ דער פרוי שאַלער און געטרונ־קען טיי. די פרוי שאַלער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיך אין שפּיגל און איז אוועק אויסזוכן ערגעץ אין הויף דאָס ייִנגעלע אירס, עריקלען, וואָס לויפט דאָרט אַ גאַנצן טאָג אַרום מיט אַלע „שלעפּלעך", ס'וועט זיי גאָר ניט נימעס אַזויפיל אַרומצולויפן, אַזויפיל צו שפּילן זיך, זאָל ער כאָטש אָט דאָס פאַרגעניגן האָבן, ס'קליינע יאַסעמל, איר פּאָר זײַנע ביינדעלעך. און ווען די פרוי שאַלער איז נאָר אוועק, האָט זיך סאָניע באַלד אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי, מיר זאָלן זיך ניט פאַרעדן, לאָמיך שוין דיר זאָגן. זעקס אַזייגער דאַרפסטו זיך באַגעגענען מיט באַרען.

— מיט באַרען, מיט באַרע לערנער? וואָס זשע, דו קענסט באַרען?

— ער אַליין האָט זיך מיט מיר באַקאַנט. ער האָט מיך צוויי מאָל אָפּגעוואַרט בײַ דער פאַבריק. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויב דו וועסט הײַנט קומען צו פאָרן, זאָל איך דיר אײַ־בערגעבן, אַז פונקט זעקס אַזייגער וואַרט ער אויף דיר לעבן מאַרגנראַט. ער וועט זיך דרייען אויפן טראָטואַר העכער אַ ביסל, לעבן קינאָ. ער האָט געזאָגט, אַז דאָ טאָרסטו בעשום־אויפן ניט נעכטיקן.

— איך פאַרשטיי ניט. כ'גיי דאָך סײַוויסײַ מאָרגן אויפן פּראָצעס.

— באַרע האָט מיר געזאָגט, איך זאָל דיר זאָגן, אַז אויפן פּראָצעס וועסטו ניט גיין. כ'ווייס ניט, ער וועט דיר שוין אַליין אַלצדינג זאָגן.

און סאָניע האָט מיר דערציילט, אַז אויף דער אײַזנבאַן־פאַך־שול, אין די מעכאַנישע וואַרשטאַטן פונעם „הייך־הויז", ווי מע פלעגט אין טשערנאָוויץ די אײַזנבאַן־דעפּאָ רופן (דאָרט, ווו איך און בענע האָבן נאָך אָנהייב ווינטער אָנגעקניפּט מיט די שילער אַ פאַר־בינדונג און אָנגעהויבן פירן מיט זיי אַן אַרבעט), האָט זיך פאַרן ערשטן מײַ געטאָן כווישעך. די שילער האָבן אָנגעהויבן גרייטן אַ שטרײַק. אין די וואַרשטאַטן האָט מען אַ פּאָר מאָל

פארשפרייט מאַניפעסטן. פונקט ערעוו דעם ערשטן איז לעבן טויער פונעם הייך־הויז פאַר־געקומען אַ מין בליץ־מיטינג. אינוויינדיק, אויפן שפּיץ דאַך, האָט אַפילע, זאָגט מען, געפלאַ־טערט אַ רויט פענדל. אין די דאָזיקע מעכאַנישע ווארשטאַטן, האָט סאָניע דערציילט, העג־גען פון טאָמיד אָן צעטלעך, אַז דער, וואָס וועט אויסגעבן אַ קאָמוניסט, וועט באַקומען אַ געלט־פּרעמיע. לאָזט זיך אויס, אַז איינער אַ שילער זיירערע, קלאַמפערשט אַפילע אַ סעקרע־טאַר פון אַ קעמערל, צי ווײַל ער האָט געוואָלט די פּרעמיע, צי ווײַל ער איז גלאַט געווען אַן אונטערגעשטעלטער פּראָוואָקאַטאָר, ער האָט דאָס אַזוי די גאַנצע צײַט צוגעיײַלט, אַלץ געמאָנט מאַניפעסטן, אַ שטרײַק, דעם מיטינג באַם טויער, קעדיי, ערשטנס, אָנשמעקן, ווער פון די שילער גיט זיך נאָך, און קעדיי, צווייטנס, די גאַנצע זאַך אַליין דערנאָך אופדעקן, אויסגעבן. מ'האָט אַ סאַך שילער אַרעסטירט. אַ זייערע, פון דער פאַך־שול, אַי אַ פאַר גימ־נאַזיסטן פון דער שטאָט. באַרע איז אויך אַ גאַנצן כוידעש געזעסן. איצטער זוכט די סיגור־ראַנצע יענע, וואָס האָבן געהאַט מיטן הייך־הויז די ערשטע פאַרבינדונג.

— וואָס זשע קער זיך דאָס אָן מיט מיר, מיט מײַן פּראָצעס? — האָב איך קלוימערשט פאַרכידעשט, גלײַך ווי גאָרניט, געפרעגט.

— באַרע האָט געזאָגט, אַז אויב דו וועסט זיך יאָוועון אויפן פּראָצעס, וועט דיך די סיגור־ראַנצע דאָרטן באַלד אַרעסטירן. די סיגוראַנצע זוכט דיך. ווייל דיך אין דער־אַ געשיכטע אויך פאַרמישן.

— ווען זי זוכט מיך, וואָלט זי מיך דען אין דער היים ניט געקאָנט געפינען?

— כ'ווייס ניט, באַרע וועט דיר שוין אַליין אַלצדינג זאָגן.

ס'איז מיר געוואָרן קילבלעך. אינמיטן הייסן זומער־טאָג. איין געשיכטע איז דעם ראַש־קעווער ייִנגל, אַפּאַנעם, ווייניק. וועט ער, אָט, האָבן אַ צווייטע געשיכטע. זי וועט זיך, ווי מירן שפּעטער זען, ניט אַזוי גיך ענדיקן. וועט אים אַרויסצי׳ען דאָס כאַיעס פון די ביינער. איבערלאָזן אָף טאָמיד שפּורן אין זײַן כאַראַקטער. ניט פאַרהאַרטעווען, נאָר פאַרקערט — פאַרדינערן, פאַרלויזערן. נאָר צוריק געדערעט, ווער ווייסט? עפשער איז דאָס גאָר געווען צום גוטן. געווען אַזוי, ווי ס'וואָלט סײַ־ווי־סײַ געווען.

די פרוי שאַלער איז אַרײַן פון דרויסן מיט עריקלען, אונטערגעפּעטשלט אים, עריקל האָט געפּכינקעט. ער האָט מיך אָבער נאָר דערזען, איז ער באַלד אַרוף אָף מיר אַ פריילע־כער, אַרומגענומען מיך מיט די הענטלעך און מיט די פּיסלעך, מיך באַלד געפרעגט, וואָס פאַר אַ „פּרעזענט" כ'האָב אים געבראַכט. פאַרוואָס האָב איך טאַקע דעם קינד ניט מיטגענו־מען קיין שטיקל מאַטאַנע? גיי דערצייל עריקלען, פאַרוואָס כ'האָב אים קיין פּרעזענט ניט געבראַכט.

סאָניע האָט זיך איבערגעטאָן, צוגעקעמט זיך באַם שפּיגל די האָר, מיר אַ ווינק געטאָן מיט די אויגן דעם וועקער אויפן קאָמאָדל. זי האָט מיר שטילערהייט אַ זאָג געטאָן, אַז זי גייט מיך אונטערפירן, מירן אַ ביסל גיין צופוס. זי וועט מיך צופירן ביז ניט ווײַט לעבן מאַרגנראָט. כ'האָב זיך מיט דער פרוי שאַלער צעקושט, און די פרוי שאַלער האָט געהויבן מיט די אַקסלען: וואָס פּלוצעם צעקוש איך זיך מיט איר באַם אוועקגיין? כ'האָב אַ קוש געטאָן און אַ גלעט געטאָן דאָס קינד. מער האָב איך די פרוי שאַלער קיינמאָל אין מײַן לעבן ניט גע־זען. קיינמאָל ניט באַגעגנט און קיינמאָל ניט געזען זי און ניט איר עריקלען. די פרוי שאַלער איז שוין ניטאָ. עריקל קער שוין זײַן הײַנט אַ מענטש אין די יאָרן, אַ טאַטע פון קינדער, מעגלעך אַפילע אַ זיידע פון אַן אייניקל.

און עפּשער איז עריקל אויך ניטאָ? ווער ווייסט, וואָס דאָס לעבן האָט אים שפּעטער אונטערגעטראָגן, מיט וואָס דאָס לעבן האָט אים אַרומגעפּלאָנטערט?

ווער ווייסט?

2

באַרע האָט מיר אויסגעזען אַ טעל. אויסגעמאָגערט, די נאָז פאַרשאַרפט, טיפער די צוויי קאַרבן אין די באַקן, די אָפּגעשווירענע האָר אויפן קאָפּ זײַנען אים נאָך קיין סאַך ניט אונטער־געוואַקסן. נאָר, ווי טאָמיד, שטאַלטנע, מונטער, אין אַ ספּאָרט־העמדל מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל.

באַרע האָט מיר געזאָגט:

— ניין. מאָרגן אַפּן פּראָצעס טאָרסטו זיך ניט יאָווען. ניט וואָס דו דאַרפסט ניט, און ניט וואָס עס לוינט זיך דיר ניט צו יאָווען, נאָר דו טאָרסט זיך ניט יאָווען. און ניט איך הייס עס דיר. מע הייסט עס פון אויבן, פון דער אַנפּירערשאַפט.

— וויאַזוי זשע וועל איך זיך אומדרייען אומלעגאַל, ניט אַהער און ניט אַהין, וואָס זשע, ס'איז טאַקע אַזוי געפערלעך?

— געפערלעך. אי פאַר דיר, אי פאַר אונדז אַלע, פאַר דער גאַנצער זאַך. אַ נאָמען יאַנקל פישמאַן קענסטו דאָך, האַ?

— יאַנקל פישמאַן דאָס בין איך אַליין. איך בין עס. אַף די ערשטע פּאָר זיצונגען האָבן די כעווערע פונעם הייך־הויז געמאַנט, מע זאָל באַלד שאַפן אַ קאָמיטעט. איינער פון זיי האָט צונויפגעשטעלט דאָס צעטל. און איך האָב זיך דעמלט אָנגערופן יאַנקל פישמאַן. אַזוי ווי ס'איז מיר געקומען אַף דער צונג, אַזוי האָב איך זיך אָנגערופן.

— כ'ווייס. הער זשע אויס. זוכט איצטער די סיגוראַנצע יאַנקל פישמאַנען. אויב יאַנקל פישמאַן איז דאָ, איז די קאַשע, וואָס זיי האָבן פאַרמישט, אַ גוט פאַרמישטע קאַשע. אויב אָבער יאַנקל פישמאַן איז גאָר אַף דער וועלט ניטאָ, וועט עס, מעגלעך, בלײַבן אַזוי ווי מיר האָבן געטײַנעט — אַז די פּראָוואָקאַטאָרס האָבן אַלצדינג אויסגעטראַכט, אַליין צונויפגעשטעלט, פּראָוואָצירט. אַזוי זאָגן אונדזערע אַדוואָקאַטן. כאַראַלאַמביע, קענסט אים דאָך, זיצט. ער האָט אויך אַזוי געטײַנעט. ער האָט אַלצדינג גענומען אַף זיך. די מאַניפעסטן האָט ער אַליין פאַרשפּרייט. די פאָן — איינער אַליין אויפגעהאַנגען. ער איינער האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דעם שטרײַק, פון דרויסן איז קיינמאָל קיינער צו זיי ניט געקומען, קיין שום פאַרבינדונגען האָבן זיי מיט קיינעם ניט געהאַט. אַ שאָד, דער בעסטער באַכער, כאַראַלאַמביע, צווישן די פאַך־שילער. לאָזט זיך אויס, אַז דער פּראָוואָקאַטאָר איז טאַקע דער דאָזיקער וויאָרעל, ווי דו און בענע האָבן דעמלט כוישעד געווען. אַ פאַשיסט, אַן אויסוואָרף. ער האָט אַלצדינג פאַרדרייט און אַלצדינג דערנאָך איבערגעגעבן. נאָר ס'האָט זיך געלוינט. צו די פאַך־שילער האָט מען פריִער אַפילע ניט געקאָנט צוטרעטן. איצט האָט זיך דאָרטן עפּעס אָפּגעטאָן. אַ פונק טליִעט שוין. די אַרבעט פירט מען דאָרט ווײַטער. צי ס'וועט יאָ זײַן אַ שטרײַק, צי ניט — מיר זײַנען שוין דאָרטן דאָ. אונדזער קויעך פילט מען שוין דאָרט. קורץ, אַז אַ יאַנקל פישמאַן איז פאַראַן און אַז דו ביסט עס דער יאַנקל פישמאַן, ווייסט די סיגוראַנצע, נאָר זי קאָן עס ניט באַווײַזן. זי דאַרף עס באַשטעטיקן.

— זיי האָבן דאָך דאָרטן די פאָטאָגראַפיע מײַנע, אי אין אַנפאַס, אי אין פּראָפיל.

— אַ פאָטאָגראַפיע איז גאָרניט. אַף יעדער פאָטאָגראַפיע קאָן דער פּראָוואָקאַטאָר זאָגן, אַז דאָס איז יאַנקל פישמאַן. דיך אַליין דאַרפן זיי, אַ לעבעדיקן. מאָרגן נאָכן פּראָצעס וועלן זיי דיך אַרעסטירן און וועלן דיך באַלד נעמען אין דער אַרבעט.

— כ'וועל ניט אַנערקענען, זיי זאָלן מיך אַפילע דערהאַרגענען.

— כ'ווייס. נאָר ס'איז, ערשטנס, געגנוג, איין איידעס זאָל אונטערשרײַבן דיר אין די אויגן, אַז יאַנקל פישמאַן דאָס ביסטו. צווייטנס, די סיגוראַנצע דערהאַרגעט ניט. וואָס די סיגוראַנצע טוט, האָסטו שוין געפילט. זי קאָן שענערס. ווען דו ווייסט, וואָס זי האָט כאַראַלאַמביען געטאָן. ניט טאָמיד און ניט בא יעדן צושטאַנד קאָן מען אויסהאַלטן. צו וואָס ריזיקירן? ביכלאַל, אויב מע קאָן דאָס נאָר אויסמײַדן, דאַרף מען אַלצדינג טאָן, וואָס ווייניקער אַרײַנצופאַלן אין דער סיגוראַנצעס הענט. מיר האָבן דיר געשטעלט אַ גוטן אַדוואָקאַט. ער זאָגט, אַז מאָרגן אַפּן פּראָצעס וועט מען דיר און בענען קיין יאָרן ניט געבן, מע וועט אײַך הינטער די אויגן באַפרײַען. קיין שווערע מאַטעריאַלן, מע זאָל אײַך פאַרמישפּעטן, איז אַף אײַך ניטאָ. שוין מאָרגן, נאָכן פּראָצעס, וועסטו פון טשערנאָוויץ קאָנען אוועקפאָרן. און — אויס, אויס יאַנקל פישמאַן, קיין יאַנקל פישמאַן האָבן זיי ניט, קיין יאַנקל פישמאַן איז ניט פאַראַן.

— מע קאָן דאָך דעם פּראָצעס אָפּלייגן.

— אַט אַזוי גייט עס. אויב מע וועט דעם פּראָצעס אָפּלייגן, וועסטו זיך מוזן אַ שטיקל צײַט צומוטשען ניט לעגאַל. ביז מע וועט סאָפּקאָלסאָף דעם פּראָצעס פאַרענדיקן. מאָרגן פאַרנאַכט וועל איך דיר זאָגן פּינקטלעך, וווּהין דו זאָלסט פאָרן. מיר וועלן דיר מיטגעבן אַ פאַרבינדונג, אַ פּאַראָל. דאָ וועלן מיר אַלצדינג טאָן, דער געריכט זאָל דיך סאָפּקאָלסאָף באַפרײַען. און דו וועסט צוריק ווערן לעגאַל גיי, וווּהין דו ווילסט, און פאָר, וווּהין דו ווילסט.

מיר האָבן מיט באַרען שפּאַצירט לענגויס דעם הויכן פּלויט פון דעם טשערנאָוויצער קאַטעדראַל, אַרײַנגעגאַנגען דערנאָך אין האַבסבורגסהיי־פּאַרק, געזעסן אַף אַ באַנק אין אַ זײַטיקער אַלייע. ווו זשע וועל איך הײַנט נעכטיקן? שוין דעם ערשטן טאָג — אָן אַ דאַך איי־

בערן קאָפּ: ווו טוסטו זיך אַהין? פאַרוואָס רעדט ניט וועגן דעם גאָרניט באָרע? נאָר באָרע האָט וועגן דעם באַלד יאָ אַ רעד געטאָן:

— איין זאַך: וווהין זשע פירט מען דיך צו, זאָלסט ביז מאָרגן פאַרנאַכט איבערזיצן? פון דער פרוי שאַלער קאָן קיין רייד ניט זײַן. כ׳וואָלט דיך גענומען צו זיך, איז אונדזער שטוב אויך שוין אָפּן אויג. זאָג נאָר, האָסט דאָ געהאַט, ווייס איך, אַ פּאָר שטונדן. באַ פײַנע מענטשן, באַלעבאַטים. עפּשער טוען מיר אַ פּרווו דאָרטן, האַ?

— כ׳האָב שוין אויך אַזוי אַ טראַכט געטאָן, — האָב איך געזאָגט, — נאָר עפּעס איז ניט געבאַקוועם. כ׳בין אינמיטנדערינען פאַרפאַלן געוואָרן. עפּשער ווייסן זיי גאָר, אַז איך בין געזעסן. כאָטש כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין געלעגן קראַנק, געהאַט אַן אָפּעראַציע. כוץ דעם: וואָס פּלוצעם זומער, די קינדער לערנען איצט ניט, באַ מיר, ווייסן זיי, איז אויך קאַניקול, פונוואַנען בין איך פּלוצעם אַראָפּגעפאַלן?

— מע דאַרף צוטראַכטן עפּעס אַ גוטן טערעץ. ניט — איז ניט. וואָס האָבן מיר אָנצוווערן?

— כ׳ווייס? כ׳קאָן זאָגן, אַז איך בין געקומען אויף אַ טאָג אַרויסנעמען אין סעמינאַר דעם דיפּלאָם און דאַרף אַ נאַכט איבערשלאָפן. איין מוטער איז, דאַכט זיך, זייער אַ גוטע. זי פּלעגט מיר יעדעס מאָל צוטראָגן אַ גלאָז מילך און פּלעגט אויף מיר טאָמיד קוקן מיט מיטגעפיל, מיט אַ מין מיטלײַד. כ׳האָב שטאַרק ליב, כ׳צעגיי זיך אַזש, ווען מ׳האָט צו מיר מיטלײַד. כ׳וועל זיך עפּשער באַ איר קאָנען אײַנבעטן. בעטן איז מיר אויך שטאַרק־שטאַרק גרינג.

— אײַ, לאָז דיך אָפּ. ליב, גרינג. אַ סאַך זאַכן וועלן דיר איצטער מוזן זײַן ליב און גרינג. קום, וועלן מיר אַהין צוגיין, ס׳ווערט שפּעט. כ׳וועל טאַקע אַ קוק טאָן, ווו דאָס איז. דו וועסט אַרײַנגיין, און איך וועל זיך דרייען אין דרויסן אַ פּופצן מינוט. אויב דו וועסט זיך ניט אומקערן, וועל איך מאָרגן קומען אַהער צו דיר אַרום זעקס. אויב ניט — איז ניט. וועלן מיר אַ זוך טאָן ערגעץ אַנדערש. עפּשער אין סטודענטן־היים? ניין, דאָרט איז אויך ניט קעדײַ. אַז ס׳וועט ניט זײַן קיין אַנדער ברירה, וועל איך דיך נעמען צו זיך. ס׳וועט גאָרניט געשען, ס׳וועט דורכגיין. מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר שוין עפּעס צוטראַכטן.

די שטונדע מײַנע האָב איך געהאַט אין צענטער, אין אַ שטיל ריין געסל. באָרע איז געבליבן אונטן און איך האָב זיך אופגעהויבן אַרויף אויף די טרעפּ. כ׳האָב אַ גלײַך געטאָן אויף זיך די פּאָלעס פונעם רעקל, אויסגעהוסט זיך און אַ קוועטש געטאָן דאָס טיר־גלעקל.

אַראָפּ, אונטן צו באָרען, האָב איך זיך שוין ניט אומגעקערט.

3

ער, דער באַלעבאָס מײַנער פון דער טשערנאָוויצער שטונדע, האָט געהייסן לודוויק, — הער לודוויק. ערגעץ אין שטאָט האָט ער פאַרמאָגט אַ מאַגאַזינדל פון פּאַרטיקע מענער־קליידער, און דאָס מאַגאַזינדל האָט אויף די וויוועסקעס אויך געהייסן הער לודוויק. אויף רומעניש — „לאַ דאָמנו לודוויק”. באַם דאָמנו לודוויק, הייסט עס, קאָנט איר קויפן די שענסטע און די בעסטע מענער־מאַנטלען, אָנצוגן, הויזן, זשילעטן, לײַב־צודעקלעך, אַלץ, וואָס אײַער האַרץ גלוסט, אַלץ, וואָס אַ מאַנצבל דאַרף.

פאַראַיאָרן, פאַרן אַהיים פאָרן אויף די פּייסעך־קאַניקולן, האָב איך אין הער לודוויקס מאַגאַזינדל אויך מיר געקויפט אַ פּאָר הויזן. שוין מיט באַקאַנטשאַפט, האָט עס געהייסן. די צוויי פּריקאַזטשיקלעך דעם הער לודוויקס האָבן פאַר מיר אָנגעוואָרפן אויף דער סטאָיקע עפּעס הונדערט פּאָר הויזן. איין פּריקאַזטשיקל האָט די הויזן געמאָסטן אויף מיר הינטן, באַ די קריזשעס. דאָס צווייטע — פון דער דיך ביז אַראָפּ צו די טריט. זיי האָבן מיך ביידע געדרייט, ווי אַ דריידל, און האָבן מיר סאָפּקאָלסאָף אַרײַנגעדרייט אַ פּאָר געקעסטלטע געלבלעך־גרינבלעכע הויזן אָן אַ קראָק. די מאַמע האָט פאַרשאָלטן גאַנץ טשערנאָוויץ און אַלע הער לודוויקס פון דער וועלט. נעמען און אַרײַנטאָן אַ ייִנגל, אַ לערער אין שטוב, שוין, קיין אײַנהאָרע, אַ פּאָלנעם מאַנצבל, הויזן אָן אַ קראָק. אָן אַ הינטן און אָן אַ פאָרנט. מאַטקעס ניט קיין הויזן, אַ פּאָר נימעסע פּלודערן, ס׳קערט זיך איבער די גאַל. פּייגער־הייזלעך.

מיט מיר האָט דער הער לודוויק פאַר דער גאַנצער צײַט ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. גלײַך, ווי אָט טוט ער אַ רעד מיט מיר איין־און־איינציק וואָרט, וועט אים באַלד כאָמעצדיק דאָס מויל. אַז ער פּלעגט אַמאָל זײַן אין דער היים, ווען איך האָב מיט די צוויי ייִנגלעך

זײַנע געלערנט, פלעגט ער פאָרנט אין האָל טאָמיד זיצן אַן אָנגעבלאָזענער אין א פליושענער טיפער שטול, אײַנגעגראָבן די אויגן אין א דײַטשישער בלאַט, א ווינער צי בערלינער בלאַט מיט גאָטישע אויסיִעס. ער אַליין, מיט דער בלאָנדער געקרויזטקײַט אפן קאָפּ אין בײַדע זײַטן פליך, מיט די גאָר דין־פארבייגלטע וואָנצע־שפּיצן, מיט דער געצאַצקעטער פארשנירלטקײַט פאָרנט, הין־און־צוריק, איבער ביידע פאָלעס פון זײַן ווייכער פּיזשאַמע, — ער אַליין האָט אויך אויסגעזען ווי א גאָטישער אָס. פארדריידלט, פארווינקלט, אויסגעציקלט — מיר, אַלקאָלפאָנעם, איז אַזא הער לודוויק און אַזא אָס שווער געווען אײַנצובײַסן, שווער געווען צו צעקײַען.

די פאָלן אין הער לודוויקס צימערן זײַנען, פארשטייט זיך, געווען פארקעט־פאָלן. טאַקע דאָרטן־אָ האָב איך צום ערשטן מאָל אין מײַן לעבן געזען אַזעלכע בלישטשענדיקע, אָפּגעשליפענע, אויסגעוועקסלטע, גליטשיקע פאָלן, ווו מע דאַרף שטעלן די טריט גאָר־גאָר געהיט, אַניט קאָן מען זיך נאָך איינס־צוויי אויסגליטשן און צעברעכן זיך רוק־און־לענד. און כ׳האָב זיך טאַקע, מעכילע, אַמאָל שיין אויסגעגליטשט, געבליבן ליגן אויסגעשטרעקט אין מײַן גאַנצער לענג. די צוויי שילערלעך מײַנע, טעאָ און פרידלײַן, האָבן זיך געקרעקט מיט די פארדושעטע געלעכטערלעך זייערע. די באַלעבאָסטע, מאַדאַם בערטא, האָט מיר געהאָלפן אויפהייבן זיך, אַף די קינדער אָנגעשריגן, צוגעטראָגן מיר דערנאָך די גלאָז מילך מיט א באַזונדער מין גוטסקײַט אפן פּאָנעם, געהאַט דעמלט דעם בעסטן שאַס־האַקוישער אַרויסצוווײַזן אין דער פולער פארע די מיטלײַד אירע, וואָס זי טראָגט אין זיך טאָמיד צו מענטשן.

דאָס סעמינאַר־היטל מײַנס פלעג איך איבערלאָזן אין קאָרידאָר אפן הענגער, און דורכגייענדיק דעם פאַדערצימער אָנעם סעמינאַר־היטל מיט די באָקאַנקעס אַף די פיס, די הויזן אַרײַנגעלאָזט אין די שטוצן, און מיט דער טונקעלער בעסאַראַבער קאָסאָוואָראָטקע, האָב איך מינאַסטאַם אויסגעזען, ווי א מין שלאָסער־מײַסטערל, וואָס איז אַרײַנגעקומען אין שטוב אַף א ווײַל, פאריכטן דעם קראַן אין קיך, לאָזט איבער אפן בלישטשענדיק פאָל די אָפּגעשטעמפלטקײַט פון זײַנע טריט, און מע מוז שווײַגן, מע מוז דערנאָך מיט א שמאַטקעלע די פאַדעשווע־צייכנס פארווישן, מע מוז אַלצדינג אויסהאַלטן, ווײַל דער קראַן אין קיך קאַפּעט און קאַפּעט, האַלט אין איין קאַפּען.

און דער קראַן מײַנער, וואָס איך האָב געדאַרפט פאריכטן, האָט בעפּיירעש געקאַפּעט סאַקאָנעס־נעפּאָשעס. טעאָ און פרידלײַן פלעגן אַלע טאָג אַהיים ברענגען פון שול העפטן מיט סאַמע רויטע איינסן און צווייען. און איך האָב געדאַרפט מיט זיי האַקן האָלץ, אַז פון די איינסן און צווייען זאָל מיט דער צײַט כאָטש ווערן דרײַען און פירן, פינפן און זעקסן. דער עלטערער, טעאָ, איז געווען א הויכלעכער, מיט א בלאָנד שויבערל אפן קאָפּ, מיט ברילן אַף די אויגן, א שווײַגערל — אײַנגאַנצן דער טאַטע. דער קלענערער, פרידלײַן: א קײַלעכדיק קאַראַפוזיקל, א לאַכנדיקס און טאַנצנדיקס, א גוטס און א באַריידעוודיקס — אײַנגאַנצן די מאַמע.

אײַנמיטן לערנען פלעגן זיי זיך ביידע פלוצעם אָפּשטעלן, ווי, לעהאַוודל, צוויי פוילע קאַפּריזנע פערדלעך — ווײַטער פאָרט מען ניט. כ׳פלעג זיי פון צײַט־צו־צײַט מוזן אונטערבײַטשלען. אונטערן טיש פלעג איך אַמאָל, ווען טעאָן און ווען פרידלײַנען, געבן א קלײנטשיק קניפּעלע אין פולקעלע. טעאָ פלעג דאָס קניפּעלע מײַנס אופנעמען מיט שטילשווײַגעניש. ער פלעגט אַראָפּלאָזן די אויגן מיט די ברילן צום טיש אַראָפּ, א קאַפּעלע רויט ווערן, זיך א קאַפּעלע אָנבלאָזן, נאָר שווײַגן — ס׳איז יוישערדיק, סע קומט אים. פרידלײַן אָבער פלעגט אַרויסלאָזן פונעם האַלדז אַזא קוויטש — אופצורירן א טויטן. נאָכן קוויטש האָט ער אָנגעהויבן אַזוי לאַכן — דאָס גאַנצע פירגאָרנדיקע הויז זייערס אופצורירן. די מאַדאַם בערטא פלעגט בלײַבן שטיין אַף דער שוועל פונעם קינדער־צימער אין איר זײַדענעם כאַלאַט מיט די גרויסע קווייטן און מיט די כוץ־לעדערעך־האַטעוועדיקע ברייטע אַרבל, און קוקן מיט מיטלײַד ניט אַף זיי, די געקניפּטע, נאָר אַף מיר, דעם קניפּער, וואָס מוז, נעבעך, קניפּן.

די מאַדאַם בערטא איז טאַקע געווען זייער א גוטע. ס׳מאַכט זיך אַמאָל זייער א גוטער מענטש אָן א פאַרוואָס. זי איז נאָך דערצו געווען זייער א באַריידעוודיקע. זי פלעגט מיט מיר זיצן און שמועסן מערער צײַט, וויפל איך בין געזעסן און געלערנט מיט די קינדער. ס׳הייסט, ניט מיט מיר שמועסן, נאָר אַליין רעדן, שיטן און שיטן. כ׳האָב שוין געקאָנט אַף אויסווייניק ביידע לערערנס טעאָס און פרידלײַנס, דעם דירעקטאָר פון דער שול, אָן א שיר שכיינעס, פרײַנדנס, שנײַדערקעס, בא וועמען זי נייט זיך די קליידלעך, די דינסט אין שטוב און אפילע דער דינסטס טאַטע־מאַמע, אפילע קלײַענטן אין זייער מאַגאַזינדל, וואָס דרייען טאָמיד א ספּאָדעק און ווייסן קיינמאָל ניט וואָס זיי ווילן. מערער ווי יעדן האָט די מאַדאַם בערטא באַמאָלט מיט אַלע פישטשעווקעס די שוועסטער אירע ערנא, וואָס וווינט א ביסעלע ווײַטלעך, באַלד נאָכן בעסוילעם־בריקל, האָט אַן אייגן שטיבל מיט א גרויסן הויף, א שטאַל

מיט פיר קי אין שטאל, שלאָגט אויס פוטער, מאכט די בעסטע סמעטענע אין שטאָט, דעם בעסטן קעז, צעפירט אלע פארטאָג אף א וועגעלע מיט צוויי רעדלעך מילך אין די הײַזער. און א בעניאָכידל פארמאָגט די שוועסטער, א נאָרבערטל — אַן אײנס און א צוויי איז שוין א יאָמטעוו. דער מאמזער דרייט זיך אום א גאנצן פארמיטיק, מיט דער טאש אף די פלייצעס, אין פארק צי אין מארק און פארגעסט גאָר אינגאנצן דעם וועג אין שול. זי וואָלט גערארפט האלטן, ערנא, א רעפעטיטאָר צום בענקערטל אירן, ווי מע דארף לעבן. נאָר זי איז קארג, די שוועסטער, אז מע זעט גאָר אזוינס ניט. זי וואָלט מיך טאקע גערארפט צושיקן אין א טאָג צו ערנען, איך זאָל מיט נאָרבערטלען אויך עפעס אָנהייבן טאָן. אים אויך ארופירן אף א שטיקל וועג. אויב די שוועסטער וועט זיך קנייטשן, דרייען מיט דער נאָז, טײַנען דאָס און יענץ, זאָל איך איר זאָגן, אז זי, די מאדאם בערטא, האָט באפוילן, ערנא זאָל זיך מיט מיר באלד אײַנפארשטיין. צאָלן דעם לערער, מיר, הייסט עס, פאר נאָרבערטלען, וועט זי אליין, די טאנטע בערטא.

אין יענעם פארנאכט איז די מאדאם בערטא געווען איינע אליין אין שטוב. דער הער לודוויק פארהאלט זיך אָפט נאָכן פארמאכן דאָס מאגאזינדל אף א גוטע פאָר שאָ אין שטאָט. טעאָן און פרידלײַנען האָט די דינסט מיטגענומען אף א צען טעג אהיים צו זיך אין דאָרף אף לופט. די מאדאם בערטא האָט מיך גאָר קיין סאך ניט אויסגעפרעגט וואָס און ווען. אויס־פרעגן האָט זי גראדע קיין טעווע ניט געהאט. געקומען ארויסנעמען אין סעמינאר דעם דיפ־לאָם — גערונטערהייט. איבערשטיין בא איר א טאָג — מיטן גרעסטן קאָוועד. זי האָט מיך ארײַנ־גערופן אין קיך עפעס אָפעסן, אויסדערציילט מיר א פאָר נײַע געשיכטעס, אויסגעבעט מיר דערנאָך א געלעגער אין דער דינסטס פרײַען צימערל, אף אַן אײַזערנעם בעטל, מיט אָן א שיר פאָטאָגראפיעס אויבן אף דער וואנט איבערן בעטל.

כ׳בין מיסטאמע באלד אנשלאָפן געוואָרן. אין שלאָף האָט זיך מיר פלוצעם אויסגעדאכט, אז דער הער לודוויק עפנט אוף די טיר פונעם צימערל, שטעקט ארײַן דעם קאָפּ און מאכט זי באלד צוריק צו, א ביסעלע ערגער און בייזער, ווי ער האָט זי אופגעעפנט. דערנאָך האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז פון יענער זײַט טיר שושקעט מען זיך עפעס. דערנאָך האָט זיך מיר אויסגעדאכט, אז ערגעץ ווײַטער, אין די צימערן מיט די גליטשיקע פאָלן, שושקעט מען זיך ניט, נאָר מע רעדט שוין אף הויכע קוילעס, מע שרײַט שוין, דאכט זיך, אפילע. עס טוט א קלאפּ א טיר און עס טוט א דרינדזשע א שויב אין דער טיר. עס ווערט מיטאמאָל שטיל. עס הייבן זיך נאָכאמאָל אָן הערן הויכע קוילעס, און עס ווערט ווידער שטיל. דערנאָך האָט זיך מיר שוין מער גאָרניט אויסגעדאכט. כ׳בין, אפּאָנעם, דערנאָך צוריק אנשלאָפן געוואָרן.

גאנצפרי האָט זיך די מאדאם בערטא ארײַנגעיאוועט צו מיר אין דער דינסטס צימערל אינגאנצן אָן איבערגעביטענע. ניט ווי מע טוט עס אמאָל אזוי א זאָג, נאָר מאמעש. אנדערע באקן, אַן אנדערע אונטערמויל, אנדערע צעשויבערטע האָר אפן קאָפּ, אנדערע, אונטערגע־בראָטענע, אויגן — ווען איך זע זי אזעלכע אף דער גאס, דערקען איך זי ניט. זי האָט גע־רעדט מיט אַן אנדער קאָל, גערעדט מיט מיר אנדערע רייד. ניט גערעדט ייִדיש, נאָר האלב דײַטש און האלב ייִדיש. געזאָגט מיר אפן אָרט פון „איר" „זי". אלע מאָל ארײַנגעוואָרפן אין די רייד די צוויי ווערטער „וויסן זי".

— וויסן זי, זי דארפן זיך טייקעף אָנטאָן און אוועקגיין... זי מוסן זאָפאָרט גיין...

זי האָט געפלאָנטערט. אָט האָט זי געזאָגט, אז דער מאַן אירער, דער הער לודוויק, איז א בייזער און נערוועזער מענטש, ס׳גייט אין אים ארײַן די רעציכע, וויסן זי, איז ניקס צו מאכן. און אָט האָט זי געזאָגט, אז דער מאַן אירער, דער הער לודוויק, איז די שטילקײַט און לײַטישקײַט אליין. א מענטש, וויסן זי, מיט א פארנעם אין שטאָט, מיט א נאָמען. אזעלכע זאכן קענען שאטן, וויסן זי, דער פארנאָסע (וועלכע אזעלכע זאכן האָט זי, פארשטייט זיך, ניט אויסגערעדט). זי טרײַבט מיך, כאָלילע, ניט ארויס, האָט זי געזאָגט. זי הייסט מיר נאָר טייקעף אָנטאָן זיך און זאָפאָרט אוועקגיין צו איר שוועסטער, צו ערנען. דאָרט איז גאָר עפּעס אנדערש. עס דרייען זיך אום עטלעכע קי אין שטאל, זי האלט צו די קי א פאָר בורשן... (קאָן איך זיך, הייסט עס, אויך אומדרייען אין שטאל צווישן די קי און די בורשן). אויסער דעם, וויסן זי, וווינט די שוועסטער אין א זײַט. אויסער דעם, איז דאָס גוטע נאָרבערטל דאָס יאָר נאָכאמאָל געבליבן אין דעם זעלבן קלאס, און די שוועסטער דארף צו אים איצטער א לערער, ווי מע דארף לעבן. כ׳וועל דאָרטן קענען, וויסן זי, איבערזיצן וויפל כ׳וועל וועלן (אונטערגעוואָרפן דעם פייגער, הייסט עס, דער שוועסטער).

— ס׳דארף צו מיר אהער קומען הײַנט א מענטש... — האָב איך קוים אויסגעשטאמלט, — ארום זעקס אזייגער... זייער א נייטיקער מענטש.

— ס'מאַכט ניט. כ'וועל אים געבן דער שוועסטערס אדרעס. כ'וועל אים זאָפאָרט שיקן אַהין, צו ערגעץ.

רעד אַהין, רעד אַהער. כ'האָב זיך, מעכילע, גיך געדאַרפט אָנטאָן, אַפילע, דאַכט זיך, ניט אָפּגעוואַשן זיך, און, מעכילע, זאָגן אַ גוטן טאָג. כ'בין, פאַרשטייט זיך, אַוועק צו דער מאַדאַם בערטאַס שוועסטער. געגאַנגען דורך זייַטיקע געסלעך. ס'איז נאָך געווען גאָר פרי. מענטשן האָבן זיך דאָ און דאָרט געייַלט צו דער אַרבעט. כ'בין געגאַנגען מיט אַזאַ פּאָנעם, גלייַך ווי כ'האָב נאַרוואָס אויסגעגאַנוועט אַ קלויסטער, און די מענטשן, וואָס באַגעגענען מיך, האָט זיך מיר געדאַכט, זעען אַלע אין מיר גוט, אַז כ'האָב נאַרוואָס באַגאַנוועט אַ קלויסטער.

דער טויער אין דער מאַדאַם בערטאַס שוועסטערס הויף איז געשטאַנען צעעפנט. און ווען איך בין אין הויף אַרייַנגעגאַנגען, איז טאַקע באַלד נאָך מיר אָנגעפאָרן מיט אַ ראָש אַליין דער מאַדאַם בערטאַס שוועסטער ערנאַ, אויף איר צווייַרעדערדיק וועגעלע, מיט צוויי בלעכענע מילך־קיילים, ליידיק טראַסקענדיקע אויבן הינטער איר אויפן וועגעלע. זי איז געזעסן אַ ברייטע אויפן גאַנצן זיץ פונעם וועגעלע, דעם קאָפּ פאַרקניפּט מיט אַ דרייַעקנדיק אויסגעקווייטלט טיכל. אַזוי־אָ צו ברייט און צו דיק איז זי דאַפקע גאָר ספּריטנע אַראָפּגעשפּרונגען פונעם וועגעלע און מיטן בייַטשל אין דער האַנט מיך געפרעגט, וואָס איך וויל. זי האָט געהאַט אַ שטרענגלעך־האַרטלעך פּאָנעם און אַ קאָל אויף גראָבלעכע אונטערשטע באַס־טענער. נאָר אַזוי־אָ האָט זי מיך פונדעסטוועגן באַלד אַרייַנגעפירט אין אַ מין גלעזערנעם וועראַנדעלע און מיך באַלד אַוועקגעזעצט איבער אַ היפּש שיסעלע סמעטענע. זי האָט אויף אַ גראָב שטיק ברויט אָנגעשמירט פּוטער און אויף דער פּוטער אַרופגעקוועטשט אַ נאָך גרעבערן פּלאַסט קעז — כ'האָב נאָך קיינמאָל אַזאַ גראָב שטיק ברויט מיט קעז און פּוטער און אַזויפיל געדיכטע באַטאַמטע סמעטענע ניט געגעסן.

נאַרבערטל, האָט זי געזאָגט, שלאָפט נאָך, און ער'ט נאָך אַזוי גיך ניט אויפשטיין. פּעריען — זאָל דאָס קינד שלאָפן שפּעטער אַ ביסל. כ'קאָן זיך צוזעצן אָט דאָרטן־אָ אין הויף אויף דער באַנק, אין דרויסן אויף דער לופט, און עטוואָס צוּוואַרטן.

דער עטוואָס האָט זיך געצויגן גאַנץ לאַנג, און ס'האָט מיר, פאַרשטייט זיך, גראָדע האַנאָע געטאָן, וואָס די זון אויפן הימל רוקט זיך און רוקט זיך, וואָס אַמאָל נעענטער און נעענטער, צו מיר, און איז אָט־אָט באַלד איבערן קאָפּ. אַזייגער עלף, האַלב צוועלף, האָט זיך דאָס כעוורעמאַנדל, נאַרבערטל, אַרויסגעיאַוועט פון דער שטוב, געריבן זיך די פאַרשלאָפענע אייגלעך, צוגעשאַרט זיך צו מיר, און דאַפקע שעמעוודיק מיך אַ פרעג געטאָן, צי איך בין דער העער לערער. ער האָט אַ קרים געטאָן מיטן נעזל — כ'בין אים, אַפּאָנעם, ניט גאָר געפעלן. דאַפקע אַ בייג געטאָן זיך מיט אַ קניקסל און מיך אַרייַנגעבעטן צוריק אין גלעזערנעם וועראַנדעלע אַרייַן.

כ'האָב אים געהייסן אַרויסברענגען אַלע ביכלעך און אַלע העפטן זייַנע. כ'האָב אים פּאַמעלעך אויסגעפרעגט דאָס און יענץ — דערווייַל, הייסט עס, פאַרהערט. אין אַ מין שאָ אַרום האָט די פרוי ערנאַ אַרויסגעבראַכט אַ פּאָלומעסעק מיט הייסע מילכיקע קרעפּלעך, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין אַ יאַם מיט פּוטער, און האָט געזאָגט, אַז מיר זאָלן ביידע ביז וואָס־ווער־ווען איבערכאַפּן — צוליבן העער לערער וועט דאָס קינד אויך עפּעס נעמען אין מויל.

דערנאָך האָב איך זיך אומגעדרייט אין הויף. ס'האָט געהייסן, איך וואַרט אויף דער פרוי ערנאַס מאַן, אויפן באַלעבאָס. ער איז הייַנט צוגעפאָרן קיין סאַדעגערע אויפן יאַריד אָנקוקן אַ פּאָר טעלעצעס און איז מעכויעוו מינוט אין מינוט אָנצולויפן. כ'בין אַרייַנגעגאַנגען אין שטאַל אַ קוק טאָן אויף די קי. כ'האָב זיך טאַקע אַ ביסל געדרייט דאָרט צווישן די צוויי שטאַלייִנגלעך, וואָס האָבן געבערשטלט די קי מיט דראָטענע בערשטלעך, צונויפגעשאַרט אין אַ קופּע, מיט צוויי גרויסע אייַזערנע גאָפּל־לאָפּעטעס, שוואַרצע פאַרדריפּעטע שטרוי.

אַרום זעקס בין איך פּאַוואָלינקע אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן, הין און צוריק געדרייט זיך פון יענער זייַט טויער, געוואַרט מיט אַ טיאָכקענדיק האַרץ, באָרע זאָל כאָטש אָנקומען. און אָט האָב איך באָרען דערזען. ער האָט שמייכלענדיק צו מיר געהויבן מיט די אַקסלען — איבערגעלאָזט מיך אויבן אין שטאָט, אין סאַמע צענטער, און געטראָפן מיך ערגעץ אונטן אין האָצעקלאָץ.

ער האָט מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און מיר אַ זאָג געטאָן: קום. מיר גייען איצט אין אַ זיכערער שטוב. אויפן וועג וועט ער מיר שוין אַלצדינג געבן און אַלצדינג אָנזאָגן. כ'דאַרף נאָך הייַנט אַוועקפאָרן אַהין, וווהין מע שיקט מיך. פּונקט עלף באַנאַכט גייט דער צוג אָפּ.

דעם פּראָצעס האָט מען טאַקע אָפּגעלייגט.

4

באַרע האָט מיר געבראַכט טויזנט ליי — אַף אַ בילעט און אַף אַנדערע הויצאָעס אַף די ערשטע טעג. פאַרן דאַרף איך קיין יאַס. איבערמאָרגן אַכט פאַרנאַכט וועט לעבן יאַסער נאַציאָנאַל־טעאַטער צוקומען צו מיר אַ באָכער און מיך פרעגן, צי ווייס איך ניט, ווען מע שפילט שילערס „רויבער". שילערס „רויבער", דאַרף איך ענטפערן, האָט מען ערשט נעכטן געשפילט. קיין שום אַנדער מענטש אין דער וועלט, כוץ דעם כאַוער, וואָס דאַרף צו מיר צוקומען, קען מיך פלוצעם אַף שילערס „רויבער" ניט פרעגן, און קיין שום מענטש אין דער וועלט, כוץ מיר, וואָס דאַרף דעם כאַוער באַגעגענען, קאָן ניט ענטפערן, אַז מ'האָט שילערס „רויבער" ערשט נעכטן געשפילט.

דאָס וועט זײַן דער פאַראָל. האַלטן דאַרף איך אין דער האַנט אַ צײַטונג. דער כאַוער וועט מיך שוין באַזעצן ערגעץ אין אַ דירע און וועט מיר שוין דערנאָך געבן טאָן דאָס, וואָס מ'עט דאַרפן. אויב דער כאַוער וועט ניט אַרויסקומען דעם ערשטן טאָג, איבערמאָרגן, זאָל איך וואַרטן אַף אים באַם טעאַטער דעם צווייטן טאָג, איבער צוויי מאָרגנס. דאָס וועט זײַן אונדזער קאָנטראָל־שאַ.

מיר גייען איצט, האָט באַרע געזאָגט, אין גאָר אַ „ריינער" שטוב. דער, צו וועמען ער פירט מיך, איז אַ גימנאַזיסט אין אַכטן קלאַס, ער הייסט יאַקסל שטיין. אַ טאַלקאָווע באַכערל, אַ קליינטשינקער, אַ פריילעכער, זייער אַ היימישער. די כעווריע רופן אים שטיינדל. דער פאָטער זײַנער איז אַ ציין־דאָקטער. יאַקסל האָט זיך אין דער היים זײַן באַזונדער צימערל נאָך פון קינדווײַז אָן. ער פאַרמאָגט אַ סאַך ביכער. כ'וועל באַ אים קענען זיצן און לייענען, צולייגן זיך אָפרוען, אויב כ'וועל וועלן, רויִק אָפזײַן די עטלעכע שאַ ביז צום צוג. אַפדערנאַכט וועט קומען אַהין סאָניע. סאָניע און שטיינדל וועלן מיך ביידע אַראָפפירן צום וואָקזאַל. מיר זאָלן גיין דורך די הינטערשטע טונקעלע גאַסן לענגויס דער באַן־ליניע. מיר זאָלן גיין פאַרזיכטיק, מיט די אויגן אין די הענט, אַרום וואָקזאַל קומען אַמאָל פאָר אַבלאַוועס. בענע האָט זיך צום פראָצעס אויך ניט געיאַוועט. דער אַדוואָקאַט זאָגט, אַז מע קאָן דעם פראָצעס אָפלייגן איין מאָל, צוויי מאָל, נאָר ס'וועט זיי סאָפקאָלסאָף נימאס ווערן און זיי וועלן אונדז ביידע, מיך מיט בענען, הינטער די אויגן סאָפקאָלסאָף מוזן באַפרײַען, און מיר וועלן ביידע צוריק ווערן לעגאַל. די כאַווײרים אין יאַס וועלן מיר שוין אַלצדינג אין דער צײַט צו וויסן געבן. ס'וועט זײַן גוט.

צו יאַקסלען אין שטוב איז באַרע ניט אַרײַנגעגאַנגען. יאַקסל, האָט ער געזאָגט, ווייסט שוין אַלצדינג גוט און וואַרט אַף מיר. מיר זײַנען באַ דער שטוב שטיין געבליבן זיך געזעגנען. באַרע האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט מיך צו זיך. באַם אַוועקגיין האָט ער מונטער, אַזוי ווי זײַן טעווע איז, אַי, אַפּאַנעם, קעדיי מיך אָפצומונטערן, אַ הייב געטאָן אַרויף אַ פאַרמאַכטע האַנט און פריילעך מיר אַ זאָג געטאָן: ראָט פראָנט! מיט באַרען האָב איך זיך באַגעגנט ערשט אין דרײַ יאָר אַרום. איך האָב שוין דעמלט געוווינט מיט אַלגען. באַרע איז שוין געווען אינאיינעם מיט ביבין. זיי זײַנען דעמלט ביידע נאַרוואָס אַרויס פון דער קאָנסטאַנצער טפיסע, ווו זי האָט אים, אינווייניק אין טפיסע, געבוירן אַ יינגעלע. זיי האָבן דאָס קינד גערופן לעני, קעדיי עס זאָל זיך ניט וואַרפן אין די אויגן דער פולער נאָמען, וואָס זיי האָבן דעם קינד געגעבן — לענין. ביבי האָט דאָס קינד אָפגעפירט קיין גאַלאַץ, צו איר מוטער, און זיי ביידע האָבן די ערשטע צײַט אַ פיר כאַדאָשים געוווינט באַ מיר און באַ אַלגען אויבן אין אונדזער מאַנסאַרדע־שטיבל. געשלאָפן אינאיינעם מיט אונדז אַף אונדזער איינעם דיוואַן אין דער ברייט — מיט טאַבורעטלעך אונטערגעשטעלטע אונטער די פיס. באַרע און ביבי — אין איין זײַט דיוואַן, איך און אַלגע — אין דער צווייטער זײַט דיוואַן. באַרע האָט געשריבן, געדענק איך, אַרטיקלען, געדרוקט זיי אין דער רומענישער לינקער וואָכנבלאַט „קווינטול ליבער". דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען דינען. ווען ער האָט זיך פונעם דינען אומגעקערט, איז שוין ביבי דעמלט געווען מיט אַן אַנדערן. דער איידעלער, זייער גוטער און זייער אָרנטלעכער באַרע האָט די דאָזיקע געשעעניש איבערגעלעבט טראַגיש. אין איינע פאָר וואָכן איז ער געוואָרן ניט אַף צו דערקענען. ער איז דערנאָך אָפגעפאָרן קיין פאַריזש, צום פעטער זײַנעם דעם מאָלער סאָלאָמאָן לערנער. אין פאַריזש האָט ער זיך, פאַרשטייט זיך, באַטייליקט אין ווידערשטאַנד קעגן היטלערן, און איז, ווי דער לייענער ווייסט שוין, אין פאַריזש, בימיי היטלער, גילאָטינירט געוואָרן. קאָוועד זײַן ליכטיקן אָנדענק!

יאַקסל האָט מיך דורכן קאָרידאָר זייערן אַרײַנגעפירט גלײַך אין זײַן צימערל און מיט אַ פאָר גאָר היימישע, גאָר פרײַנטלעכע אויגן, גלײַך מיר קענען זיך שוין יאָרן, געהייסן פילן

זיך דאָ פרײַ, פילן זיך, ווי בא זיך אין דער היים. די ווענט אין צימערל זײַנען נאָך געווען באמאָלט מיט ביימלעך, מיט פייגל, מיט אויסגעשניצטע שטיבלעך, מיט א קינדיש־פריילעכער באמאָלטקײַט, ווי נאָך גאָר אין א פרי קינדער־צימערל. יאַקסל האָט מיר באווייזן זײַנע בײַכער. ער האָט אלע מאָל ארויסגענומען פון אָנגעגלאָזטע פאָליצעס אן אנדער גראָב בוך, אלע מיט לעדערנע רוקנס, ביכער מיינסטנס אף דײַטש, מייסטנס פילאָסאָפיע, וועגן מארקסיזם.

אין דער וווקס איז טאקע יאַקסל געווען גאָר א קליינטשיקער, נאָר א געדיכטער, האָט מען געזען, אן אײַנגעקלאפטער, שוין גאָר ניט קיין קליינער. דאָס פּאָנעם זײַנס, קענטיק, נאָך ניט קיין געגאָלטס, איז געווען גלאט און פריש, נאָר האָט שוין אויסגעדריקט אקשאָנעסדיקײַט, גאָר ניט קיין שוואכן ווילן.

ס׳איז מיר דאָ, בא אים, עפּעס געווען גוט אף דער נעשאָמע. כ׳ווייס ניט פארוואָס, צי די פריילעך־קינדישע אָנגעמאָלטקײַט אף די ווענט, צי דאָס, וואָס מע רופט יאַקסלען פארצויגן, שטיינדל, האָט מיך עפּעס פלוצעם מיט אזא צארטער בענקשאפט געגעבן א טראָג איבער אין די קינדער־יאָרן, ווען מיר פלעגן אפן ברעג פונעם דניעסטער אויסקלײַבן די שענסטע, פלאטשיקסטע, אויסגעשליפנסטע גאָנדזיעלעך, א לאָז טאָן זיי אף דער פלאך פונעם טײַך, פארוועטן זיך, בא וועמען עס באקומען זיך מערער קאטשקעלעך. געהאלטן אָבער האָב איך זיך קעגן יאַקסלען וואזשנע, אפילע א קאפּעלע ערנסט־פארמויעכט. אויב ער ווייסט אלצדינג גוט, אז ער באהאלט מיך בא זיך די עטלעכע שאָ אויס און אז ער דארף מיך בעסאָד ארופירן צום וואָקזאל און ערגעץ אוועקשיקן מיטן צוג, ווי׳אזוי זשע האלט זיך אזעלכער ניט ערנסט און ניט וואזשנע? מיר זײַנען געזעסןביידע און ארײַנגעקוקט אין ביכלעך. יאַקסלס פאָטער, דעם ציין־דאָקטער, האָב איך די גאנצע צײַט אפילע פאר די אויגן ניט געזען. די מוטער יאַקסלס איז יאָ איינמאָל ארײַנגעקומען אין צימערל מיט צוויי שעלעכלעך שווארצע קאווע, צוויי גלעזער וואסער און א זשמעניע קאָנפעטן אף א טעצל, א זאָג געטאָן איין „ביטע שיין", און מער האָב איך זי אויך ניט געזען.

א שאָ פארן אוועקגיין האָט זיך געיאווועט סאָניע. זי האָט זיך געטוליעט צו מיר, געלאַשטשעט זיך, געפרעגט מיך מיט איר הייזעריקן קאָל: נו, ווען וועלן מיר זיך נאָך זען?" און ניט דערוואַרט אף קיין ענטפער, אליין זיך געענטפערט: „אינגיכן, אינגיכן. אלץ וועט דורכגיין בעשאָלעם. אלצדינג וועט זיך ענדיקן גוט!" זי האָט מיר געגלעט א האנט, ארײַנגעקוקט אין די אויגן, געוואָלט מיר מיטגעבן אין איינע עטלעכע רעגעס די גאנצע ווארעמקײַט און די גאנצע געטרײַקײַט, וואָס דאָס דאָזיקע פראָסטע מארקולעשטער מיידל האָט פארמאָגט אין זיך אָן א שיר.

מיר האָבן אָנגעהויבן קלײַבן זיך אין וועג ארײַן. מיר האָבן פריִער פינקטלעך אויסגערעכנט גאס בא גאס און געסל בא געסל, ווו ארומער מיר וועלן גיין. יאַקסל האָט געקענט אלע קירצסטע דורכגענג און אלע הינטערשטע שטילסטע ווינקעלעך פון דער שטוב זייערער ביז אהין, צום וואָקזאל. סאָניע האָט פאָרגעלייגט, יאַקסל זאָל איינער אליין גיין פאָרנט, און מיר, איך מיט סאָניען, זאָלן מיט א דרײַסיק שפאן ווײַטער גיין הינטער אים. אויב ס׳וועט, כאָלילע, אקעגן קומען אן אָבלאווע, צי אזוי עפּעס פארדעכטיקע פארשוינען, וואָס יאַקסל וועט שוין דערקענען ווער און וואָס, זאָל ער אָנהייבן הוסטן און מיר וועלן באלד אנטלויפן. יאַקסל האָט געזאָגט, אז אנטלויפן טאָר מען בעשום־אויפן ניט. מיר דארפן רויִק און ניט געײַלט פארקערעווען אין א טויער פון א הויף און הינטערן טויער שטיין און איבערווארטן. אָדער ארופגיין אף א גאנעק לעבן א שטוב און אפן גאנעק ביידע זיך ארופזעצן, פּאָשעט זיך ארופזעצן. אין די הינטערשטע גאסן, ווו מיר גייען, איז קימאט לעבן יעדער שטוב פאָרנט דאָ א גאנעק, און בא יעדן הויף לעבן יעדער שטוב איז קימאַט אומעטום דאָ א טויער.

אין די גאסן און געסלעך לענגויס די באן־ליניעס איז געווען גענוג פינצטערלעך. אויבן, איבער אונדז, האָבן אונטערציטערנדיק געפינקלט שטערן. רעכטס, דאָ און דאָרט צווישן די באן־ליניעס, האָבן, ווי שטערן, געפינקלט עלעקטרישע לעמפלעך. ס׳האָבן געפײַפט לאָקאָמאָטיוון. געפײַפט איצטער, האָט זיך מיר אויסגעדאכט, מיט א באזונדערן פײַף, מיט א באזונדערן אומעט אין זייער צעצויגענעם פײַפן.

כ׳בין געגאנגען און זיך געפילט, ווי גאָר א גרויסער פארשווערער, א גרויסער קאָנספּיראַטאָר, וואָס אויב מע כאפּט אים, קומט אים ניט ווייניקער, ווי שיסן און הענגען. און כ׳בין זיך מוידע, אז כ׳האָב געפילט, ווי די דאָזיקע גרויסע פארשווערערישקײַט און גרויסע קאָנספּיראַטאָרישקײַט זיצט מיר עפּעס צו גרויס אף מײַנע קליינע אקסעלעך. ס׳האָט מיר, מעכילע, שיין געטיאָכקעט דאָס הערצל. סאָניע האָט מיך געהאלטן אונטערן אָרעם. און די האנט מײַנע אונטער סאָניעס אָרעם האָט, דאכט זיך, געפילט, אז סאָניען טיאָכקעט אויך שיין דאָס הערצל.

דאָס גיין צום וואָקזאַל איז ניט דורך אָן אַ שטיקל געשיכטע אויך.

פּלוצעם האָבן מיר דערהערט יאַקסלען הוסטן. איך און סאָניע זײַנען באַלד צו צום ערשטן גאַנעק און דאָרטן, אײַנווייניק אויפן גאַנעק, בײדע אַראָפּגעזעצט זיך. אוועק, פאַרשטייט זיך, צום גאַנעק ניט פּאַוואָליע און ניט קאַלטבלוטיק, ווי ס'איז געוווען אָפּגערעדט, נאָר טאַקע גאַנץ גיך, אין איין אָטעם צוגעלאָפן. מיר זײַנען געזעסן אַראָפּגעזעצט הינטער דעם הילצער־נעם גאַנעק־ווענטל, געהאַלטן זיך בײדע אָנגענומענע בײַ די הענט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, ווי, זאָגן מיר, קינדער, באַהאַלטענע ערגעץ הינטער אַ פּלויטל באַם שפּילן זיך אין באַהעל־טערלעך. מיר האָבן מיטאַמאָל דערהערט, ווי יאַקסל שרײַט מיט אַ מין שעפּטשענדיקער פאַר־דומפּנקייט „האַלאָ! האַלאָ!" נאָכן טאָן פון זײַן שרײַען האָבן מיר פאַרשטאַנען, אַז ער רופט אונדז, און זײַנען פון אונדזער באַהעלטעניש אַרויסגעגאַנגען. יאַקסל האָט אונדז נאָך גע־פרעגט, וואָס איז געשען.

— פאַרקערט, זאָג דו, וואָס איז געשען, — האָט סאָניע אַ מאַך געטאָן בייזלעך.

— כ'האָב זיך צעהוסט. ס'איז מיר פּלוצעם, ווי אַפּצולאָכעס, באַפאַלן אַ מעסוקענער הוסט.

— האַלט מען זיך אײַן. וואָס זשע, ס'איז עפּעס אַזוי־אָ? — האָט סאָניע הייזעריק געבייזערט זיך.

— כ'בין שיר ניט דערוואָרגן געוואָרן. מ'איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש. כ'האָב דאָך באַלד אָנגעהויבן שרײַען „האַלאָ".

האַקיצער, ווײַטער זײַנען מיר שוין געגאַנגען איינער לעבן אַנדערן אין דרײַען. ס'איז שוין טאַקע געבליבן ניט קיין סאַך צו גיין. דער וואָקזאַל האָט זיך שוין פונדערווײַטנס אָנ־געזען. אַרום וואָקזאַל איז געוווען ליכטיק, נאָר שטיל, אָן עפּעס פאַרדעכטיקס און אָן סאַר־קאַנעסדיקס. איך און סאָניע האָבן זיך אוועקגעזעצט אין דער טונקל אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים אין וואָקזאַל־גערטנדל. יאַקסלען האָב איך געגעבן געלט, און ער איז אוועק אין וואָק־זאַל מיר נעמען אַ בילעט. דער צוג איז שוין, דאַכט זיך, געשטאַנען. יאַקסל האָט זיך אומ־געקערט מיטן בילעט, ניט פאַרגעסן אַ זאָג צו טאָן, איך זאָל זײַן פאָרזיכטיק באַם דורכגיין די וואָקזאַל־זאַל אויפן פּעראָן. כ'זאָל גיין גיכער אַ ביסל, ניט אַרומקוקן זיך. עס דרייען זיך אין זאַל אָפּט אום שפּיצלס.

און מיר האָבן זיך געזעגנט. יאַקסלען, פונדעסטוועגן אַ נײַעם באַקאַנטן, האָב איך נאָר אַ דריק געטאָן די האַנט, געזאָגט אַ דאַנק. מיט סאָניען זײַנען מיר אַ רעגע געשטאַנען אַרומ־גענומענע, דאַכט זיך, גאַרניט מיט קיין טרוקענע אויגן בײדע.

כ'האָב אויסגעגלײַכט מײַן אײַנגעהויקערטקייט, אַ נעם געטאָן זיך אין די הענט אַרײַן און בין אַרײַן אין וואָקזאַל. נאָר ס'האָט שוין דעמלט, אַפּאַנעם, געאַרבעט אין מיר דער אי־בערגעטריבענער קויעך־האַדימיען מײַנער. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אַלע מענטשן אין דער וואָקזאַל־זאַל, די, וועלכע שטייען באַם קאַסע־פענצטערל, די, וואָס דרייען זיך אום הין און הער, און אַפילו יענע, וואָס דרעמלען מיט פאַריסענע קעפּ אויף די בענק, צי אויף די פּעק זייערע, זײַנען אַלע איבערגעטאָנענע פּאָליציי־אַגענטן, וואָס לאָקערן מיך, וועלן מיך אָט באַלד אַלע אַרומרינגלען און אָט באַלד אַ כאַפּ טאָן.

כ'בין יאַקאָס די לאַנגע וואָקזאַל־זאַל דורכגעגאַנגען, אַרויס אויפן פּעראָן, צו צו די טרעפּלעך פונעם וואַגאָן, דערלאַנגט דעם קאָנדוקטאָר דעם בילעט, און אין איינע עטלעכע רעגעס אַרום בין איך געזעסן אויף דער באַנק אין קופּע. ס'האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז די איבעריקע פּאַר־סאַזשירן אין מײַן קופּע זײַנען אויך עפּעס ניט דאָס, אונטערגעשטעלטע פאַרשוינען, וואָס פאָרן מיטן צוג ניט ווײַל זיי דאַרפן פאָרן, נאָר ווײַל איך פאָר.

כ'האָב אָנגעשפּאַרט די פּלייצע אין האַרטן וואַגאָן־ווענטל, אָנגעשפּאַרט אין ווענטל דעם קאָפּ, צוגעמאַכט די אויגן, קעדיי זיי, די פאַרשוינען, זאָלן מיך ניט זען. ס'איז ניט קיין דרוק־פעלער און ס'איז אַפילו ניט קיין וויץ. כ'האָב צוגעמאַכט די אויגן, זיי זאָלן ניט זען אין זיי מײַן אומרויִקייט, ניט זען, אַז איך פיל זיך עפּעס שולדיק, אַז איך בין איבערגעראַשט. ס'איז אַפילו געוווען אַ ביסל צו גיך, באַלד ווען כ'האָב זיך נאָר אוועקגעזעצט, דער צוג שטייט נאָך, נעמען און שוין שלאָפן. נאָר אַזוי גיך האָב איך אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אין ווענטל פונעם וואַגאָן און אַזוי גיך זיך געמאַכט שלאָפנדיק.

דער צוג האָט גערירט. די רעדער האָבן זיך פּאַוואָליע אָנגעהויבן דרייען. וואָס אַמאָל גיכער און גיכער. אָנגעהויבן אויסקלאַפּן — ווי מע טוט אַמאָל באַנאַל אַ זאָג — וואָס אַמאָל שטאַרקער און שטאַרקער:

„מיר דרייען זיך און דרייען זיך, דרייען זיך און דרייען זיך..."

אויב ס'איז מיר דערפון אַ ביסל געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן, שאַט ניט דאָס דאָזיקע ביסעלע באַנאַלקײַט. די וועלט וועט דערפון ניט אונטערגיין.

דאָלער

1

דאָס ראַשקעווער ייִנגל האָט זיך איינער אַליין אומגעדרייט אין דער גרויסער און פרעמדער שטאָט יאַס און ס׳איז אים געווען זייער שווער אויפן האַרצן.

געגומען אַף זיך אַ שווער פעקל.

די מידקייט און דער הונגער האָבן מיך ווייניק־וואָס געאַרט. כ׳האָב שאָענווײַז געשפּאַנט גאַס־אײַן, גאַס־אויס און קיין בלאָטערס אַף די פיס ניט געפילט. כ׳האָב פון נעכטן אָן קיין ביסן אין מײַן מויל ניט געהאַט און ס׳האָט מיך קיין עסן ניט געמאָנט. קיין שווערן טשעמאָדאַן האָבן מײַנע הענט אויך ניט געטראָגן. דאָס בינטל מיט די עטלעכע זאַכן מײַנע האָב איך איבערגעלאָזט בײַ דער פרוי שאַלער. אַרויסגענומען פון דאָרט נאָר די שקאַרפּעטקעס, וואָס די מאַמע האָט מיר פאַרצירעוועט, דעם האַנטעך מיטן שטיקל זייף, וואָס זי האָט מיר מיטגעגעבן, האָב איך אַלץ אַרײַנגעשטעקט ערגעץ אין די בוזעם־קעשענעס פונעם רעקל און בין געוואָרן דער סאַמע גרינגסטער פּאַסאַזשיר. די עלנטקייט, די אַליינקייט, וואָס איז פלורצעם צוגעטראָטן צו מיר אין דער דאָזיקער גרויסער און פרעמדער שטאָט, האָט זיך אַ לייג געטאָן אַף מײַנע פּלייצעס, ווי אַ גוואַלדיק־שווערער, גוואַלדיק־גרויסער קאַסטן. דער טרעגער אונטער אים פלאָנטערט קוים־קוים מיט די פיס. אַזאַ גרויסער קאַסטן, אַז מע זעט גאָר אונטער אים קיין טרעגער ניט אַרויס. הוילע שווערקײַט, הוילע קאַסטן. און אַז ער וועט מיך אונטער זיך צעפּלעטשן, וועלן די צענדליקער און הונדערטער פרעמדע פּענעמער אַף דער גאַס אפילו ניט דערזען, אַז עמעצער איז צעפּלעטשט געוואָרן.

אַ שפּיל־קאַסטן. ער האָט, אונטערציטערנדיק און אונטערברומענדיק, אַ שפּיל געטאָן אַף קאָלערליי סטרונעס מײַנע.

באָרע האָט מיר טאַקע געזאָגט: אַכט פאַרנאַכט לעבן נאַציאָנאַל־טעאַטער, אַ באָכער וועט מיך פרעגן, ווען מע שפּילט שילערס „רויבער". ווו אָבער, לעבן נאַציאָנאַל־טעאַטער? באַם אַרײַנגאַנג? הינטן לעבן דער קאַסע? פאָרנט אַנטקעגן די אַרויסגעשטעלטע אַפישן? כ׳האָב זיך מיט דער צײַטונג אין דער האַנט געדרייט צווישן מענטשן אי דאָ, אי דאָרט. דער באָכער דאַרף דאָך מינאַסטאַם מיך אויך אַזוי זוכן, ווי איך זוך אים. עפּשער האָט מען אַהער אַזוי גיך ניט געקאָנט איבערגעבן? עפּשער האָב איך זיך געדאַרפט אומדרייען אַף איין אָרט? עפּשער איז גאָר עפּעס געשען? אַף אַ באַגעגעניש טאָר מען מער ווי צען מינוט ניט וואַרטן. דער גרויסער שוואַרצער ווײַזער אויבן אויפן טעאַטער־זייגער האָט אַלע מאָל אַ ציטער געטאָן, גיך איבערגעטאַנצט פון איין פּאַסיקל צום אַנדערן. ס׳איז שוין צוואַנציק מינוט אַף נײַן. אַרום טעאַטער האָט אָנגעהויבן ווערן פּוסטלעך. אַ מיידל איז שטיין געבליבן איינע אַליין אין אַ ווינקל, וואַרט, אַפּאָנעם, אַף עמעצן, כאַפּט, דאַכט זיך אַלע מאָל אַ קוק אַף מיר. אַ מענטש אין אַ שווייצאַר־היטל אויפן קאָפּ, באַשפּריצט מיט אַ גומענער קישקע געקעסטלט גראָז. פון אַ ראָג טוט זיך אַ יאָווע אַרויס מיט געמאָסטענע טריט אַן אויסגעשטרודלטער פּאָליציאַנט.

ס׳איז הײַנט געווען זייער אַ הייסער טאָג. באַטאָג, ווען די זון האָט געסאַרפּעט, האָב איך גאַס־אײַן, גאַס־אויס געשפּאַנט, אָנגעטאָן אין גראָבן איבערגעניצעוועטן רעקל מײַנעם. איצט, פאַרנאַכט, ווען די זון איז שוין אַראָפּ, ס׳האָט אַ בלאָז געטאָן אַ קיל ווינטעלע, האָב איך דאָס רעקל אויסגעטאָן. דאָס העמד אונטערן רעקל איז מיר פלוצעם געוואָרן פּיטש־נאַס. ריטשקעס שווייס זײַנען גערונען איבער אַלע איווורים מײַנע. כ׳האָב ווידער געשפּאַנט גאַס־אײַן, גאַס־אויס, ס׳רעקל געטראָגן אין דער האַנט, געפילט, ווי דאָס קילע ווינטעלע טריקנט דאָס נאַסע העמד מײַנס אויס, קלעפּט עס פּאַוואָלינקע אָפּ פונעם לײַב. וווהין גייט מען? ווו נעכטיקט מען הײַנט איבער? פאַרוואָס איז דער באָכער ניט אַרויסגעקומען? עפּשער איז ער יאָ געווען, מיך אפילו געזען, נאָר געמיינט אַף מיר, אַז דאָס איז ניט איך. עפּשער איז גאָר דאָס דאָזיקע גראָבע אומגעלומפּערט־איבערגעניצעוועטע רעקל מײַנס שולדיק? אַ געלעכטער, כ׳לעבן: בײַ אַלע מענטשן פון דער וועלט שטייט דאָס אייבערשטע רעקל־קעשענע אין דער לינקער זײַט, אַף מײַן רעקל איז דאָס קעשענקעלע איבערגעניצעוועט, שטייט אין דער רעכטער זײַט. וויאַזוי זע איך פונדערווײַטנס אויס אין דעם דאָזיקן לעפּישן ראַשקעווער ראָק? כ׳האָב דאָס רעקל צוריק אָנגעטאָן. אַף אַ שטילער גאַס, אַנטקעגן אַ באַלויכטענער גאַלאַנטעריי־וויטרינע אָנגעקוקט זיך אין אַ שפּיגל. דאָס ראַשקעווער רעקל איז נעבעך גאָר ניט שולדיק. אַ רעקל,

ווי א רעקל. איך, ווי איך. פאַרקערט: אַפילע ווען איך האַלט ניט קיין צײַטונג אין דער האַנט, וואָלט מיך דער באַכער צווישן טויזנטער געדאַרפט דערקענען.

א נאַרישקײַט געדענקט זיך. ערגעץ אין א טונקל סקווערל האָב איך זיך אוועקגעזעצט אַף א באַנק און אַפן אָרט, עס זאָל מיך מוטשען דער „וווהין טוט מען זיך אַהין", האָט מיך גאָר געמוטשעט דאָס דאַזיקע איבערגעניצעוועטע רעקל מײַנס. בא יעדן שטייט דאָס קעשענקעלע אין דער לינקער זײַט, בא מיר — קאַפּויר, אין דער רעכטער זײַט. די קאָמישע רעקל־מײַסע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין א קאָמישער רעקל־פילאָסאָפיע. פאַרוואָס איז בא מיר אַלצ־דינג איבערגעדרייט, איבערגעקערט — ניט ווי בא יעדן? אונטער דער עלנטקייט, וואָס איז צוגעטראָטן צו מיר, אוועקגעלייגט זיך אַף מײַנע פּלייצעס, ווי א שווערער קאַסטן, איז נאָך, אַפּאָנעם, געבליבן געגנוג פרײַ פּלאַץ, אַפילע פאַר א שמייכל. כ'בין געזעסן אַף דער באַנק אין דער טונקל, צו זיך אַליין געשמייכלט, דערמאָנט זיך, ווי קאַפּל שנײַדער האָט די מאַמע מײַנע אָפּגענאַרט. ווען זי האָט אים געגעבן דאָס „קאַריטשנעווע" רעקל מײַנס איבערניצע־ווען, האָט זיך קאַפּל שנײַדער געשווירן מיט קאַלערליי שבועס, אַז ער וועט די לאַך פונעם קעשענקעלע אַף דער לינקער פאָלע, וואָס וועט איצטער, מיט גאָטס הילף, ווערן די רעכטע פאָלע, אזוי פאַרארבעטן, מע זאָל אַפילע זײַן מיט טויזנט קעפּ, וועט מען ניט אָנהייבן דער־קענען, אַז ס'איז דאָרטן אמאָל געווען א לאַך. די מאַמע, דאַפקע א מייוונטע אַף זאַכן, האָט זיך ניט געכאַפּט, אַז קאַפּל האָט קיין שום לאַך ניט פאַרארבעט. ער האָט דאָס קעשענקעלע פּאַשעט איבערגעשטעלט אין דער רעכטער זײַט, קאַפּויר, ניט ווי בא יעדן. קאַפּל שנײַדער האָט דאָס אָפּגעבראַכטע רעקל געדרייט אַהין און אַהער און די מאַמע יאַקאָס פאַרדרייט. ער האָט איר געשטופּט אין די אויגן די רעכטע פאָלע, וואָס איז איצטער, מיט גאָטס הילף, גע־וואָרן די לינקע פאָלע: נו, רייזל, קוקט זיך גוט אײַן. מע דערקענט, אַז ס'איז אמאָל דאָ גע־ווען א לאַך? קאַפּל קאָן די מעלאָכע, האַ? די מאַמע האָט זיך גוט אײַנגעקוקט: ע, האָט זי געזאָגט, מע קאָן טאַקע גאָרניט דערקענען? א ביסעלע דערקענט מען...

כ'האָב, דאַכט זיך, אַף יענער באַנק אין סקווערל געכאַפּט א שטיקל דרעמל אויך. א פּאָר רעגעס, אַפּאָנעם, ניט מער. אײַ, ווען מע קאָן אזוי אַף אזא באַנק איבערדרעמלען ביז גאַנצ־פרי, איבערזיצן ביז מאָרגן אכט פאַרנאַכט — ווידער לעבן נאַצ־אַנאַל־טעאַטער, צו דער קאָנ־טראָל־שאָ. א סאַך זיצן אָבער איינער אַליין אין טונקעלן סקווערל איז געפערלעך. אומבלאָנ־קען זיך באַנאַכט אַף די גאַסן איז עפּשער נאָך געפערלעכער. ס'איז מיר געוואָרן קאַלט. אַפּאָ־נעם, איבערן דרעמל, וואָס כ'האָב געכאַפּט אַף דער באַנק. כ'האָב, זעט אויס, צוגעדרעמלט מער ווי עטלעכע רעגעס. ס'קער שוין זײַן א גוטע שאָ אין דער נאַכט. וווהין גייט מען? ווו נעכטיקט מען הײַנט איבער? אין וועלכער פרעמדער טיר טוט מען א קלאַפּ אָן?

אין יאַס ווױנען עטלעכע ראַשקעווער — גיי ווייס, ווו זיי ווױנען. גיי ווייס פון פריִער, אַז דו׳ וועסט פלוצעם פאַרקערעוועט אהער, וועסט זיך דאָ אין דער גרויסער שטאָט יאַס פלוצ־צעם דערפילן אַליין, ווי אַף אַן אינדזל, וועסט שוין די ערשטע נאַכט ניט האָבן, ווו דעם קאָפּ אוועקצולייגן, און ווען דו׳ פאַרמאָגסט אין קעשענע א שטיקל אַדרעס פון א ראַשקעווער, וואָלסטו פאַרמאָגט אין קעשענע א גרויס גליק. דו, וואָס ראַשקעווער טײַנען וועגן דיר, אַז דו׳ ברענסט א וועלט, ביסט אזוינער און אזעלכער, א גאָר־גאָר.

שמועל מעלאַמעד מיט זײַן הויזגעזינד זײַנען, דאַכט זיך, הײַנט יאַסער. וואָס האָט אזא ייִדן, ווי שמועל מעלאַמעד, פאַרטראָגן אהער קיין יאַס? ער איז דאָ, זאָגט מען, א שאַמעס אין א שול, א נאַכט־שומער אין א סקלאַד, אויס מעלאַמדעס. א שיינער בײַט! וואָס־וואָס, איבער־נעכטיקן א נאַכט וואָלט איך אַפילע בא שמועל מעלאַמעד געקאָנט.

מאַניע די רויטע אַרבעט אין יאַס אין א וועב־פאַבריק, ווױנט שוין דאָ, זאָגט מען, מיט עמעצן. די רויטע איז אין מײַנע יאָרן. פלעגט זיך דרייען צווישן אונדזערע מיידלעך. זי האָט א פלאַמענדיק־רויטן קאָפּ האָר, רויט־געלע קלײַנדלעך אָפּגעשיט אַף דער נאָז און אַפן שטערן, איז אָבער זייער א כיינעוודיקע. האָט אַפילע געהייסן בא אונדז א שיינע, א שיינע רויטע. כ'האָב שוין מאַניען לאַנג ניט געזען, מיר זײַנען שוין איינער פונעם אַנדערן אָפּגע־ריסן, זי איז שוין הײַנט, הייסט עס, א כאַסענעגעהאַטע. נאָר איין נאַכט בא איר איבערנעכ־טיקן — מיטן גרעסטן קאָוועד, פאַרשטייט זיך.

מיט בענטשיק באָרעך דעם סטאָליערס זײַנען מיר אינײנעם קליינערהייט געווען מע־שוירערימלעך בא יעשיקע קאָטליאַר אין כאָר. בענטשיק האָט א פּאָר קאָסאָקע אויגן. מער ווי עטלעכע כאָר־וואָכן ערעוו יאָמים־נוראָ'ים אין יענעם איינציקן זומער האָבן מיר זיך ניט געכאַוועט. אונדזערע וועגן זײַנען זיך אינגאַנצן צעגאַנגען. בענטשיק, זאָגט מען, איז הײַנט אין יאַס א מין קעלנער־ייִנגל אין א רעסטאָראַנדל, צי אין א קרעטשמע. ניט גאָר אײַ־אײַ. נאָר ווען איך פאַרמאָג כאָטש איצטער אין קעשענע בענטשיקס אַדרעס.

און עפשער טאָר איך גאָר באַ אזא לאגע ניט באגעגענען זיך מיט היימישע? כ'האָב זיך אין דער נייַער לאגע מיינער געפילט, ווי גלייַך כ'וואָלט נאָרוואָס אָנגעהויבן גיין, נאָרוואָס אָנגעהויבן רעדן, דאַרף ערשט קוים אָנהייבן פונעם סאַמע־סאַמע אַלעפבייס. פאַרוואָס האָט מיט מיר באַרע די אַלע זאַכן גוט ניט ארומגעשמועסט? איך בין געגאַנגען אַף א זיכערער בריק. איך גיי אַף אזא וועג צום ערשטן מאָל. כ'בין דאָך אָבער ניט דער ערשטער און ניט דער איינציקער. אזוינס האָט זיך שוין אוואַדע געטראָפן. פאַרוואָס זשע האָט מען עס ניט פירגעזען? פאַרוואָס האָט מיר באַרע פינקטלעך ניט אָנגעזאָגט, ווי צו פירן זיך, וווהין זיך צו קערן און ווענדן, אויב ס'וועט זיך מאַכן, מע זאָל מיך ניט קאָנען ארויסקומען באַגעגענען? א שווער פעקל.

פון די טויזנט ליי, וואָס באַרע האָט מיר געבראַכט, האָב איך נאָך געהאַט אין קעשענע צוויי הונדערטער. כ'האָב נאָך פון זיי קיין גראָשן ניט גערירט, אפילו קיין בייגל ניט געקויפט זיך. טויזנט ליי. אַף א באַן־בילעט, האָט באַרע געזאָגט, און די ערשטע טעג אַף אַנדערע הוצאָעס. אַף וועלכע הוצאָעס? עפשער האָט דערמיט באַרע געמיינט טאַקע אזא־אָ אומגעריכטע לאגע? מע דאַרף, אפאָנעם, די אַלע זאַכן נעמען גרינגער, פאַשעטער. מע טאָר זיך ניט רייַבן באַ די ווענט, אליין ארופשלעפּן אַף זיך דעם געזוכטן, דעם שולדיקן, דעם איבערגעשראָקענעם. מע דאַרף זיך, זעט אויס, האַלטן פרייַער און געוויינלעכער. ניט אין דער טונקל, נאָר פּאַרקערט, אין דער סאַמע ליכטיקייַט. מע דאַרף זיך פירן, ווי אַלע מענטשן פון א גאַנץ יאָר פירן זיך, גלייַך ווי גאָרניט. דאָס וועט זייַן די בעסטע באַשיצטקייַט און די בעסטע באַהאַלטנקייַט. פאַרן געלט קאָן מען זיך ערגעץ קריגן א בעטל אַף א פּאָר טעג. צי מע מעג אפילו איבערנעכטיקן א נאַכט אין א האָטעלכל. פאַרשטייט זיך, עס שטייט דאָך באַ מיר אפן שטערן גאָרנישט ניט אָנגעשריבן.

נאָר ס'איז גרינג צו זאָגן. די פּאָר ליכטיקע גאַסן, צווישן שפּאַצירנדיקע מענטשן אַף די טראָטואַרן, בין איך ניט דורכגעגאַנגען, נאָר מיט א טומאַן פאַר די אויגן דורכגעשטופּט זיך, דורכגעיאָגט. כ'האָב באַגעגנט עטלעכע באַלויכטענע האָטעל־שילדלעך מיט פינקלענדיקע אויסזעס און האָב אין זייער זייַט אפילו רעכט קיין קוק ניט געטאָן.

די עלנטקייַט, וואָס איז מיך פלוצעם באַפאַלן, האָט, אפאָנעם, מיטגעבראַכט מיט זיך שרעק אויך. פריִער, צווישן אוילעם, האָב איך קיינמאָל, דאַכט זיך, וועגן אזא זאַך ניט געוווּסט. ניט ערעוו די סיגוראַנצע־פּייַניקונגען, ניט בעשאַס מ'האָט מיך געפּייַניקט, ניט דערנאָך אין טפיסע, ניט שפּעטער נאָך דער טפיסע. איצט, בלייַבנדיק מיטאַמאָל אליין, האָט זיך אזא מין מוירע־געפיל, אָן מייַן ווילן און אפילו אָן מייַן וויסן, ארייַנגעיאָוועט צו מיר. אצינד, אָוונטצייַט, נאָך די פּאָר שאַ צעשרויפּטקייַט און פאַר דעם, ווען עס שטייט מיר עפשער פּאָר א גאַנצע נאַכט אַף די יאַסער גאַסן, האָט זיך דאָס דאָזיקע געפיל צעוואַקסן, געקייפּלט זיך. ס'האָט זיך מיר אָנגעהויבן אויסדאַכטן, אז אומעטום אַף די ראָגן דרייען זיך איבערגעטאָגענע פּאָליציי־אַגענטן. מ'האָט פון טשערנאָוויץ שוין צו וויסן געטאָן אהער קיין יאַס, מע זאָל מיך אויסזוכן, מע זאָל מיך כאַפּן, מע זאָל מיך ברענגען. די שפּאַצירנדיקע מענטשן אַף די טראָטואַרן זייַנען ניט גלאַט קיין שפּאַצירנדיקע מענטשן, נאָר ווער ווייסט ווער און ווער ווייס צוליב וואָס.

ווו טוט מען זיך אהין? וווהין גייט מען?

געראַטעוועט מיך אין יענער ערשטער יאַסער נאַכט (ווער ווייסט טאַקע, וואָס ס'וואָלט מיט מיר געווען געשען?) האָט א צופעליקייַט. כ'גלייב הייַנט אין צופעליקער גוירלדיקייַט. געראַטעוועט מיך האָט א קלענסטער צווישן קלענסטע, א ניט אָנזיכטיקער צווישן ניטאָנזיכטיקסטע — בענטשיק באַרעך דעם סטאָליערס, בענטשיק דער קאַסאָקער.

כ'האָב אים פלוצעם דערזען אין א טיר פון א יאַסער קרעטשמע. ער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין א קורץ קעלנער־כאַלאַטל. אַף דער שוועל פון דער טיר האָט ער זיך מיסאַסעק געווען מיט א שיקער. געדרייט און געדרייט דעם שיקער באַ די אַקסלען, אַלץ אויסגעדרייט אים מיטן פּאָנעם צו דער גאַס ארויס, און דער שיקער האָט זיך אַלץ צוריקגעדרייט און צוריקגעדרייט מיטן פּאָנעם צו בענטשיקן, אין קרעטשמע ארייַן. בענטשיק האָט דעם שיקער מיטאַמאָל צורו געלאָזט. ער האָט מיך צופעליק אויך דערזען.

— טו נאָר א קוק, ס'איז, דאַכט זיך, דו? — האָט ער מיך א פרעג געטאָן, ווי א ראַשקעווער קאָן א פרעג טאָן.

— ס'איז איך און ס'איז ניט איך. — האָב איך אים אויך געענטפערט, ווי א ראַשקעווער קאָן ענטפערן.

מייַן קאַדערעשער ענטפער האָט בענטשיקן ניט געכידעשט. ער האָט מיך ווייַטער געפרעגט:

— ביסט אין יאס?

— יאָ, כ'בין אין יאס. און האָב שוין היינט ניט ווו איבערצונעכטיקן.

בענטשיק האָט צו מיר א קוק געטאָן, ווי א קאָסאַקער טוט א קוק: ניט גלייך צו מיר, נאָר ווי צו עמעצן לעבן מיר, הינטער מיר.

— א כאַריפּעס, ניט האָבן אין יאס ווו איבערצושלאָפן! — האָט ער א מאַך געטאָן מיט אזא מינע, גלייך ס'וואָלט געגאַנגען א רייד ניט וועגן יאס, נאָר וועגן סדאָם, און גלייך קיין שום קרומע זאַך אין דער וועלט איז שוין בא בענטשיקן קיין כאַריפּעס ניט.

— דאָ ארבעטסטו? וואָס ארבעטסטו דאָ?

— כ'בין א שייני־לעמעלעך, אָן אונטערקעלנער, א שייני־לעמעלעך בא א קעלנער. ס'הייסט, כ'בין וואָס דו ווילסט. וואָס מע הייסט מיר, טו איך, און וואָס איך טו, טויג אף קאַפּאָרעס.

— כ'האָב היינט ניט ווו איבערצונעכטיקן. — האָב איך נאָכאַמאָל געזאָגט.

— וועסט איבערנעכטיקן דאָ אויבן בא אונדז, אויב עס שטייט דיר אָן. — האָט בענטשיק א וויי געטאָן מיטן קאָפּ אף צוויי שורעס פענצטער אויבן איבער דער קרעטשמע.

אינווייניק אין קרעטשמע האָט געצימבלט א צימבל, צווישן א ראַש האָט זיך קוים דורכ־געזיפּט א זינגערנס הייזעריקלעך זינגעניש. טישלעך זיינען געשטאַנען אייגנס אין אנדערן, אי אינווייניק אין זאַל, אי אין דרויסן אין א הויף. פּאַרנט באַם אריינגאַנג, אין איין זייט טיר און אין דער אנדערער זייט טיר, האָבן צוויי הענג־לאַמטערנס באַלויכטן איין און דעם זעלבן נאָמען, אי פון דער קרעטשמע, אי פון דער אכסאַניע אויבן איבער דער קרעטשמע. דעם נאָמען געדענק איך שוין ניט פּינקטלעך. נאָר איך געדענק, אז דאָס איז געווען עפּעס זייער א פריילעכער און זייער א צוזאָגנדיקער נאָמען.

בענטשיק האָט צו מיר א מאַך געטאָן „קום", און מיך אריינגעפירט ניט אינווייניק אין זאַל און ניט דרויסן אין הויף צו די טישלעך, נאָר אין א מין קאַמער אָן פענצטער, מיט איין שוואַך עלעקטריש לעמפּל בא דער סאַמע סטעליע. ארום־און־ארום בא די ווענט זיינען ביז ארוף געווען אָנגעשטעלט קעסטלעך מיט ליידיקע פלעשלעך, גלאַט ליידיקע קאַסטנס, אָנגעוואָרפן איינער אפן אנדערן. אין א ווינקל איז געשטאַנען א טאַפּטשאַנדל, איבערגעדעקט מיט א פאַרלאַטעטן מאַטראַץ.

— איך נעכטיק דאָ, אף דער־אָ העסעבעט. — האָט בענטשיק א זאָג געטאָן, — נאָר האָ־קעמוירעניט, דו וועסט שלאָפן אויבן אין די צימערלעך, ווי א קייסער. פריִער אָבער דאַרף מען עפּעס איבערכאַפּן. מע דערקענט אין דער נאָז דיינער, אז דו ביסט מעסוקן זאַט.

אין בענטשיקס נאָז האָט מען דערקענט א ווילדע האַנאָע, וואָס ס'איז געקומען אזא רעגע, ווען ער קאָן מיר אזוי שיין דינען. ער האָט מיך אוועקגעזעצט אף אָן איבערגעקערט קעסטל, אוועקגעשטעלט לעבן מיר א צווייט קעסטל, א העכערס, אופגעשפּרייט דערויף א ווייס טיש־טעכל, און כ'בין געבליבן זיצן אף א געמיטלעך בענקל לעבן א געמיטלעכן טיש. ער האָט מיר דערנאָך אריינגעבראַכט אף א קיילעכדיק הילצערן האַקברעטל א שטיק געבראָטן אָנגע־קנאָבלט און אָנגעפעפערט פלייש, א טעלערל ברויט, און צווישן די ריפּעלעך ברויט אפילע א גלעזעלע בראַנפן. ער האָט מיר א זאָג געטאָן: „עס געזונטערהייט, רעדן מיט דיר קיין סאַך קאָן איך איצטער ניט, זעסטעך, אז מע צערייסט מיך אף שטיקער", און איז אף א גאַנצע פּאָר שאָ נעלעם געוואָרן.

ס'האָט שוין געקערט זיין ארום עלף, האַלב צוועלף באַנאַכט, ווען בענטשיק האָט זיך באַוויזן מיט א בינט שליסלען אין דער האַנט און ווידער א מאַך געטאָן צו מיר: „קום". מיר האָבן זיך אופגעהויבן אף ענגע סקריפּענדיקע טרעפּלעך. ער האָט אופגעשלאָסן א טיר, אופ־געדרייט הינטער דער טיר דאָס ליכט. פון אינווייניק האָט א זעץ געטאָן א דושנעקייט און א טוכלעקייט. אין צימערל איז געשטאַנען א פאַרבעט אייזערן בעטל. אף א שאַפּקעלע מיט א שפּיגל איז אין אן אויסגעשניטענער לאָך געווען אריינגעשטעלט א שיסל, א האַנטעך איז געהאַנגען בא דער זייט. לעבן בעטל איז געלעגן א קילימל.

— אָט דאָ וועסטו שלאָפן ווי א קייסער!.. — האָט, אפּאָנעם, בענטשיק זייער ליב געהאַט דאָס וואָרט קייסער.

ארויסגייענדיק, האָט זיך בענטשיק לעבן דער טיר אָפּגעשטעלט, צוריק אויסגעדרייט זיך צו מיר, א רעגע מעיאַשעוו געווען זיך: זאָגן צי ניט זאָגן, און האָט פונדעסטוועגן יאָ געזאָגט. ער האָט קאָסאָקע א קוק געטאָן ניט צו מיר, נאָר צום שאַפּקעלע מיטן שפּיגל, מיט דער שיסל, מיטן האַנטעך — לעבן מיר. איין אויג זיינס האָט קאָסאָקע אפילע צוגעווונקען:

— הער נאָר, אויב ס'איז דיר סקוטשנע און אויב דו פילסט זיך אין קויעך, קאָן איך דיר עמעצן ארופשיקן...

איך האָב אים דערוף גאָרניט געענטפערט. כ׳האָב זיך נאָר א שטאַרקן קרים געטאָן. ער, בענטשיק באָרעך דעם סטאָליערס, וויל מיר באַווײַזן, אַז ער איז פאַר מײַנעטוועגן גרייט אופצוטאָן וווּנדער, און איך קרים זיך גאָר. ער האָט זיך אַף א רעגע פאַרלוירן. האָט דערנאָך א בורטשע געטאָן צו מיר, איך זאָל די טיר גוט פאַרשליסן. און טאָמער וועט זיך מאַכן, מע וועט אָנקלאַפּן, זאָל איך ניט עפענען און ניט ענטפערן, גלײַך ווי איך בין גאָר אין צימערל אינגאַנצן ניטאָ.

2

א פיר־פינף נעכט האָב איך געזעקטיקט בא מאַניע דער רויטער. ס׳הייסט, ניט נאָר קיין פיר־פינף נעכט, נאָר פיר־פינף נעכט און פיר־פינף טעג. און אי צו די נעכט, אי צו די טעג פּאַסט זיך בעפּיירעש דאָס וואָרט געזעקטיקט.

כ׳בין אין יענער וואָך קימאַט אין גאַס ניט אַרויסגעגאַנגען. בא א פאַרצויגן פירהענגל האָב איך זיך אומגעדרייט אין שטוב א באָרוועסער, אין די הוילע הויזן, אָנעם העמד אַפן לײַב, צוגעשפּאַרט זיך אַף א דיוואַנדל און עפּעס געלייענט, געלעגן און געטראַכט. דער גע־זוכטער און אויסבאַהאַלטענער, דער גאָר געפּערלעכער האָט פּאַוואָליע גוט אָנגעהויבן אַרײַנ־קריכן אין מיר. די טעג זײַנען געווען גוואַלדיק לאַנגע און גוואַלדיק מוטשענדיקע. די נעכט, אַפן צונויפגעשטעלטן געלעגער בא מאַניען אין פאָדערצימער — גוואַלדיק הייסע, דושנע, וואַכנדיקע, נאָך לענגערע און נאָך פּייניקנדיקערע איידער די נעכט.

באַלד פאַרטאָג פלעגן מאַניע מיטן מאַן אוועק צו דער אַרבעט. אין די פאָר יאָר, וואָס כ׳האָב זי ניט געזען, האָט זיך מאַניע פאַרעלטערט, איז געוואָרן פולער און צעוואַקסענער, אירע פלאַמיק־רויטע האָר אַפן קאָפּ — געלאָשענער, אָפּגעבליאַקעוועט. זי האָט געאַרבעט אין א טריקאָטאַזש־פאַבריק. דער מאַן אירער האָט געהייסן דוצע, איז, דאַכט זיך, מיט גוטע עט־לעכע יאָר געווען עלטער פון מאַניען. א הויכער און בײַנערדיקער, מיט א מאָגער געקאַרבטן פּאָנעם, א פּוטער־נייער אין א פּוטער־פאַבריקל. אַפּאָנעם, איבערן דאָזיקן נאָמען דוצע האָט מען אין ראַשקעוו געזאָגט, אַז מאַניע די רויטע וווינט אין יאָס מיט א שייגעץ. נאָר דער „שייגעץ” איז גאָר געווען א ייִדיש ייִנגל, א געבוירענער און אופגעוואַקסענער אין יאַסער ייִדישן אָרעמקײַט־פּערטל, אַף דער רויטער בריק. אין מאַניעס און אין דוצעס ביכער־שאַפּ־קעלע זײַנען אַף צווי פּאָליצעס געשטאַנען רומענישע ביכלעך און אַף צווי פּאָליצעס ייִדישע ביכלעך. די רומענישע ביכלעך האָט גראָדע זי געלייענט, מאַניע, און די ייִדישע ביכלעך האָט גראָדע געלייענט ער, דוצע. דוצע איז געווען א פריילעכער, א באַריידעוודיקער. ער האָט ליב געהאַט צו ווײַזן, אַז ער קאָן דערציילן וויצן און קאָן א זינג טאָן א ייִדיש לידל. ער האָט זיך אויסגעקענט אין אַלע ייִדישע טעאַטער־פּיעסן, וואָס מ׳האָט געשפּילט אין יאַסער „פּאַמול ווערדע”, און האָט אַלע ייִדישע אַקטיאָרן אָנגערופן היימיש און גוטברודעריש, נאָר באַם ערשטן נאָמען. ניט, לעמאָשל, סידי טאַל, נאָר סידי, און ניט סעווילע פּאַסטער, נאָר סעווילע. איינמאָל האָט ער מיר אפילע א זאָג געטאָן, אַז ער איז גוט באַקאַנט מיט איציק מאַנגערן. נאָר באַקאַנט? — זיי האָבן אפילע איינעם געטרונקען, איינעם פאַרבראַכט ניט נאָר איין אָפּדערנאַכט. ער האָט זיך א פּאָרע געטאָן בא א לאַץ, אַרויסגעצויגן פון דאָרט א גראָבע פּוטער־נאָדל און א לאַך געטאָן. נאָר פאַרבראַכט? — מיט דער־אָ נאָדל האָט ער מאַנ־גערן פאַריכט די צעריסענע הויזן. מאַנגער האָט זיך אוועקגעלייגט אין פּאַרק אַף א באַנק מיטן הינטן אַרוף און ער, דוצע, האָט אים אַפּן הינטן פאַרנייט די צעטרענטע הויזן. אָט מיט דער־אָ גראָבער פּוטער־נאָדל.

דוצע האָט מיר אויך דערציילט, אַז ער איז אַליין געווען דערבײַ און האָט אַליין מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי דער גרויסער ענעסקו איז נאָך א קאָנצערט זײַנעם, וואָס האָט אָנ־געמאַכט אַן איבערקערעניש אין גאַנץ יאָס, אַראָפּגעקומען אין א קליין רעסטאָראַנדל אַף דער ניקאָלינע, בא א באַזונדער טישל, אויבן אַף דער גאַלערייע אין רעסטאָראַנדל, אויסגעטרונ־קען א פּאָר גלעזלעך צויקע, אַרויסגענומען דעם פידל פונעם שאַכטל און אוועקגעשטעלט זיך שפּילן גאַמעס. נאָך אַזאַ קאָנצערט, וואָס האָט אופגעהויבן גאַנץ יאָס, נאָך אַזאַ געפעלן און אַזאַ געהויבנקײַט, ערשט קוים געשטאַנען און געשטאַנען און געצויגן גאַמעס, געלערנט זיך שפּילן. דער אוילעם אונטן איז געזעסן און געגאַפט. מ׳האָט דעמלט דאָס רעסטאָראַנדל פאַרמאַכט אַרום דרײַ באַנאַכט. ער זעט אים פאַר די אויגן, ענעסקון, ווי ער שטייט זיך אַזוי

באם טישל אַף דער גאַלערייע, מיט די לאַנגע צעוואָרפֿענע האָר זײַנע און מיטן פֿידל באַם אַקסל.

קיין ליגנס האָט דוצע ניט געזאָגט. די אַלע מעשׂיות זײַנע זײַנען, אַפֿאַנעם, נאָר געווען ליבע אויסטראַקטעניש, פֿאַנטאַזיעס, און זאָל אַפֿילע זײַן אויסשטעלעניש. דאָס וואָס ער שטעלט זיך אויס מיט אַזאַ סאָרט אויסשטעלעניש, איז מיר גראָדע אין דוצען געפֿעלן. ס'האָט אים ניט אַראָפּגענידערט אין מײַנע אויגן, נאָר, פֿאַרקערט, אויפֿגעהויבן. און ס'האָט מיך, געדענק איך, באַלד פֿון דער ערשטער מינוט אָן עפּעס אַ באַזונדערן צי געטאָן צו מאַניע דער רויטערס מאַן.

מאַניעס אַדרעס האָט מיר געגעבן בענטשיק. ס'הייסט, קיין אַדרעס האָט ער מיר ניט געגעבן. ער האָט מיר נאָר אָנגערופֿן די גאַס און מיר אויסגעמאָלט דעם ליק, לעבן אַ באַקאַליי־קלייט, ווו מע דאַרף פֿאַרנעמען און ווו באַלד אין צווייטן טויער, פּונקט אַנטקעגן אין דער סאַמע טיף פֿונעם הויף, וווינט מאַניע די רויטע מיטן מאַן אירן דוצע.

אַז דער באַכער, וואָס האָט מיך אין יאַס געדאַרפֿט באַגעגענען, איז דעם אַנדערן טאָג, אין דער קאָנטראָל־שאַ, ווידער אַכט פֿאַרנאַכט לעבן נאַציאָנאַל־טעאַטער אויך ניט אַרויסגעקומען, האָב איך מער ווי אַ דרײַ־פֿיר מינוט ניט געוואַרט. אַף אַ קאָנטראָל־שאַ טאָר מען שוין מער ווי געציילטע מינוטן ניט וואַרטן. כ'בין אַוועק אויסזוכן מאַניעס גאַס. כ'האָב פֿאַרוואַלינקע אָפּגעזוכט אי די גאַס, אי די באַקאַליי־קלייט אַפֿן ראַג, אי דעם ליק, אי דעם טויער, אי מאַניעס וווינונג אין דער טיף פֿונעם הויף, אי — אַ שלעסל אַף מאַניעס וווינונג. כ'האָב אויפֿגעקייטלט דאָס טירל פֿון מאַניעס ווערענדע און בין אַזוי אָפּגעזעסן אין דער פֿינצטער אַף דער ווערענדע, ביז מאַניע מיטן מאַן זײַנען אָנגעקומען פֿון דער שטאָט. מאַניע האָט זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט און צעקושט, ניט גלאַט ווי מיט אַ היימישן מענטשן, אַ בען־איר, אַ כאַווער, קאָן מען זאָגן, פֿון די קינדעריאָרן, נאָר ווי מיט אַ גאָר־גאָר נאָענטן און אייגענעם, מאַמעש ווי מיט אַ ברודער.

און כ'בין באַגאַנגען אַ פֿעלער. ניט דעם ערשטן און ניט דעם איינציקן און ניט דעם גרעסטן און ניט דעם לעצטן פֿעלער אין מײַן לעבן. פּאָרט — ביידע פֿאַבריק־אַרבעטער, זי האָט מיך אַזוי כאַוועריש אויפֿגענומען, ער האָט מיר אויסגעזען אַזוי צוגעלאָזט און ווויל, האָב איך באַלד דעם אַנדערן גאַנצפֿרי אַרויסגעכאַפּט זיך פֿאַר מאַניען, בעסאָד, פֿאַרשטייט זיך, געגעבן איר אָנצוהערן וואָס און ווער און ווען, וואָס סע טוט זיך מיט מיר. מאַניע האָט אַ רעגע שטאַרק געענדערט זיך אַפֿן פּאָנעם. נאָר טאַקע איין רעגע. באַלד האָבן זיך צוריק באַוויזן די צוויי כיין־גריבעלעך אַף אירע באַקן. די אָפּגעשיטע געל־רויטע קלײַנדלעך אַף איר נאָז און אַפֿן שטערן זײַנען צוריק געוואָרן שיינע. אין איין רעגע אַרום איז זי צוריק געוואָרן זי. זי האָט מיר ליבלעך אַ זאָג געטאָן, אַז כ'וועל קאָנען באַ זיי איבערזײַן וויפֿל מע וועט דאַרפֿן. זי וועט מיר העלפֿן. אין דער פֿאַבריק זייערער קען זי אייבעם אַ כאַווער, זי וועט מיט אים זייער פֿאַרזיכטיק אַ רעדט טאָן, עפּשער קאָן עפּעס ער אייצען, זי וועט מיר העלפֿן, האָט זי שיין געזאָגט, דעם איבערגעריסענעם פֿאָדעם צוריק אָנקנופּן. איין זאַך: כ'זאָל פֿון דער שטוב זייערער אין ערגעץ ניט אַרויסגיין. ניט ווײַל זי האָט מוירע, ניט ווײַל זיי קאָן עפּעס שאַטן. מיר קאָן שאַטן. מע דאַרף מיך אַף דער גאַס ניט באַגעגענען. קיינער דאַרף גאָרניט וויסן, אַז איך בין דאָ אין יאַס. בענטשיק האָט עס, אוודאי, אויך ניט געטאָרט וויסן. נאָר מיילע, פֿאַרפֿאַלן. בענטשיק טרעפֿט זיך סײַ־ווייניק־וואָס מיט היימישע. ס'הייסט, היימישע טרעפֿן זיך ווייניק־וואָס מיט אים. זי וועט קלאָמפּערשט צופֿעליק דורכגיין דורך דער קרעטשמע און בענטשיקן זען אַ זאָג טאָן, אַז כ'בין באַלד גאַנצפֿרי אַוועקגעפֿאָרן. כוץ דעם: עפּשער גייט מען מיר טאַקע נאָך? אין יאַס קאָן מען זיך אַף אַזוינעם אויך ריכטן. וואָס איז דאָ וואָס צו רעדן — ס'איז ניט קיין פֿריילעכע געשיכטע. זי טרעסטעט זיך, כאַלילע, ניט אָפּ. פֿאַרקערט, זי וועט טאָן אַלצדינג און וועט מיר העלפֿן. עטלעכע טעג וועל איך קענען באַ זיי איבערזיצן. זי מיינט, ס'וועט גאָרניט געשען, נאָר גיין אַף די גאַסן טאָר איך ניט, בעשום־אויפֿן ניט.

די ערשטע דרײַ אָפּדערנאַכטן זײַנען אַפֿילע געווען פֿריילעכע. אַפֿן טיש איז געשטאַנען אַ פֿלעשל ווײַן. דוצע האָט אַלץ דערציילט זײַנע מעשׂיות, געכאָכמעט זיך, צוגעזונגען, און מאַניע האָט אַלץ געלאַכט, אָנגעקוועלט, געקוקט אים פֿאַרליבט אין מויל אַרײַן. איך האָב אויך געלאַכט, געהאַט אַ כאַיע־שאַ. דאָס קליינע דירעלע זייערס איז געווען אָרעם, נאָר ציכטיק אויסגעשטעלט. אין אַלע ווינקעלעך, אַף יעדן פּראָסטן שטיקל מעבל, אַפֿילע אַף די טאָבורעטלעך — ווײַסע אָנגעקראָכמאַלעטע אויסשטיקעכצער. עפּשער אַ ביסל צופֿיל — האָט זיך מיר געדאַכט. די צוויי לײַלעכער אַף מײַן געלעגער האָבן אַזש געקנאַקט, געפֿעכלט אין אויג. מײַנע נעכט זײַנען געווען לאַנגע און מוטשענדיקע, זייערע נעכט זײַנען ווײַז אויס, אויך

ניט געווען קיין קורצע און רויקע. מאניעס באקאנטער כאווער אין איר פאבריק האָט קיין קלאָרע אייצע ניט געגעבן. מע דאַרף האָבן געדולד, האָט ער געזאָגט, מע דאַרף וואַרטן, די צײַט וועט אלצדינג אויסגלײַכן. מאניע האָט עס מיר דאפקע איבערגעגעבן מיט זייער א רויקן טאָן. זי האָט אָבער באלד דערנאָך, גאָר שטיל, ווי ניט צו מיר, נאָר צו זיך אליין, א מורמל געטאָן: „ס׳איז גוט צו זאָגן וואַרטן. וויפל וואַרטן? וויפל? ווו וואַרטן?״ אלע גאנצפרי, נאָך מאניעס און דוצעס אוועקגיין צו דער ארבעט, פלעג איך טרעפן אפן טיש א צוגעגרייטן פרישטיק: א סאלאט פון פאָמידאָרן, א פּאָר שטיקלעך ברויט מיט פוטער, אן איי, א גלאָז מילך. דער פרישטיק, האָט מען געזען, איז צוגעגרייט מיט ליבשאפט. א פריש טישטעכל אין אן עק טיש, א מעסער און א גאָפּל און א לעפעלע, שיין אוועקגעלייגט אין דער רעכטער זײַט איינס לעבן אנדערן, א זעלצערל מיט זאַלץ, דאָס איי אין א באזונדער שעלעכל, דער פּאָמידאָרן־סאלאט מיט א ביסל סמעטענע, איבערגעשיט מיט קריפּ, אף דער גלאָז מילך א שאַל, אלצדינג איבערגעדעקט מיט א קלאָר־ווײַס סאלפעטקעלע. איין מאָל אין טאָג האָב איך פונדעסטוועגן אויווער געווען אף מאניעס טנײַ: פארנאכט־צו, פאר זייער אהיימקומען, ארויס־געכאפּט זיך אין דער באקאליי־קלייט אפן ראָג, און פאַרן געלט „די ערשטע טעג אף אנדערע הויצאָעס״ אײַנגעקויפט א שטיקל קעז, א הערינג, קאָלבעס, צוקער, אמאָל טאקע דאָס פלעשל ווײַן — זאָל כאָטש די וועטשערע זײַן מײַנע. מאניע האָט זיך געבייזערט אי פאַרן ארויסכאפּן זיך אין דרויסן, אי פאַרן אויסגעבן געלט, געבייזערט זיך אָפּנהאַרציק, געטרײַ. און דוצע האָט זיך געוויצלט: „ריבוינעשעלוילעם, א גאסט מיט רעווער. שיק מיר צו הונדערט אזעלכע געסט, וועל איך מיט דער צײַט האָבן א קאָנטע אין באנק״.

אזוי האָבן אויסגעזען די ערשטע דרײַ טעג. דעם פערטן טאָג און דעם פינפטן טאָג האָט אלץ אָנגעהויבן ווערן אנדערש.

דער באריידעוודיקער און פריילעכער דוצע האָט אופגעהערט רעדן, אופגעהערט וויצלען זיך, איז מיטאמאָל געוואָרן א שווײַגער. מאניע האָט ווי באקומען אײַנגעפאלענע באקן, די אײַנגעפאלנקײַט האָט פארווישט אירע קיין־גריבעלעך. די שיינע זומער־שפרענקעלעך אף איר נאָז האָבן אופגעהערט ווערן שיין. פארקערט. ביפראט, אז זי איז אומגעגאַן מיט דער נאָז אראָפּגעלאָזט.

וועטשערע האָבן מיר ווײַטער געגעסן אלע דרײַ אינײנעם, בא איין טיש, נאָר מיר זײַנען געזעסן און מערער געשוויגן, ווי געגעסן. ווי דרײַ צופעליקע מענטשן וואָלטן זיך צופעליק אוועקגעזעצט בא איין צופעליק טישל. דוצע און מאניע צווישן זיך האָבן קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, געזעסן איינער קעגן אנדערן אָנגעבלאָזן. מיר האָבן זיי יאָ אמאָל־אמאָל א זאָג געטאָן א וואָרט. נאָר אָן כיישעק, האָט זיך מיר געדאכט, מער לעפּאָנעם, מער צוליב עטיקעט. עס, פארוואָס עסטו ניט? נעם א שטיקל הערינג, אוקעדוימע.

באנאכט אפן געלעגער האָב איך פון יענער זײַט טיר, אף זייער געלעגער, ניט געהערט מער, ווי ביז איצטער, קיין הויכע געלעכטערן, קיין הויך רעדן צווישן זיך. מ׳איז ביידע גע־לעגן שטיל. און אז כ׳האָב יאָ עפּעס אמאָל דערהערט, איז עס געווען א מין שטיל שושקען זיך, אן אָפּגעהאקט ברומקע טאָן.

קאָן זײַן, אז כ׳האָב זיך זייער טויע געווען. מעגלעך, אז די דאָזיקע פלוצעמדיקע ענדע־רונג האָט צו מיר און צו מײַנע איבערלעבענישן דעמלט קיין שום שײַכעס ניט געהאט. כ׳האָב נאָך דעמלט גוט ניט געוווּסט, אז מאַן־און־ווײַב קאָנען, זייער ליב האָבנדיק איינער דעם אנ־דערן, פלוצעם, אמאָל איבער א נארישקײַט, אזוי צעדוצקען זיך צווישן זיך, ווי זיי וואָלטן איינער דעם אנדערן געווען די גרעסטע סאָנים, די פרעמדסטע מענטשן.

די לעצטע נאכט מײַנע בא מאניען און דוצען איז געווען א שאבעס באנאכט. כ׳געדענק דאָס גוט, מאכמעס דעם אנדערן פרימאָרגן זײַנען זיי ביידע געשלאָפן שפּעטער, ווי טאָמיד, האָבן צו דער ארבעט ניט געדאַרפט גיין. אין דרויסן האָט שוין גוט געטאָגט. א לײַכטער פאסאזשיר בין איך געווען. פאַקעווען זיך האָב איך ניט געדאַרפט. כ׳האָב זיך אָנגעטאָן, אופ־געעפנט די טיר, אופגעקייטלט דאָס טירל אף דער ווערענדע און בין אוועק אָן א זײַ־געזונט, אָן א זײַ־געזונט און אָן א דאנק.

פון יענעם זונטיק פארטאָג אָן ביז הײַנט האָב איך מער מאניען און דוצען ניט געזען.

3

וואָס פאַר אַ מענטש בין איך?

כ'שרײַב איצט די שורעס אין יאַלטער שרײַבער־הויז, אין פינף צענדליק יאָר ארום. און וואָלט עס זיך שוין געמעגט קאָנען ענטפערן.

אַמאָל אַ פרײלעכער, אַמאָל אַ טרויעריקער. אַמאָל צו אַ שווײַגער, אַמאָל צו אַ באַרײ־דעוודיקער. אַמאָל אַ טויגער: וויפל וואָלט איך ניט געקענט אופטאָן! אַמאָל אַ גרויסער לוי־יוצלעך — קען אַ קאַץ אַן עק ניט צובינדן. אַמאָל פאַרכלינעט מיט פאַרגיבעניש, אַפילו יענע, וואָס האָבן מיר קעסיידער געטאָן הוילע שלעכטס; אַמאָל צעפלאַקערט מיט גרימצאָרן, אַפילו פאַר איין מאָל אָנטרעטן מיר אויף אַ נארישער מאָזאָליע. אַמאָל אַ דרייסטער, אַמאָל אַ שרע־קעוודיקער. אַמאָל גאָר גוט צו מענטשן, אַמאָל — ניט גאָר גוט. אַמאָל לויף איך צו זיי, זוך זיי, פריי זיך מיטן מינדסטן און קלענסטן; אַמאָל אַנטלויף איך פון אַלץ און פון אַלעמען, עס זײַנען מיר צופיל מײַנע אייגענע דאַלעדאַמעס. אַמאָל איז מיר שלעכט, ווען ס'איז מיר שלעכט, אַמאָל איז מיר ערגער, ווען ס'איז מיר גוט, בעסער — ווען ס'איז מיר ניט גוט. אַמאָל אַ מיל־דער, גרייט ארומצונעמען די גאַנצע וועלט, אַוועקגעבן זיך דער גאַנצער וועלט. אַמאָל — קאַרג אויף אַ שמייכל, שווער אויף אַן איבעריקן גאַנג, אַפילו פאַרן סאַמע נאָענטסטן און ליבסטן. אַמאָל אַ שטאַרקער. בעקויעך געבן זיך באַפעלן, אָנעמען זיך בײַ דער טשופרינע און שטעלן זיך די באַפעלן אויספילן. אַמאָל — דער שוואַכסטער צווישן די שוואַכסטע: טו ניט דאָס, וואָס איך וויל, אָדער טו דאָס, וואָס איך וויל ניט, אָדער טו אינגאַנצן ניט.

אַמאָל אַזוי, און אַמאָל אַזוי. אי אַזוי, אי ניט אַזוי. וואָס וועגט איבער? דאָס ציינגל פון דער וואָגשאָל בלײַבט ניט שטיין. אָט טוט עס אַ וואַזשע אַראָפּ אין איין זײַט, אָט אין דער אַנדערער זײַט. אין דער מיט, אויסגעגליכט, צאַפּלט עס, ציטערט אונטער. אין איין זײַט, צי אין דער אַנדערער זײַט, פאַרהאַלט זיך עס ניט, בלײַבט קיינמאָל ניט שטיין פאַרגליווערט, פאַרענדיקט.

וואָס פאַר אַ מענטש בין איך?

ווען מע וואָלט געקאָנט אויף איין רעגע אַרויס פון דער אייגענער הויט, פרײַ ווערן פונעם גריבלען זיך אין זיך, פונעם זוכן זיך, פרײַ פון דער זײַט, אין דער איינער רעגע פּלוצעם דערטאַפּן איין שטריך דײַנעם, ווו דו ביסט אינגאַנצן דו, אַליין כאַפּן זיך בײַ דער האַנט: אָט אַזוי ביסטו!

ווי ס'איז גראָד געשען מיט מיר הײַנט אינדערפרי. דאָ, אין יאַלטער שרײַבער־הויז, ווו איך שרײַב די דאָזיקע שורעס.

אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן, אַ געוויינלעכע פרוי, אַ ביסל אַ פּולבלעכע, מיט אַ גוט אָפן פּאָנעם, ווי עס מאַכט זיך אָפט בײַ מענטשן פּולבלעכע. זי האָט עפּעס צופיל געקוקט אויף מיר. מיר האָבן זיך ניט־באַקאַנטערהייט, אַרײַנקומענדיק אין עס־זאַל עסן, איינער מיטן אַנ־דערן אָנגעהויבן גריסן. הײַנט האָבן מיר זיך באַגעגנט פּאָנעם־על־פּאָנעם, אָפּגעשטעלט זיך און צערעדט זיך. יאָ, קעשענעוו קען זי, זי האָט אין קעשענעוו געענדיקט דעם אוניווערסי־טעט. זי קען אַ סך באַקאַנטע מײַנע — קעשענעווער שרײַבער. מיך האָט זי ניט געקענט. איך האָב זי אויך קיינמאָל ניט געזען. זי וווינט אין מאָסקווע, אַ געבוירענע אַ מאָסקווער. אין מאָסקווע איז זי גוט באַפרײַנדעט מיט יאָן דרוצען. ס'הייסט, ניט אַזוי מיט אים, ווי מיט איר, מיט דרוצעס פרוי, מיט ערען, ראָסינס טאָכטער. איר האָט געקענט שמואל ראָסינען? איך בין נאָך דעמלט געווען אַ קינד. מײַן פאָטער האָט זיך מיט ראָסינען געכאַוועט. אײַער פאָטער, ער איז געווען אַ שרײַבער? יאָ, אַ ייִדישער שרײַבער. ווער? יאָפּע. יודל יאָפּע?

אין איין רעגע — אין דער רעגע, וועגן וועלכער כ'האָב נאָרוואָס אויבן גערעדט, — האָב איך דערזען אויף מײַנע בײדע הענט, ביז אַרויף, אַ גענדזענע הויט, דערפילט אין די אויגן אָנגעגאָסנקײַט. יודל יאָפּען האָב איך שוין ניט פאַרכאַפּט. איך בין צום ערשטן מאָל געקומען קיין מאָסקווע אין פינף־און־פערציקסטן יאָר. ער איז געשטאָרבן אין איין־און־פערציקסטן. מיר איז געווען גענוג די טאָכטער זײַנע. ס'איז גענוג געווען נאָר דערהערן דעם נאָמען יאָפּע.

— כ'געדענק אַ דערציילונג אײַער פאָטערס. דאַכט זיך „גינגאַלד".

כ'בין אַרויף צו זיך אין צימער. די הויט אויף מײַנע הענט איז נאָך ניט געקומען צו־זיך. די אויגן — אָנגעגאָסענער. איין שטריך מײַנעם — ליבשאַפט — ליבשאַפט צו די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער, צו אַלע אָן אויסנאַם, דעם גרעסטן און דעם קלענסטן, האָב איך אין איין רעגע דערזען ווי פון דער זײַט, דערטאַפּט אין זיך אַ־דעם שטריך, ווו איך בין אינגאַנצן איך, אַליין געכאַפּט זיך בײַ דער האַנט: אַזאַ מענטש ביסטו!

די דאָזיקע שורעס וואָלטן קיין שײַכעס ניט געהאַט צו דעם, וואָס איך דערצייל אין קאַפּיטל „דאַלעד“, ווען איך וואָלט ניט גוט געדענקט, אַז אין יענע יאָסער טעג, בײַ מאַניען און דוצען, האָב איך אין זייער ביכער־שאַפּקעלע געפונען קולבאַקס „זעלמעניאַנער“ און בערגעלסאָנס „מידאַס־האַדין“. כ׳בין געלעגן צוגעשפּאַרט אַפּן דיוואַנדל, געלייענט און געלייענט, און די איינזאַמקייט און פאַרלוירנקייט, וואָס איז פּלוצעם צוגעטראָטן צו מיר, האָט פּאַמעלעך אָנגעהויבן שוואַכער ווערן, אָפּטרעטן.

כ׳האָב צוגעמאַכט די אויגן. אין דער פינצטערניש האָב איך אויסגעפּיבערט, אויסגעכאָלעמט א ווײַט, אייגן, אויסגעשטערנט סטעזשקעלע.

די ליבשאַפט מײַנע צו דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור — פאַר אירע נײַע, און אַנדערשדיקע, און שווערע, און ניט אויסגעטראָטענע וועגן, פאַר איר פאַרטיפן זיך אין וועלט־אוּלעס און איר פאַרשענערן מענטשלעכע שיינקייטן, פאַר איר שווער־געפּרוווטער גווירלדיקייט — טראָג איך אין זיך פון יענע טעג אָן.

אַלע פינף צענדליק יאָר.

דאָס ציגל אַף דער וואַגשאַל צאַפּלט ניט, ציטערט ניט אונטער.

קיין שום שווער געוויכט וואַזשעט ניט איבער.

4

די שטאָט יאַס זעט זיך אָן פונדערווײַטנס. פונדערווײַטנס איז זי אײַנגעשרומפּן. רויכן און רויכלעך פאַרווישן די קלויסטער־שפּיצן, די הויכע טורעמלעך, די פאַבריק־קוימענס — די שטאָט קוקט אויס, ווי א גרויס דאָרף. באַנאַכט צעפינקלען זיך אין דער ווײַטן מיליאָסן פּײַערלעך, געדיכט, איינס לעבן אַנדערן, גיסן זיך צונויף איינס מיטן אַנדערן, ווערן צווישן די רויכן און רויכלעך איין שטיק פײַער — די שטאָט האָט זיך אָנגעצונדן, די שטאָט ברענט.

אינוויינײיק, אין איר, צווישן אירע הויכע ווענט און ענגע גאַסן, פּילסטו זיך ווי אונטער איר — צעקוועטשט און צעפּלעטשט.

דאָ אויבן אַפּן פעלד, אַרויס איר, צווישן די ווײַנגאָרטן־שטרעקעס באַרג־אַראָפּ, באַרג־אַרוף, וויפל דאָס אויג פאַרכאַפּט, פּילסטו זיך ווי איבער איר.

און ווידער צעקוועטשט און צעפּלעטשט.

באַנאַכט שלאָפן מיר ביידע, איך און פעדיע, אין אַן אַלטער כאָרעווער שטאַל. ס׳איז עפּשער קיין שטאַל אויך ניט. צוויי שוואַרצגעוואָרענע שטיינערנע ווענט מיט א מאָכיק לעכעריק דעכל גלײַך אַף די איינע צוויי ווענט. מיר שלאָפן אין א פּאַעטאָן. מיר שלאָפן זיצנדיק, פעדיע — מיט א פאַרוואָרפענעם קאָפּ, איך — מיט א פאַרוואָרפענעם קאָפּ. צוויי הולטײַעס, נאָך א נאַכט־הוליאַנקע, העצקען זיך דורך פאַרטאָג מיט פאַרשיקערט־פאַרוואָרפענע קעפּ, אין א פּאַעטאָן אָן א קוטשער, אָן אַן אויסמושטרירט פערדל מיט ווײַסע פלעקן אַפּן שטערן, מיט הוילע צוויי איבערגעטריקנט־צעטראַסקעטע האָלאָבליעס, פאַרטשעפּעטע אויבן באַם דעכל. מיר זײַנען שרעקלעך שיקער פאַר מידקייט. דורך די לעכער אין דעכל און דורך די אַנדערע צוויי ווענט, וואָס זײַנען ניטאָ, שײַנט אַרײַן לעוואָנע־שײַן, שטערן־שײַן, און א גאַנצע נאַכט האַלט זיך אונדז אין איין דאַכטן אין שלאָף, אַז סע טאָגט שוין, ס׳איז שוין אַרויס דער מאָרגנשטערן, אָט וועט זיך דערהערן דאָס סווישטשענדיקע קעלעכל, ווי דער סווישטש פון א בײַטש: האָדיע מעיִ! גענוג, הייסט עס, פּאַפּן. שטייט אוף לאַאווידעס האַבוירע! א גאַנצן טאָג, אַף דער סאַרפּענדיקער זון, ביז אין די ערשטע אָוונט־שטערן, אַרומשנײַדן און אַרומשפּריצן ווײַנשטאָקן, אַזויפיל און ווײַנשטאָקן. מיר שלאָפן אַף פּרוזשינעס. די פּרוזשינעס פונעם פּאַעטאָן־זיץ זײַנען אַלטע, פאַרזשאַווערטע, נאָר, אַפּאָנעם, נאָך גענוג שטאַרקע, פּאַראַקשנטע, האָבן דורכגעריסן דאָס איבערגעפּרײַעטע לעדער פונעם זיץ און זײַנען אַרויס אין דרויסן, אויסגעצויגן זיך אין זייער גאַנצער לענג: ס׳איז געקומען אונדזער צײַט אויך אָן אָטעם צו טאָן פרײַ, זען א וועלט! אַז מיר זעצן זיך אַוועק שלאָפן, קוועטשן מיר די פּרוזשינעס, מיט ביידע הענט, צוריק אַרײַן אין זיץ, טוען זיך גיך א כאַפּ אַרוף אַף זיי און פילן ווי זיי ראַנגלען זיך מיט אונדז, ליגן אונדז גוט אין די ביינער. אין א שיינעם טאָג (מיר ווערן, קיין אײַנהאָרע, פון טאָג צו טאָג גרינגער) וועלן זיי אונדז א גוטן סטוסע טאָן אין די זײַטן און אונדז פון זיך אַראָפּוואַרפן, פון אַזעלכע פּריצים, ווי מיר, אויך זיך באַפרײַען. דער פּאַעטאָן איז, אַפּאָנעם, זייער אַן אַלטער, אַן אַלט־אַלט־פּריצישער. מיט וואָס האָט ער זיך אין

זײַן פרײלעך לעבן ניט אַנגעזען! וואָס פאַר אַ פּריצישע געשיכטעס וואָלט ער אונדז ניט געקאָנט אויסדערציילן! נאָר מיר מיט פעדיען זײַנען איצט געגנוג אונדזערע אײגענע געשיכטעס. מיר זײַנען אזוי אויסגעהאָרעוועט, אז מיר שלאָפן אָן כאַלוימעס, מיר כראָפּען אפילע ניט. ניט מיר שלאָפן — מיר דרעמלען. מיר זײַנען מערער וואָך. מיר שוועבן צווישן כאָלעם און וואָר. פעדיע קאָרטשעט זיך אײַן אַף דער פּרוזשינע זײַנער, דרייט זיך אַף איר אהין און אהער, טוט אַ שפּײַ אויס, טוט אַ שעלט, פרעגט מיך פּלוצעם אין אַ באַנאַכט אַ הארבע קאַשע:

— זאָג מיר, דו פאַרשטײסט דאָך מערער. פאַרוואָס האָט זיך מײַן פּאָטער אופגעהאַנגען? איך כאַפּ זיך אזש גוט אוף:

— געפונען אַ צײַט, ווען צו רעדן וועגן אזעלכע זאַכן. זיץ און שלאָף.

— געגומען אַ שטריק, אַרופגעקראָכן אַפן בוידעם, און זיך אופגעהאַנגען. פאַרטאָג בין איך אַרופגעקומען געבן עסן די טויבן. אלע פיר טײַבעלעך מײַנע זײַנען געשטאַנען פאַרשטעקט אונטער דער סטריכע, איבערגעשראָקענע, מיט צעשויבערטע טשובן, געטוליעט זיך איינע אין דער אַנדערער. מיך דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן וואָרקען, עפּעס דערציילן, עפּעס קלאָגן זיך פאַר מיר. כ׳טו זיך אַ דריי אויס — הינטערן קוימען הענגט דער טאַטע. ער האָט זיך, אפאָנעם, אַפן שטריק שטאַרק געוואָרפן, געראַנגלט זיך מיטן שטריק. ס׳האָט אים, אפאָנעם, באַלד באַנק געטאָן.

פעדיע ניורעט אײַן אין מיר דעם קאָפּ. איך טו אַ פיר די האַנט איבער זײַנע האָר, בײַג אַראָפּ מײַן קאָפּ אַף זײַן קאָפּ. מיר זיצן ביידע אַף די פּרוזשינעס אײַנגעטוליעטע, ווי די טויבן פעדיעס אין יענעם פאַרטאָג אונטער דער סטריכע. פעדיע קלאָגט זיך פאַר מיר אַף גאָטס וועלטל מיט אַ פאַרדומפּענער וואָרקערײַ:

— די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אז ס׳איז סײַוויסײַ ניט מײַן פּאָטער. כ׳בין ניט פון אים. כ׳בין ניט זײַנער. וועמענס זשע בין איך? קיינעמס ניט? דו פאַרשטײסט דאָך מערער, הא? אָדער פּלוצעם אַ צווייט מאָל, אין אַ צווייטן באַנאַכט:

— כ׳בעט דיך. זאָג מיר דעם עמעס. דו ביסט אמאָל בא מײַן מאַמען געווען?

ער ניורעט זיך אײַן אין מיר נאָך איידער ער פרעגט מיך און נאָך איידער ער הערט דעם ענטפער. אי דערמיט אַרויסצורופן בא מיר די גאַרע אופריכטיקײַט, אי כ׳זאָל אים פאַרגעבן פאַר אזא מין פראַגע, אי אויסצוהערן דעם ענטפער פאַרדושעט — ער האָט אים דערהערט און ניט דערהערט.

— געווען. און ניט נאָר איין מאָל געווען. — ענטפער איך אים קלאָר און גיך.

— דו אויך?

— נארישער באָכער. דײַן מאַמע וואַשט אויס און פּרעסט אויס אַ העמד, קאָן עס אזוי אין ראַשקעוו קיין שום מאַמע ניט טאָן. טראָגן איר די ייִנגלעך די אייבערשטע העמדער זייערע אויסצוואַשן ערעוו אַ יאָמטעוו. דײַן מאַמע פאַרדינט זיך דאָס שטיקל ברויט מיט ערלעכער האָרעוואַניע. וואַשט פרעמד וועש, גייט אַרײַן אין הײַזער אופראַמען, שמירן.

— כ׳ווייס. פאַרוואָס זשע זאָגט מען עפּעס אַנדערש? פאַרוואָס רייצט מען זיך טאָמיד מיט מיר? מע וואַרפט עס מיר שטענדיק אויס.

— קענסט ניט ראַשקעוו? ראַשקעוו האָט ליב אויסצוטראַכטן.

— פאַרוואָס זשע טראַכט מען אזוינס ניט אויס אַף אַ צווייטן?

— מע טראַכט אויס. אַף איינעם טראַכט מען אויס דאָס, אַף אַ צווייטן יענץ — נאָך ערגערס.

— זאָגסט מיר דעם ריינעם עמעס?

— וואָס זשע, גלייבסט מיר ניט?

פעדיע ניורעט זיך טיפער אײַן אין מיר, קלעפּט זיך צו צו מיר. איך ניורע זיך אין אים אויך אײַן.

— כ׳גלייב דיר. דיר גלייב איך, — וואָרקעט ער מיר פאַרדומפּן אַרײַן גלײַך אין הארצן אַרײַן. — טאַקע דערפאַר בין איך פון דאָרטן אַנטלאָפן. מײַן פּאָטער האָט געוואָלט, איך זאָל זײַן אַ קאָוועל, ווי ער איז געווען. די מאַמע האָט מיך נאָר געוואָלט מאַכן פאַר אַ פאַבריקמאַכער. איך קען ניט זײַן קיין פאַבריקמאַכער. ווייסט, כ׳האָב דיך אָפּגענאַרט, אז כ׳האָב אין יאַס בא פאַבריקמאַכערײַ ניט געפונען קיין אַרבעט. כ׳האָב אפילע ניט געזוכט. איך וויל ניט זײַן קיין פאַבריקמאַכער. כ׳קאָן ניט זייפן קיין פרעמדע קעפּ און קאָן ניט גלעטן קיין אָנגעפּרעסענע פענעמער.

— ניט אלע האָבן דאָך אָנגעפּרעסענע פענעמער.

— סײַוויסײַ. כ׳וויל ניט פאַרדינען קיין געלט פאַר גלעטן, יעדן איינעם גלעטן.

— פאַבריקמאַכערײַ איז אַ מעלאָכע ווי אלע מעלאָכעס. ס׳איז דאָך שערן, גאָלן.

— סײַוויסײַ.

באַטאָג רעדט פעדיע ניט וועגן די אַלע זאַכן. באַנאַכט, אַפן פאַעטאָן, רעדט עס פון אים אַרויס. פעדיע איז נאָך גאָר אַ יונג באָכערל, מיט צוויי, צי מיט דרײַ יאָר ייִנגער פון מיר. די מאַמע זײַנע, פאַשע די פּראַטשקע, איז געווען אַ שיינע, טאָמיד געגאַנגען שיין פאַרקעמט, ריין אָנגעטאָן. אָן אײַבערשט העמד, וואָס פאַשע האָט אויסגעוואַשן, אָנקראָכמאַלעט און אויסגעפרעסט, פלעגט מען טאַקע, אין אָן עמעסן, אַרומטראָגן ווײַזן אַף כידושים. זיי האָבן געוווינט אין אַ שטיבל מיט אַ שטרויענעם דאַך, אַראָפּ אונטן באַם דניעסטער. אין דרויסן, אַף אַ סלופּ, איז געהאַנגען, ווי אַ וויוועסקע, אַ רעדל פון אַ וואָגן. אונטער אַ מין בלעכן דעכל איז געשטאַנען אַ בלאָזזאַק, אַ קאָוואַדלע, פאַרשפּיציקט אין ביידע זײַטן. נאָר דאָס רעדל אַפן סלופּ — צעקרימט, פאַרבלאָטיקט, דער בלאָזזאַק — אויסגעלאָשן, פאַרשטויבט, די קאָוואַדלע — אָן אַ קלאַנג. סימאָנים, אַז ס׳איז דאָ געווען אַ קוזניע און ס׳איז שוין דאָ איצטער ניט מער קיין קוזניע. פעדקען געדענק איך אַ קליין ייִנגעלע, טאָמיד אַרומלויפן אין די גאַסן באָרוועס און פאַרשמירט. ווען כ׳בין דאָס ערשטע מאָל אוועקגעפאָרן, האָב איך אים איבערגעלאָזט אַ לערן־ייִנגל בא בינימין צירולניק. ס׳הייסט, מערער אַ מעשאָרעסל בא בינימין צירולניקן איידער אַ לערן־ייִנגל. מיט אַ בעזעם אין דער האַנט פלעגט ער קעסיידער פאַרקערן די בינטלעך האָר אַרום דער „קרעסלע”, אויסוואַשן דאָס גאָל־שיסעלע און דאָס גאָל־בערשטעלע, שטיין און אַ נייג טאָן זיך, ווען אַ קלײַענט איז אַרײַנגעקומען און אַרויסגעגאַנגען. צוויי מאָל אין טאָג, קאַיאָר באַם קומען און שפּעט אין דער נאַכט באַם אוועקגיין, אָפּוואַשן דעם פּאָל, אַי פּאָרנט אין צירולניע, אַי אינעווייניק אין שטוב בא בינימין צירולניקן. און אָט, אין אַ פּאָר יאָר אַרום, איז שוין פעדקע פעדיע. אַלץ נאָך אַ קליינינקער, אָן אײַנגעדאַרטער. די פלאַקסענע האָר אַפן קאָפּ דערווײַל נאָך ווײַסער ווי בלאָנדער. אין די בלויע אויגן — אַ בלאָוקײַט נאָך אַ קינדישע, נאָר אַזוי־אָ איז ער שוין אַליין אַנטלאָפן פון דער היים אין אַ גרויסער שטאָט און קאָן שוין אַזוי־אָ אַ זאָג טאָן פעסט און פאַראַקשנט: איך וויל ניט און קאָן ניט. אין די דריטהאַלבן וואָכן אַף די פּריצישע ווײַנגערטנער האָבן מיר זיך מיט פעדיען שטאַרק פאַרייגנט, מאַמעש צונויפגעגאָסן זיך איינער מיטן אַנדערן. וועגן פעדיעס אויסקומעניש, וועגן זײַנע טאַטע־מאַמע, זייערע גויראָלעס און זײַן ווײַטערדיקן גוירל, וואָלט מען געקאָנט אָנשרײַבן אַ גאַנץ ביכל, נאָר ווי אונדזער שטייגער איז, שרײַבן מיר דאָ אויך נאָר דאָס סאַמע נייטיקסטע, נאָר דאָס, וואָס קער זיך אָן מיטן הויפּט־העלד אין אונדזער דערציילונג. מיר לאָזן פעדיען איבער אין אַ זײַט, ניט פאַרענדיקט, ניט אינגאַנצן אויסגעשליפן, ווי מיר האָבן ביז אַהער איבערגעלאָזט אַ סאַך נאָענטע און ווײַטערע. ווי דאָס לעבן טוט דאָס. ווי עס לאָזט איבער אַף דײַן וועג ניט פאַרענדיקט און ניט קלאָר אויסגעפורעמט, צענדליקער, און בא וועמען עפּשער הונדערטער, נאָענטע און ווײַטערע, ליבע און ניט ליבע, וואָס טויכן אויף און פאַרשווינדן און טויכן ווידער אויף, אויב דער וועג דײַנער איז ניט קיין גלאַטער, ניט קיין פאַרעווער, ניט קיין גרינגער און קיינמאָל ניט קיין פאַרענדיקטער, ציט זיך און ציט זיך, באַרג־אַרויף, באַרג־אַראָפּ. דריידלט זיך און דריידלט זיך.

פעדיע איז מיר אַרויסגעקומען אַפן וועג לעבן יאַסער גרינוואַרג־מאַרק, לעבן דער יאַסער „האַלע”. באַלד דעמלט זונטיק, ווען איך בין אָן אַ זײַ־געזונט אוועק פון מאַניען און דוצען.

מיר זײַנען אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט צופוס, אוועקגעשפּאַנט באַרג־אַרויף גוטע עטלעכע קילאָמעטער, ביז צום פּאָרעצס ווײַנגערטנער. פעדיע האָט דאָס גליק אַף די ווײַנגערטנער גאָר שיין אויסגעמאָלט. מע גיט עסן, מע צאָלט צוואַנציק ליי אַ טאָג, מע פאַרשרײַבט דיך נאָר און מע מאָנט בא דיר קיין שום פּאַפּירן ניט, און שטיי דיר אַף דער פרײַער לופט און וועך אויסגעריסן פון העט־העט זון־אויפגאַנג ביז העט־העט זון־פאַרגאַנג. נאָר ס׳איז אָן אַרבעט אַף דערווײַל. אַ סעזאָן־אַרבעט. ס׳הייסט, קיין סעזאָן אויך ניט. די ווײַנטרויבן, זאָגט מען, וועלן נאָר פאַרטיק ווערן, וועט מען דיר הייסן גיין. אַראָפּצונעמען די ווײַנטרויבן האָבן זיי זיך זייערע מענטשן. נאָר וואָס שפּעטער וועט זײַן, זאָל זיך גאָט זאָרגן. אַבי ס׳איז דערווײַל דאָ וואָס צו פּיסקעווען.

אין אַ שמאָלן באַראַק מיט קליינע פענצטערלעך אָן טאַפּליעס אויבן לעבן סאַמע דאַך, אַף אונטערשטע און אײבערשטע נאַרעס, ווי אין פּראַכט־וואַגאָנען, האָבן גענעכטיקט אַ זעכציק־זיבעציק מאַן־און־ווײַב: יונגע אוקראַיִנישע פּאָרלעך ערגעץ פון אַרום כאָטין. אָנהייב זומער זײַנען זיי אויך געקומען אַהער צופוס, באַאַרבעטן פאַרן ביסל עסן און פאַר די צוואַנציק ליי אַ טאָג דעם פּאָרעצס העכער הונדערט העקטאַר ווײַנגערטנער. יעדער פּאָרל האָט אוואַדע, פּונקט ווי איך און פּונקט ווי פעדיע, פאַרמאָגט זיך זײַן אייגענע געשיכטע. נאָר פּאָרלעכווײַז זײַנען זיי געלעגן אַף די נאַרעס איין פּאָרל אין אַנדערן, קיין שײַן האָט אין באַראַק ניט געברענט, דורך די אויסגעהוילטע פענצטערלעך פלעגט זיך אַרויסהערן אַן

אוקראַיניש געזאַנג, דין פאַרצויגן מיט איין אַלציינער בענקשאַפט און איין אַלציינעם אומעט. אין זייערע אַלציינע ווײַס־לײַוונטענע אוקראַיִנישע העמדלעך האָבן זיי אַלע אויסגעזען ווי איינער, ווי איין מענטש מיט איין גורל און איין געשיכטע.

אין אַ כוידעש אַרום, פאָרנדיק אויף אַ פורל פונעם דאָרף שעפּעטעבאַן, פון מײַן פעטער מייערן, אָפּן וועג קיין בעלץ, האָב איך זיי אַלע דערזען פונדערווײַטנס, איין פּאָרל הינטערן אַנדערן, אויף אַ סטעזשקעלע, לענגאויס דעם וועג, אונטן אין טאָל. זיי האָבן שוין געשפּאַנט צוריק קיין כאָטין. ווידער צופוס. כ׳האָב זיי פונדערווײַטנס גוט דערקענט. די ווײַס־לײַוונטענע אוקראַיִניש־אויסגעניייטע בלוזקעס זייערע האָבן געשפּילט קעגן דער זון, געבלישטשעט, ווי, לעהאַוודל, עס בלישטשען און שפּילן קעגן דער זון ביקסן אויף די אַקסלען בײַ אַ מאַר־שירנדיקער ראָטע.

דאָס זאָג איך אַזוי זיך. אגעוו.

אגעוו, אַז איך דערמאָן זיך אַמאָל אין די דאָזיקע הינטעריאַסער ווײַנגערטנער, דערזע איך ניט באַלד פאַר די אויגן ניט די גרינע שורעס ווײַנשטאָקן, ניט די מײַסטעריש־געשניצטע ווײַן־בלעטלעך, ניט די געקנייטשטע טאָל־אַראָפּן און באַרג־אַרופּן אַרום־און־אַרום, ניט די ברענענדיקע שטאָט יאַס פונדערווײַטנס, און אפילו ניט דעם מײַסעדיקן פּאַטעטאָן אונדזערן און מיך מיט פעדיען צעהעצקעטע מיט פאַרשיקערט־פאַרוואָרפּענע קעפּ אויף די ווידערשפּע־ניקנדיקע פּרוזשינעס פונעם פאַטעטאָן־זיץ. דאָס אַלצדינג וואַרט אַ ביסעלע צו. צום אַלעם ערשטן טוט אַ קום אויף פאַר מײַנע אויגן אַ גוואַלדיק־גרויסע, עפּשער פינפפודיקע, געל־קײַ־לעכדיקע מאַמעליגע, דאַפּקע אָפּגעקאָכט פון גראָבער, ניט איבערגעזיפּטער פּאַפּשוי־מעל און דאַפּקע אויסגעפּינטלט מיט שוואַרצע פינטלען, וואָס קריצן דערנאָך אין די ציין, דורכגע־שפּריצט מיט שאַרפע קוקורוזע־שאָלעכצלעך, וואָס פאַרשטעכן זיך אין גומען. זי ליגט אַזש, די מאַמעליגע, אויף אַ גרויס טראָגבעטל מיט פיר הענטלעך אין אַלע פיר זײַטן. דאָס טראָג־בעטל טראָגן אַזש פיר מענטשן. זיי שלענגלען זיך אַראָפּ צו אונדז אויף אַ פאַרוואַקסן וועגל, אָט זעען מיר זיי, אָט זעען מיר זיי ניט, אָט דערזעען מיר זיי ווידער. זיי האָבן צײַט, זיי אײַלן זיך ניט, זיי גייען עפּעס גאָר־גאָר פּאַוואָליע — דאַכט זיך אונדז. בײַ יעדן איינעם פון אונדז, ווער עס זאָל ניט זײַן און ווי העלדיש ער זאָל ניט זײַן, גיסט זיך אָן אַ פול מויל מיט סלינע, רינט אַזש אַריבער. דער מעלעך הונגער איז העלדישער. די פיר מענטשן שטעלן סאָפּקאָלסאָף דאָס טראָגבעטל אַראָפּ אויף דער ערד. עס הייבט זיך אָן די כאַלוקע־צערעמאָניע. און יעדן איינעם פון אונדז, ווער ער זאָל ניט זײַן, לייגט זיך ניט אָפּן סייכל, ווי׳אַזוי מע קאָן אַזאַ ריזיק־גרויסע מאַמעליגע צעטערכוועון אויף אַזעלכע נישטיק־קליינע פּאָרציעלעך. ס׳הייסט, די שטיקלעך מאַמעליגע, וואָס יעדער איינער קריגט אויף זײַן דלאָניע, זײַנען גאַנץ נישקאָשעדיקע. נאָר אין אונדזערע גרויסע אויגן זעען זיי אויס גאָר־גאָר באַנומען, אַ גאָר קליין זשמענקעלע, אויף איין צאָן, האָקוס־פּאָקוס, אַ פּאָר שלונג, און די שטיקער מאַמעליגע ווערן באַלד נעלעם — זיי זײַנען געווען און זײַנען ניטאָ. עס בלײַבט נאָר איבער נאָך זיי אַ גוט קריצעניש צווישן די ציין און אַ ווויל ברענעניש אין די קישקעס.

דאָס איז קימאַט געווען מײַן גאַנץ געשמאַק עסעכץ פאַרן גאַנצן טאָג. קאַיאַר, איידערן אַרויסגיין צו דער אַרבעט, האָט מען אין בלעכענע שיסעלעך געגעבן אַ פּאָר לעפל מאַקאַ־ראָנעס, דורכגעווייסט מיט קעז, נאָר דאָס מאַקאַראָן־מײַכל האָט שטאַרק געשמעקט מיט נאַפּ־טאַלין. מ׳האָט עס ניט געקאָנט נעמען אין מויל אַרײַן. האָסט געקײַט הוילן נאַפטאַלין ניט קיין מאַקאַראָנעס. פונוואַנען די קעסטלעך מאַקאַראָנעס האָבן געשטאַמט און פאַרוואָס מ׳האָט זיי לאַנג געהאַלטן איבערגעשיט מיט אַזויפיל נאַפטאַלין, קאָן איך נאָך אַדהײַנט ניט פאַר־שטיין.

נאָכן טאָג האָט מען אונדז אין די זעלבע שיסעלעך דערלאַנגט אַ סופּ פון פּאַסאָליעס. אין סופּ, האָט דער אוילעם געזאָגט, שווימען אום ווערעמלעך. מ׳האָט שוין דעם סופּ געגעסן אין דער טונקל. קאָן זײַן, אַז אומגעשוווּמען זײַנען פּאַשעט שטיקלעך לאַנגעכדיקע פאַרקאַ־טשעטע פּאַסאָליע־הײַטעלעך, וואָס האָבן נאָר אויסגעזען ווי ווערעמלעך. נאָר ס׳איז געווען גענוג, עמעצער זאָל נאָר אַ זאָג טאָן ווערעמלעך.

ניט אין עסן איז מיר, פאַרשטייט זיך, געגאַנגען. ס׳איז מיר געגאַנגען אין די דריטהאַלבן וואָכן, וואָס האָבן זיך דערווײַל דורכגערוקט, און אין די הונדערט ליי, וואָס כ׳האָב אָפּגע־שפּאָרט. הויצאָעס קיין שעפּעטעבאַן. צום פעטער מייער. איבערזיצן דאָרט בײַ אים אין דאָרף נאָך אַ פּאָר וואָכן. עפּשער וועט אין דער צײַט עפּעס קלאָר ווערן, כ׳וועל ווידער קאָנען זײַן אַ מענטש ווי אַלע מענטשן.

פעדיען האָב איך מײַן געשיכטע ניט דערציילט. כ׳האָב אים אפילו ניט אָנגערופן דעם

נאָמעם שעפּטעבאַן. כ'האָב אים נאָר געזאָגט, אַז פאַרן פּאָר איך פונדאַנען אין אַ דאָרף, צו אַ פעטער מײַנעם.

פעדיע האָט מיך אונטערגעפירט אַ האַלבן וועג, צוריק קיין יאַס. מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט און זיך געזעגנט. ער האָט צו מיר, געדענק איך, ניט פּריילעך אַ מאַך געטאָן:

— דו האָסט אַ פעטער מײַער... נע, אוואדע. דאָ איז ניט פאַר דיר...

איך האָב עטלעכע מאָל איבערגעדרייט זיך מיטן פּאָנעם אַף צוריק, געקוקט, ווי ער דער־ווײַטערט זיך. ער האָט זיך אויך איבערגעדרייט, געקוקט, ווי איך דערווײַטער זיך. ס'האָט מיר, געדענק איך, באַלד באַנק געטאָן, פאַרוואָס כ'האָב פעדיען ניט דערציילט מײַן געשיכטע. פאַר־וואָס כ'האָב מיט אים ביכלאַל ווייניק גערעדט וועגן די אַלע זאַכן. גערעדט קוים־קוים, מיט אַ רעמעזל, מיט ווײַטער פאַרזיכטיקער אָנצוהערעניש.

כ'בין געגאַנגען, געדענק איך, און געטראַכט, אַז כ'האָב דעם דאָזיקן פעדיען עפּעס ניט דערזאָגט.

כ'האָב עפּעס ניט דערטאָן.

5

אַן אַלטער כאַוער מײַנער איז געזעסן באַ מיר אין שטוב אײנײנעם מיט זײַן פרוי.

אַ כאַווער פון יענע אַלטע טשערנאָוויצער צײַטן. די צײַטן זײַנען אַלטע, און ער, דער כאַווער מײַנער, זעט אויס נאָך עלטער. געהויקערט, צעקנייטשט, די געציילטע האָר אַפן קאָפּ — ווײַס, דאָס מויל — אַ ביסעלע פאַרקרימט, די אונטערשטע ליפּ אַראָפּגעהאַנגען. דאָס איינציקע „אייביקע", ניט געענדערטע אין אים זײַנען זײַנע וואַרעמע, שטענדיק שמייכלענ־דיקע, בלאָוולעכע אויגן. אַזעלכע האָב איך זיי געקאָנט אין יענע צײַטן, ווען ער איז נאָך געווען גאָר יונג, און איך בין נאָך געווען גאָר יונג, און אַזעלכע זײַנען זיי געבליבן איצט, אַף דער עלטער, ווען איך בין שוין ניט גאָר יונג און ער זעט אויס אַ זאַקן, אַ שיוורע קיילע. אַז ער טוט צו דיר אַ קוק, ווען ער זאָגט עפּעס, צי ווען דו זאָגסט עפּעס אים און ער הערט, גלײַכן די אויגן זײַנע מיטאַמאָל אויס זײַן געהויקערטקייט, פאַרגלעטן די צעקנייטשטקייט, אַפן נאַקעטן קאָפּ טוט אַ וואַקס אָן אַ הויכע געדיכטע טשופּרינע, די ליפּן ווערן זאַפטיק, פליי־שיק, קימאַט קינדיש — אויב מע. קאָן זיך אַזוי פאַרשטעלן.

כ'רוף דעם כאַווער מײַנעם אָן באַ זײַן עמעסן נאָמען, ווי איך טו עס מיט דעם גרעסטן טייל פּערסאָנאַזשן אין מײַן דערציילן. נאַרבערט, ווי די טשערנאָוויצער מאַמע זײַנע פלעג אים רופן. טרײַפּלער, ווי מע רופט אים פון טאָמיד אָן צווישן די כאַווײרים אונדזערע. כ'געדענק דאָס טשערנאָוויצער קעלער־שטיבל זײַערס. צווישן אַלע קעלער־שטיבער, וואָס כ'האָב אין מײַן לעבן געזען, איז זייער קעלער־שטוב געווען די סאַמע טיפסטע. צוליב וואָס האָבן געטויגט אַזויפיל טרעפּלעך אַראָפּ? אונטן האָט מען ערשט אַף אַנדערע עטלעכע טרעפּ־לעך צוריק אופגעהויבן זיך אַרוף. אַרײַנגעקומען אין אַ טונקעלן צימער מיט צוויי געלעגערס, מיט אַ טישל אין דער מיט, מיט עטלעכע פאָטאָגראַפיעס אַף די ווענט, און, ווי געווײנלעך, מיט אייביק דורכשפּאַנענדיקע פיס העט אויבן, אין דרויסן, באַ די שײַבלעך. די מאַמע, אַ פריי־געבליבענע אַלמאָנע, האָט דאָס איינציקע זינדל אירס אופגעצויגן אָן אַ טאַטן. כ'ווייס ניט, צי טרײַפּלער האָט געהאַט עפּעס קלאַסן, צי ער האָט ביכלאַל ערגעץ אַמאָל געלערנט. כ'ווייס נאָר, אַז ער איז ניט גלאַט געווען קיין „באַוווּסטזיניקער באַכער", ווי ס'האָט דעמלט געהייסן, נאָר אַ באַכער מיט אַ סאַך וויסן, מאַרקסיסטיש, פילאָסאָפיש וויסן, האָט כוץ דעם ליב געהאַט ליטעראַטור, האָט אַ סאַך געלייענט. קאָן זײַן, אַז די אוניווערסיטעטן זײַנע זײַנען געווען די טפּיסעס. ער האָט גאָר יונג אָנגעהויבן זיצן, איבערגעזעסן אין פאַרשיידענע רו־מענישע טפּיסעס, און קאָן זײַן, אַז דער דאָזיקער דאַרשט צו וויסן איז געווען באַ אים אַ זאַך אַ געבוירענע, ווי מע ווערט אַמאָל געבוירן מיט עפּעס אַ באַזונדערן טאַלאַנט. דאָס טיי־פע קעלער־שטיבל, די אַרעמקייט, אין וועלכער ער איז געוואַקסן, דאָס, וואָס ער האָט באַלד באַ דרײַצן יאָר געמוזט אָנהייבן אַרבעטן אין אַ שלאָסער־וואַרשטאַט, האָבן דעם טאַלאַנט ניט פאַרקוועטשט, פאַרקערט — געהאָלפן צעעפענען זיך, געקערעוועט אַהין, וווהין מ'האָט גע־דאַרפט.

נאָך איין מײַלע האָט טרײַפּלער געהאַט: זייער אַ באַשיידענער מענטש. מ'האָט דאָס דאָ־זיקע וואָרט אַ ביסעלע באַנאַליזירט, פאַרביליקט. מע טוט עס אַ זאָג קימאַט וועגן יעדן, באַ

יעדער געלעגנהייט. די ווערט פון אַ־דער מײַלע איז אָבער סײַוויסײַ ניט פּאַרמינערט גע־וואָרן. די מײַלע איז געבליבן אַ מײַלע. טרײַפּלער איז געווען אַניוועסדיק אָרגאַניש, אין בלוט, אויב מע קאָן אַזוי זאָגן. אין דער אונטערערדישער באַוועגונג האָט ער פאַרנומען אַ פּלאַץ ניט צווישן די לעצטע. געאַרבעט אין דער אָנפירונג אי דעמלט אין טשערנאָוויץ, אי שפּעטער אין יאַס, אין בוקאַרעשט. נאָר דו האָסט קיינמאָל בײַ אים ניט אַרויסגעזען, ער האָט עס קיינמאָל ניט אַרויסגעשטעלט. ניט דעמלט אין די אַלטע צײַטן, ניט דערנאָך, אין די נײַע צײַטן. ער איז קיינמאָל אַף דעם פּערדל ניט אַרויסגעפאָרן, ניט געפּאָכעט מיט דער שווערד: כ׳בין געווען, כ׳האָב געטאָן. אַ סאָלדאַט. ער האָט געטאָן זײַן כויוו. געטאָן דאָס, וואָס דאָס האַרץ האָט אים באַפוילן. ניט פאַר קיין קניפּ אין בעקל און ניט פאַר קיין גילדענער מאַציוווע. בײַ דרײַסיק יאָר, אין טשערנאָוויץ, האָט ער אָנגעהויבן זײַנע אַרבעטס־טעג אין אַ שלאָסער־וואַרשטאַט און האָט אַף דער עלטער, בײַ זעכציק יאָר, געענדיקט זײַנע אַרבעטס־טעג אין אַ טשערנאָוויצער שלאָסער־וואַרשטאַט.

און נאָך איין מײַלע: פאַנאַטיש ערלעך. ביכלאַל, קאָן מען זאָגן, אַ שטיקל פאַנאַטיקער. נאָר פאַנאַטיש ניט, כאַלילע, אין פּאַראַקשנטע דאָגמעס. פאַנאַטיש אין זײַן גלייבן. אין דעם, אין וואָס ער גלייבט; אין מענטשן; אין אַ שיינעם מאָרגן; אין דעם, אַז קרומקײַטן, אומעטום אַרום אים זײַנען פאַרבײַלויפנדיקע, ווי שאָטנס אין אַ זומער־טאָג, אַז קיין שום פלעק אַף דער זון קאָן די זון ניט פאַרטונקלען, מאַכן אויס זון. הייליק פאַנאַטיש אין זײַן מישפּאָכע־לעבן. פאַנאַטיש ערלעך אי בײַ גרויסע זאַכן, אי בײַ די סאַמע מינדסטע קלייניקײַטן.

איך קאַרג ניט קיין שוואָכים, רעכן אויס הוילע מײַלעס, ווי מע טוט אָזוינס אין אַ העספּעד־וואָרט. לײַדער, איז עס אַפן אָרט. טרײַפּלער איז מער ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. מיט עטלעכע כאָדאָשים צוריק האָט זיך אים ווידער אַ צעגאָס געטאָן דאָס בלוט אין מויעך. דעם צווייטן אינסולט, ווי מע רופט שוין הײַנט אָן דאָס דאָזיקע פּרעמדע וואָרט היימיש, האָט ער שוין ניט געקאָנט גויווער זײַן.

נאָכן ערשטן אינסולט איז אים פאַרבליבן אַ פאַרשטאַרטשעטע האַנט און אַ פאַרשטאַר־טשעטער פוס. ס׳מויל — אַ ביסעלע פאַרקרימט, די אונטערשטע ליפּ — אַראָפּגעהאַנגען. ער האָט אָנגעהויבן גיין מיט דריבנע טריטעלעך, ווי אַ געפּענטעטער. נאָר פלעגט דאָך אַרומ־גיין, פלעגט זיך ניט אַראָפּלאָזן. אַף לעקציעס, צו פרײַנט אין יאָמטעוו־טעג, אַמאָל אין טעאַ־טער, אַף קאָנצערטן, גלאַט אין גאַס שפּאַצירן, באַגעגענען אַ מענטשן. ניט כאַנעלע, די פרוי זײַנע, פלעגט אים אַרויסשלעפּן פון דער שטוב — ער זי פלעג שלעפּן. קום, לאָמיר ניט זיצן, מע דאַרף דער קרענק ניט נאָכגעבן אירס, מע דאַרף זי בײַקומען.

כאַנעלע איז אונדזערע אַ בעסאַראַבער, אַ קאַלאַראַשער. ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר אַ לאַנג לעבן. זי איז אים געווען אי אַ ווײַב, אי אַ כאַווער, אי אַ שוועסטער, אי אַ מאַמע — אין די לעצטע פּאָר יאָר זײַנע. ניט קיין יעפעס־טויאַר — בײַ אים איז זי געווען די שענסטע אין דער וועלט. ער האָט אַף איר געקוקט מיט פאַרליבטע אויגן ביז אין לעצטן טאָג זײַנעם. זי האָט אים געבוירן צוויי זין. ביידע ווינען הײַנט ערגעץ אין אַ סיבירער וויסנשאַפט־יישעוו.

ער פלעגט כאַנעלען אַרויסשלעפּן פון דער שטוב ניט נאָר גיין, אַפילע פאָרן. אַזוי־אַ, קראַנקערהייט, פלעגט ער איין מאָל אין יאָר דורכפאָרן זיך מיט איר קיין סיביר, צו די קינ־דער. זיי פלעגן ביידע אַראָפּקומען קיין קעשענעוו צו אַ כאַווער אַף אַ כאַסענע, צו אַ כאַ־ווערס אַ קײַלעכדיקער דאַטע, צי אַפילע, לעהאַוודל־עלעף־האַוודאָלעס, אַף אַ לעווײַע אַ כאַ־ווערס.

ער האָט ליב געהאַט אַרײַנצוקומען מיט כאַנעלען צו מיר אַף אַ פּאָר שאָ. זיצן אַנטקעגן מיר און קוקן מיט זײַנע וואַרעמע, שטענדיק שמייכלענדיקע אויגן, כאַפּן מיט מיר אַ שמועס וועגן וועלט־זאַכן, בעטן, איך זאָל אים עפּעס מײַנס איבערלייענען. ער איז מיר געווען אַ גרויסער פרײַנט, מע קאָן אַפילע זאָגן אַ גרויסער כאָסיד מײַנער. ער האָט זיך געפרייט מיט יעדן מינדסטן ביסל פּרייד מײַנעם, מיט יעדער נײַער שורע, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן.

ווען ער איז צום לעצטן מאָל געזעסן מיט זײַן פרוי בײַ מיר אין שטוב, האָבן מיר זיך פּלוצעם צערעדט וועגן יענע יאָסער טעג. איך האָב אים דערציילט מיט אַלע פּישטשעווקעס דאָס, וואָס כ׳האָב אויבן, אין אָנהייב קאַפּיטל, דערציילט דעם לייענער. כ׳האָב אַ זאָג געטאָן, אַז די דאָזיקע אולע קעגן לירישן העלד פון מײַן דערציילונג, איז דעמלט, אין די אונטער־ערד־באַדינגונגען, ניט געווען די איינציקע אולע, וואָס איז אין דער באַוועגונג באַגאַנגען געוואָרן. מע נעמט און מע שיקט אַוועק אַ מענטשן, אַבי אַוועקשיקן. אויבנויפיק איז, דאַכט זיך, אַלצדינג געווען ווי עס קער צו זײַן. אַ פּאַראָל, אַ פּינקטלעכע שאָ און אַ פּינקטלעך אָרט, אַ כאַווער ווערט דיך אַרויסקומען באַגעגענען. אינדערעמעסן האָט מען מיסטאָמע אַפילע אין ערגעץ ניט איבערגעגעבן. טו דיר וויײַטער אַלצדינג אַליין, לויט דײַן סייכל און אַף דײַן גע־

וויסן. ווער האָט זיך גערעכנט, וואָס עס קאָן פּאַרקומען אין דײַן נעשאָמע, וואָס פּאַר א שניט עס קאָן דאָרט בלײַבן? ס׳איז געווען אזא צײַט, אזא לופט. א ביסעלע צו הארט, פלאַך. דער אלטער כאַווער מײַנער האָט זיך מיטאמאָל איבערגעביטן אפּן פּאַנעם. זײַנע שטענ־דיק־שמייכלענדיקע אויגן האָבן א רעגע אופגעהערט שמייכלען. ער האָט מיך א פרעג געטאָן:

— ווארט נאָר, אין וואָס פּאַר א טאָג, זאָגסטו, איז דאָס פּאַרגעקומען?

— אין די לעצטע טעג יון. זומער. — האָב איך געענטפערט.

— ניין, כ׳מיין פּינקטלעך דעם טאָג, די דאַטע.

— פּינקטלעך די דאַטע געדענק איך ניט.

— זעסט, דו געדענקסט ניט און איך געדענק יאָ. דעם פינף־און־צוואַנציקסטן יון.

— דו געדענקסט יאָ? וואָס זשע?

— דו פרעגסט וואָס זשע? וואָס זשע דאַרף מען דיך פרעגן. פאַרוואָס האָסטו, ברודער־לעבן, פאַרשפּעטיקט, האַ?

— איך האָב ניט פאַרשפּעטיקט. כ׳האָב זיך אומגעדרייט לעבן טעאַטער גאַנצע צוואַנציק מינוט. פונוואַנען נעמסטו, אז איך האָב פאַרשפּעטיקט?

— ווײַל איך בין ארויסגעקומען דיך באַגעגענען.

— דו?

— יאָ, איך.

— הער א מײַסע... איך האָב אָבער ניט פאַרשפּעטיקט. פונוואַנען ווייסטו, אז איך האָב פאַרשפּעטיקט?

— דעם ערשטן טאָג האָסטו פאַרשפּעטיקט און דעם אנדערן טאָג האָב איך אף א פּאָר מינוט פאַרשפּעטיקט.

— קאָן זײַן... — האָב איך א זאָג געטאָן קיל.

— ניט קאָן זײַן, נאָר אזוי איז עס. און זוך, כ׳בעט דיך, אין ערגעץ קיין שולד ניט. דעם ערשטן טאָג ביסטו אליין שולדיק און דעם אנדערן טאָג בין איך שולדיק.

— קאָן זײַן... — האָב איך ווידעראַמאָל א זאָג געטאָן.

מער האָב איך גאָרניט געזאָגט. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אז דער אלטער כאַוועד מײַנער טראַכט אויס, שטעלט צונויף. ער נעמט דעם כעט אף זיך, אבי עס זאָל, כאָלילע, קיין איין שטויבעלע ניט פאַלן אף דעם, וואָס איז בא אים דאָס גאַנצע לעבן געווען דאָס סאַמע הייל־יקסטע. און אוודאי אויך צוליב דעם, עס זאָל בא מיר, אף מײַן נעשאָמע, ניט פאַרבלײַבן קיין מינדסט קריצעלע. כאָטש דאָס קריצעלע האָט זיך שוין לאַנג־לאַנג פאַרהיילט, באַטל געוואָרן, מיט דער צײַט, צווישן א סאַך אנדערע אזעלכע קריצעלעך.

און עפּשער איז עס טאַקע יאָ געווען אזוי, ווי ער האָט געזאָגט? מײַן אלטער כאַווער האָט קיינמאָל אין זײַן לעבן, ווייס איך, ניט אָפּגענאַרט. אויב אפילע דער צייל, וועמען דאָס אָפּנאַרן וואָלט געדינט, איז געווען גאָר א גרויסער, דער סאַמע גרעסטער.

אלקאַלפּאַנעם, די סורדעסדיקײַט ארום יענעם יאָסער פאַל אין מײַן לעבן איז פּאַר מיר געבליבן סורדעסדיקײַט. כ׳האָב זי ביז הײַנט רעכט ניט פּויסער געווען. פון דעם סאָרט סוי־דעסדיקײַטן, וואָס שוועבן אמאָל ארום א מענטשן פאַרהוילן, ביז אין זײַנע לעצטע רעגעס. ער נעמט זיי שוין מיט זיך אהין, אין זײַן ניט־ווערן, צי אין זײַן אייביקײַט. רוף עס, ווי דו ווערסט עס רופן.

הויי

1

איך זיץ און טראַכט זיך איצט גוט ארײַן אין מײַן שעפּטעבאַנער פעטער מייערן. קיין שלעכטער מענטש איז ער, דאַכט זיך, ניט געווען. פאַרקערט: טאָמיד א פריילעכער, קיינמאָל ניט פאַרכמורעט, בייז, האָט ליב געהאַט צו כאַכמענען זיך, ליב געהאַט א כאַפּ טאָן א קינד אף די הענט, אָן אייגנס צי א פרעמדס, און עס מיט קרימענישן מאַכן לאַכנדיק, מיט א פינגער צעקיצלען אזש ביז פאַרקײַכטקײַט. מײַן פעטער איז שטענדיק אומגעגאַנגען פאַר־

מויעכץ, פאַרזאָרגט, פּאַרמוטשעט. דער פעטער מייער, — עמעס, מיט אַ פּאָר יאָר ייִנגער פון מײַן טאַטן, — איז טאָמיד געווען קוועקזילבערדיק־רירעווודיק, פלינק. דער טאַטע האָט זיך פון קליינערהייט אָן געצויגן צו פּראָסטער האַרעוואַניע, אין האַרעוואַניע געפילט דעם טאַם און דעם קיִעם פון דער וועלט. מיטן וואָרט האַרעוואַניע שטאָלצירט ביזן סאָף פון זײַנע טעג. דער פעטער מייער האָט זיך געצויגן צו איידלקײַט, צו לאַמדאַנישקײַט, צו עפּעס באַזונדער אויסגעטיילטס. איך זאָג ניט, אַז איינער איז געווען בעסער און דער צווייטער ערגער. פאַר־שעט: צוויי אייגענע ברידער פון איינע טאַטע־מאַמע — צוויי גאָר פאַרשיידענע געשטאַלטן. אַפילע די צוויי בערד זייערע. דעם טאַטנס באָרד (ער פלעגט זי שערן, שפּעטער גאָלן, מעיאַמטעון לעיאַמטעון) איז געווען אַ געדיכטע, אַ האַרטלעכע, אַ צוואַקסענע קימאַט אײַ־בערן גאַנצן פּאָנעם, אַ באָרד, קאָן מען זאָגן, אַ וואָכעדיקע. דעם פעטער מייערס בערדל האָט קיין שערל, ביפּראַט קיין גאָלמעסער, רעכט ניט פאַרזוכט, און איז פונדעסטוועגן קיין באָרד ניט געוואָרן, אייביק פאַרבליבן אַ קליין וויַיך שיטערלעך שוואַרץ בערדל, צעשפּראָצט בלויז אַרום אונטערמויל, שפּעטער דורכגעפעדעמט מיט אַ ווײַס־גראָוער באַזילבערטקײַט, אַ בערדל, קאָן מען זאָגן, אַן איידלס, אַ ײַדנס. נאָכן זיידן יעכיִעל־אווראָמס פּריִען טויט איז דער טאַטע מײַנער, אַ פּופּצניאַריק באָכערל דעמאָלט, געבליבן אין דער פּאַריאָסעמטער פּולער שטוב מיט קינדער, מערער מיידלעך ווי ייִנגלעך, דאָס איינציקע עלטערע ברודערל, וואָס האָט געמוזט שלעפּן אָף זיך וויַיטער דעם פאַרשטאָרבענעמס יאָך. דער טאַטע מײַנער פלעגט טאָמיד דער־ציילן, ווי דער זיידע יעכיִעל־אווראָם האָט אַ פּאָר רעגעס פאַרן לאָזן די נעשאָמע מיטאַמאָל צעעפנט די אויגן, אָפּגעזוכט מיט זיי צווישן אוילעם אין שטוב אים, דעם טאַטן מײַנעם, און מיט די אויגן אַ ווײַז געטאָן אָף די דרײַ שוועסטערלעך, וואָס זײַנען איינס קלענער פונעם אַנדערן, געשטאַנען לעבן גויסעס אײַנגעקאָרטשעטע און ציטערנדיקע, פאַרווייַנטע — אויך נאָרוואָס געהאָלפן דעם גויסעס אָפּשרײַען. דעם זיידן יעכיִעל־אווראָמס צאַוואָע האָט דער טאַטע מײַנער גוט געהאַלטן. גאַנצע ווינטערס פּאַפּישעוועט טוטין אין דערפער באַ פּריצים, וואָכנווײַז ניט אויסגעטאָן זיך, געשלאָפן עפּשער צוויי צי דרײַ שאָ אין מעסלעס. ווען פעטער מייערס האַסאָגע אַרויסצורײַסן זיך ערגעץ לערנען אין אַ יעשיווע האָט שוין, פאַרשטייט זיך, קיין רייד ניט געקאָנט זײַן. ער האָט צוגעהאָלפן דער באָבע כאַנען אין קלייטל, געניאַנטשעט דאָס קליינוואַרג, אין אַ פרײַער מינוט אָבער אַלץ געזעסן איבער אַ סייפער. די צײַט איז געגאַנגען. די קליינע מיידעלעך האָבן זיך אופגעהויבן, אַליין אָנגעהויבן האַרעווען. מײַן טאַ־טע האָט מיט דער צײַט כאַסענע געהאַט מיט מײַן מאַמען, אין אַ געדונגען אַלקערל געמאַכט, ווי דער שטייגער איז, שאַבעס פאַר זיך. דער פעטער מייער האָט שפּעטער אויך כאַסענע גע־האַט מיט דער מומע זיסלען, און סאָפּקאָלסאָף עפּעס זײַנס זיך דערשלאָגן. שוין נאָך דער כאַסענע, דאַכט זיך, אַפילע שוין אַ טאַטע פון אַ קינד, צוגעלערנט זיך עטלעכע כאַדאָשים הילכעס שכיטע, פאַרשאַפט זיך כאַלאָפים, אָפּגעפאָרן מיט דער מומע זיסלען ערגעץ אין אַ ווײַט דאָרף מיטן נאָמען שעפּטעבאַן, און האָט שוין ביזן סאָף פון זײַנע טעג געהייסן מייער דער שעפּטעבאַנער שויכעט, געבליבן ביזן סאָף פון זײַנע טעג אַן איידל מענטשל מיט אַן איידעלער טועכץ אין די הענט. און עפּשער איז די פאַרשיידנקײַט צווישן טאַטן און פעטער מייערן גאָרניט געווען אזאַ טיפע, ווי איך האָב זי דעמאָלט געזען? אין אָנבליק, אַז מ׳האָט זיך גוט צוגעקוקט, אַפילע אין קאָל, אין שניט און אין גלענצל פון זייערעביידנס שוואַרצע בנייסאָפרישע אויגן, זײַנען זיי גאָר געווען ענלעך איינער אָפן צווייטן. פּאָרט — אייגענע צוויי ברידער פון איינע טאַטע־מאַמע. פאַרוואָס זשע האָט מען דעם פעטער מייערן באַ אונדז אין שטוב ניט ליב געהאַט? און פאַרוואָס האָט מען באַם פעטער מייערן אין שטוב דעם טאַטן מײַנעם ניט ליב געהאַט? דעם טאַטן, ווייס איך, האָט די דאָזיקע ברידער־פײַנטשאַפט גוט געקרענקט. זי איז, אַפּאָנעם, געגאַנגען מער פון דער מאַמען, ווי פונעם טאַטן. מײַן מאַמע איז געווען אַ פּראָסטע ייִדענע, מיט אַן אײַנגעוואָרצלטן כוש, וועמען ליב צו האָבן און וועמען ניט ליב צו האָבן. קיין כילעק ניט, אַן אייגענער צי ניט קיין אייגענער. דער זיידע זור־סיע — פלעגט זי עס אָף איר אויפן געבן צו פאַרשטיין — האָט אַמאָל אויך געלערנט אָף שויכעט, און האָט קיין שויכעט ניט געקאָנט ווערן. באַם ערשטן און איינציקן אָף, וואָס ער האָט געדאַרפט קוילען, האָבן אים אָנגעהויבן ציטערן די הענט, און דאָס אָף איז אַרויס אַ ניט־דערקוילעטס, אַ טרייפס... פאַרוואָס זשע האָט מען אין שטוב באַם פעטער מייערן דעם טאַטן מײַנעם ניט ליב געהאַט? ס׳איז צום פאַרשטיין און ס׳איז ניט צום פאַרשטיין. אַלקאָל־פּאָנעם איז אין דער דאָזיקער מישפּאָכע־סינעשאַפט געלעגן אַ נאַרישס, אַ טראַגישס.

מערער טראַגישס איידער נאַרישס.

דאָס קאַפּיטל „היי“, פיל איך, וועט זײַן דאָס סאַמע קירצסטע קאַפּיטל. אין דאָרף שעפּ־טעבאַן, באַם פעטער מייער דעם שויכעט, ווו כ׳האָב גוט געקאָנט איבערזיצן דאָס שטיקל

צײַט ביז ס'וועט זיך אַלצדינג אויסקלאָרן, בין איך מער ווי דרײַ טעג ניט געזעסן. דער פּע־טער מײַער האָט מיך, מעכילע, באַלד אױפֿן דריטן טאָג מעשאַלײַעך געווען.

כ'טראַכט זיך איצט גוט אַרײַן אין מײַן שעפּטעבאַנער פּעטער מײַערן און בין אָף אים ניט בײַז. וואָס האָב איך געוואָלט? ער, דער פּעטער מײַער, זאָל מיך געווען פאַרשטײן? כ'האָב דעמלט גיכער געוואָלט, ער זאָל מיך ניט פאַרשטײן. כ'האָב אים דערצײלט, אַז דעם טשער־נאָוויצער העברעיִשן לערער־סעמינאַר האָב איך מיט מאַזל הײַנטיקס יאָר געענדיקט; בין איצטער געווען אַ קוק טאָן אַנטקעגן אין שטעפּענעשט, ווו מע זוכט אַ לערער אין אַ העב־רעיִשער שול; און אַז מ'איז שוין אַזױ־אַ נאָענט, באַ דער האַנט, זומער, ווי זשע קומט מען זיך שוין ניט דורך, צוגאַסט אָף אַ וואָך־צווײ צום פּעטער? דעם פּעטער מײַערס אויגן האָבן זיך פאַרשמאָלט. מיט אַ שמײכלענדיק בלינצל אין זײ האָט ער מיר באַלד געוויזן, אַז ער פאַר־שטײט, אַז איך נאַר אים גוט אָפּ.

— און האָסט אַזוי שטאַרק געבענקט נאָכן פּעטער?

— געבענקט. שײַעך געבענקט? אָן אײגענער פּעטער. ווײסט דאָך, אַז מיר, די קינדער, רעכענען זיך ניט מיט דײַנע און דעם טאַטנס כעזשבוינעס.

— דעם טאַטן לאָז אָפּ, טוסט אים אַזוי אויך אָן גענוג צאָרעס.

— צאָרעס? דעם טאַטן? איך?

— עפּעס שמועסט מען גאָר, אַז דו ביסט שוין געזעסן אויך.

— געזעסן? ווו? פאַרוואָס געזעסן?

— אין טורמע, ווו. ניט פאַר אַרויסגאַנווענען קײן פּאָר פערד.

— איך הער עס ס'ערשטע מאָל.

— נו־נו, גײ וואַש זיך, וועט דיר די מומע זיסל דערלאַנגען עפּעס עסן.

איך אים האָב ניט פאַרשטאַנען. פאַרוואָס האָבן די ליפּן זײַנע אַזוי געציטערט? ער האָט אַזש רעדנדיק צוגעהיקעט. די אויסגעהוילטע באַקן העכערן בערדל, דער שטערן, אַפּילע, דאַכט זיך, די אויערן זײַנען אים געוואָרן ווײַס, ווי קרײַד. גלײַך אין שטוב וואָלט זיך אַרײַנ־געיאָוועט ניט קײן ברודערס אַ זונדל, זאָל זײַן ניט גאָר קײן ליבן ברודערס אַ זונדל, און ניט גלאַט אײן מאָגער פאַרשטויבט ייִנגל, נאָר אַ גאַנצע ערדציטערניש וואָלט אַרײַנגעוווי־כערט אין שטוב דורך טיר און פענצטער. דונערס און בליצן — דורכן קוימען. באַלד וועט אַלצדינג אײַנווײַניק אָנהײבן ברענען. די ערד אונטער אים וועט זיך צעשפּאַלטן אָף צווײען און וועט אים, אײנײנעם מיט זײַן הויזגעזינד, באַלד אײַנשלינגען.

אין קיך האָט די מומע זיסל אַזש צעשניטן זיך אַ פינגער. ס'האָט זיך דערהערט אַ קוויטש. זי האָט דערנאָך אַ מעסוקן פאַרקנײטשטע אַרויסגעבראַכט פון דער קיך אין אַ רײַנדל צווײ צוגעפּרעגלטע אײער, עטלעכע ריפּטלעך ברויט אין אַ קלײן געפלאָכטן קוישעלע, באַקומען דערוויַיל אַ שאָס־האַקוישער די מעסוקענע פאַרקנײטשטקײט, איבער דעם, וואָס ס'האָט פלו־צעם, אײנמיצקעדערינען, אָנגעטראָגן אַ גאַסט אין פּראָסט, אַרופגעוואָרפן אָפן צעשניטענעם פינגער.

קנײטשנדיק זיך, האָט זי בײזלעך אַ וואָרטשע געטאָן אָפן פּעטער מײַערן בעלאָשן ער: „ער שאַרפט טאָמיד אַזוי אָן די מעסערס, אַז באַלד צעשנײַדט מען זיך. טאַקע נאַר ווי אַ גאַזלען". לאָגיש האָט זיך גיכער געמאַנט צו זאָגן „טאַקע נאַר ווי אַ שויכעט". די מומע זיסל האָט אָבער דאָס וואָרט „גאַזלען" אַרויסגעבראַכט מיט אַזאַ טענדל און האָט דערבײַ אַ קוק געטאָן אָף מיר מיט אַזאַ קוק, אַז דער פּעטער מײַער האָט געדאַרפט פאַרשטײן: ניט דאָס צו אָנגעשאַרפטע מעסער איז שולדיק אין דער מומע זיסלס צעשניטענעם פינגער, און ניט ער, דער פּעטער מײַער, איז דער גאַזלען.

איך האָב געטונקען שטיקלעך ברויט אין די געלעכלעך פון די צוגעפּרעגלטע אײער, פּאַמעלעך און רויִק געמאַלעגײערט, גלײַך ווי גאָרנישט ניט. דער פּעטער מײַער מיט דער יאַרמלקע אָפן שפּיץ קאָפּ האָט גיך אומגעשפּאַנט אין צימער — פונעם טישל, ווו איך בין געזעסן, ביז צום פענצטער, און פונעם פענצטער צוריק צום טישל. קוקנדיק, אָפּאָנעם, אָף מײַן רויִקײַט, האָט ער זיך דערנאָך אויך באַרויִקט און אוועקגעזעצט זיך לעבן מיר אָף אַ טאַבורעטל.

— הערסט, האָבן מיר דאָ אין שעפּטעבאַן אַ שעף־דע־פּאָסט, אײַ, אײַ, אײַ. עסט מענטשן לעבעריקערהײט. אַ געלעכטער, כ'לעבן. אַנומלטן איז דאָ געווען מוישע־דאָווידל דער ראַש־קעווער. וואָס זשע מײנסטו? האָט ער מוישע־דאָווידלען ניט בוידעק געווען? געהאַלטן אים עטלעכע שאָ פאַרשפּאַרט. געטײַנעט, אַז דאָס שטרײַמל און די זײַדענע קאַפּאָטע איז אַ פאַר־שטעלעכץ. ס'האָט די היגע באַלעבאַטים אָפּגעקאָסט שײן געלט. אַ שעף־דע־פּאָסט אַ פײַער... באַלד שמעקט ער אָן, ווו און וואָס...

— א שעף־דע־פּאַסט, ווי אַלע שעף־דע־פּאַסטן. וואָס קער זיך דאָס אָן צו מיר, פּעטער? איך האָב פאַר אים קיין מוירע ניט.

— נו, יאָ, איר האָט דאָך פאַר קיינעם קיין מוירע ניט.

פאַר אַ זשאַנדאַרם־שעף אַ פּעטער, וואָס עסט מענטשן לעבעדיקערהייט און קאָן באַלד אָנשמעקן, ווו און וואָס, האָב איך, פאַרשטייט זיך, גראַדע יאָ געהאַט וואָס מוירע צו האָבן. מערער, פאַרשטייט זיך, ווי דער פּעטער מייער האָט געהאַט וואָס מוירע צו האָבן פאַר מיר. איינעם מיטן טאַבורעטל האָט דער פּעטער מייער צוגערוקט זיך צו מיר נעענטער, אַ ביסל אָנגעבויגן דעם קאָפּ און מיר גוט אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, זען צי דאָס וואָס איך זאָג, איז טאַקע אַזוי ווי איך זאָג. איך האָב אים אויך אַרײַנגעקוקט אין די אויגן, אויך זען צי דאָס וואָס ער זאָגט, איז אַזוי ווי ער זאָגט. מוירע קעגן מוירע — ווי איינס קעגן אַנדערן צוויי צעבוצקעטע צאַפּיקלעך אויף אַ שמאָל בריקל איבער אַ ראַשיקער ריטשקע. אַלקאַלפאַנעם: אין דאָזיקן ערשטן קאַבאַלעס־פּאָנעם, וואָס דער פּעטער מייער האָט מיר געמאַכט, איז ווידער געלעגן אי נאַרישס, אי טראַגישס.

מערער נאַרישס איידער טראַגישס.

כ'קאָן איצטער ניט ביי זײַן אויף מײַן פּעטער מייערן, ניט ווײַל אַ פּעטער איז אַ פּעטער און ניט ווײַל ער איז שוין מער ניטאָ, גלאַט ניטאָ. וואָס איז דאָס ביסל טראַגישקײַט אין דעמלטיקן לעבן זײַנעם קעגן זײַן שוידערלעך־טראַגישן טויט? אין פערציקסטן יאָר, ווען שעפּעטאָוו איז געוואָרן סאָוועטיש, איז ער ווײַטער געבליבן מייער דער שעפּעטאָווער שוי־כעט, ווײַטער באַדינט, כוץ שעפּעטאָוו, נאָך אַ פּאָר שכיינעסדיקע דערפער אַרום שעפּעט־אָוו. דאָס עלטסטע מיידל זײַנס, מײַן שוועסטערקינדל, מאַלקעלע, איז אין יענעם יאָר אַ קאַ־לע געוואָרן. דער כאָסן האָט געלערנט אין קעשענעוו אויף אַגראָנאָם־קורסן און איז דעמלט ערעוו פּייסעך, צוויי כאָדאָשים איידער די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, אוועק דינען אין דער רויטער אַרמיי. אין עטלעכע טעג אַרום, נאָך דעם ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע, איז מײַן טאַטע, דער פּאַוואָליע־טראַכטער און פּאַוואָליע־גייער, אַוועק פונעם ברענענדיקן קע־שענעוו מיט דער מאַמען און מיט די קלענערע קינדער, אָן פּעק און אָן בינטלעך אין די הענט, צופוס. זיי האָבן דורכגעשפּאַנט אויף די מילכאָמע־וועגן אַ שטיק אוקראַיִנע, אָפּגעשטעלט זיך אויף עטלעכע וואָכן ערגעץ אין אַ כוטאָר לעבן קראַסנאָדאַר, ווידער אוועק דערנאָך צופוס, אויף אַ סטאַנציע אַרײַנגעשטופּט זיך אין אָן איבערגעפּולטן עשעלאָן עוואַקויִרטע, און סאָף־קאָלסאָף אָנגעקומען אין אַ ווײַטן אוזבעקישן קישלאַק — די מילכאָמע איבערגעלעבט. ס'האָט זיך, פאַרשטייט זיך, ניט אַזוי גרינג געטאָן, ווי עס רעדט זיך. דער פלינקער קוועקזילבערדיק־רירעווודיקער פּעטער מייער האָט זיך מיט דער מישפּאָכע אויך עוואַקויִרט, איינעם מיט נאָך עטלעכע שעפּעטאָווער באַלעבאָטים זײַנען זיי דאַפקע אַרויסגעפאָרן אויף פורלעך. נאָר צי די דאָרפס־ייִדן האָבן, ווי זייער נאַטור איז, געשאַנעוועט די פערד, צי זיי האָבן אויף די געפערע־לעכע וועגן אָפּט אָפּגעשטעלט זיך, געשלאָגן זיך מיט דער דייע ווײַטער פאָרן, אָדער עפּשער גאָר אומקערן זיך צוריק — די פאַשיסטן האָבן זייערע פורלעך פאַרכאַפּט ערגעץ לעבן אַ וועלדל, נאָך גאָר נאָענט, נאָך פאָרן אַריבערפּראָוון זיך דעם דניעסטער. כ'האָב זיך ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פּינקטלעך דערוווּסט בא אַ שעפּעטאָווער ייִדענע, וואָס איז אַליין געוווען דערבײַ, און אַלפּי־נעס געראַטעוועט זיך, ווי־אַזוי מײַן פּעטער מייער איז אומגעקומען. די ראָצכים האָבן מיט אויסגעשטרעקטע ביקסן אַרומגערינגלט די פורלעך, דעם פּעטער מייער מײַנעם, דעם „ראַבין" מיטן פּליושענעם קאַפּעליוש אויפן קאָפּ און מיטן איידעלן אויסגעטיילטן פּאָנעם, באַלד אַראָפּגעשלעפּט פון זײַן פורל, און אים מיט דער מומע זיסלען, מיט די צוויי טעכטערלעך זייערע, מײַנע שוועסטערקינדער, ניט דערשאָסן, ניט אופגעהאַנגען אויף קיין טליִע און ניט דערשטיקט אין קיין גאַז־קאַמערס, ווי הונדערטער טויזנטער אַנדערע, נאָר מיט אַ פּאַשעטן „ביטשעק", ווי די ייִדענע האָט זיך אויסגעדריקט, אַ גראָבן שטעקן מיט שאַרפע קנופּן, דער טויט זאָל זײַן גאָר־גאָר אַ פּאַוואָליער, געשלאָגן זיי מאַקעס־רעצעך, אַזוי לאַנג ביז זיי זײַנען אַלע אויסגעגאַנגען. סאָלדאַטן זײַנען בעשאַסמײַסע געשטאַנען אַנטקעגן דער פאַרכאַפּטער מאַכנע ייִדן מיט זייערע אויסגעשטרעקטע אָנגעלאָדענע ביקסן. מײַן מומע זיסלס און מײַנע שוועסטערקינדערס קוילעס זײַנען געגאַנגען ביז אונטערן הימל. דער פּעטער מייער, אָנעם קאַפּעליוש, מיט אַ צעפליקטן קאַפּטן, מיט אַ רויט פאַרבלוטיקט בערדל, האָט די גאַנ־צע צײַט געהאַלטן די ציין פאַרקלעמט און קיין איין געשריי ניט אַרויסגעלאָזט פונעם מויל. די ליפּן זײַנע האָבן זיך די גאַנצע צײַט נאָר קוים באַוועגט, שטיל געמורמלט „שמאַ־ייִס־ראָעל", — דערציילט די שעפּעטאָווער ייִדענע. מיר אָבער מאָלט זיך ניט אויס, אַז דער פּע־טער מייער מײַנער האָט, בא אַזאַ שוידערלעך־לאַנגזאַמען, מערדערלעכן טויט, נאָך געטראַכט וועגן שמאַ־ייִסראָעל. גיכער, שטעלט זיך מיר פאָר, האָט ער אַזוי־אָ, אומקומענדיק, געזעגנט

זיך מיט ליבע און נאָענטע מענטשן. זײַנע ליפּן האָבן געמורמלט נעמען. און ס׳איז בא מיר קיין ספק ניט, אַז ער האָט, שטאַרבנדיק, אויסגעמורמלט מיט ליבשאַפט אויך זײַן עלטערן ברודערס נאָמען — מײַן טאַטנס, און אויך דעם נאָמען פון זײַן ברודערס עלטסטן זון — מײַ־נעם.

אַנדערש קאָן עס גאָר ניט זײַן.

2

כ׳האָב געטראַכט, באַם פעטער מייערן וועל איך זיך גוט אַרומוואַשן, איבערבײַטן דאָס שוואַרץ געוואָרענע פּאַרל גרעט. נאָר אין די דרײַ טעג האָב איך שוין קיין שום גרעט ניט איבערגעביטן. מיילע. דאָס העמדל מײַנס אונטערן „קאַריטשנעווע״ רעקל איז סײַוויסײַ גע־ווען א טונקלס, מע קאָן עס נאָך טראָגן און טראָגן.

אין שטוב האָב איך זיך אומגעדרייט אַן איבעריקער. דער פעטער מייער, רירעוודיק, אין הוילן זשילעט, מיטן הוילן יאַרמלקעלע אויפן קאָפּ, האָט מיט גרויס קאַוואָנע, שוויַיגנדיק געשאַרפט די כאַלאַפים זײַנע, אַרײַנגעטיפט דאָס מאָל אין שאַרפן, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, מערער ווי אַן אַנדער מאָל. באַם אָנבײַסן בין איך געזעסן בא א שפּיץ פונעם טיש, א ביסל אָפּגערוקט, ווי א פרעמדער אוירעך אַף שאַבעס. די מומע זיסל האָט אופגעגעבן א הייסע מאַ־מעליגע מיט קעז־און־פּוטער. ס׳פּאָנעם אירס איז געווען פאַרפאַליעט פון דער קיך, אַלע אָדערלעך אויפן פּאָנעם האָבן זיך אַזש אָנגעזונן. באַם אָנבײַסן האָט דער פעטער מייער דאַפקע זיך געוווערטלט. נאָר געווערטלט זיך אָדער מיט די קינדער, אָדער סטאַם אַזוי זיך אין דער וועלט אַרײַן. צו מיר האָט ער קיין רעכטן קוק ניט געטאָן, גלײַך איך בין גאָר באַם טיש ניטאָ, גלײַך דער אוירעך איז אי אַן אוירעך, אי ניט פון די געהויבענע אָרכים.

איינמאָל האָט דאָס שוועסטערקינדל מײַנס, מאַלקעלע, א מיידעלע דעמלט פון א יאָר צען־עלף, פּלוצעם דערזען עפּעס קריכן אַף מיר, און מיט א מעסוקן דין קעלעכל א געשריי געטאָן: „מאַמע, טו נאָר א קוק, א פּיפּערנאָטער!״ די מומע זיסל האָט נאָך א העכערן קוויטש געטאָן, מעסוקן פאַרקנייטשט דאָס פּאָנעם און א קוק געטאָן אַף מיר מיט אַזא פאַרקרימטקייט, גלײַך זי וואָלט א „פּיפּערנאָטער״ געזען צום ערשטן מאָל אין איר לעבן, און גלײַך איך אַליין אינגאַנצן, ווי איך שטיי און גיי, בין עס דער פּיפּערנאָטער. מײַנע רייד זאָלן איר ניט זײַן שווער, מײַן מומע זיסלען.

כ׳האָב זיך מערער געדרייט אין דרויסן, ווי אין שטוב. פאַרנט, פאַרן פעטער מייערס דאָרפישן שטיבל, איז אין א לאַנגן הויף ניט געוואַקסן קיין איין ביימל, ס׳האָבן ניט אומ־שפּאַצירט קיין קאַטשקעס מיט קיין אינדיקעס, ס׳איז ניט געשטאַנען קיין אויסגעשפּאַנטער וואָגן, עס זײַנען אין ערגעץ ניט געלעגן קיין סטערטעס שטרוי. א לאַנגער ליידיקער הויף. אין הילצערנע קאַמער באַם פּלויט פאַר האָלץ און אַף צו האַלטן א ביסל טווע, וואָס דער פעטער מייער האָט ניט פאַרמאָגט. לעבן דער קאַמער — א דעכל אַף פיר סלופּעס, א שורע שפּיציק־שאַרפע האָקנס אונטערן דעכל, א קאַסטן פאַר פעדערן — א מין בייס־האַשכיטע. א יידישלעכער הויף.

הינטער דער שטוב אָבער, הינטער א „בלינדער״ וואַנט אָן פענצטער, האָט זיך באַרג־אַראָפּ אוועקגעצויגן א גאָרטן, מיט שיטערלעך־צעוואָרפענע פלוימען־ביימער, ווײַנשל־ביי־מער, אַבריקאָסן־ביימער, עפּל־ביימער. הויכע גראָזן זײַנען געוואַקסן ווילד און אָפּגעלאָזט, אַזש צעבלימלטע. אַז כ׳האָב זיך הינטער דער וואַנט א ביסל צוגעלייגט, בין איך געלעגן ניט אַפן גראָז, נאָר אינעם גראָז, אָפּגעזונדערט און פאַרשטעלט פון דער וועלט, אַליין מיט די אייגענע געדאַנקען מײַנע. צווישן די גראָזן האָבן געהאַוועט און געזשוזשעט קאָלערלײַ זשוק־לעך. אַף די צווײַגן פון דיביימער האָבן געצוויטשערט קאָלערלײַ פייגעלעך. קאָלערליי גראָז־רייכעס און בלעטל־רייכעס האָבן אַזש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. נאָר איך האָב נאָך דעמלט ניט געוווּסט דעם כילעק צווישן איין בוים און א צווייטן בוים, צווישן איין פייגעלע און א צווייט פייגעלע. יעדער בוים האָט בא מיר פּאָשעט געהייסן בוים, יעדער פייגעלע — פּאָשעט פייגעלע. דאָס קליינע מורעשקעלע, וואָס שלעפּט הינטער זיך אין איר נאָרקע אַרײַן שפּײַז אויפן ווינטער, א שוואַרץ ציגן־ביבקעלע, צען מאָל גרעסער פון זיך, האָט מיך וויניק־וואָס געקימערט. ס׳האָט מיך געקימערט די גרויסע וועלט, וואָס כ׳האָב נאָך דעמלט אפילע פּינקט־לעך ניט געוווּסט, ווו זי הייבט זיך אָן, און ווו זי לאָזט זיך אויס. ס׳האָבן מיך געאַרט דער

וועלטס קאליע פּרושינעס און פּאַרזשאַווערטע רעדלעך און רעדעלעך. כ׳בין געלעגן צווישן די הויכע גראָזן, געטראַכט וועגן דעם פעטער מייער און וועגן דער מומע זיסל, און אויסגעטראַכט פאַר זיי אַ שרעקלעכע פאַרגלײַכעניש. שפּענער, אַרײַנגעפּלאָנטערטע אין דער וועלטס רעדלעך און רעדעלעך. די פּאַרזשאַווערטע רעדלעך און רעדעלעך, וואָס דרייען זיך אַזוי אויך קוים־קוים, זאָלן זיך דרייען נאָך שווערער, זאָלן גאָר אײַנגאַנצן אופהערן דרייען זיך.

צווישן די גראָזן האָב איך געטראַכט וועגן נאָך צוויי ראַשקעווער, וואָס האָבן געוווינט אין דאָרף שעפּטעבאַן: שעפּסל דווירע דער כאַזנטעס און בײַנעש מילשטיין. ביידע האָבן זיך דער גרויסער וועלט אויך געפּלאָנטערט פאַר די פיס.

דווירע די כאַזנטע איז געווען אַ שטיקל קרויווע אונדזערע. דער מאַן איר׳ער, זיידל כאַזן, איז געשטאָרבן פּלוצלינג, באַם אָמעד, נאָך גאָר יונג, איבערגעלאָזט דער אַלמאָנע דרײַ ייִנגלעך יעסוימים. איינער — סראַליק, דער צווייטער — שומקע, און דער דריטער — שעפּסל. די ייִנגלעך זײַנען אונטערגעוואַקסן, אַוועק אין די גרויסע שטעט, און אין ראַשקעוו האָט מען געמורמלט, אַז זיי זײַנען דאָרטן אַלע דרײַ געוואָרן באַסיאַקעס. שיינע באָסיאַקעס! סראַליק האָט אין בעלץ אויסגעלערנט זיך פירן אַן אַוטאָמאָביל, געטראָגן אַ פאַרשמאַלצעוועט לע־דערן רעקל, אַ שאָפעריש היטל מיט אַ גלאַנצנדיקן דאַשעק. טאָג און נאַכט געפירט פּאַסאַ־זשירן בעלץ — קעשענעוו, קעשענעוו — בעלץ. שומקע האָט אין די גרויסע שטעט באַקומען טובערקוליאָז, אָנגעהויבן שפּײַען מיט בלוט, געשטאָרבן דערנאָך אין אַ לונגען־שפּיטאָל נאָך ייִנגער איידער דער טאַטע זײַנער זיידל, דער באַרימטער כאַזן. שעפּסלען, דעם סאַמע עלטסטן צווישן דווירע דער כאַזנטעס דרײַ ייִנגלעך, האָבן שאַדכאָנים אַרײַנגעטאָן אַ שעפּטעבאַנער ווײַבל, דאַפקע אַ גווירס אַ טעכטערל, אַ טאַטנס אַ קינד, נאָר אַ מיִעסע — מע זעט אַזוינס ניט. שעפּסל האָט דאָס ווײַב זײַנס, פאַרשטייט זיך, פײַנט געהאַט. טעגוויִז האָט ער זיך אומ־געדרייט אין דאָרף פּוסט־און־פּאַס, קיין פינגער ניט געוואָלט צולייגן צום שווערס באַלעבאַ־טישקײַט. אַלע צוויי וואָכן איז ער אַנטלאָפן פון זײַן באַשערטער קיין בעלץ, צו סראַליקן, אין אַ וואָך אַרום צוריק אומגעקערט זיך קיין שעפּטעבאַן, קעדיי שפּעטער מיט צוויי וואָכן ווידער אַנטלויפן. שעפּסל איז געווען אַ שיינער יונגאַטש, מיט אַ געדיכטן קאָפּ קוטשעראַוועע האָר, מיט אַ גריבעלע אין קין, אַ ברייטביינערדיקער, אַ שטאַלטנער. אין די דרײַ שעפּטע־באַנער טעג מײַנע איז ער אָפט דורכגעקומען זיך צום פעטער מייערן, אָפּגעזוכט מיך הינטער דער שטוב אין די גראָזן, אַוועקגעזעצט זיך לעבן מיר מיט די פיס אונטער זיך, און מיט אַלע פּישטשעווקעס אויסדערציילט מיר דאָס רומל זײַנס. ער האָט גערייכערט איין ציגאַ־ער נאָכן אַנדערן, געקלאַפּט זיך מיט אַ קולעק אין האַרצן אַרײַן, און איינמאָל אַפילו צעוויינט זיך פאַר מיר, ווי אַ קליין קינד, דאַכט זיך, געווען דעמלט שיקערלעך אויך.

— זיי רופן מיך דאָ אונטערצינדער, האַ? אַ פּײַער זיי אין די געדערים אַרײַן. כ׳וואָלגער זיך אָפּ גאַנצע מעסלעסן אין בעלץ אָפן וואָקזאַל, לאָד אויס וואָגאָנען, טאַסקע זעק אָף די פּלייצעס, אַבי איר פּאָנעם ניט אָנצוקוקן, האָבן זיי אָף מיר אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז כ׳בין דאָרטן אין בעלץ אַן אונטערצינדער. קרעמער דינגען מיך אָן אונטערצינדן קלייטן, קעדיי זיי זאָלן קענען דערנאָך באַקומען די סטראַכאָווקעס זייערע. אַ סרייפע זיי אין די גאַרגלען אַרײַן! וואָס ווילן זיי, די שיינע באַלעבאַטים, עס זאָל זײַן אָן ליבע, זאָל עס זײַן? כ׳קאָן ניט. כ׳קאָן מיט איר ניט וווינען. הארגעט מיך, קאָן איך מיט איר ניט וווינען. כ׳קאָן ניט, כ׳קאָן ניט, כ׳קאָן ניט!

— וווינט מען ניט.

— ווױן איך ניט.

— וווינסט דאָך אָבער יאָ.

— דו וווינסט מיט איר? אַזוי ווױן איך.

דער צאָרן זײַנער האָט אים ניט אויסגעניכטערט, נאָר געמאַכט נאָך שיקערער. ער האָט אַ וווּנק טוענדיק אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אָפן פעטער מייערס בלינדער וואַנט:

— ווי געפעלט דיר דײַן מומע זיסל?.. מיט דײַן מומע זיסלען בין איך געשלאָפן.

ס׳האָבן מיר אַזש אָנגעהויבן אונטערציטערן די קני:

— וואָס הייסט?

— דאָס הייסט, געשלאָפן.

כ׳האָב צעעפנט אָף אים אַ פּאָר גרויסע אויגן און האָב זיי באַלד אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד. ס׳האָט מיך גוט געקאָרטעט. כ׳האָב אַ רעגע געשוויגן, אַ קוק געטאָן דערנאָך אָף שעפּסלען פון אונטן אַרויף און פון אויבן אַראָפּ און האָב פונדעסטוועגן געפרעגט:

— וואָס הייסט, און זי האָט געוואָלט?

— וואָדען האָט זי, ניט געוואָלט?
שפּסל האָט ארופגעלייגט אַף מײַן אַקסל אַ ברייטע האַנט און מיר געזאָגט, אַז אין דאָרף זײַנען דאָ אַ פּאָר אַלמאָנעלעך, האָב איך נאָך אַזוינס אַפּילע אין כאָלעם ניט געזען. אויב איך וויל, קאָנען מיר אַפּדערנאַכט צוגיין. כ'האָב שעפּסלען געענטפערט, אַז אַפּדערנאַכט וועלן מיר זען, זיך קוים אַרויסגעדרייט פון די דאַזיקע אַלע רייד. כ'בין דערנאָך איינער אַליין ווײַטער געלעגן אין גראָז הינטער מײַן פעטער מייערס שטוב, ווײַטער געלייענט דאָס ביכל, וואָס כ'האָב פריער געלייענט, און די דאַזיקע אַלע רייד שעפּסלס זײַנען מיר פונדעסטוועגן געקראָכן אין קאָפּ. אַ ליבע אין ביכל האָט, אַפּאָנעם, אויך אַ ביסל צוגעהאָלפן. ווי עס זאָל ניט זײַן — כ'בין זיך מודיע אין זינד. כ'האָב דאָס ביכל, געדענק איך, אַוועקגעלייגט אין דער זײַט, האָב זיך אויסגעשטרעקט אַף דער ערד אין מײַן גאַנצער לענג. אַרום־און־אַרום איז קיין לעבעדיקער נעפעש ניט געווען. כ'האָב אַוועקגעלייגט אין אַ זײַט אַלע מײַנע צאָרעס און אַלע וועלטס צאָרעס, האָב פאַרמאַכט די אויגן, און, מעכילע, געטאָן דאָס, וואָס ייִנגלעך טוען, ווען זיי הייבן נאָר אָן ווערן מאַנצבלען — מיט פאַרמאַכטע אויגן געשלאָפן, מיט ווערמען ס'האָט זיך מיר נאָר געוואָלט...

כ'בין ווײַטער געלעגן אין די גראָזן, שוין מיט אָפענע אויגן. געקוקט אַרויף צום הימל, צו דער זון ערגעץ איבער אַ וועלדל, צו ווײַסע וואָלקנדלעך אַרום דער זון, וואָס האָבן זיך אָט באַוויזן, אָט ווידער פאַרשוווּנדן. און ס'איז מיר געווען אַ גרויס ראַכמאָנעס אַפּן פעטער מייערן, אַ ראַכמאָנעס אַף שעפּסלען, און אַ ביסעלע ראַכמאָנעס אַף זיך אַליין אויך...

3

ווער זשע איז דער ביינעש מילשטיין, דער צווייטער ראַשקעווער, וואָס האָט כוצן פעטער מייערן געווינט אין שעפּטעבאַן?

ער איז געווען אַ דאַרינקער, אַ קורצזיכטיקער, האָט געטראָגן אָנגעזאָטלט אַף דער נאָז ברילן מיט גאָר גראָבע גלעזלעך, האָט דערצו פאַרמאָגט אַ גרויסן פליך, און האָט דערצו, ווי אַ מין סכאַר פאַר דער פּאַרנטיקער נאַקעטקײַט אַפּן קאָפּ, הינטן, ביזן האַלדז־און־נאַקן אַריבער, פאַרלאָזט זיך, ווי, לעהאַוודל, אַ גאַלעך, לאַנגע האָר, גרײַז־גראָוועוואָרענע פאַר דער צײַט, באַ זײַנע פערציק, צי עפּשער טאַקע נאָר פינף און דרײַסיק יאָר.

ער האָט די שעפּטעבאַנער דאָרפס־ייִדנס קינדער געלערנט לייענען און שרײַבן. אין די דרײַ טעג, צוליב מירן, פלעגט ער אַלע פאַרנאַכט אַרײַניאַוען זיך צום פעטער מייערן, אַוועקזעצן זיך אין שטוב אין אַ ווינקל אַף אַ טאַבורעטל, דעם קאָפּ אַרײַנזײַען אין די שמאָלע אַקסלען זײַנע, און קיינער אין דער וועלט, דאַכט זיך, האָט אַזוי לאַנג, ווי ער, ניט געקאָנט זיצן אַף אַ טאַבורעטל און שווײַגן. זיצן און זיצן, שווײַגן און שווײַגן.

דער פעטער מייער האָט אים אי גערופן רעב ביינעש, אי געכאָכמעט זיך מיט אים, ווי מיט אַ צוציק:

— רעב ביינעש, אײַערע טאַלמידים האַלטן שוין באַ טויספעס, האָ? צי אַלץ נאָך באַ מודע־אַני? קאַדיש זאָגן, אין הונדערט מיט צוואַנציק יאָר אַרום, וועט איר זיי כאָטש קאָנען אויסלערנען?

ביינעש האָט ניט געענטפערט. ער האָט נאָר עפּעס אַ פורקע געטאָן מיט די ליפּן, ווי אַ ציג איבער אַ צעבער, און די כוץ־לעדערעך־האַטוועדיקע גראָבע ברילן־גלעזלעך זײַנע האָבן אַפּן פעטער מייערן נאָר אַ בלישטשע געטאָן.

כ'האָב געוווּסט, אַז דער דאָזיקער ביינעש מילשטיין איז, ווי שעפּסל דווירע דער כאַזנטעס, אויך אַן אַנטלויפער. נאָר ניט פון די אַנטלויפערס, וואָס קערן זיך אום צוריק, אַנטלויפן ווידעראַמאָל און קערן זיך ווידער אום צוריק. אַן אַנטלויפער אַף שטענדיק. ס'הייסט ניט קיין אַנטלויפער — מערער מאָל, נאָר אַן אַנטלאָפּענער — איין מאָל און גוט.

כ'האָב געוווּסט, אַז פלוצעם, אין אַ שיינעם באַנאַכט, איז ער אָן אַ פּאַרוואָס אויקער געווען אין פון ראַשקעווו, אי פונעם ווײַב זײַנעם בראָכע די פאַרבערן, אי פון אַ ייִנגעלע זייערס — נעבעך אַ לעבע דיק יאָסעמל, ניט פאַר קיינעם געדאַכט. ראַשקעווער לייצים האָבן געטײַנעט, אַז ער איז אַוועק איבער בראָכע דער פאַרבערנס שוואַרצע הענט, וואָס ווערן איר וואָס אַמאָל שוואַרצער און שוואַרצער. ער האָט זיך אין יענעם שיינעם באַנאַכט — האָבן ראַשקעווער לייצים געטײַנעט — פלוצעם, אין בעט, אַזוי דערשראָקן פאַר די דאָזיקע פאַר־

פארבטע העגט בראַכעס, אַז ער איז אַראָפּ פונעם געלעגער, אַ כאַפּ געטאָן אַ הויל פּעלצל אַף די אַקסלען, און איז אַזוי־אָ ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, אַנטלאָפן אין דער ווײַ־טער וועלט אַרײַן. אַז די ווײַטע וועלט איז בעסאַכאַקל דאָס דאַרף שעפּטעבאַן, האָב איך זיך ערשט דערוווּסט איצטער, טאַקע דאָ אין שעפּטעבאַן.

איינמאָל, ווען דער פעטער מייער איז אין שטוב ניט געווען, און איך בין געבליבן אַליין מיט ביינעשן, האָט ער זיך פלוצעם אַזוי צערעדט, אַז קיין שום שוויַגער אין דער וועלט, דאַכט זיך, וואָלט קיינמאָל ניט געקאָנט אַזוי־אָ, מיטאַמאָל, ווערן ריידעוודיק.

ער האָט זיך געטאָן אַ הייב אויף פונעם טאַבורעטל, צוגעקומען צו מיר, קורצזיכטיק מיך באַטראַכט, צי איך בין טאַקע איך, און האָט מיר, אַפּאַנעם, אַזויפיל געהאַט וואָס צו זאָגן, אַז ער האָט אַזש אָנגעהויבן ניט פונעם אָנהייב, נאָר פון דער מיט.

— אייסעך. אַ נעכטיקער טאָג. ניט פון ראַשקעוו בין איך אַנטלאָפן, און ניט פון איר, פון מײַן בראָכען. כ׳בין אַנטלאָפן פון זיך. פון זיך בין איך אַנטלאָפן.

— ווי׳אַזוי קאָן מען עס אַנטלויפן פון זיך?

— אַט־אַט, אַט דאָס איז טאַקע די צאָרע, וואָס מע קאָן ניט.

ער האָט הינטערוויַלעכס געטאָן אַ שפרונג אָפּ אַף אַ שפאַן פון דער אייגענער פּלייצע, פון זיך, הייסט עס, צעדרייט זיך אַף איין פוס, ווי אַ דריידל, אַוועקגעפאַלן צו דער ערד אַף אַ האַנט, טאַקע ווי אַ דריידל פאַלט אַוועק, ווען עס הערט אויף דרייען זיך.

— אַט־אַט. דאָס איז טאַקע די צאָרע, וואָס מע קאָן ניט. מע צעבערעכט זיך רוק־און־לענד און מע בלײַבט ווידער מיט זיך, מיט די אייגענע קישקעס אין בויך. כ׳ליג דאָ אין שעפּטע־באַן, ווי אַ סוסליק אַפן פעלד אין אַ לעכל. כ׳שמאָרע מיט די אייגלעך, דריי מיט די וואָנ־צעלעך, גאַנווע אַרײַן אין לעכל נאָך אַ קערנדל. וואָס זשע דרינג איך דערפון? ווייסט ניט, האַ? אַז דאָס וועלטל איז טאַקע אַ מיִעס וועלטל. אַ מיִעס, און אַ זויערס, און אַ ביטערס, און אַ האַרבס. סע שטייט מיר אין האַלדז און כ׳קען עס ניט אַראָפּשלינגען און קען עס ניט אויס־שפּײַען. ס׳איז אַ וואַסער אַ שטייענדיקס און אַ בלאָטיקס מיט קאַרפּן און מיט קאַרעסלעך. די קאַרפּן שלינגען אײַן די קאַרעסלעך און ביידע פרעגלט מען זיי דערנאָך אײַנײנעם אַף איין רײַנדל. און די, וואָס פרעסן אַ געפּרעגלט שטיקל פיש, פרעגלט מען ניט, מייַנסטו, שפּע־טער אַף קיין רײַנדל? אַ־אָ! נאָך אַ מין פרעגלען! סע טראַסקעט אַזש, סע פּלעמלט אַזש און סע רייכערט זיך אַזש. אַ פאַררייכערט, געפּרעגלט וועלטל. ווייסט, וואָס כ׳על דיר זאָגן? אײַך, די לינקע, גיב איך גראַדע אָפּ גערעכט. מע דאַרף דעם קנויל אופוויקלען, אופ־פלאָנטערן, צעקניפּן און צעקעמען, און באַנײַס אָנוויקלען. ווי זשע קאָן מען עס, האַ? אייסעך, אַ נעכטיקער טאָג. איר וועט דאָס פאַרשטונקענע וועלטל ניט אויסלופּטערן. דער איפּעש וועט שוין אַזוי איפּעשן אַד סאָף קאָל האַדוירעס. איין זאָך יאָ, אין איין זאָך בין איך אײַנגאַנצן מיט אײַך. קיין גאָט איז ניטאָ. בעדאַ בעדו, נעמאַ נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ.

באַם וואָרט „נישטאָ" האָט ער זיך פאַרהאַקט, מיט אויסגעשפּרייטע ליפּן אָנגעהויבן שלינגען לופט, ווי אַ פיש אַף דער טריקעניש, געשעפּטשעט און געשעפּטשעט און אָפּהער:

— נישטאָ... נישטאָ... נישטאָ...

אין שטוב איז שטיין געבליבן דער פעטער מייער. ער האָט צעפליגלט די נאָזלעכער, גלײַך ס׳וואָלט דאָ נאַרוואָס געברענט און עס פילט זיך נאָך סאַזשע. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן אַרום מיר, ווי ער וואָלט מיך באַשמעקט, און זיך באַלד צוגעדרייט צו ביינעשן:

— הערט נאָר, רעב ביינעש. איר שרײַט שוין אויך נישטאָ? צי ער האָט אײַך שוין אין די פּאָר טעג איבערגעקערט? געקומען צוגאַסט צום פעטער... אַ סוינע אין שטוב...

ביינעש האָט זיך אונטערוויַלעכס גיך אַרויסגערוקט פון דער שטוב, און דער פעטער מייער איז אין אַ פּאָר רעגעס אַרום אויך אוועק. דאָס איז גראַדע געווען אַפן דריטן טאָג. פאַרנאַכט־צו. אין דרויסן האָט שוין אָנגעהויבן טונקל ווערן. נאָך אַ מין שאָ צײַט האָט זיך דער פעטער מייער אומגעקערט. די אָנגעצונדנקײַט אַף זײַן פּאָנעם איז אים אָפּגעגאַנגען. ער איז איצטער געווען בלייך, ניט רויט. ער האָט מיר אַ פּאָר מאָל געוואָלט עפּעס זאָגן און ניט געוווּסט, ווי׳אַזוי אָנצוהייבן, מערער עפּעס אַרויסגעהיקעט איידער געזאָגט. סאָפּקאָלסאָף האָט ער געפּאַקט דעם פּאָדעם און גאַנץ רויק און לײַטיש גערעדט צו מיר:

— הערסט, פאַרטאָג גייט אַ פורל צו דער סטאַנציע. אַ שאָכן מײַנער, אַ ווילער מאָל־דאַוואַן. כ׳האָב שוין מיט אים אָפּגערעדט. כ׳האָב אים שוין אַפילע באַצאָלט אויך. כ׳על הייסן דער מומע זיסלען, וועט זי דיר אָפּזידן אַ פּאָר אייער, צוגרייטן אַ שטיקל קעז אין וועג. גיי ליג זיך, מ׳עט דאַרפן אופשטיין אַ גרויסן פאַרטאָג. דער שאָכן וועט אָנקלאַפּן אין פענצטער. אַ ווילער קריסט. גיי, גיי.

וואָו

1

כ'האָב אין אַ פֿרײַערדיקן קאַפּיטל געזאָגט, אַז די צוויי שוועס־טעג אין יענעם זומער זײַנען געווען מײַנע צוויי לעצטע טעג אין ראַשקעוו, אַף לאַנגע, לאַנגע יאָרן, ס'קאָן אפֿילע הייסן אַף טאָמיד. ס'איז אַ גרײַז. אָט ליג איך אין אַנדערהאַלבן כאַדאָשים אַרום אין געדיכט־צעוואַקסענע פּאַפּשויעס אויבן אַפֿן ראַשקעווער באַרג, ס'איז פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט אַף דער גאַנ־צער וועלט. כ'ליג און קוק אַרויף צום הימל, בעט זיך בא דער זון, זי זאָל זיך וואָס גיכער זעצן, עס זאָל שוין טונקל ווערן, כ'זאָל פֿון דער קוקורוזע־געדיכטעניש קאָנען אַרויסגיין צום וועג, אַראָפּשפּאַנען אין דער טונקל, קיינער זאָל מיך ניט זען, באַרג־אַראָפּ אין שטעטל אַרײַן.

און אַז מע וויל, איז עס טאַקע ניט קיין גרײַז. אין די ווײַטערדיקע פּאָר וואָכן, וואָס ס'איז מיר ווידעראַמאָל באַשערט געווען זײַן אין ראַשקעוו, האָב איך ראַשקעוו אפֿילע ניט געזען און ראַשקעוו האָט מיך אויך ניט געזען. מײַן פֿוס איז אין דרויסן ניט געווען. ראַש־קעוו האָט אפֿילע ניט אָנגעהויבן אָנען, אַז איך בין אין ראַשקעוו דאָ. פֿון מײַן באַהעלטעניש, אין אונדזער פּוסטער פֿאַרלאָזטער שטוב אונטן לעבן דער קערניצע מיט דער „פּראָסטער" וואַסער, האָב איך יאָ אַמאָל געקאָנט צעשפּאַרן אַ פֿאַרמאַכטע לאָד און דורך דער שפּאַרונע זען ראַשקעווער. זיי מיך אָבער געזען האָבן ניט. ס'איז זיי אפֿילע אַפֿן צענטן געדאַנק ניט געקומען, אַז דאָרטן, הינטער דער לאָד, שטייט ער, דער פֿאַרשוין, וואָס קערט וועלטן, וואָס דער שעף־דע־פּאָסט האַלט אים אין איין זוכן, שטייט און קוקט אַף זיי, ער זיי זעט און זיי אים ניט — מאַמעש אַ רויע וועיִנוי נירע.

איך בין געלעגן אין די הויכע גרינע פּאַפּשויעס און געוואַרט, עס זאָל ווערן טונקל. כ'בין ניט געווען קיין פֿעלד־גאַזלען און אַוודע ניט קיין נאַכט־סאָווע, און האָב געגאַרט טונקלקײַט, נאַכט. און ס'האָט מיך גאַרניט ווי געטאָן, וואָס איך ליג אַזוי פֿאַרשטעקט צווישן די געדיכטע פּאַפּשויעס, קוק אַרויס מיט אָנגעשפּיצטע אויג־און־אויער און מיט אַ טיאָכקענ־דיק האַרץ, עס זאָל זיך אַראָפּלאָזן די פֿינצטערקײַט, ווי עס קוקט אַרויס אַף פֿינצטערניש אַ פֿעלד־גאַזלען, צי כאַטשבי אַ נאַכט־סאָווע. פֿאַרקערט: כ'האָב געפֿילט אין דעם דערהויבנקײַט. מע קאָן אפֿילע זאָגן האַנאָע. דאָס גאַנצע נאַוונאַדעווען מײַנס, די אַלע וואַלגערנישן און באַוואָלטקײַטן, און איצטער דאָס ליגן דאָ אַפֿן באַרג, בא דער היים, און גאַרן פֿינצטערניש, האָב איך אויפֿגענומען ניט ווי קיין שטראָף, קיין אוינעש, נאָר, פֿאַרקערט, ווי אַ מין באַלוי־נונג. ניט יעדן האָט דער גורל באַלוינט מיט אַזעלכע דערהויבענע אַפּקומענישן. ליגן און גאַרן פֿינצטערניש — האָב איך געטראַכט אין די דעמלטיקע קאַטעגאָריעס — ווי אַן אַפּקומע־ניש, עס זאָל אײַביק ווערן ליכטיק. גאַרן נאַכט — ווי אַן אַפּקומעניש, עס זאָל אַמאָל זײַן הוילער טאָג.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. פֿון צײַט צו צײַט האָט אַפֿן וועג דורכגעסקריפּעט אַ פֿויעריש פֿורל, געשפּאַנט מיט אָקסן. ס'האָט פּאַמעלעך, וואָס אַמאָל אָנגעהויבן גרויער ווערן און שטילער ווערן. אין דער צוגעפּאַלענער גרויער ערעוו־אָוונטיקער שטילקײַט האָט פֿון העט אונטן, פֿון ראַשקעוו, אָנגעהויבן דערטראָגן זיך אַהער, אַרויף אַפֿן באַרג, קוילעס. שטיקלעך ווײַטע אָפּגעהאַקטע קינדער־קוילעס, צי ווײַבער־קוילעס. קוילעס צי ווידערקוילעס. נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, כ'דערקען זיי, די היימישע קוילעס, כ'דערקען אפֿילע וועמעס זיי זײַנען. כ'וויס, אַז ס'איז דעמלט געווען פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט אַף דער גאָרער וועלט, מאַכמעס איך געדענק גוט, ווי כ'האָב, ליגנדיק צווישן די פּאַפּשויעס, אויסגעכעזשבנט, אַז אָט באַלד, נאָך ליכט־בענטשן, וועלן די ראַשקעווער געסלעך ווערן פּוסט, אוילעם וועט זיך זעצן צום טיש מעקאַבל שאַבעס זײַן, ווער מיט קידעש, ווער אָן קידעש, ווער בא אַ יויך מיט מאַנדלען, ווער בא אַ הויל ביסל קוליש מיט אַ פֿעטן ביין לעקאָוועד שאַבעס, און ס'וועט זײַן דער סאַ־מע שאַס־האַקוישער אַרײַנצוגיין אין שטעטל, קיינער זאָל מיך ניט באַגעגענען און קיינער זאָל מיך ניט זען.

כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזט דעם ווײַסן שטיינערנעם באַרג־אַראָפּ. אין דער טונקל זײַנען די שטיינער ווײַסער, באַלײַכטן מיט זייער ווײַסקײַט דעם גייער דעם וועג. אין די ערשטע פּאָר

מאַלדאַווישע הייפּלעך קאָכט מען ערשט אין דרויסן וועטשערע. דאָרט צווײַגלעך פּלאַקערן און טרעשטשען צווישן צוויי ציגל אונטער אַ קעסעלע. מע פּויעט, צי מע מעלקט נאָך בעַ־היימעס. מ׳איז פאַרטורעט און פאַרהאַוועט — ווער האָט דיך אין זינען? אין די ערשטע ייִדי־שע פענצטער זײַנען פאַרצויגן די פירהענגלעך. איבער דער גאַנצער לענג פון אַ פירהענגל שאָטענען זיך אָפּ צוויי לײַכטער מיט צוויי לאַנגע צאַפּלדיקע ליכט־פלעמלעך. אין דרויסן זעט מען טאַקע, ווי איך האָב אויסגערעכנט, קיין איין לעבעדיקן נפעש ניט. כ׳האָב בעשאָ־לעם דורכגעשפּאַנט דאָס שנײַדער־געסל. כ׳בין געגאַנגען דורך דער פינצטערער ליק הינטער דער מאַרק־גאַס, וווּ עס זײַנען מערער דאָ הויכע פאַריגלטע הויף־טויערן איידער הײַזער. כ׳האָב אַרומגערינגלט דעם אַלטן קלויסטער. אָט בין איך שוין באַלד באַם ליקל, ווו איך דאַרף פאַרקערעווען צו אונדזער ליידיקער פאַרלאָזטער שטוב, וואָס קיינער וווינט איצטער ניט אין איר. נאָר פונקט באַם דאַזיקן ליקל, באַם סאַמע סאָף, הייסט עס, האָבן זיך געראַשט שלוי־מע־אַרן שוסטערס מיידעלעך. טאַקע ניט אומזיסט, אַפּאַנעם, זאָגט מען, אַז שלוימע־אַרן שוס־טער מאַכט מיטן גאַנצן הויזגעזינד זײַנעם שאַבעס מיט איין קאָפּ פון אַ הערינג. די שלוימע־אַרנטע וויקלט דעם קאָפּ פונעם הערינג אײַן אין אַ פּאַפּיר, בראָט אים אָפּ אויף אַ צעגליטן רײַנדל, פאַרמישט אַ מאַמעליגע, און די גאַנצע כאָפּטע שלוימע־אַרן שוסטערס, אכט אירע, קיין אײַנהאָרע, טונקט קנײַלעכלעך מאַמעליגע אין פעטן שטיק פּאַפּיר, און דאָס איז דער שאַבעס־קוידעש שלוימע־אַרן שוסטערס. האָב איך פאַר אַזעלכע שאַבעסמאַכער אויך זיך געדאַרפט באַהאַלטן? אויך געדאַרפט מוירע האָבן?

קעדײַ שלוימע־אַרן שוסטערס קינדער זאָלן מיך ניט דערקענען, האָב איך אויסגעטאָן דאָס רעקל און עס גענומען אויף די אַקסלען; כ׳האָב מיר געמאַכט אַ מין באַזונדער צעקאַטשעט גענגל, אפילע צוגעהונקען אַ ביסל. נאָר שלוימע־אַרן שוסטערס קינדער האָבן מיך סײַוויסײַ באַלד דערקענט. איין מיידעלע שלוימע־אַרנס איז גלײַך אַוועק אָנזאָגן אין דער היים באַ אונדז די בסורע. אָנזאָגן אַ גוטע בסורע איז ניט קיין קלענערע מיצווע, ווי שיין מעקאַבל שאַבעס זײַן. דאָס מיידעלע איז אַזש אַרײַן צו אונדז אַ פאַרפּלאַמטע און פאַרסאָפּעטע, אַזוי גיך איז זי געלאָפן און אַזוי שטאַרק האָט זי זיך געפרייט:

— רייזל... רעב איציק... אײַער עלטער ייִנגל איז געקומען!..

די מאַמע איז געבליבן זיצן מיטן ביסן אין מויל. זי האָט אַ קוק געטאָן אויפן טאַטן, ווי ער איז מיטאַמאָל געוואָרן ווײַס ווי די וואַנט, און זי האָט אָפּן אָרט פון אַ דאַנק געֶרעדט מיט דער בסורע־ברענגערן אויף אַ געהעכערט קאָל:

— ביסט מעשוגע, צי דו מאַכסט זיך?.. ווער געקומען, וואָס געקומען?!.. ווי זשע איז ער געקומען, אַז, דו זעסטעך, ער איז ניטאָ?!..

— געקומען, רייזל... כ׳זאָל אַזוי לעבן. דורכן ליקל. אונטן, אין אײַער אונטערשטער שטוב...

די מאַמע, די גוטע מײַוונטע אויף זאַכן, האָט זיך איבערגעקוקט מיטן טאַטן. וויאַזוי עס זאָל ניט זײַן, דאַרף מען דערוויַיל דאָס דאָזיקע קומען מײַנס פאַרגלעטן. וויאַזוי זשע פאַרגלעט מען עס? מיט גוטן, צי מיט בייזן? זי האָט זיך אָנגעטאָן אַ קויעך און אויפן פּאָנעם אירן אַרופגעצויגן אַ דין קאַלטבלוטיק צעשמייכלטקייט:

— הערסט, מיידעלע, אָדער ס׳האָט זיך דיר געכאַלעמט, אָדער דו רעדסט פון היץ... מיר האָבן ערשט הײַנט געהאַט פון אים אַ בריוו. ווי האָט ער פלוצעם געקאָנט קומען, אַז ער איז גאָר אַזוי ווײַט? ס׳האָט זיך דיר אויסגעוויזן. עפּעס האָט זיך דיר, ניט פאַר קיינעם גע־דאַכט, אַ באַמבל געטאָן פאַר די אויגן. איציק, גיב דעם מיידעלע אַ טרונק. גיי, סמאַרקאַטע, און ברענג עס מער אויף די ליפּן ניט אַרויס. ס׳איז קיינער ניט געקומען און דו האָסט קיינעם ניט געזען, הערסט וואָס מע זאָגט דיר?

איך האָב אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט באַם הויף פון אונדזער פאַרלאָזטער שטוב, געפּלאָנטערט זיך אין בודזיקעס און אין קראָפּעווע, געבליבן דערנאָך זיצן אין הויף אויף דער פּלאַטשיקער טיר פון אונדזער קעלער. טיר־און־פענצטער אין שטוב זײַנען געשטאַנען פאַר־מאַכט, פאַרהאַקט. דורך די טאַפּליעס אין די פענצטער האָט פון אינווייניק אַרויסגעקוקט אַ שוואַרצע געדיכטע פינצטערניש, געדיכטער און שוואַרצער, ווי די פינצטערניש אין דרויסן. כ׳בין געזעסן אויף דער פּלאַטשיקער טיר פונעם קעלער און איבער מיר האָבן, אונטערציטערנ־דיק, געפינקלט אויפן הימל די מילי־מיליאָסן שטערן, טאַקע נאָר ווי עס פּלעגן אַזוי אין די פרײַטיקצונאַכטסן פינקלען די שטערן אויפן ראַשקעווער הימל. די דאָזיקע פאַרלאָזטע שטוב אונדזערע האָט דער טאַטע מיט יאָרן צוריק אָפּגעקויפט פאַר אַ שיבעש באַ יויעל דעם לאַנגן. יויעל דער לאַנגער איז „אַוועקגעגאַנגען" קיין אַמעריקע. ער האָט איינייִנעם מיטן טאַטן ייִנגל־ווײַז פאַפּישעוועט טוטין אין די דערפער באַ פּריצים און זיך טאָמיד געַרעכנט דעם טאַטנס

א נאָענטער גוטערברודער. די שטוב זײַנע האָט ער, פאַרן אַוועקגיין קיין אַמעריקע, דעם טאַטן מערער געשענקט, איידער פאַרקויפט פאַר א שיבעש. די שטוב האָט פאַרמאָגט א גוטן בוידעם, צוויי צימערלעך מיט א קיכל, אַף א פּאָר טרעפּלעך אַראָפּ א באַשקע אונטן מיט קליינע פאַרגראַטעטע פענצטערלעך. באַם טאַטן האָט די שטוב געהייסן א דירע־מעלוכע. נאָר קיין גליק האָט די דירע־מעלוכע דעם טאַטן ניט געבראַכט. גיכער פאַרקערט. מיר האָבן דאָרט געוווינט ניט מער ווי א פּאָר יאָר. די מאַמע האָט דאָרט נאָך א קימפּעט אָפּגעקרענקט עטלעכע כאַדאָשים דורכאַנאַנד, שיר ניט געגאַנגען פון דער וועלט. אין דער שטוב איז געשטאָרבן א ברודערל מײַנס — שעפּסעלע. און די מאַמע האָט זיך אײַנגערעדט, זי קען אין דער דאָזיקער שטוב ניט ווינען. איין קאָל — זי קען דאָ ניט ווינען, ס'א פאַרשאָלטענע שטוב! ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין איבערעדענישן, קיין געבן צו פאַרשטיין דער מאַמען, אַז ס'איז א נאַרישקײַט, אַן אײַנגערעדטע זאַך (אַף געבן עפּעס גוט צו פאַרשטיין איז דער טאַטע געווען א מומכע איינער אין דער וועלט). ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין אָנשרײַענישן, אַז אין דער מאַמען איז, ראַכמאָנע ליצלאָן, אַרײַן א דיבעק (אַרויסטרײַבן אַמאָל פון דער מאַמען א דיבעק האָט דער טאַטע קיינמאָל אין לעבן ניט געקענט). כוץ דעם, האָט די מאַמע געטײַנעט, אַז ס'איז א צעריסן געמיט — ס'קלייטל, די פּאַרנאָסע, איז אויבן אין מאַרק־גאַס, און די פאַרשאָלטענע שטוב איז ערגעץ העט אונטן, לעבן דער קערנצעצע מיט דער פּראָסטער וואַסער, לעבן דער ליכטציערן, באַלד לעבן דער באָד. זי פאַלט פון די פיס, זי קאָן זיך ניט צערײַסן — אי דאָ, אי דאָרט. א פּאַרנאָסע דאַרף מען אָפּהיטן, מע דאַרף ליגן לעבן איר, ווי א הונט לעבן דער קאָנורע. לאָזן דעם טאַטן אליין, וועט מען אים צען מאָל אין טאָג אָפּכוימלען, צען מאָל אין טאָג צעטראָגן מיט די ביינער. האַקיצער, ס'האָבן ניט געהאָלפן קיין שום קעגן־טײַנעס. דער טאַטע האָט נעבעך געמוזט פאַרקאַטשען די אַרבל, ווידער אָנלײַען זיך און אָנבאָרגן זיך, און מיטן זיידן זוסיעס אַרכיטעקטאָרישע אייצעס אליין אוועקשטעלן הינטערן קלייטל דרײַ וווינטלעך פון אַלטע ברעטער, באַקלאַפּט מיט קליינע שינדעלעך, די ווינטלעך באַוואָרפן מיט באָצן ליים, ווי־ס'איז־ניט־איז אָפּלייגן אַף זיי א סטעליע, א דעכל, קריגן ערגעץ צוויי אַלטע פענצטער איינס א גרעסערס און דאָס צווייטע א קלענערס, און פון דער „דירע־מעלוכע" האָבן מיר זיך, אין א גוטער שאָ, אַרײַנגעפירט אהער, אין צוויי לעכלעך, וואָס די מאַמע האָט גערופן „ספּאַלניעס", און האָט געזאָגט, אַז ס'וועט דאָ די קינדער ווינטער זײַן וואַרעם, ווי אין אַן אויער. די פאַרשאָלטענע שטוב האָט אָנגעהויבן הייסן די פאַרלאָזטע שטוב. ס'איז דאָרטן געבליבן שטיין אַן אַלטע יערושע־שאַפע, וואָס מ'האָט שוין ניט געטאָרט רירן פונעם אָרט, א צעפאָרן סאָפקעלע, אויסגעפּינטלט מיט מויל־נעסטן, פּאַוועטיניע אין די ווינקעלעך, א שטריקל אויבן איבער א פענצטער, אַף וועלכן ס'איז אַמאָל געהאָנגען א פּאָרהאַנג. פאַרקויפן די שטוב איז אי ניט געווען ווען, אי ס'האָט זיך דעם טאַטן עפּעס ניט געגלוסט — ס'וואַקסן אונטער קינדער... אונטן אין באַשקע האָט דער טאַטע געזייפט אין א רעשעטע זײַנע קערלעך. אין קיכל האָט ער די קערלעך „געפּראַזשעט" אין א בעקן באַם פלאַם פונעם אויוון, טרויעריק צוגעזונגען זיך צו דער דאָזיקער שיינער אַרבעט, שטענדיק שטיל געקרעכצט, אַז ער ברענט טאָג און נאַכט אין פײַער און ווייסט ניט פאַר וואָס. אין הויף פון דער פאַרלאָזטער שטוב פלעגן אַמאָל די קינדער אַראָפּקומען שפּילן זיך. אַפן בוידעם האָט דאָס קלענערע ברודערל מײַנס, בוזי, געכאָוועט א פּאָרל טויבן. אַרײַנגעלייגט אין כאָוון די גאַנצע קינדערישע פרייד זײַנע, און ווען ער האָט זיי שוין גוט אויסגעכאָוועט און די „זי" איז שוין געזעסן אַף אייעלעך, האָט א קאָץ דאָס פּאָרל טויבן פאַרצוקט אין איין באַנאַכט, אַז ס'איז פון זיי אַפילע קיין פעדערל ניט איבערגעבליבן (נאָך איין רײַע דער מאַמעס, אַז ס'איז טאַקע אַזוי, ווי זי האָט געוואָלט — א פאַרשאָלטענע שטוב). און ווען ס'איז דער מאַמען אַמאָל געווען גאָר גוט אַפן האַרצן, פלעגט זי נאָך פונויבן קאַטשען זיך פאַר געלעכטער און ווײַזן אַפן טאַטן: אַן אוישער אין ראַשקעוו מיט צוויי הײַזער, מיט איין בורטש אין מאָגן און מיט צוואָנציק לעכער אין די טאַכטוינים...

אַזוי בין איך געזעסן אַף דער פלאַטשיקער טיר פונעם קעלער און אַפן אָרט, איך זאָל טראַכטן: וויפל זשע וועל איך דאָ אַזוי זיצן און וואָזוי גיט מען עמעצן צו וויסן, אַז איך זיץ דאָ, האָב איך גאָר ווידעראַמאָל גוט אַרומגעטראַכט די אַלע ראַשקעווער אויסקומענישן, ראַשקעווער גליקן און ראַשקעווער האַסאָגעס, און איך האָב געטראַכט, אַז טאַקע צוליב דעם־אָ, טאַקע צוליב דעם, אַז דאָס־אָ אינגאַנצן זאָל אַמאָל זײַן ניט אַזוי, ווי עס איז, זיץ איך דאָ איצט אַזאַ פאַרמישפּעטער, און עס אַרט מיך ניט, וואָס כ'האָב פון נעכטן אָן אַפילע קיין טראָפּן וואַסער אין מײַן מויל ניט געהאַט, און די גאַנצע וואָגלענישן מײַנע אַרן מיך ניט, און איך נעם די אַלע אַפּקומענישן אָן בעאַהאָוו.

פלוצעם האָב איך דערהערט, ווי אינווייניק אין שטוב פּאָרעט זיך עמעצער. דער דער־

שרעק האָט ניט געהאַלטן קיין סאַך. ס׳האָט זיך באַלד אופגעקײַטלט די טיר, וואָס קומט אַרויס אין הויף אַרויס, און אַף דער שוועל האָט זיך באַוויזן דער טאַטע. ער האָט זיך מיט מיר ניט צעקושט און מיר האָבן זיך ניט אַרומגענומען, ווי אַן אַנדער מאָל. די פינצטערניש האָט דאָס פאַרפינצטערטע פּאָנעם זײַנס געמאַכט נאָך פינצטערער, ס׳האָט זיך געדאַכט — בייז. נאָר דער טאַטע איז בייז ניט געווען. ער האָט זיך אַנידערגעזעצט לעבן מיר אַף דער טיר פונעם קעלער און כ׳האָב געפילט, ווי ער האָט זיך געטאָן אַ טוליע צו צו מיר. ער האָט מיך גאָרנישט ניט געפרעגט. ער האָט, ווי זײַן נאַטור איז געווען, געהאַט צײַט. די גוטע נײַעס מײַנע, וואָס כ׳האָב אים צו דערציילן, וועלן שוין אין ערגעץ ניט אַנטלויפן. ער וועט זיי, מירטשעם, קאָנען אויסהערן מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער. איך אים האָב אַ פרעג געטאָן:

— וויאַזוי האָסטו געוווּסט, אַז איך בין געקומען, טאַטע?

— כ׳האָב געוווּסט. שלוימע־אַרנס אַ מיידעלע איז אַרײַנגעלאָפן און געזאָגט.

— אוי, זי האָט מיך יאָ דערקענט, דאָס רוצכל.

— וואָס זשע, מע טאָר דיך שוין אַפילו ניט דערקענען אויך?

— טאַקע ניט גוט, וואָס זי האָט מיך דערקענט.

— די מאַמע האָט איר פאַרעדט די ציין. די מאַמע האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען. זי האָט איר אײַנגערעדט, אַז ס׳איז ניט דו.

— וויאַזוי פילט זיך די מאַמע?

— וויאַזוי זאָל זי זיך פילן?.. טוסט אונדז אָן גרויסע צאָרעס.

מיר האָבן אַ רעגע ביידע געשוויגן. דעם ערשטן „וואָס הערט זיך?״ האָט ווײַטעראַמאָל ניט ער מיך געפרעגט, נאָר איך אים.

— דאָ וואָס סע הערט זיך? — האָט דער טאַטע סאָפּקאָלסאָף אַרויסגעלאָזט פון זײַנע טיפעניש דעם שטענדיקן כאַרכלענדיקן זיפץ זײַנעם. — וואָס זאָל זיך הערן? דער שעף־דער־פּאָסט איז אַ מין וואָך צײַט נאָך דײַן אוועקפאָרן געקומען צו לויפן מיט מעסוקענע גוואַלדן. געפּאַכעט מיט די קולעקעס, אַראָפּגעכאַפּט דאָס ביקסל, געשריגן, ער וועט שיסן, ער וועט הענגען — ווו דו ביסט, פאַרוואָס דו האָסט זיך ניט געיאַוועט קיין טשערנאָוויץ? צען טעג קעסיידער האָט ער זיך טאָג־בא־טאָג געטשעפּעט, געקידעט, געסטראַשעט, אַרויסגענומען די נעשאָמע. ביז מ׳האָט אים נאָכאַמאָל געמוזט אַרײַנרוקן אַ גוטע מאַקע אין די זײַטן. ס׳האָט מיט טאַכנונים ווידער געקאָסט אַ בלוטיקער הונדערטער. און דו ביסט טאַקע קיין טשערנאָוויץ ניט געפאָרן? האָסט זיך טאַקע צום פּראָצעס אינגאַנצן ניט געיאַוועט?

כ׳האָב פּאַוואָלינקע אַלצדינג דערציילט דעם טאַטן, פון אַלעף ביז טאָף, אַזוי, פאַרשטייט זיך, ווי כ׳האָב דעם טאַטן געמעגט דערציילן. ער האָט זיך אופגעהויבן פונעם פּלאַץ און האָט מיר אַף מײַן געשיכטע געענטפערט:

— מיילע... דאַרף מען, הייסט עס, וואַרטן, איבערוואַרטן. וויפל זשע איז אַ מענטש בע־קויעך צו וואַרטן, האַ? — האָט ער שוין, אַפּאָנעם, מערער געמיינט זיך, איידער מיך.

— דעם פּראָצעס וועט מען אָפּלייגן איין מאָל, אָפּלייגן אַ צווייט מאָל, ביז זיי וועלן קיין ברייַרע ניט האָבן און אים מוזן ענדיקן. און כ׳וועל דערנאָך זײַן אַ פרײַער מענטש.

— מיילע... אַ פרײַער מענטש... קום, וועלן מיר אַרײַנגיין אין שטוב. וועסטו זיך דאָ־אָ, אין דער פוסטער שטוב, מוזן דערווײַל אויסבאַהאַלטן? נעמען און פאַרשפּאַרן זיך אין אַ טפּי־סע בא זיך אַליין? מיילע. קום אַרײַן אינווייניק, כאַטש מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ. די מאַמע האָט דיר אַראָפּגעשיקט אַ שטיקל פלייש, אַ האָזימע מיט עטלעכע בארלעך. צי עסן דאַרף מען שוין אויך ניט? זעץ זיך צו אַפן סאָפּקעלע, כאַפּ עפּעס איבער, און איך וועל דערווײַל גיין אַראָפּברענגען אַ קאָלדרע מיט אַ קישעלע. וועסטו זיך אומדרייען אין דער פינצטער? ברענגען עפּשער אַ לעמפּל?

— ניין, טאַטע. קיין לעמפּל דאַרף מען דערווײַל ניט.

כ׳האָב געקײַט דער מאַמעס געשמאַקע האָזימע און זי האָט אין מיר מערער צערירט אַ בענקשאַפט איידער געשטילט דעם הונגער. כ׳האָב די שטיקלעך האָזימע ניט געקײַט, נאָר געטשמאָקעט, ווי אַ זאַקן אָן ציין, געזויפט, ווי אַ זויג־קינד. געפילט דער מאַמעס ליבשאַפט און דער מאַמעס טרערן, פאַרקנאָטן אין דער האָזימע. דורך די טאַפּליעס איז אין דרויסן גע־ווען ליכטיקער, ווי אין שטוב. ס׳האָט זיך אָנגעזען די סטרעשענע פון אַ שאַכנס אַ דאַך. אין הויף האָט צווישן דער קראַפּעווע געגרילט אַ גריל. ערגעץ ווײַט האָט געוואָיעט אַ הונט. דער טאַטע האָט זיך אײַנגיכן אומגעקערט מיט אַ זאַק אַף די פּלייצעס — געבראַכט בעטגע־וואַנט. מיר האָבן אַרויסגעשלעפּט פונעם זאַק די קישן, אַ לײַלעך, די קאָלדרע, אַ פּאָר אַלטע רעקלעך. דער טאַטע האָט אין דער איבערגעלאָזטער יערושע־שאַפע דערטאַפּט אַן אַלטן וואַטאָוון בורנעס. מיר האָבן זיך געפּאָרעט אין דער פינצטער, געדרייט זיך איינער אַרום

אנדערן און איינער דעם אנדערן קוים אַנגעזען, ווי עס וואָלטן זיך געדרייט הוילע פּלייצעס, הוילע אקסלען, אָן פּנימער. ס'גלעגלער מײַנס האָבן מיר אויסגעבעטן אַף דער ערד, אוועקגעזעצט זיך דערנאָך ביידע שווײַגנדיקע אַפּן סאָפּקעלע. איך האָב, געדענק איך, א זאָג געטאָן:

— טאַטע, כ'וויל שטארק רייכערן. האָסט ניט בא זיך קיין ציגאַרעט טוטין?

דער טאַטע האָט מיר דערלאַנגט די טאַבאַטשניצע זײַנע, ס'ביכעלע ציגאַרעט־פּאַפּיר. איך האָב אין דער פינצטער פארדרייט א ציגאַרעט און אים מיט דער צונג ניט פּאַשעט פארקלעפּט, נאָר געגלעט. דער טאַטע האָט פארגעסן, אז ס'איז פרײַטיקצונאכטס אַף דער גאָרער וועלט און אופגעריבן א שוועבלע.

נאָר דער טאַטע האָט גאָרנישט ניט פארגעסן. ער האָט צו מיר באלד א מאַך געטאָן:

— גיב אהער, וועל איך אויך פארייכערן... אום שאבעס.

אז דער טאַטע רייכערט „אום שאבעס", האָב איך געוווּסט. די מאַמע פלעגט טאָמיד ליב האָבן צו דערציילן, אז נאָך דעמלט, ווען זיי זײַנען ביידע „געגאַנגען", האָט זי איינמאָל אין א ווינטערדיקן שאבעס־באַטאָג, שפּאַצירנדיק מיטן טאַטן אַפּן פּאַרפּרוירענעם דניעסטער, פּלוצעם דערזען, ווי פונעם טאַטנס אָן ארבל בלאָזט ארויס רויך. איציק! — האָט זי א געשריי געטאָן, — וואָס איז דאָס שאבעס פּאַר א רויך? ס'איז ניט קיין רויך, — האָט דער טאַטע געענטפערט, — ס'בלאָזט פון מיר ארויס א פּארע. „ס'איז בא אונדז געווען א ליבע מיט פּארע", — פלעגט די מאַמע שטענדיק לאַכן. איך אָבער דעם טאַטן רייכערן שאבעס האָב ביז דעמלט קיינמאָל ניט געזען. דאָס איז, אַפּאָנעם, דעמלט געווען בא אים די בעסטע רײַע, וואָס ער האָט מיר שווײַגנדיק געקענט באַווײַזן, אז ער האַלט מיך אונטער, כ'דאַרף בא זיך ניט זײַן געפאַלן, ער, דער טאַטע, איז מיט מיר.

די צוויי ציגאַרעט־פײַערלעך, איינס קעגן אנדערן, אַפּן סאָפּקעלע אין אונדזער פארלאָזטער שטוב, האָבן אַלע מאָל אופגעבליצט, געפינקלט אין דער פינצטערניש, ווי אַפּן ראַשקעווער הימל די שטערן אין די פרײַטיקצונאכטסן.

2

אי דער טאַטע, אי די מאַמע האָבן זיך אײַנגעשפּאַנט אין מײַן יאָך. די מאַמע פלעגט דרײַ מאָל אין טאָג מיט אן עמער אַפּן אָרעם קלאָמפּערשט אראָפּגיין צו דער קערנעצע נאָך וואַסער און דרײַ מאָל אין טאָג ברענגען מיר אין עמער עסן. אז א שכיינע האָט זי אַמאָל אָפּגעשטעלט און געפרעגט: „רייזל, וואָס לויפט איר אזוי אָפט נאָך פראַסטער וואַסער, וואָס וואַשט איר אזויפיל?" האָט די מאַמע מיט א זיפצל געענטפערט: „כ'וואַש. מײַנע צאָרעס וואַש איך, ווי איז מיר..." זי האָט אָבער טייקעף דערפילט, אז דאָס קאָן זײַן עפּעס אָן אָנצוהערעניש און האָט זיך צוריקגעכאַפּט, עס פאַריכט: „ווינדעלעך האַלט איך אין איין וואַשן, מע זאָל ניט זינדיקן מיט די רייד. מײַן כאַנציעלע האָט שוין ווידער דאָס מעגעלע".

זי האָט דאָס דאָזיקע „קאָנספּיראַטיווע" שטיקל ארבעט געטאָן אָן טאַרומעס און אָן טײַנעס. מע קאָן אַפּילע זאָגן מיט ליבשאַפט. ווען מע פאַרמאָגט, ניט דאָ געדאַכט, א קינד א קאַליקע, וואָס קען מיט די פיס ניט רירן, צי עס געשעט מיט א קינד דײַנס, כאַלילע, ווער ווייסט וואָס, האָסטו עס דען ניט ליב, ביסטו דען פאַר דעם ניט גרייט אַף אלצדינג? ביסטו דען קיין מאַמע ניט? פאַרקערט, ווי זשע דען, גאָטעניו?

דער טאַטע האָט באלד דעם אנדערן גאַנצפרי, שאבעס, געביטן אין דער פארלאָזטער שטוב די שלעסער. דאָס קלענערע שלעסל, פון דער פאָרנטיקער טיר, האָט ער אופגעהאַנגען אונטן אַף דער באַשקע, און דעם גרויסן שלאָס, פון דער באַשקע, ווו ער האַלט די קערלעך, האָט ער אופגעהאַנגען פאָרנט אַף דער טיר. זאָל זיך דער גרויסער שלאָס וואָרפן מענטשן אין די אויגן, זאָלן מענטשן זען, אז די שטוב איז פאַרמאַכט, וואָס פאַרמאַכט הייסט, קיין לעבעדיקער דעך איז דאָרטן אינוויינעק ניטאָ.

איך האָב טאַקע דעמלט, באלד דעם אנדערן גאַנצפרי, שאבעס, פאַרגעבן דעם טאַטן דרײַ ארבעט. ערשטנס — ער זאָל גוט אכטונג געבן, די מאַמע זאָל זיך ניט איבעריידן, ניט ארויסכאַפּן זיך מיט קיין וואָרט, אַפילע פאַר די קינדער, ביפראַט פאַר די קינדער (דער טאַטע האָט מיר אַף דעם עטלעכע מאָל געטאָן א שאָקל מיטן קאָפּ אין דער ברייט — ניין, אזוינס וועט ניט געשען); צווייטנס — זאָל ער מיר ערגעץ קריגן א פּאָר ביכלעך, וואָסערע

ס'איז־ניט־איז, און זאָל מיר אַלע טאָג זען קויפן אַ צײַטונג (דער טאַטע האָט אַף דעם שפּיציק אַ הייב געטאָן מיט די אַקסלען — ווי קאָן ער קריגן אַזעלכע ביכלעך, וואָס איך דאַרף?); דריטנס — דער סאַמע איקער. ער זאָל אַ פּאַק טאָן אַף דער גאַס כאָנע אַדעסקין און זאָל אים בעסאָד־סודעס זאָגן אַזוי און אַזוי — כאָנע אַדעסקי זאָל וואָס גיכער שטילער־הייט אַראָפּקומען אַהער (אַף דעם האָט דער טאַטע עטלעכע מאָל אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אין דער לענג — יאָ, דאָס איז אַ געדאַנק!).

ביז ס'וועלן זײַן די פּאָר ביכלעך, בין איך דערווײַל אַרופגעקראָכן אַפן בוידעם און לעבן קעסטל מיטן פייסעכדיקן געפעס, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַלטן אַפן בוידעם אין דער פּאָר־לאָזטער שטוב, האָב איך דערטאַפּט אַ קעסטעלע מיט אַלטע ספאָרים. אַלטע אָפּגעוצטע סידורים, מאַכזיירימלעך, אַגאָדעס, כומאָשים. כ'האָב אַראָפּגעבראַכט אַ פּאַרפּאַראָשעט כו־מעשל אָן טעוועלעך. זאָל דערווײַל זײַן אַ כומעשל. כ'האָב זיך אויסגעשטרעקט אַפן סאָפּ־קעלע און ניט געבלעטערט דאָס פאַרגעלטע היימישע כומעשל — געבלעטערט מײַנע פרי־פאַרגעלטע קינדער־יאָרן. קינדוויז, אין דער כיידער־צײַט, האָבן זיך מיר די כומעש־מײַסעס אויסגעמאָלט אָט־דאָ־אָ אין ראַשקעוו, אַף די ראַשקעווער בערג, לעבן אַ ראַשקעווער קער־נעצע, ווו מע פויעט שאָף און שעפּעלעך, אין די ראַשקעווער קרומע געסלעך, אויבן אין דער ראַשקעווער הייל. איצט האָט זיך מיר פלוצעם אַ מאָל געטאָן, אַז איך בין פאַרמישט אי אין אוראַמס צעבערעכן טערעכס פּסאָלים, אי אינעם שטײַגן און נידערן אַף די לייטער־טרעפּלעך פון יאַנקעווס כאַלעם, אי אין יויסעפס ליגן אין גרוב, וווּהין די אייגענע ברי־דער האָבן אים אַרײַנגעוואָרפן. פונעם סעמינאַר האָט מען מיך אויסגעשלאָסן — זאָל זײַן כ'האָב זיך אַליין אויסגעשלאָסן. און פון דאָרט, צוליב וואָס כ'האָב דעם סעמינאַר צעטראָטן, מיט וואָס כ'האָב מײַנע שענסטע כאַלוימעס פאַרבונדן, וווּהין כ'האָב אַרײַנגעלייגט דאָס ריינסטע האַרץ און די ערלעכסטע געפילן, בין איך אָפּגעשטופט — זאָל זײַן כ'האָב זיך אַליין אָפּגעשטופט. כ'האָב זיך מיטאַמאָל דערפילט קליין און צעבראָכן. ס'האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ נאָגעניש און אַ בענקשאַפט נאָך יענע דערהויבענע טפּיסע־טעג. דאָרט בין איך שוין געווען העט ווײַט. אין דער פאַרקאָוועטער טפּיסע האָב איך געפילט פרײַקײַט, פליגל. אײַנגעשרומפּן, צוריקגעוואַקסן. אויס. אויס פליִען.

באַ אַזעלכע שווערצע יִנגלשע געדאַנקען האָט מיך געטראָפן כאָנע אַדעסקי. ער האָט באַלד דערזען דאָס צעשויבערטע כומעשל אַפן סאָפּקעלע, אַ מיש געטאָן עס אין דער האַנט און זיך צעשמייכלט:

— לערנסט גאָר כומעש?

— כ'ליג, ווי יויסעף, אין גרוב. — האָב איך אויך מיט אַ שמייכל געענטפערט, — מ'האָט פון מיר אַראָפּגעריסן דאָס זײַדענע העמדל.

— כאַפּ ניט. — האָט כאָנע אַדעסקי געזאָגט, — צי אַף זיך ניט אַרויף קיין אומגליק פאַר דער צײַט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט. כ'האָב מיסטאָמע געהאַט יענעם אויסזען: ניט געגאָלט, צע־קנייטשט, פאַרקאַרטשעט. דערנאָך האָט ער אָנגעקוקט דעם הינטערשטן צימער אונדזערן, ווו ער האָט מיך געטראָפן, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און זיך אײַנגעהערט אין שטילן דרויסן. דערנאָך האָט ער זיך אוועקגעזעצט אַפן סאָפּקעלע, אַ פרעג געטאָן, „וואָס איז גע־שען", און האָט מיר געהייסן דערציילן פונעם אָנהייב אָן, פּראַטימדיק, מיט אַלע קלייני־קײַטן.

איך האָב גערעדט, און כאָנע אַדעסקי האָט פאַררייכערט אַ ציגאַרעט, אַרײַנגעשטעלט, ווי זײַן שטייגער איז געווען, דעם ציגאַרעט אין אַ ציגאַרעט־שפּיצל, געפּיפקעט אים די גאַנצע צײַט מיט איין פאַרצויגן אויג, אַ פאַרטערערטס פונעם רויך, גלײַך ווי ער וואָלט נאַרוואָס צום ערשטן מאָל פאַררייכערט, גלײַך ס'וואָלט געווען דער ערשטער ציגאַרעט אין זײַן לעבן.

איך האָב לאַנג דערציילט, און כאָנע האָט מיר קיין איין מאָל ניט איבערגעשלאָגן. ווען כ'האָב געענדיקט, האָט ער זיך אַף אַ רעגע פאַרטראַכט און אַ זאָג געטאָן:

— קיין העלדישקײַט דײַנע איז עס, פאַרשטייט זיך, ניט. קיין פּאַכדאָנעס אָבער — אויך ניט. וואָס זשע איז עס, האַ?

— ס'איז גוירל, — האָב איך געענטפערט.

— ע, כאַפּ ניט. באַ אונדזער עלטער שוין גוירל?

— כ'האָב געטאָן דאָס, וואָס מ'האָט מיר געהייסן. צי מ'האָט מיר גוט געהייסן, צי ניט גוט געהייסן, ווייס איך ניט. נאָר כ'בין גרייט ווײַטער צו טאָן דאָס, וואָס מע וועט מיר הייסן. דערפאַר בין איך אין מײַן פאַרלוירנקײַט געקומען אַהער, אַהיים, צו מײַנע כאַווי־רים, וואָס קענען מיר פון טאַמיד אָן. כ'קאָן דאָך ניט בלײַבן הענגען אין דער לופט.

כאַנע האָט ווידעראַמאָל באַטראַכט דאָס צימער, אַ קוק געטאָן צום פענצטער, וואָס גייט ארויס אין שטילן ליקל, און האָט אין אַ רעגע ארום געזאָגט:

— נו, זײַ דערוויַיל דאָ. כ׳מיין, ס׳וועט גאָרניט געשען. ווארט. די זאַך וועט זיך אָפּ־פלאַנטערן. איך גיין אַהער, פאַרשטייסטו דאָך, טאָר ניט. ס׳וועט צו דיר אַרײַנקומען אַ כאַוורטע אונדזערע. כ׳קען דיר אַפילע שוין זאָגן ווער. פייגע שפּרינץ. מערער טאָן עפּעס קאָן איך ניט. כ׳דאַרף דאָך וועגן דעם האָבן אינסטרוקציעס...

כ׳האָב כאַנע אָדעסקין, אין אַ פּרי׳ערדיק קאַפּיטל, געשטעלט אַ דענקמעלכל. אַ דענק־מעלכל קומט אים. אַ פּאָר זײַן אומגעבראַכט ווערן אין קאַדימע, אופהייבנדיק דעם אוילעם קעגן די פאַשיסטן, אַ פּאָר טאָמיד, נאָך ביז קאַדימע. נאָר דאָס דאָזיקע וואָרט „אינ־סטרוק־ציעס" האָט דעמלט, בײַ מיר אַפּן סאָפּקעלע, ארויסגעשיט זיך פון זײַן מויל, ווי אַ זשמעניע שטיינדלעך. פונוואַנען האָט צו אַזאַ ווילן באַכער גענומען זיך אַזאַ טרוקנקײַט, אַזאַ האַרטקײַט?

אין אַ פּאָר רעגעס ארום האָט מיך כאַנע אָדעסקי אַ פרעג געטאָן:

— הער נאָר, שרײַבסט נאָך? שרײַבסט נאָך אַפּן קעשענקעלע?

אף מײַן טינטלען מיט דער פען האָט כאַנע טאָמיד געקוקט פון אויבן אַראָפּ. ווער דאַרף מײַן לידל־גראַמערײַ? וווהין שטופּ איך זיך אויך מיט שרײַבעכץ? „שרײַבסט נאָך אַפּן קע־שענקעלע" איז פון טאָמיד אָן געווען אַזאַ שפּאַס כאַנעס, וואָס ער האָט ליב געהאַט מיט מיר צו מאַכן. ווען מיר זײַנען נאָך קליינערהייט אינײנעם געגאַנגען אין ערשטן קלאַס אין אַ רומענישער „שקאָלע פּרימאַרע", האָט מען אין אַ טאָג ארויסגעגאַנגען בײַ אַ שילערל פונעם פענאַל גאַנצע דרײַ ליי, וואָס די מאַמע זײַנע האָט אים געגעבן, ער זאָל זיך קויפן אַ הענטלפען און אַ העפטל. דאָס ייִנגעלע האָט געוויינט, און דער לערער אונדזערער האָט גע־שריגן, געהייסן דעם קלאַס זיך אופשטעלן, געסטראַשעט, אַז אויב דער גאַנעוו וועט באַלד אליין ניט ארויסגיין צום טאָוול און אליין זיך ניט מודע זײַן, וועט אַזוי דער גאַנצער קלאַס שטיין אף די פיס, ביז מע וועט דעם גאַנעוו ניט אופדעקן. מיר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז באַם וואָרט „גאַנעוו" קוקט דער לערער צו מיר, און כ׳האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן. דאָס איז דעם לערער געווען גענוג. ער האָט מיר בעפוילן, איך זאָל ארויסקומען צו אים מיטן טאַש מײַנעם און האָט מיך פאַרן גאַנצן קלאַס אָנגעהויבן באַזוכן. איך בין דעמלט געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ טוזשורקעלע מיט צוויי אייבערשטע קעשענקעלעך. דער לערער האָט גע־זוכט, איבערגעקערט דעם טאַש מײַנעם, איך בין געשטאַנען מיט אָנגעבלאָזענע ליפּלעך, און פלוצעם האָב איך מיט אַ פינגערל אָנגעהויבן עפּעס שרײַבן אף אַ לעפל פון אַ קעשענקעלע מײַנס, אויסגעשריבן אַפּן קעשענקעלע דעם גאַנצן ווייטעק און די גאַנצע קריוודע פאַרן דאָזיקן אומזיסטיקן כשאַד. ווען כאַנע האָט שוין געלערנט אין גימנאַזיע און מיר פלעגן זיך אַמאָל באַגעגענען, פלעגט ער ליב האָבן צו וויצלען זיך מיט מיר: „שרײַבסט נאָך אַפּן „קעשענקעלע?" אַז איך האָב אים אין אַ פּאָר יאָר ארום איבערגעלייענט אַ ליד מײַנע, האָט ער זיך אויך אַ וויצל געטאָן: „נו, יאָ, דו האָסט דאָך נאָך אין ערשטן קלאַס געשריבן אַפּן „קעשענקעלע". איצט האָט ער זיך גאָרניט געוויצלט. ער האָט עס מיך געפרעגט גאַנץ ערנסט.

— שרײַב, שרײַב, אויב דו שרײַבסט נאָך. — האָט ער נאָך ערנסטער געזאָגט, — דאָ איז דאָס בעסטע אָרט און די רעכטסטע צײַט. דאָס איז אויך אַ טועכץ. פּאָר אונדזערטוועגן...

איך האָב געשוויגן. איך האָב אים ניט געענטפערט. די זשמעניע שטיינדלעך האָט מיך פאַרשטומט און פאַרפלעטשט, ווי גלײַך ס׳וואָלט איבער מיר נאָרוואָס אַריבערגעפאָרן אַ צעפּאַלאָשעטער וואָגן. אַ כאַוורער שטייט לעבן מיר, נאָר אופהייבן הייבט ער מיך ניט אוף, אויסשטרעקן אַ האַנט שטרעקט ער מיר ניט אויס. ער דאַרף וועגן דעם האָבן אינסטרוקציעס.

3

אַ גאַנצן טאָג האָב איך אומגעשפּאַנט אין די צוויי פּוסטע צימערלעך אונדזערע פון וואַנט צו וואַנט. באַם פאָדערשטן פענצטער, וואָס גייט ארויס אין גאַס, אינעם ליק מיט דער קערנעצע, זײַנען געשטאַנען צוגעמאַכט די לאָדן. די צוויי הינטערשטע הויף־פענצטער האָב איך פאַרהאַנגען מיט צוויי זעק. כ׳בין אַרופגעקראָכן אַפּן בוידעם, גלאַט אַזוי אַרופגעקראָכן, גלאַט הערן אַפּן בוידעם, ווי דאָס שטעטל ראַשט. כ׳בין אַראָפּגעקראָכן דורכן קיך־לעדל אין באַשקע, צונויפגעלייגט צעוואָרפענע שײַטלעך האָלץ, פאַרקערט קופּקעלעך שאָלעכצער פון קערלעך, וואָס מײַזעלעך, אַפּאָנעם, האָבן איבערגעלאָזט נאָך זיך נאָכן אופכראָמטשען די

יאָדערלעך פֿון די קערלעך. אַז ס׳איז געוואָרן טונקל, בין איך אַרויסגעגאַנגען אין הויף, שטיל אַוועקגעזעצט זיך אויף דער טיר פֿונעם קעלער, געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט. גיין לייגן זיך שלאָפֿן האָט זיך ניט געגלוסט און כ׳האָב שלאָפֿן ניט געקאָנט.

אַזוי איז פֿאַרגעקומען אין די ערשטע צוויי טעג. געווען בין איך אין דער היים דעמלט אַ גאַנצן כוידעש. אַ לעצטן זומער־כוידעש.

אויפֿן דריטן טאָג האָט מיר כאַנע אַדעסקי אַרײַנגעשיקט מיט פֿייגע שפּרינץ עטלעכע ביכלעך. אַ באַנד פּערעץ, צוויי בענדער „זשאַן קריסטאָף״, נ. אַגניעווס „קאָסטיע ריאַבצעווס טאָגבוך״, רעמאַרקס „אויפֿן מערעוו־פֿראָנט ניטאָ קיין נײַס״, ליוויוס רעבריאַנוס „דער וואַלד פֿון די געהאַנגענע״ — ביכער אי אויף יידיש, אי אויף רומעניש.

כ׳האָב געלייענט ביז פֿאַרשיקערטקײַט. קימאַט אַלצדינג האָב איך שוין פֿריִער געהאַט איבערגעלייענט, נאָר כ׳האָב איצטער געלייענט ווי פֿונסנײַ, געלייענט איצטער אַנדערש. פֿייגע שפּרינץ איז דאָס ערשטע מאָל געזעסן בײַ מיר ניט מער ווי עטלעכע מינוט. דערנאָך האָט זי אָנגעהויבן זיצן מערער, דערנאָך פֿלעגט זי מיט מיר אָפּזיצן גאַנצע שעה. זי איז צו מיר „אַרײַנגעקומען יעדן טאָג, אַלע טעג ביז איינעם, וויפֿל איך בין דעמלט געווען אין ראַשקעוו.

מיר האָבן געלייענט אינאיינעם. ס׳הייסט, איך האָב געלייענט אויף אַ קאָל, און זי האָט געהערט. כ׳בין געזעסן האַלב ליגנדיק אויף דער ערד, אויפֿן אויפֿגעשפּרייטן אַלטן בורנעס, און עלנבויגן אָנגעשפּאַרט אין פֿאַרקאַטשעטען געלעגער. פֿייגע איז געזעסן לעבן מיר, איך האָב געלייענט, און זי האָט אײַנגעהערט זיך אין דעם, וואָס איך לייען, אײַנגעקוקט זיך מיט אירע גרויסע, שטענדיק ווי פֿײַכטלעכע, בלישטשענדיקע אויגן, וויאַזוי איך לייען.

פֿייגע שפּרינץ האָט אין שטוב צוגערוימט, באַשפּריצט די „ערדן״ און אויסגעקערט, אָפּגעווישט מיט אַ שמאַטע די פֿאַרשטויבטקײַט, די פּאַוועטיניע אין די ווינקלעך. אין אַ טאָג אַפֿילע גענומען אויסוואַשן די פֿאַרשטויבטע שויבן. מיט פֿייגע שפּרינץ איז אַרײַנגעקומען צו מיר אין מײַן „באַהעלטעניש״ פֿרישקײַט, לעבעדיקײַט, מיידלשע צאַרטקײַט, צערטלעכקײַט, מיטגעפֿיל, פֿאַרשטענדעניש, געטרײַקײַט, און עפּעס אַזוינס באַזונדערס, וואָס פֿאַרמאָגט קיין נאָמען ניט, און וואָס האָט גאָר גיך אין מיר אויך אַרויסגערופֿן אַזוינס, וואָס כ׳האָב נאָך דערווײַל וועגן דעם קיין פֿינקטלעכן נאָמען ניט פֿאַרמאָגט. וועגן פֿייגע שפּרינץ וועל איך מערער דערציילן שפּעטער אַ ביסל, באַזונדער.

אַז כ׳האָב איצטער, צום צווייטן מאָל, געלייענט פּערעצן, ראָמען ראָלאַנען, קאָסטיע ריאַבצעווס טאָגביכל, רעמאַרקס פֿראָנט־איבערלעבענישן און רעבריאַנוס ווידזעס וועגן אויפֿגעהאַנגענע סאָלדאַטן־אויפֿשטענדלער אין אַ וואַלד, האָט זיך עפּעס פֿון זיך אַליין, אין הוילן אונטערבאַוווּסטזײַן, אַפּאַנעם, אינאיינעם מיטן לייענען געשריבן. וויאַזוי האָב איך אַזעלכע צוויי זאַכן געקאָנט טאָן אינאיינעם, אין איין צײַט? די איבערגעלייענטע בילדער און געדאַנקען, מענטשלעכע גויראָלעס, סיכסוכים, אויפֿטרייסלונגען, פֿריידן און אַנטוישונגען, ניצכוינעס און דורכפֿאַלן, לעבן, טויט, כאַכמע, שיינקײַטן — אַלץ, אַפּאַנעם, האָט אויף מיר, אין מײַן דעמלטיקן צושטאַנד, אַזוי געווירקט, צערירט אין מיר אַזויפֿיל סטרונעס, אַז ס׳האָבן אַזש אָפּגעקלונגען טיף אין אונטערבאַוווּסטזײַן, ווי ווײַטע קוילעס און ווידערקוילעס, שורעס, אַנדערע שורעס. מײַנע שורעס. כ׳האָב זיך דעמלט, פֿאַרשטייט זיך, קיין כעזשבן ניט אָפּגעגעבן, אַז אַזוינס קומט פֿאָר. איצט פֿאַרטײַטש איך עס אַזוי. איצט, ווען איך ווייס שוין אַ ביסל, וויאַזוי עס לייענט זיך, ווען עס לייענט זיך געשמאַק, ביז פֿאַרשיקערטקײַט. כ׳האָב צוגעמאַכט דאָס בוך, און די שורעס האָבן זיך שוין ווײַטער געשריבן אַליין. כ׳האָב זיי געשריבן ניט מיט קיין פּען און ניט אויף פּאַפּיר. אין הוילן געדאַנק, אין קאָפּ. און עפּשער מעג מען אויך זאָגן — אין האַרץ.

כ׳האָב, פֿאַרשטייט זיך, געשריבן ניט ווײַל כאַנע אַדעסקי האָט עס מיר געהייסן טאָן, געגעבן מיר די האַסקאָמע זײַנע דערויף. און אַפֿילע ניט ווײַל עס האָבן מיר דאָס געהייסן טאָן די צוויי באַרוועסע ייִנגעלעך מיט די פֿאַרזשאַווערטע צוויי רייפֿן זייערע, אין דרויסן פֿאַרבײַ דער קערניצע.

כ׳מוז עס דערציילן, כאָטש ס׳איז עפּשער אַ נאַרישקײַט. אין איינעם אַ טאָג האָב איך פּלוצעם דערהערט אין דרויסן, לעבן דער קערניצע, אַ באַקאַנטן ניגן, באַקאַנטע ווערטער. כ׳בין צו צום פֿענצטער, צעשפּאַרט די לאָדן, און בין געבליבן פֿאַרגאַפֿט. כ׳בין געשטאַנען און געקוקט דורך דער שפּאַרונע, ווי צוויי ראַשקעווער באַרוועסע ייִנגעלעך קאַטשען מיט אַ פֿאַרבויגן דראָטל צוויי גרויסע פֿאַרזשאַווערטע פֿאַס־רייפֿן, זינגען זיך בעשאַסמײַסע צו מיט צוויי דינע קוויטשענדיקע קעלעכלעך, די פֿלייצקעס די קינדערס דערווײַטערן זיך, פֿונדערווײַטנס הערן זיך שוין נאָר אָפּקלאַנגען די ווידערקוילעס זייערע:

און איך אַליין גאָר באָרוועס זיך,
איך, דער פּוצער שיַיע...

כ׳האָב איבערגעלעבט די זעלבע פרייד, ווי טשעכאָוועס העלד, ווען ער האָט דעם נאָמען זײַנעם, איבער א נאַרישקײַט, דערזען אָפּגעדרוקט אין א צײַטונג. נאָר פרייד איז עס געווען. כ׳לעבן, ס׳איז געווען. ריינע פרייד. ערשטע פרייד.

וועגן וואָס האָב איך געשריבן? ניט וועגן אייגענעם צושטאַנד, פאַרשטייט זיך. כ׳האָב נאָך דעמאָלט ניט געקאָנט וויסן, אַז שרײַבן, אין די הונדערטער אויפאַנים. איז אומעטום קוידעמקאָל ווידע. און דורך אָט דער אייגענער ווידע עפּעס וואָרענען דער וועלט, ניט לאָזן זי איבערכאַזערן דײַנע צי דעם העלד דײַנעמס גרײַזן, אונטערזאָגן איר דײַנע צי דעם העלד דײַנעמס האצלאָכעס — גראָב גערעדט. דערציילן וועגן דײַן ווײַטער און זאָגן דעם, וואָס הערט: ווײַטער! גראָב גערעדט.

כ׳האָב מיסטאַמע געשריבן לעפּיש און נאַיִוו (כ׳זאָג ערשט קוים „מיסטאַמע”). אָנהייבעריש. אפילו נאָך ערעוו־אָנהייבעריש. כ׳געדענק קיין איין שורע ניט. כ׳האָב די שורעס ניט אופגעשריבן. די, וואָס כ׳האָב יאָ אופגעשריבן — דערנאָך צעריסן. ס׳וואָלט איצטער גראָדע טשיקאַווע געווען א קוק צו געבן. ווען עמעצער געפינט פּלוצעם אין שפּעטע יאָרן ארום דאָס ערשטע שול־העפטל זײַנס, ווי ער האָט געדראַקעט רעדעלעך און פּאַסיקלעך, וואָלט עס דען ניט געהייסן באַ אים קיין געפונענער אוצער?

א זאַך מײַנע, געדענק איך, האָב איך אָנגערופן „אויגן”. אזא אַנטימילכאָמע־מאָנאָלאָג אין גראַמען. דאָס וואָרט מילכאָמע האָט שוין דעמאָלט, פּונקט ווי פאַר דעמאָלט און פּונקט ווי נאָך דעמאָלט, געשוועבט ארום־און־ארום אין דער לופט, ווי די אייביקע קלאָלע, וואָס גייט נאָך דעם מענטשן נאָך פון אָדאַמס און קאַיִנס צײַטן. א מאָנאָלאָג — א געשריי פון א סאָלדאַט, וואָס האָט אין די אָקאָפּעס פאַרלוירן די אויגן און האָט ערשט איצט, בלינד ווערנדיק, אָנגעהויבן זען.

כ׳האָב אָנגעשריבן א ליד וועגן מײַן מומע איטעס טויט. א לאַנגע טרויעריקע ליד, געדענק איך, אין נוסעך פון די לידער, וואָס בעטלער זינגען אין די הויפן. כ׳האָב דער ליד געגעבן א שיינעם נאָמען: פאָלקס־באַלאַדע. מײַן מומע איטע האָט ניט כאַסענע געהאַט, געשטאָרבן יונג אַן אַלטע מויד. זי האָט געוווינט מיט דער באָבע יענטען אין א נידעריק שטיבל, אזא נידעריקס, אַז די קליינינקע באָבע יענטע האָט שיר ניט אָנגערירט מיטן קאָפּ די סטעליע. אויבן אין א ווינקעלע איז, ווי אַן איקאָנע, געהאַנגען דער מומע איטעס מיידלשער שפּיגל מיט די פאַרזשאַווערטע פלעקן. געהאַנגען אַזוי איבערגעבויגן, אַז איך האָב זיך אין אים שטענדיק אָנגעזען מיט די פיס ארויף. דער באָבע יענטעס קיד־פּענצטערל איז אַרוֹיסגעגאַנגען אין א שטאַל, וואָס א גוטער שאָכן האָט דאָרט, נאָכן זיידע זוסיעס טויט, אוועקגעשטעלט. און די גאַנצע „פּאַנאָראַמע” דער באָבע יענטעס און דער מומע איטעס איז באַשטאַנען פון א לאַנגער קאָרעטע און א פּעדרישן הינטן, וואָס שטייט און באַלעגעט גלײַך אַף די טאַפּליעס ארויף. די מומע איטע האָט ליב געהאַט צו לייענען שאָמערס ביכלעך. זי האָט, אפאָנעם, אין זיי געפונען א פּונק פון האָפענונג, אַז אַף דער וועלט קאָנען געשען ניסים, פון א פּאַסטעך קאָן ווערן א קייסער, פון א קאַפּצן אַן אוישער — פון קליין צו דער קרוין. נאָכן זיידן זוסיעס טויט פלעגן די באָבע יענטע און די מומע איטע זיצןביידע אײַנגעהויקערטע איבער א זיפּל, פליקן נעגידישע פעדערן, ווײַסע גרינגע פעדערלעך פלעגן אומפליען אין שטיבל, ווי שניילעלעך, צודעקן זייערע ביידנס קעפּ, און די באָבע יענטע מיט דער מומע איטען האָבן ביידע אויסגעזען, ווי אלצײַנע ווײַסע מײַסעדיקע אַלטיטשקע. די מומע איז געשטאָרבן אין ראַשקעווער „קאַזיאָנע” שפּיטאָל פון טיף. מ׳האָט זי אַרויסגעגעבן אין א פאַרקלאַפּטן קאַסטן, א פאַרשמירטן מיט סמאָלע און באַשפּריצטן מיט קאַרבאָלקע. קיינער האָט זיך צום מעס ניט געטאָרט צורירן. אַף דער לעווײַע האָט דער טאַטע מײַנער איינער אַליין געטראָגן דעם קאַסטן אַף די פּלייצעס, און די אייגענע זײַנען געגאַנגען פונהינטן, ווײַטער א ביסל. דער טאַטע האָט געשפּאַנט אַן אײַנגעבויגענער, מיטן קאַסטן אַף די פּלייצעס, באַרג־ארויף צום בעסוילעם, ווי אַליין דער געקרייציקטער מיטן שווערן ציילעם אַף זיך. באַלד וועט ער זיך אויבן אַליין צום ציילעם צונעגלען.

כ׳האָב אָנגעשריבן א ליד וועגן אונדזער גרויס אויסגעבענקט לאַנד, וואָס ליגט אזוי נאָענט, באַלד אַף יענער זײַט דניעסטער, באַ דער האַנט, און איז איבער שלעכטע מענטשן, וואָס האָבן דעם דניעסטער א נאָמען געגעבן גרענעץ, אזוי ווײַט פון אונדז.

און כ׳האָב אָנגעשריבן א ליד וועגן א ליב מיידל. דאָס מיידל איז אוועק פון טאַטע־מאַמע, אוועק פון גימנאַזיעס און ווילטיק, ארויסגעריסן פון זיך דאָס אייגענע האַרץ און

טראָגט עס אַף דער האַנט, ווי אַ פלאַקער־פײַערל, געקריוודעטע און פאַרשטויסענע. כ'האָב דעם מיידל אויסגעדריקט אַלע בענקשאַפטן און אַלע צאַרטקייטן, וואָס כ'האָב דעמלט אין זיך פאַרמאָגט. דאָס מיידל איז געווען ניט ציײַטל, איבער ווען כ'בין בא דרײַצן יאָר אַזש קראַנק געוואָרן פאַר ליבשאַפט. ניט זשעניע, לעבן וועמען כ'בין אין איין קורצן זומער אויס־געוואַקסן אַף עטלעכע יאָר. און ניט אַפילו מאַליע — די אויסגעכאַלעמטע, עפשער גאָר אויסגעטראַכטע פאַרשוווּנדנגעוואָרענע דולצינייע מײַנע.

ווער זשע איז דאָס מיידל געווען?

4

פייגע שפּרינצס ביאָגראַפיע:

דערווײַל נאָך גאָר אַ קורצע. ס'וועלן דערווײַל קלעקן וועגן איר ניט מער ווי עטלעכע שורעס. אין אַ דאָרף האָט געלעבט אַ ייִד מיט זײַן ווײַב און מיט דרײַ מיידלעך זייערע. אַ ייִד אַ גוואַר. און, ווי עס מאַכט זיך אַמאָל, ווײַסט מען וויל, אַז גראָד אַ גוטער שווימער ווערט דערטרונקען, אַזוי טרעפט אַמאָל, אַז גראָד אַ מענטש אַ גוואַר שטאַרבט פאַר דער צײַט, ניט מיט זײַן טויט. אין אַ באַנאַכט זײַנען צום דאָרפס־ייִדן אין שטוב אַרײַן גאַזלאָנים באַראַבעווען אים. ער האָט זיך קעגנגעשטעלט, און די גאַזלאָנים האָבן אים דערהאַרגעט. נאָך אַ קליין שטיקל צײַט איז פאַר צאַר געגאַנגען פון דער וועלט דעם דאָרפס־ייִדנס ווײַב. די דרײַ יעסוימים און דאָס איבערגעבליבענע ביסל באַלעבאַטישקייט האָבן ראַשקעווער קרויווים צעשטעלט צווישן זיך. פייגע איז צווישן די שוועסטער געווען די סאַמע קלענסטע.

זי האָט זיך אופגעהאָדעוועט בא אַ באָבען, דערנאָך בא אַ מומען, דערנאָך בא אַ צווייי־טער מומען, דערנאָך בא דער עלטסטער שוועסטער, וואָס האָט שוין דעמלט געהאַט כאַסענע געהאַט. זי האָט זיך אַזויפיל אָנגעפּלאַגט און אַזויפיל אָנגעקלאָגט, אַז ס'וואָלט ניט געקלעקט וועגן דעם קיין טויזנטער שורעס. נאָר אַזוי דאַפקע, אין אַזאַ רומל, האָט זי געענדיקט די ראַשקעווער פיר קלאַסן גימנאַזיע, די „שקאָלע־מעדיע‟, ווי ס'האָט דעמלט געהייסן. אַזוי האָט זי זיך אָנגעדונגען אַ בעטל ערגעץ בא אַן אַלטער ייִדענע, געשפּײַזט זיך פון אַרײַנגיין צוהעלפן באַם לערנען קינדער מיט שווערע קעפּלעך, וואָס האָבן, כוץ דעם לערער אין שול, ערשט געדאַרפט האָבן אין דער היים אַ „רעפּעטיטאָרן‟. און אַזוי איז זי פּאַוואָלינקע דער־גאַנגען צו אונדזער קאָמפּאַניע.

פייגע שפּרינצס אויסזען:

פונוואַנען האָט זיך צו אַזאַ אָנגעבידעוועט מיידל, קאָן מען זאָגן, געגומען אַזויפיל כיין, אַזויפיל העלקײַט, אַזויפיל רייץ, אַזאַ צוציִענדיקע מיידלשקײַט? ס'האָט געשמעקט פון איר, פלעגט זיך מיר דאַכטן, מיט פריש־אָפּגערעגנטע וואַלד־בלעטלעך און מיט נאַרוואָס געקאָ־סיטע גראָז. אין איר פּאָנעם האָב איך געזען אַ געמיש פון דאָרפישער פּראָסטקײַט און קליינשטעטלדיקער טמימעס. זי האָט פאַרמאָגט גלאַטע שוואַרצע האָר, די האָר טאָמיד גע־טראָגן צעקעמט, צעפּלאָן אַף אירע ביידע אַקסלען. אַ מויל האָט זי געהאַט אַ ברייטלעכס, ליפּן — גראָבלעכע, די ציין — פון עפּעס אַזאַ באַזונדער מין ווײַסקײַט. פון אירע אויגן, שטענדיק פײַכטלעכע, בלישטשענדיקע, האָט טאָמיד אַרויסגעקוקט אי כידעש, אי גוטסקײַט, אי נײַגער, אי שעמעוודיקײַט. זי איז געווען אַ שיינע? מיר האָט זיך אין יענע טעג מײַנע געדאַכט — די שענסטע, כ'האָב נאָך אַזאַ שיין מיידל ניט געזען.

די אָפּגעבליאַקעוועטע גימנאַזיע־פּאַרמע, וואָס זי פלעגט נאָך אַמאָל אין אַ וואָכנטאָג אָנטאָן, איז געלעגן אַף איר שטאַרק אָפּגעצויגן. זי איז פון דער פּאָרמע אַרויסגעוואַקסן. ס'האָבן זיך אַף אַ העלפט אָפּגעדעקט אירע ביידע קני, ערגעץ אויבן אונטער דער פּאַכווע האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן אַ געפּלאַצטע נאָט. זי פלעגט מערער טראָגן אַ ווײַס קאָפּטעלע אָן אַרבל. די נאַקעטע הענט אירע זײַנען געווען אָפּגעברענט, האָבן געגלאַנצט מיט אַ שוואַרץ־ברוינלעכן שפּיגלדיקן גלאַנץ, ווי דאָס פּאָנעם אירס, ווי איר אָפּגעברענטער האַלדז, אַרײַנגערעמלט אין ווײַסן אויסשניט פון איר קאָפּטעלע.

און זי האָט כוץ אַלעמען פאַרמאָגט עפּעס אַ באַזונדערן שמייכל. אַ שמייכל, וואָס מע קאָן אים גאָר ניט אָנמאָלן. אַז זי האָט אַ שמייכל געטאָן, האָב איך קיינמאָל ניט געוווּסט, צי עס שמייכלען אַזוי די אויגן אירע, דאָס ברייטלעכע מויל, די גראָבלעכע ליפּן, דאָס גאַנצע פּאָנעם אירס, די האָר אַף אירע אַקסלען, דער האַלדז, די הענט, צי גאָר עפּעס אַזוינס, וואָס

שוועבט ערגעץ לעבן איר, ארום איר, און ביז עס צעשמייכלט זיך ניט, זעט מען עס גאָר ניט אָן און עס האָט גאָר קיין נאָמען ניט.

פייגע שפּרינצס צערטלעכקייט:

צערטלעכקייט, צי גוטסקייט. ביידע ווערטער זײַנען דעמלט צווישן אונדז ניט געווען אין דער מאָדע. מ׳האָט מערער געכאָוועט אין זיך פאַרהאַרטעוועטקייט, שטעכיקייט, קעגנגערישקייט. דער וועלט מיט אירע אַלע קרומקייטן און אוולעס האָבן קויעך קעגנצושטעלן זיך, קאָנען דערוויַיל די אַלטע וועלט צעשטערן. דאָס, וואָס מע רופט אָן צאַרטקייטן, האָט מען דערוויַיל געטראָגן אין זיך ערגעץ אין פאַרבאָרגענע נעשאָמע־ווינקעלעך, געהאַלטן באַהאַלטן פאַר יענער גליקלעכער צייַט, ווען מע וועט אַלצדינג דאַרפן אָנהייבן אופשטעלן פונסנייַ.

זי האָט פאַרמאָגט אַזויפיל, אַז ס׳איז אַזש אַריבער איבער די ברעגעס, אַרויסגעכלינעט פון די פאַרבאָרגענישן. אַקוראַט, ווי די מיידלשקייט אירע האָט פון דער ענג געוואָרענער גימנאַזיע־פאָרמע אַרויסגעשפּאַרט דורך געפלאַצטע נעט.

זי פלעגט מיט מיר זיצן שאָענלאַנג און מיך טרייסטן מיט רייד. כ׳האָב קיין איין מאָל ניט געהערט פון איר קיין הארב וואָרט. ס׳האָט זי ניט געאַרט מײַנע אויסטערלישקייטן. איך האָב אַליין ניט געקאָנט ליַידן מײַן אָפּגעלאָזנקייט, מײַן צעטראָגנקייט, מײַן צעיאָטערן די אומגעלומפּערטע לאַגע מײַנע נאָך מערער ווי זי איז. זי האָט אין די אַלע כעסרוינעס אויסגעטײַטשט מײַלעס. אַז ס׳איז מיך אַמאָל פּלוצעם באַפאַלן אַ שוויַיגעניש, איז זי אויך געבליבן זיצן אַנטקעגן מיר אָן רייד, געצערטלט מיך נאָר מיטן בליק, ווי זי וואָלט געזעסן לעבן, כאָלילע, אַ קראַנקן, וואָס מע דאַרף היילן מיט הוילער שטילקייט, מיט הוילער באַרויִקטקייט אין בליק, אַז ער וועט ווערן געזונט.

אין די שאָען, ווען מיר האָבן איינעם געלייענט, — איך האָב פאַרגעלייענט אַף אַ קאָל, און זי האָט געהערט, — האָבן מיך געצערטלט אירע שטענדיק פייכטלעכע, בלישטשענדיקע אויגן. אַרום איר פּאָנעם האָט היספּײַלעסדיק געשוועבט דער באַזונדערער שמייכל אירער. ניט אַזוי פון דעם, וואָס איך לייען, ווי דערפון, וואָס דאָס קאָל מײַנס קלינגט בײַסן לייענען אופגעהייטערט, דערפון, וואָס איך אַליין בין ניספּאָעל פון דעם, וואָס איך לייען.

אַז כ׳האָב איר צום ערשטן מאָל איבערגעלייענט אָן אייגענע ליד מײַנע, וואָס איז נאָך מינאַסטאַם קיין צוויי צעבראָכענע גראָשנס ניט ווערט געווען, האָבן זיך די אויגן אירע אָנגעגאָסן, ס׳האָט אַ שפּיל געטאָן אין זיי אי כידעש, אי נײַגער, אי שעמעוודיקייט, אי גליק. ווי זי וואָלט זויכע געווען, עס זאָל שטיין און פאַרלייענען פאַר איר אָן אייגענע שאַפונג זײַנע לעכאָלאָפּאָכעס דער גרעסטער דיכטער פון דער וועלט.

ווי זאָל איך דאָס אָנרופן, צערטלעכקייט, צי פּאָשעט גוטסקייט?

פייגע שפּרינצס אַנדערשדיקייט:

זי און מאַליע — זיי זײַנען ביידע געווען אינגאַנצן אַנדערע. מאַליע האָט מיך גערופן „ייִנגעלע״, האָט מיך אָנגענומען בא דער האַנט, טאַקע ווי מע נעמט אָן באַם הענטל אַ ייִנגעלע, און מיך נאָכגעפירט נאָך זיך, אַרום צו זיך, אין איר סוידעסדיקער וועלט, וווּהין כ׳האָב געגאַרט — אַף טרעפּלעך. כ׳האָב טאָמיד געוווּסט, אַז זי איז געווען אויבן און איך בין געווען אונטן. די טרעפּלעך צווישן אונדז זײַנען אַף טאָמיד געבליבן. מאַליע איז געווען פול מיט סוידעסדיקייט און האָט די סוידעסדיקייט פאַר מיר ניט געקאָנט אַנטפּלעקן. מאַליע איז געווען הוילער טרוים, הוילער כאָלעם מײַנער. זי האָט מײַן פאַרליבטקייט אין איר אופגענומען, אַפילע צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז זי איז אין מיר אויך פאַרליבט, קעדיי טיפער אַרײַנצײַען מיך אין איר וועלט, קעדיי איך זאָל שטאַרקער ליב האָבן דאָס, וואָס זי האָט ליב. מאַליע האָט מיט איר ראָמאַנטישער אונטערערדישקייט געאָטעמט, ליב געהאַט מיט רעמאָזימדיקן סאָד אָפּט ריידן וועגן דעם, אין אירע אונטערערדישע טועכצן געטונקען זיך, אויסגעלעבט זיך אין זיי אַלע שאָען און אַלע רעגעס פון איר גאַנצן מעסלעס. מאַליע איז אַליין געווען סאַמע טרוים, סאַמע כאָלעם. און איז ווי אַ שיינער אויסגעטרוימטער כאָלעם מײַנער גיך פאַרשוווּנדן און איבערגעלאָזט נאָך זיך הוילע בענקעניש, הוילן נאָך־כאָלעם.

זי, פייגע, איז געווען פּראָסטער, ערדישער. זי צו מיר איז אַראָפּגעקומען אַף טרעפּלעך — אַראָפּגעקומען צו מײַן דעמלטיקער פאַרלוירנקייט און אַראָפּגעפאַלנקייט. זי האָט זיך אָנגעבויגן צו דער ערד, אַף אירע נאַקעטע קני, ווי מע בייגט זיך אָן אין דאַרף אַף די קני צעבלאָזן אַ פאַרדושעטע פײַערל, און האָט דאָס פלאַקער־פײַערל מײַנס צוריק צעברענט. זי מיך האָט דעם ערשטן צוריק אַרופגעשטופּט אַף די טרעפּלעך, זי האָט זיך געצויגן צו מיר, ווי אַ פרימאָרגנדיק־צעעפנטע זונרויז. זי איז אַרײַנגעקומען אין מײַן וועלט, און מײַן וועלט איז געוואָרן איר וועלט. זי האָט פריִער ניט געוואָרט אַף מײַן פאַרליבטקייט אין איר, קעדיי דערנאָך צושאָקלען מיטן קאָפּ, אַז זי איז אין מיר אויך פאַרליבט. מיר האָבן וועגן דעם

קיין סאך רייד קיינמאָל ניט גערעדט. ס'איז פּאָרגעקומען פּראָסטער — אָן רייד. אין אירע אונטערערדישע טועכצן האָט זי זיך ניט ליב געהאַט צו שפּיגלען, זי האָט זיי אויך געטאָן פּראָסט, אָן היכע ווערטער, אָן רייד. זי האָט צעפלאַקערט אין מיר דאָס פּײַערל, וואָס מע רופט אָן „שרײַבן", געוואָרעמט מיך דערבײַ, ווי בא וואָרעמקײַט פון זון. זי האָט אין מיר געשטילט די איבערגעבליבענע נאָכבענקענישן נאָכן אוועקגעפלויגענעם מאַליע־כאַלעם. סטאַם בענקעניש, סטאַם כאַלעם האָט זי פאַרוואַנדלט אין פּראָסטער, ערדישער וואָר.

זי און מאַליע. זי לעבן מאַליען. זי אַנטקעגן מאַליען. ביידע — גאָר־גאָר פאַרשיידענע. מאַליע איז געוועזן פאַראיאָרן, מיט א גאַנץ יאָר צוריק. זי איז געוועזן איצט, אין א יאָר אַרום.

פייגע שפּרינצעס רייד:

ביכלאַל האָט זי ניט ליב געהאַט קיין סאך צו ריידן. זי האָט מערער ליב געהאַט צו הערן. אין אונדזערע לאַנגע שמועסן בין איך געווען דער ריידער. זי פלעגט נאָר אַרײַנשטעלן אַמאָל א וואָרט, עפּעס אַמאָל א פרעג טאָן, אַרײַנוואַרפן אין שמועס אונדזערן א נײַעם פונק, קעדיי דער שמועס זאָל זיך ניט אָפּקילן און זאָל האַלטן ווײַטער. כ'האָב נאָך ביז דעמלט אַזא גוטע אויסהערערן ניט געהאַט באַגעגנט (הײַנט קאָן איך זאָגן, אַז זי איז געווען צווישן די געציילטע דרײַ גוטע אויסהערערנס מײַנע, וואָס כ'האָב פאַרמאָגט אין מײַן לעבן).

א קאָל האָט זי דאָפּקע געהאַט א ביסעלע א גראָבלעכס, אַפילע מיט אַזא ווייכער הייזעריקלעכקײַט אין די טענער. און מיר פלעגט זיך שטענדיק אויסדאַכטן, אַז אַלע רייד, וואָס זי ברענגט אַמאָל אַרויס מיטן דאָזיקן ברייטלעכן, ווייך־הייזעריקלעכן קאָל אירן, זײַנען ניט גלאַט קיין רייד, נאָר א מין באַזונדער געזאַנג, ווי באַנאַל אָט די אויסדאַכטעניש זאָל הײַנט עמעצן ניט קלינגען —

זי האָט מיך אויסגעהערט דערציילן וועגן אַלצדינג, וואָס כ'האָב ביז דעמלט אין זיך אײַנגעזאַפּט. וועגן יעדער מינדסטער פּאַסירונג, וואָס האָט מיט מיר דעמלט פּאַסירט. אַלץ, פאַרשטייט זיך, וועגן מאַליען, וועגן טשערנאָוויץ. און דעריקער, פאַרשטייט זיך, וועגן די איבערלעבענישן און איבערטראַכטענישן אין די לעצטע פּאָר כאַדאָשים. כ'האָב דערציילט וועגן זיך. כ'האָב זיך פאַר איר געפעסטעט, קאָן מען זאָגן, מיט אייגענע איבערלעבענישן, ווי מע פעסטעט זיך אַזוי אַמאָל פאַרן סאַמע נאָענטסטן מענטשן, ווײַל מע ווייסט, אַז איבערלעבענישן דײַנע טוען אים ווי פונקט ווי דיר.

איינמאָל, געדענק איך, האָט זי מיר פּלוצעם א זאָג געטאָן:

— ווייסט, קיינער וועט דיך קיינמאָל אַזוי ניט פאַרשטיין, ווי דו אַליין פאַרשטייסט זיך.

— דו אויך ניט? — האָב איך געפרעגט.

— איך? ניין. איך אויך ניט.

— און וויאַזוי פאַרשטיי איך זיך, גוט, צי ניט גוט?

— זיך פאַרשטייסטו גוט, בעסער ווי א צווייטן.

זי איז אַזש רויט געוואָרן. דאָס ערשטע מאָל, אַז זי האָט מיר פאַרגעוואָרפן כעסרוינעס. זי האָט אָבער אין דעם אויך ניט געזען קיין כיסאָרן. זי איז רויט געוואָרן, ווײַל זי האָט, אַפּאַנעם, א טראַכט געטאָן, אַז איך קאָן עס שלעכט אויסטײַטשן. זי האָט באַלד צוגעגעבן:

— נאָר ווען מע פאַרשטייט זיך אַזוי גוט, קאָן מען דערנאָך גוט פאַרשטיין אַנדערע.

זי האָט דאַסמאָל צערעדט זיך מערער ווי טאָמיד:

— און נאָך עפּעס וויל איך דיר זאָגן. מאָן בא קיינעם ניט מערער צוטרוי, וויפל דו אַליין האָסט צו זיך.

— וויאַזוי דאַרף מען דאָס פאַרשטיין?

— פּאָשעט. האָב צו זיך צוטרוי. גלייב אין זיך. ווייס, אַז אַלץ, וואָס דו האָסט ביז איצט געטאָן, האָסטו געטאָן ערלעך. פיל זיך ניט קלײַן, קלענער ווי דו ביסט. האַלט פון דײַנע קויכעס מערער, וויפל דו האַלטסט. שרעק זיך ניט פאַר דײַנע שוואַכקײַטן, פאַר דער אומבאַהאָלפנקײַט דײַנער, פאַר איבעריקע גריבלענישן, כניקערײַען, אַפילע מעשוגאַסלעך. האָב די אַלע זאַכן ליב אין זיך.

גלייב. ווייס. פיל. שרעק זיך ניט. האָב ליב. זי האָט די אַלע געבאָטן אירע צו מיר אויסגעציילט מיט אַזא זיכערקײַט, ווי זי וואָלט זיי געהאַלטן קעגן מיר אין איר האַנט אויסגעקריצט אַף א טאָוול. זי האָט דערנאָך א לאַך געטאָן:

— יאָ, די אַלע זאַכן, וואָס מיר געפעלן זיי גראַדע אין דיר.

— געפעלן? — האָב איך געפרעגט.

זי האָט, אַפּאַנעם, געמיינט, אַז דאָס וואָרט „געפעלן" איז מיר ווייניק, און האָט געזאָגט:

— אָן געפעלן באַם אָנהייב קען דערנאָך, טראַכט איך, קיין שום ליב האָבן ניט זײַן קיין ערנסטס.

אַף מאַליען האָט זי זיך אַמאָל אַפּילע אַ בייזער געטאָן:

— די דאָזיקע מאַליע פאַרשטיי איך ניט. וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ מיידל? אין וועלכע הימלען איז זי געפלויגן? אַזוי שפּילן זיך מיט געפילן קאָן מען נאָר, אָדער ווען מ'איז פּאָשעט ניט קיין דימענט, אָדער ווען מ'איז ניט קיין אופריכטיקע. הער־הער. דו זאָגסט איר: „מאַליע, ווייסט, מאַליע, כ'וואָלט שטאַרק געוואָלט געבן דיר אַ קוש... איין קוש..." ענטפערט זי דיר: „נו־נו. האָב צײַט, שלאָף. נאָך פּייסעך..." און איר זײַנט ביידע געווען אין איין צימערל, און ס'איז צווישן אײַך ביז דעמלט פאַרגעקומען, זאָגסטו, אַזויפיל הערצלעכע שמועסן, באַגעגענישן. אָדער זי האָט דיך גלאַט ניט ליב געהאַט, אָדער ס'איז געווען שפּיל, זי האָט דיר ניט געענטפערט דאָס, וואָס זי האָט געטראַכט.

אָט די רייד פּייגעס זײַנען, כאַלילע, ניט געווען קיין שום אָנצוהערעניש. פּייגע האָט טאַקע פּאָשעט מאַליען ניט פאַרשטאַנען. זי איז געווען פּראָסטער, ערדישער און נאַטירלע־כער. כ'געדענק אַפּילע ניט, וויאַזוי מיר זײַנען צו אונדזער קושן זיך צוגעקומען. ווען פּינקט־לעך ס'איז געשען און וויאַזוי עס האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס איז פאַרגעקומען אַזוי נאַטיר־לעך און אַזוי אָפּנהאַרציק, ווי ס'וואָלט גאָר קיין באַזונדערער אָנהייב ניט געווען. גלײַך ס'וואָלט זיך ניט אָנגעהויבן, נאָר פאַרגעזעצט. גלײַך דאָס וואָלט פאַרגעקומען צווישן אונדז פריער אויך. גאָר־גאָר פון לאַנג. טאָמיד. פון קינדערוויַז אויף. פון אונדזער געבוירן אָן.

וויַען

1

ראַשקעוו האָט פאַוואָליע אָנגעהויבן שושקען זיך, אַז איציק יעכיעל־אוראַמס עלטער ייִנגל איז דאָ אין שטעטל און באַהאַלט זיך ערגעץ אויס אַף אַ בוידעם. ווער ס'האָט געזאָגט — איציק יעכיעל־אוראַמס ייִנגל, און ווער ס'האָט געזאָגט — רייזל איציק יעכיעל־אוראַמס ייִנגל. ווער ס'האָט געזאָגט — אַף אַ בוידעם, און ווער ס'האָט געזאָגט טאַקע אַזוי ווי ס'איז געווען — אונטן אין אונדזער אונטערשטער שטוב.

די דאָזיקע קלאַנגען האָבן זיך צעטראָגן, אָדער, אַפּאָנעם, איבער שלוימע־אַרן שוסטערס מיידעלעך, אָדער טאַקע איבער מײַנע אייגענע שוועסטערלעך אויך. איינמאָל, אין זייער אַ דושנעם טאָג, האָב איך צעעפנט דאָס פענצטער, וואָס גייט אַרויס אין ליקל, געלאָזט עס נאָר פאַרהאַנגען מיטן הוילן זאַק. די קינדער אונדזערע זײַנען אַראָפּגעקומען אין הויף שפּילן זיך. איין שוועסטערל מײַנס האָט פּלוצעם אַף די שפּיץ פינגערלעך אַרופגעדראַפּעט זיך צום אָפענעם פענצטער, פאַרבויגן אַ שטיקל זאַק, אַרײַנגעשטעקט דאָס קעפּל אינווייניק, און מיך דערזען. זי האָט אַזאַ קוויטשע געטאָן, אַז די קינדער זײַנען זיך אַזש אַלע צעלאָפן. די מאַמע האָט דאָס שוועסטערל מײַנס גוט אָנגעקנײַפּט און גוט אָנגעשאָלטן: זי זאָל שוין אײַנעמען אַ שטומעניש און ניט רעדן אַף קיין הויך קאָל — די גאַנצע גאַס הערט. זי האָט צום קינד אָנגענומען אַן אַנדער גאַנג. אָפּלייקענען וועט זײַן ערגער. זי האָט דערמיט גע־רעדט, ווי מיט אַ פאַרשטאַנדיקן מענטשן. אַזוי און אַזוי, איזן איז עס טאַקע, ווי דעם קינדס אויגן האָבן געזען. נאָר ס'דאַרף זײַן שאַ־שטיל. מע טאָר וועגן דעם קיינעם קיין פּיפּס ניט טאָן. אַניט קאָן נאָך, כאַלילע, קומען אַ גרויסער אומגליק אַף אונדזער גאַנצער שטוב. דאָס שוועסטערל מײַנס איז אַריבערגעגאַנגען אַנטקעגן צו אַ שאַכן אונדזערן, צו בערל ריוועלעס, און האָט דער כאַווערטע אירער, בערל ריוועלעס מיידעלע, מעניעלען, שאַ־שטיל, בעסאָד־סוידעס, געזאָגט די זעלבע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט איר געזאָגט. נאָר מע טאָר וועגן דעם קיינעם קיין פּיפּס ניט טאָן. אַניט קאָן נאָך, כאַלילע, קומען אַ גרויסער אומגליק אַף אונדזער גאַנצער שטוב. מעניעלע האָט די זעלבע ווערטער שאַ־שטיל געזאָגט דער מאַמען און דעם טאַטן אירן. האַקיצער, אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט אין דער הויף־טיר אָנגעקלאַפּט צו מיר בערל ריוועלעס ייִנגל, יאַנקל בערל ריוועלעס, וואָס איז געווען אין מײַנע יאָרן,

עלטער נאָך מיט אַ פּאָר יאָר פון מיר, און האָט זיך, הייסט עס, שוין געדעכנט מײַנער אַ כאַווער.

כ'האָב די טיר ניט געעפנט. יאַנקל האָט זיך ניט געלאָזט, ניט אָפּגעטראָטן, אָנגעקלאַפּט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, און מיר פון יענער זײַט טיר אַ זאָג געטאָן בעזע־האַלאָשן:

— עפן, עפן. ס'איז שוין פאר קיינעם קיין סאָד ניט. איר קענט קיין סודעס ניט האַלטן. ס'איז שוין אַ סאָד פאר גאַנץ בראָד. עפן, וועט זײַן פאר דיר געזינטער!

איך הייב ערשט אָן, באַלד באַם סאָף, קאָן מען זאָגן, אַ נײַע מײַסע, מאַכמעס דער דאָזיקער יאַנקל בערל ריוועלעס, אָדער יאַנקל שעכטמאַן, ווי מיר פלעגן אים רופן, האָט איינײַנעם מיט דער קליאַטשע זייערער, גראָד יענע קליאַטשע, וואָס איז אייביק געשטאַנען אויסגעדרייט מיטן הינטן צו מײַן באָבע יענטעס קיך־פענצטערל און געבאַלעגעט גלײַך אָף די טאַפּליעס אַרוף, זיי ביידע, יאַנקל — אַנטרײַבנדיק, די קליאַטשע — שלעפנדיק דאָס פורל, האָבן מיך באַגלייט אין די לעצטע ראַשקעוועער שאָען מײַנע, געזעגנט זיך מיט מיר די לעצטע, און געבליבן פאַרקריצט אין מײַן זיקאָרן, ווען איך בין אין אַ פינצטערן באַנאַכט אַוועק פונעם שטעטל, דאָס מאָל שוין אָף טאָמיד, אָף אַלע אייביקן, קאָן מען זאָגן.

יאַנקלס טאַטע, בערל ריוועלעס, האָט געוווינט אַנטקעגן אונדז, אויבן אין דער מאַרקגאַס, אַ טיר קעגן אַ טיר. בערל ריוועלעס פלעגט מען אין ראַשקעוו רופן אַי בערל ריוועלעס, אַי בערל דעם בלינדנס. כאָטש דער פאָטער זײַנער, יאַנקלס זיידע, הייסט עס, איז קיינמאָל קיין בלינדער ניט געווען. ראַשקעוועער לייצים פלעגן דערציילן, אַז צוריק מיט יאָרן, דעמלט, ווען ער האָט נאָך געלעבט, פלעגט בערל ריוועלעס פאָטער זיצן אָף די יאַרידן מיט די פיס אונטער זיך, האַלטן באַ דער זײַט אָף דער ערד אַן איבערגעקערטע קוטשמע, פינטלען מיט די צוגעמאַכטע אויגן, ווי אַ בלינדער, צוזינגען זיך דערבײַ, נייגן זיך און בייגן זיך: „באַדאַפּראַסטיע, באַדאַפּראַסטיע". און אַז ער פלעגט אַמאָל דערזען לעבן זיך אַ היימישן מענטשן, פלעגט ער אינמיטן באַדאַפּראַסטיע מאַכן צו אים: „הוילעך, הוילעך!..." נאָר וואָס קאָנען ראַשקעוועער לייצים ניט צונויפשטעלן? אָדער וואָס טוט ניט אַ ראַשקעוועער ייִד צוליב פּאַרנאָסע?

ער אַליין, בערל ריוועלעס, איז געווען אַ ייִד אַ האָרעפּאַשניק, אַ יעגיאָס־קאַפּאַימניק. אַ הויכער, זומער און ווינטער אין שטיוול, טאָמיד מיט אָן אָפּגעשווירענעם גראָוו געוואָרענעם קאָפּ. קיינמאָל האָט מען אים ניט געזען אײַנשטיין אָף אַ פּלאַץ. שטענדיק נאָר געלאָפן, געראַשט, עפּעס געטאָן. ער האָט געהאַלטן אַ פערד־און־וועגעלע, אַליין געמאַכט סעלצערוואַסער צו פאַרקויפן, אויך געפּראַזשעט קערלעך, געבאַקן מאַנדלעך, פלאַדלעך, קנישעס. זומער האָט מען נאָך ווי־ס'איז־ניט־איז געלעבט און געלאַכט: בערל ריוועלעס סעלצערוואַסער האָט געהאַט אַ שעם אין ראַשקעוו. קאַלט ווי אײַז, און פול מיט גראַדן, אַז סע ציפּט אַזש אין דער צונג, ווי ספּירט. ווינטער אָבער, אַז דער „זאַוואָד" פון סעלצערוואַסער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז מען, מעכילע, אַלע גוט געשוואָלן געוואָרן פאר הונגער, איינעם מיט דער שקאַפע אין שטאַל. די מאַמע מײַנע פלעגט זאָגן, אַז מיט אַזאַ ראַשן און מיט אַזאַ האָרעווען וואָלט מען געקאָנט עסן ברויט מיט קוילעטש אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר מיט אַ שמיץ. נאָר מע לעבט אָן געהירן, לעבט מען. מע גיט זיך צופּיל נאָך. מע גיט צופּיל נאָך דער קישקע. אַז ס'איז דאָ — פרעסט מען אוף דעם רעוועך איינעם מיטן קערן. און אַז ס'איז ניטאָ — פוכנעט מען צוואַנציק מאָל אין טאָג אָפּן פּיסק מיט דער צונג אין דרויסן.

בערלס קינדער האָבן זיך געדרייט באַ דער שטוב, געהאָרעוועט איינעם מיט טאַטע־מאַמע. יאַנקל, דער סאַמע עלטסטער צווישן די קינדער, האָט זיך, אַפּאָנעם, אויך צו עפּעס געריסן. ער איז אַליין אַוועק קיין קאָווערעשט, אַ דאָרף ניט ווײַט פון ראַשקעוו, און איז אַליין אַרײַן אין דער קאָווערעשטער דאָרפישער פּאַך־שול, אין דער „שקאָלע־דע־מעסעריע", ווו פויערים־ייִנגלעך, מיינסטנס אָן עלטערן, זײַנען אין דרײַ יאָר צײַט געוואָרן שלאָסער, אָדער קאָוועלס, און ווו מע האָט די שילער, אין אַ מין אינטערנאָט, געגעבן אי עסן, אי אָנטועכץ. זומער אין די פּאָר כאַדאָשים קאַניקולן, האָט יאַנקל געטראָגן אַ טוזשורקע מיט מעשענע קנעפּ, מאַמעש ווי אַ פאַרטיקער גימנאַזיסט. אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער זיך פּאָרען אין „זאַוואָד" זייערן פון סעלצערוואַסער. פּײַלן, לייטן, מײַסטרעווען אַלטע באַלאָנען פון גאַז, אָדער גאָר פּאָשעט אויסזוכן אָפּן בוידעם אַ פאַרזשאַווערט שלעסל און מאַכן דערפון אַ לײַט. שטילערהייט האָט ער זיך אין די פאַרנאַכטן אי געגרויסט מיט די מעשענע קנעפּ אָף דער טוזשורקע, אי מיט די אָנגעקלאַפּטע מאָזאָליעס אָף זײַנע שוואַרצע דלאָניעס, און האָט, פאַרשטייט זיך, ווי אַ שפּעטערדיקער עמעסער אַרבעטער, שטאַרק געקלעפּט זיך צו אונדזער אוילעם. דער אוילעם אונדזערער האָט אָבער גראָד יאַנקלען ניט גאָר געגלייבט,

ניט צוגעלאָזט אים צו זיך גאָר נאָענט. פאַרוואָס — קאָן איך נאָך אַדהײַנט ניט פאַרשטיין. אַזוי זיך, אַפּאָנעם, ווי עס טרעפט, אָן אַ פאַרוואָס.

וואָס זשע הייסט עס? וואָס מיינט ער דערמיט, יאַנקל, „עפּן, וועט זײַן פאַר דיר געזינ־טער?" ער סטראַשעט מיך אַזוי, צי וואָס? כ'האָב די טיר אָפּגעקײַטלט.

יאַנקל איז שטיין געבליבן אַף דער שוועל און אַ פּאָר רגעס גלאַט געקוקט אַף מיר. אַז כ'האָב אים אַ זאָג געטאָן, ער זאָל אַרײַנגיין אינווייניק, איך וויל צומאַכן די טיר, האָט ער מיר געענטפערט בעזע־האָלאַשן:

— זי מעג שוין שטיין אָפן אויך. סײַוויסײַ ווייסט שוין קינד־און־קייט. כ'פאַרשטיי אײַך ניט, כעוורע. אָן אַנדער פּלאַץ אויסצובאַהאַלטן דיך האָט מען שוין ניט געפונען? וואָס שווײַגסטו, האַ?

— כ'שווײַג ניט, — האָב איך געזאָגט, — אַז ס'איז אַזוי, דאַרף עס מיסטאָמע זײַן אַזוי.

— ס'טויג דאָך אָבער ניט.

— פאַרוואָס טויג ניט? אַזוי איז אַמאָל אַפילע גלײַכער. וועמען קאָן אײַנפאַלן, אַז איך בין פונקט דאָ, באַ זיך אין דער היים?

— איר האָט זיך ליב צו קליגלען. מע שפּילט זיך מיט אײַך, האַ? פרעג מײַן מעניעלען, וועט זי דיר זאָגן, וועמען סע קאָן אײַנפאַלן. הער מיך אויס, אַזוי טויג ניט. מע דאַרף עפּעס זען צוטראַכטן.

ס'איז אַראָפּגעקומען דער טאַטע מיט אָן איבערגעשראָקענעם פּאָנעם, ווײַס ווי די וואַנט. יאַנקל האָט דעם שמועס אָנגעהויבן פירן מיט אים. פאַרוואָס ער שווײַגט? ס'איז דאָך ניט קיין קלייניקײַט, רעב איציק, ס'איז דאָך אַן אײַנגעשטעלטע זאַך. דער טאַטע האָט קלאָמ־פּערשט רויק געזאָגט, אַז אין ראַשקעוו איז דאָ פון אַלצדינג — שיקורים, שלעגער, פערד־גאַנאַוויִם, גלאַט פּאַסקודניאַקעס, נאָר קיין מאָסרים, דאַכט זיך אים, איז אין ראַשקעוו ניטאָ. יאַנקל האָט געזאָגט: אַ־אַ, נאָך אַ מין דאָ. ס'דאַרף נאָר צו זיי אָנקומען, וועט מען באַלד זען, אַז זיי זײַנען דאָ. דער טאַטע האָט געזאָגט: וואָס זשע קאָן מען טאָן? יאַנקל האָט צוויי מאָל איבערגעכאַזערט: מע דאַרף עפּעס זען צוטראַכטן, מע דאַרף עפּעס זען צוטראַכטן. אין פענצטער האָט שטיל אָנגעקלאַפּט פײַגע. זי איז אַזש רויט געוואָרן, ווען זי האָט אונדז אַלע דרײַ דערזען אינאיינעם. יאַנקל האָט דערנאָך אַ זאָג געטאָן, אַז ווען ס'איז איצטער ווינטער און דער דניעסטער שטייט, קריגט ער ערגעץ אַ שליטן, נעמט די שקאַפּע זיידעס און טוט מיך באַנאַכט איינס־צוויי אַ שטעל אַריבער אַף יענער זײַט — און געענדיקט. פײַגע איז נאָך אַמאָל רויט געוואָרן און געזאָגט, אַז יאַנקל רעדט נאַרישקײַטן, מאַכט ביכלאַל אָן צופּיל ראַש. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז פונדעסטוועגן, מיינט ער, דאַרף מען עפּעס טאָן. ס'וואָלט עפּשער געווען אַ געדאַנק, כ'זאָל אַף עטלעכע טעג אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַ דאָרף, ער וואָלט דאָ צעעפנט די טירן מיט די פענצטער און זאָלן מענטשן זען, אַז ס'איז דאָ קיינער ניטאָ און קיינער באַהאַלט זיך דאָ ניט אויס. דאָס, וואָס מע רעדט, רעדט מען גלאַט אין דער וועלט אַרײַן, ווי ראַשקעוו האָט אַ טעווע צו רעדן. אַמאָל איז קעגן אַ גאַנעוו אַ מיטל אַ שלאָס און אַמאָל איז גאָר אַ מיטל אָן אָפענע טיר. יאַנקל האָט אַף דעם ווידעראַמאָל דעם טאַטן געענטפערט, אַז מע דאַרף עפּעס זען צוטראַכטן, און פײַגע האָט זיך אַף יאַנקלען אַזש אַ בייזער געטאָן: קיינער דאַרף זיך ניט ערגערן. ס'איז דאָ, ווער עס זאָל טראַכטן. מע וועט די טעג אי עפּעס צוטראַכטן, אי עפּעס טאָן. און מע דאַרף בעסער וועגן דעם קיין סאַך ניט רעדן.

דאָס איז ערשט אַ מײַסע פאַר דער מײַסע. די מײַסע אַליין קומט ערשט.

אין ראַשקעוו האָט געלעבט אַ יונגערמאַן מיטן נאָמען יעכיִעל שטיוולמאַן, אַ פאַרפאַלנ־געוואָרענער טאַלאַנט, פלעגט מען אין שטעטל וועגן אים זאָגן. פון קליינערהייט אָן האָט ער ליב געהאַט צו מאָלן „מענטשעלעך". באַם אָנהייב פלעגט ער מאָלן מיט אַ קויל אַף דער וואַנט, מיט אַ שטיקל קרײַד אַף אַ פּלויט, דערנאָך מיט אַ בלײַפעדער אַף פּאַפּיר, דערנאָך מיט בערשטעלעך אַף שטיקער קאַרטאָן. דער פאָטער זײַנער, כאַים שטיוולמאַן, איז געווען אַ פרומער ייִד, מיט אַ לאַנגער שיינער באָרד, אָן אָפּגעקומענער שטיקל גוויר. פון דער אַמאָליקער גווירעשאַפט איז פאַרבליבן אַ שטוב מיט הויכע פענצטער און מיט אַ גרינעם בלעכענעם דאַך. נאָר די בלעכן אַפן דאַך זײַנען שוין געווען צעלעכערט, צעטראַסקעט און אין קעשענע איז שוין אַפילע ניט געבליבן, מיט וואָס דעם צעבראָכענעם דאַך צו פאַרלאַ־טען. די אַמאָליקע טאַקיפעס און יאַכסאָנעס זײַנען אָבער איבערגעבליבן אינגאַנצן. דער פאָ־טער האָט בעשום־אויפן ניט געלאָזט יעכיִעלן מאָלן. ערשטנס, איז עס ניט קיין ייִדישע זאַך; צווייטנס, איז עס אַ קאַפּצאָנישע זאַך, שמירערײַ, ליידיקגייערײַ, גאָרניט; דריטנס, מײַלע, ווען ס'איז כאָטש פרי׳ער און מע קאָן אים כאָטש טאָן אַ שיק אוועק קיין פּעטערבורג, ס'זאָל

אַרויס פון אים עפעס לײַטישס. אַזוי אָבער, אײַסעך — בעשום־אויפן ניט. יעכיִעל האָט געמאָלט, און דער פאָטער האָט צעריסן. דער פאָטער האָט צעריסן, און יעכיִעל האָט זיך קעגנגעשטעלט. ס'האָט זיך געטאָן כוישעך. דער פאָטער האָט געסטראַשעט, ער וועט יעכיִעלן פאַרטרײַבן פון דער שטוב, ער וועט אים אויסטאָן, ווי די מאַמע האָט אים געהאַט. און יעכעיִל האָט געמאָלט זײַנע מאָלעכצן באַהאַלטענערהייט. אויפן בוידעם, ערגעץ אין אַ כאַרעווער שטאַל, גלאַט אַרויס דער שטאָט, אַף די פעלדער. האַקיצער, ווען מ'האָט די ראַשקעווער גרויסע שול צופאַריכט און איבערגעפאַרבט, האָט יעכיִעל שטיוולמאַן אָנגעמאָלט אינווייניק אַף די ווענט, צווישן די פענצטער אין שול, אַלע צוועלף מאַזאָלעס. אָנגעמאָלט די מאַזאָלעס אַזוי, אַז דאָס גאַנצע שטעטל איז געלאָפן קוקן אַף כידושים. און אָט, נאָך דער דאָזיקער געשיכטע, האָט זיך געענדיקט יעכיִעלס טאַלאַנט און ס'האָט זיך אָנגעהויבן יעכיִעלס מעלאָכע. ראַשקעווער באַלעבאַטים האָבן זיך געריסן איבער יעכיִעלן, ער זאָל קומען און אויסמאָלן זיי די שטיבער. מ'האָט יעכיִעלן אָנגעהויבן זען אומגיין אין גאַס מיט פאַרשפריצטע אויסגעקווייטלטע הויזן, מיט אַ צווייענדיק לייטערל אַף אַן אַקסל, מיט באַרשטן און מיט עמער פאַרב אין די הענט. אַ מאַליער, ווי אַלע מאַליערס, אַ פראָסטער שטוב־מאַליער. דער פאָטער יעכיִעלס איז פאַר ווייטעק גיך געגאַנגען פון דער וועלט. אין דער צײַט האָט יעכיִעל כאַסענע געהאַט פאַר אַן אָרעם מיידל, אַ קרענקלעכע נאָך דערצו. זי האָט אים אָנגעהויבן געבוירן קינדער. ס'לעבן האָט אים גוט פאַרדרייט. שלאָפקײַטן, מאַנגלען, באָרגענישן און לײַענישן. ער איז יונגערהייט געוואָרן סוטולעוואַטע, באַקומען טיפע קאַרבן אין די באַקן, אַ הויכן פליך אַפן קאָפ. ס'האָט אין אים אייביק געוויינט דאָס האַרץ נאָך די פאַרלוירענע יאָרן און נאָכן צעטראָטענעם טאַלאַנט. דער טאַלאַנט אָבער, אַפּאָנעם, אין אים האָט זיך ניט געלאָזט, געריסן שטיקער, געמאָנט זײַנס. אַז ס'איז יעכיִעלן באַפאַלן אַ ציִעניש, ווי אַ מין שיקרעס, לעהאַוודל, פלעגט ער אַף די ווענט אין די הײַזער, ווו ער האָט געהאַט אַ שטיקל מאַליערײַ־אַרבעט, אַפן אָרט פון געוויינלעכע טראַפאַרעטן אויסקאַנטלען רעמלעך און מיט די אייגענע פינגער, מיט דינע בערשטעלעך צווישן די פינגער, אַרײַנמאָלן אין די רעמלעך אַלץ, וואָס איז געווען באַ אים אין קאָפ און וואָס איז אים געלעגן אַף דער נעשאָמע. אַזאַ שטיקל אַרבעט האָט זיך געקאָנט פאַרציִען באַ אים וואָכנלאַנג. די באַלעבאַטים האָבן זיך געוואָרפן, געגוואַלדעוועט. נאָר ווען דאָס שטיקל אַרבעט איז פאַרטיק געוואָרן, איז ווידער דאָס גאַנצע שטעטל געלאָפן קוקן אַף כידושים. ווער ווייסט, ווען יעכיִעל וואָלט די דאָזיקע מאָלעכצן זײַנע געמאַכט אַף לײַוונטן, צי אַפילע אַף פראָסטע קאַרטאָנען, וואָלטן זיי עפשער הײַנט, אין יאָרן אַרום, דער ווערט געווען אויצרעס...

פייגע שפרינץ האָט, ווי זי האָט עס מיר שפעטער אַליין דערציילט, אָנגעפירט אין ראַשקעוו מיט אַ מאָפר־גרופע. (דערפאַר טאַקע האָט כאַנע אָדעסקי גראָד זי געשיקט צו מיר). איז קיין כידעש ניט, וואָס אַזאַ יעכיִעל שטיוולמאַן איז אויך געווען אין אָט דער גרופע. און ס'איז קיין כידעש ניט, וואָס פייגען איז דעמלט אײַנגעפאַלן אַ רעד צו טאָן וועגן מיר מיטן דאָזיקן יעכיִעל שטיוולמאַנען.

יעכיִעל שטיוולמאַן האָט אין יענעם זומער אָנגענומען אַ שטיקל אַרבעט אין דאָרף שינשעוץ, באַ אַ שינשעוצער ייִדן, אַ טוווע־סויכער; אַזש גאַנצע זעקס צימערן אויסצומאָלן. אַלע זונטיק פאַרטאָג פלעגט קומען נאָך יעכיִעלן אַ פורל, נעמען אים קיין שענשעוץ, און פרײַטיק פאַרנאַכט, צו ליכט־בענטשן, אָפברענגען אים אַהיים. יעכיִעל האָט געוווינט אויבן אַפן באַרג; דאָס ערשטע שטיבל, ווען מע פאָרט אַרײַן אין שטעטל; אַ שטיבל, אָפגעשמירט אין דרויסן מיט הוילער ליים.

ס'איז אין יענעם זונטיק קאַיאָר, געדענק איך, נאָך געווען אַזוי טונקל, אַז אין שטוב באַ יעכיִעל שטיוולמאַנען האָט נאָך געברענט אַ לעמפל. יעכיִעל האָט מיר באַלד פאָרנט, אין פירהויז, געגעבן אָנטאָן אַ פאָר אַלטע מאַליערישע הויזן זײַנע. דאָס ווײַב יעכיִעלס, פערל, האָט זיך שוין אומגעדרייט אין שטוב, אומגעדרייט זיך אַף די שפיץ פינגער, גרינג און שטיל, ווי אַ טויב. אַזאַ קליינינקע און אַזאַ גרינגינקע, אַז ס'וואָלט עפשער גלײַכער געווען צו זאָגן: גרינג און שטיל, ווי אַ פייגעלע, אַ כוילע פייגעלע, וואָס טענצלט אום מיט די דינינקע פיסעלעך אַף דער ערד, און האָט נעבעך, קיין קויעך ניט אַ פלי צו טאָן.

פערל איז צוגעקומען צו מיר, אַ בייג געטאָן דעם קאָפ אַ ביסל אין אַ זײַט, מיך באַטראַכט, און דאָס פאָנעם אירס האָט, דאַכט זיך, האַנאָעדיק אַ שײַן געטאָן. זי האָט מיט דער האַנאָעדיקײַט אי געוויזן, אַז איך זע איר אויס קאָמיש אין אָ־די האַרטע מאַליערישע הויזן, אי געזאָגט מיר מיט איר, אַז אויב איציק יעכיִעל־אַווראָמס באָכער האָט געפויעלט באַ זיך ווערן אַ מאַליער־געזעל, איז עס דער בעסטער סימען, אַז דאָס פאַרשריגענע מאַליער־פאַך איז שוין גאָרניט אַף אַרויסצוואַרפן.

אין שינשעוץ זײַנען מיר אײנײנעם מיט יעכיעלן די גאנצע וואָך געשלאָפן אין דרויסן, באם טוווע־סויכער אפן לאנגן גאנעק. אינווייניק אין שטוב זײַנען געווען אָנגעשטעלט פושקעס מיט פארב, עמערס מיט קאלך, קליי, אייל, לאנגע בארשטן און קליינע בערשטעלעך. ס׳מעבל אין שטוב איז געשטאנען צונויפגערוקט אין דער מיט, פארדעקט מיט אלטע טישטעכער, צי מיט לײַלעכער. איך, דער געזעל, האָב יעכיעל שטיוולמאנען צוגעגעבן צו דער האנט. כ׳האָב אמאָל ארײַנגעכאפּט פון דער קערניצע אין הויף אַן עמער וואסער, ארופדערלאנגט יעכיעלן אפן לייטערל א פריש־אויסגעוואשן בערשטעלע, אויסגערייניקט א קיילע פון פארטריקנטער פארב. אין הינטערשטע צוויי קלענערע צימערלעך, ווו עס זײַנען דערווײַל נאָר געווען אויסגעווײַסט די סטעליעס און די ווענט נאָר אויסגעפלעקט מיט גיפס־פלעקן, האָט מיך יעכיעל שטיוולמאן אוועקגעשטעלט מיט א בארשט אין דער האנט און מיט אַן עמער זייף־וואסער לעבן זיך, און כ׳האָב מיט דער זייף־וואסער אָנגעזייפט די ווענט, קעדיי די נײַע פאָנען זאָלן זיך דערנאָך ניט אויסמישן מיט די אלטע פאָנען. ער אליין, יעכיעל, איז א גאנצן טאָג געשטאנען אויבן אפן צווייענדיקן לייטערל זײַנעם, געהאלטן דאָס לייטערל צווישן די פיס, געקענט דערמיט, ווען מ׳האָט געדארפט, א שפאן טאָן. ער איז געשטאנען אפן לייטערל אַן אײַנגעהויקערטער, מיט בייז־צעשויבערטע האָר אין בײדע זײַטן פליך. אפן האלדז זײַנעם זײַנען געהאנגען אף שטריקלעך סלאָיקלעך מיט פארב, אין דער לינקער האנט האָט ער געהאלטן צווישן די פינגער עטלעכע בערשטעלעך און מיט דער רעכטער האנט האָט ער, יעדעס מאָל מיט אַן אנדער בערשטעלע, ארײַנגעמאָלט אין די אויסגעקענטלטע רעמלעך אף דער וואנט שורעס ברייט־צעצווײַגטע נוסביימער, הויך־געשטרעקטע טאָפאָל־ביימלעך, א זון־פארגאנג אף א שטיק וואלד, שינשעוצער שטיבלעך מיט שטרויענע דעכלעך, געפלאָכטענע פלייטלעך מיט ערדענע קריגלעך אָנגעטאָן אף די פלויטלעך. דער באלעבאָס, דער טוווע־סויכער, א נידעריקער און קײַלעכדיקער, מיט א רויט פאָנעם אָן ברעמען, איז געשטאנען אונטן הינטער יעכיעלן און שטילערהייט געלעקט זיך די פינגער, געקוועלט. נאָר זאָגן עס יעכיעלן אף א קאָל האָט ער זיך ניט פארגונען. פארקערט, ער האָט אלע מאָל א דריי געטאָן מיט דער נאָז און געטײַנעט, אַז די מאָלערײַ יעכיעלס טויג ניט. וואָס מאָלט ער אים אָן אף די ווענט אזוינע זאכן, וואָס ער האָט זיי דורכן פענצטער אומזיסט א קײַלעכדיק יאָר? זאָל אים יעכיעל אוועקשטעלן אויבנאָן עפעס א יידישע זאך אויך. אשטייגער — א כאנעקע־לעמפל, א פאָרויכעסל מיט קוטעסלעך, צי עפעס אנדערש, אזעלכס, ס׳זאָל רעדן ווערטער. ניט אזוי האָבן זיי זיך אײַנפארשטאנען און ניט אזוי האָבן זיי פריער אויסגענומען. און יעכיעל האָט זיך קיין סאך ניט געשפארט. ער האָט צווישן די שיינע פייזאזשן זײַנע אין די רעמלעך ארײַנגעמאָלט אין א רעמל א שיין־אויסגעשניצט כאנעקע־לעמפל, האָט אין די ווינקלען צווישן די ווענט אראָפגעלאָזט לאנגע געפלאָכטענע קוטעסן מיט רויטע טראָלדן אונטן. צוויי צימערן זײַנען שוין געווען געענדיקט. זיי האָבן אויסגעזען, ווי צוויי זאלן, אף אַן אויסשטעלונג, באהאנגען ארום און ארום מיט בילדער אין רעמלעך. יעכיעלס מאָלעכצן, פארשטיי איך, זײַנען מיסטאָמע געווען פרימיטיוולעך־נאַיוו, קינדיש, צו העל־פארביק און צו שרײַענדיק. טויזנטער קינדער אונדזערע, אין אלע אונדזערע קינדערגאָרטנס, מאָלן הײַנט אזוי. און גראָדע דערפאר טאקע זאָג איך: ווער ווייסט, ווען יעכיעל זאָל דעמלט די מאָלעכצן זײַנע געווען אָנמאָלן אף לײַוונטן, צי עפשער אף פראָסטע קארטאָנען, וואָלטן זיי עפשער הײַנט, אין יאָרן ארום, ווערט געווען אויצרעס...

געגעסן האָבן מיר אײנײנעם מיט יעכיעלן אין דרויסן אפן גאנעק, צי אין שטוב אפן פאָל. יעכיעל פלעגט מיך שיקן קויפן א שטיקל קאָלבאַס, א ברויטל, עטלעכע ציבעלעס. א איבעלע פלעגט ער קיינמאָל ניט צעשנײַדן, נאָר צעקלאַפן מיט דער האנט. פארקערט, ס׳ריפטל ברויט האָט ער ליב געהאט צו האלטן לאנג אין דער זשמעניע, מיטן מעסערל אלע מאָל אָפשנײַדן דערפון קליינע פירעקעכיקע שטיקלעך, ארײַנלייגן זיי מיטן מעסערל אין מויל, געקײַט פאמעלעך, מיד, מיט האנאָע, ווי נאָך א גוטער באָד. נאָכן עסן פלעגט ער ליב האָבן בלײַבן זיצן א ביסל אזוי אפן פאָל און כאפן מיט מיר א וואָרט, „בענטשן" נאָכן עסן, ווי ער האָט עס אָנגערופן. פונדערווײַטן, דורך דער אָפענער טיר, פלעגט ער א קוק טאָן אף די צוויי אויסגעמאָלטע צימערן, שאָקלען מיטן קאָפ און צוקרעכצן:

— אײַ, וואָס טויג עס און ווער דארף עס? אין א פאָר יאָר ארום וועט מען דאָס דאָזיקע מאָלעכץ מײַנס אָנזייפן מיט זייף־וואסער. אלע מאָל באנײַ זיי און באפריש זיי. ס׳איז זיי סקוטשנע, איז זיי. סקוטשנע, נעבעך, אין זעקס צימערן. מאָל אים אָן א כאנעקע־לעמפל, דעם גראָבניונג. וואָס דארף ער א כאנעקע־לעמפל? פרעג אים מיט וואָס מע עסט עס, ווייסט ער?

מיך האָט יעכיעל שטיוולמאן גערופן כאווערל.

— אײַ, כאווערל, ווי מיינסטו, איך וועל נאָך דעם דעמלט דערלעבן? אײַ, ניין. ניט איך

און ניט דער טאַטע דײַנער. מיר וועלן שוין קיין גוטס ניט זען. עפּשער איר, יונגוואַרג, עפּ־שער וועט איר יאָ עפּעס דערלעבן.

— איר זענט דאָך נאָך אַ יונגער מענטש, יעכּיעל.

יעכּיעל האָט זיך צעלאַכט:

— אַ יונגער מענטש... אַ צעבראָכענע קיילע, כּאַווערל. אַ זאָקן אָן איין צאָן אין מויל. יונגערהייט איז געווען וועמען צו בײַסן און ס'איז געווען וואָס אײַנצובײַסן. איצטער איז שוין שפּעט. פּאַרפּאַלן. העלפן העלף איך נאָך יאָ עפּעס אַמאָל צו, מיט וואָס איך קען און מיט וויפל איך קען. צוליב אײַך, צוליבן יונגוואַרג. איך וועל שוין, כּאַווערל דעם גוטן טאָג ניט דער־לעבן.

אַלע גאַנצפּרי פּלעג איך אַרויסלויפן ברענגען אַ צײַטונג. יעכּיעל פּלעגט זי דער ערשטער אַ נעם טאָן אין די הענט, כאַפּן מיט איין אויג אַ קוק, וואָס עס הערט זיך דערווײַל אויף דער וועלט. סאַף וואָך, געדענק איך, דאָנערשטיק, צי עפּשער טאָקע פרײַטיק, מיר האָבן שוין פון שינשעוץ אײַנגיכן געדאַרפט אַהיים פאָרן, האָט מיר יעכּיעל אַ שטופּ געטאָן די צײַטונג אין די אויגן, אַזש ווי דערפרייט זיך:

— טו נאָר אַ קוק, כּאַווערל, אָט שטייט דאָך דאָ וועגן דיר אויך.

אין דער צײַטונג (די דעמלטיקע רומעניש־ צײַטונג „אוניווערסול”) איז געווען אָפּגע־דרוקט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון טשערנאָוויץ, אַז „די טעג איז אין טשערנאָוויץ פאַרגעקומען אַ פּראָצעס איבער אַ גרופּע יוגנטלעכע, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט סובווערסיווער אַנטי־מעלוכישער טעטיקײַט. די און די באַשולדיקטע (אויסגערעכנט נעמען) זײַנען פאַרורטיילט געוואָרן אויף צוויי און אויף דרײַ יאָר טפּיסע. צוויי באַשולדיקטע (מײַן נאָמען און בענעס נאָ־מען) זײַנען פאַרשווונדן פון דער שטאָט. מע וועט זיי מישפּטן שטרענג לויטן געזעץ, ווען זיי וועלן צוגעשטעלט ווערן צום טריבונאַל”.

יעכּיעל שטיוולמאַן האָט אַ קוק געטאָן, ווי כ'האָב זיך איבערגעביטן אויפן פּאָנעם, צוריק־גענומען בײַ מיר די צײַטונג, געדרייט זי אין די הענט אַהין און אַהער און ווי פאַרענטפערט זיך פאַר מיר:

— אוואדע, כּאַווערל, איז אײַך ערגער. איר זיצט אין די טורמעס, מע מוטשעט אײַך און מע פּײַניקט אײַך, מע לאָזט אײַך ניט דערכען. נאָר גלייב מיר, מיר איז אויך ניט זיס. אוי, מוטשע איך זיך אויך. אוי, לײַד איך...

פרײַטיק פאַרנאַכט, ס'איז שוין געווען טונקל, האָט אונדז דאָס שינשעוצער פורל ביידע אַראָפּגעבראַכט אַהיים. ס'האָט געליאַפּעט אַ רעגן, אַ סאַף־זומערדיקער רעגן. אָט האָט ער אויפ־געהערט, אָט האָט ער ווידער אָנגעהויבן גיסן, מיר זײַנען ביידע געוואָרן פּיטש־נאַס. מיך האָט דורכגענומען אַ קעלט, כ'האָב אַזש געציטערט. פּערל, יעכּיעלס ווײַב, איז מיטן קליינעם פענעמל אירן געשטאַנען אין פענצטער, אַרויסגעקוקט אויף יעכּיעלן, ווי זי האָט פאַר דעם, פריִער אַ ביסל, אַרויסגעקוקט אויפן ערשטן שטערן, אָנצורײַבן אַ שוועבעלע און אוועקשטעלן זיך אין אײַנגעקאָרטשעטע, ווי אַ כּוילע פּייגעלע, פּישטשענדיק שעפּטשען מיט די ליפּן, בענטשן ליכט. מיר האָבן אין פירהויז אָפּגעטרייסלט פון זיך די נעץ, אַרומגעווישט זיך, איך האָב אויסגעטאָן די מאַליערישע הויזן, און יעכּיעל האָט מיר געהייסן אַרײַנגיין דערווײַל אין שטוב — זאָל אין דרויסן גוט פינצטער ווערן.

די צוויי ליכט אין די לײַכטער, אויף אַ פאַרשפּרייט טישל אין אַ ווינקל, האָבן געשפּריצט, געקנאַקט, געשריגן גוואַלד, האָט זיך מיר געדאַכט, באַווויזן מיר מיט די אויסגעבויגענע פלעמ־לעך זייערע עטלעכע קוטשעראַווע קעפּלעך, איינס איבערן צווייטן, וואָס האָבן לעבן אַ פאַר־האַנגענער טיר אַרויסגעקוקט פונעם צווייטן צימערל. יעכּיעל איז אַרײַן צו דער „כּאַליאַסטרע” זײַנער, און פּערל איז צוגעקומען צו מיר, ווי אויף די שפּיץ פינגער, און מיט איר שטיל פּישטשענדיק קעלכל מיך געפרעגט:

— נו, ער האָרעוועט זיך נעבעך גוט אָן, מײַנער, ווי אַן אייזל, האַ? אַזאַ לאַנגע וואָך. זי האָט זיך געצויגן, ווי אַ יאָר. און דו וועסט מירטשעם זונטיק ווידעראַמאָל קומען? וועסט ווי־דער מיט אים פאָרן? וועסט, הייסט עס, יאָ קומען?

— ער'ט קומען, ער'ט פאָרן! — איז יעכּיעל אַרויס פון די קינדער אַ צעשײַנטער. גיב בע־סער עפּעס אַרויף אויפן טיש, פּערל. די כּאַליאַסטרע האַלט עס שוין ניט אויס. האָסט עפּעס רעכטס וואָס אַרופצוגעבן, עפּעס אַזוינס, וואָס מע זעט עס גאָר ניט?

אין דרויסן איז דער הימל געווען פאַרכמאַרעט, פינצטער. נאָכן רעגן האָט דאָס שטעטל אויסגעזען אויסגעצוואָגן און צעשויבערט. ס'האָט געשמעקט מיט צעווייקטער ערד, מיט צע־פאַרעטן שטויב, מיט נאַסע און עסעריקע פרײַ־אָסיען־באַנאַכטן. כ'ווייס ניט פאַרוואָס — ס'האָט מיך ווידער אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש. די געסלעך זײַנען געשטאַנען פּוסטע, מ'האָט אין ערגעץ

קיינעם ניט געזען. כ׳האָב געשפּאַנט פּאַוואָליע, שלאַבעריק, קוים געריהרט מיט די פיס. כ׳האָב געטראַכט וועגן יעכיעלן, וועגן יעכיעלס קרעכץ „אוי, לײַד איך״ און כ׳האָב געטראַכט וועגן מײַנע אייגענע קרעכצעניש. די שיינע נײַס אין דער צײַטונג האָט מיך אי געפרייט, אי געשראָקן. געפרייט — זאָל דער אוילעם לייענען און זען, זאָל אַזוינער, וואָס האָט עפּשער געהאַט אַ שטיקל סאָפעק אין מיר, זען מיט די אייגענע אויגן און אַליין בלײַבן צו נאַר. געשראָקן — וואָס זשע וועט איצטער זײַן? די געשיכטע הייבט זיך ערשט נאָכאַמאָל אָן פון עם אָנהייב. ווען זשע וועט זײַן דער סאָף? און וואָס פאַר אַ סאָף וועט עס זײַן? דער טאַטע האָט מינאַסטאַם אַ גאַנצע וואָך צעעפנט, ווי ער האָט געזאָגט, די טירן מיט די פענצטער. מענטשן זאָלן זען, אַז אין שטוב איז קיינער ניטאָ און קיינער באַהאַלט זיך דאָרט ניט אויס. אַ נײַ מיטל קעגן אַ גאַנעוו — אָן אָפענע טיר. אַ שיין מיטל! נו און שינשעוץ, דאָס פאָרן מיט יעכיעלן קיין שינשעוץ — פייגעס מיטל? ס׳האָט מיך ווידער אָנגעכאַפּט אַ ציטערניש. ס׳איז מיך פלוצעם באַפאַלן אַ כיישעק, באַלד ווי כ׳וועל נאָר אַרײַנקומען אין אונדזער פאַרלאָזטער שטוב, אַנידערוואַרפן זיך אָפן געלעגער, אָף דער ערד, און באַלד אַנשלאָפן ווערן. שלאָפן. איבערשלאָפן. כ׳בין געגאַנגען און געטראַכט, אַז איך הייב אָן מיט דער צײַט אײַנגאַנצן ווערן דער טאַטע. באַ די גרעסטע צאָרעס זײַנע פאַלט דער טאַטע אַוועק אַן אויסגעמאַטערטער אָף וואָס־ס׳איז־ניט־איז, און שלאָפט, קרעכצט אויס אין שלאָף זײַנע גרויסע קרעכצענישן. וועט דעם טאַטנס גוירל מיט דער צײַט אויך ווערן מײַן גוירל? וועט מײַן גוירל זײַן ווי יעכיעל שטיוולמאַנס גוירל איז?

איך האָב אָבער אין יענעם פרײַטיק באַנאַכט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט צוגעמאַכט.

2

א וואונדערלעכער פרימאָרגן. נאָך אַזאַ נאַכט אָן שלאָף, אַ נאַכט אין טײַכן שווייס, האָבן די ערשטע שפּריצלעך פרימאָרגן־ליכט, וואָס האָבן פּאַמעלעך אָנגעהויבן אויסשיילן דעם צימער פון דער פינצטערניש, אָפּדעקן די פּאָר אָרעמע זאַכן אין צימער, און טאַקע די זאַכן אַליין, און טאַקע איך צווישן זיי אָף מײַן געלעגער אָף דער ערד, די אַלע נאַכט־זאָרגן און נאַכט־ראַנגלענישן מײַנע, אַלץ האָט איצטער, אין די ערשטע פרימאָרגן־רעגעס, אויסגעזען וואונדערלעך־העל, וואונדערלעך צעשײַנט. אַזעלכע פרימאָרגנס האָב איך שפּעטער אין מײַן לעבן געהאַט ניט ווייניק. מאַכמעס אַזעלכע נעכט האָב איך שפּעטער אין מײַן לעבן געהאַט ניט ווייניק.

א נאַכט צווישן כאָלעם און וואָר. אַ דאָרן האָט ערגעץ ווײַט אין דער פינצטערניש געברענט און געברענט און ניט אויסגעברענט. טיף אין זיך האָב איך געהערט קוילעס. כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט „געשריבן״. דאָס ווײַטע, אייגענע אויסגעשטערנטע סטעזשקעלע, וואָס כ׳האָב פלוצעם דערזען פאַר זיך, איבערלייענענדיק באַ מאַניען און דוצען אָפן דיוואַנדל בערגעלסאָנס „מידאַס־האַדין״ און קולבאַקס „זעלמעניאַנער״, האָב איך איצט ווידעראַמאָל און ווידעראַמאָל אויסגעפּיבערט און אויסגעכאָלעמט. דאָס אויסגעשטערנטע סטעזשקעלע וועט מיך אַרויספירן צום גרויסן וועג, וועט מיך ברענגען צו מענטשן. כ׳וועל אָף אָ־דעם וועג גיין ביזן סאָף פון מײַן לעבן. טו אויס די שיך און בלײַב אין די הוילע זאָקן — ס׳איז אַ הייליק סטעזשקעלע. דאָס וועט זײַן מײַן ווײַטער. כ׳וועל מיטנעמען מיט זיך די בידנע און שטאָלצע קאַפּצאָנים מײַנע. די מומע האָדל און די טאָכטער אירע שיינדל — זאָלן זיי אויך האָבן זייער שטיקל כיילעק אין דער וועלט. דעם קלוגן זיידן זוסיען. דעם טאַטן מיט זײַן אייביקן כאָרכלענדיקן זיפץ. דעם צעטראָטענעם יעכיעל שטיוולמאַנען. כ׳וועל מיטנעמען אָף מײַנע פּלייצעס ראַשקעוו. אַלע געקריוודעטע און פאַרשטויסענע, וואָס כ׳וועל באַגעגענען אָף מײַן וועג. ניין, מײַן גוירל וועט ניט זײַן ניט ווי דעם טאַטנס גוירל און ניט ווי יעכיעל שטיוולמאַנס גוירל איז. וועט מיר פאַר דעם קלעקן קויכעס? אַ נאַכט צווישן כאָלעם און וואָר. כ׳בין געלעגן אײַנגעטונקען אין זיבן שווייסן. כ׳האָב אַ גאַנצע נאַכט „געשריבן״. אַ נאַכט צווישן די צענדליקער נעכט מײַנע, ווען כ׳האָב געפילט אַזוינס, וואָס מע פילט עפּשער נאָר איין מאָל אין יאָר, אין געבוירנטאָג — אַז מ׳איז מיטאַמאָל אי אָף אַ יאָר עלטער געוואָרן, אי אָף אַ יאָר רײַפער געוואָרן. דאָס אויסגעשטערנטע סטעזשקעלע האָט מיר געפינקלט אין דער פינצטערניש פאַר די אויגן, אַוועקגעצויגן זיך ווײַט־ווײַט באַרג־אַרויף, אַ גאַנצע נאַכט, ביז די ערשטע שפּריצלעך פרימאָרגן־ליכט האָבן פּאַמעלעך אויסגעשיילט דעם צימער פון דער פינצטערניש,

און אלצדינג ארום מיר, אלע זעונגען און אלע ראנגלענישן מײַנע, האָבן איצט, אין די ערשטע פרימאָרגן־רעגעס, אָנגעהויבן אויסזען װוּנדערלעך־העל, װוּנדערלעך צעשײַנט.

א װוּנדערלעכער פרימאָרגן.

די זון איז נאָך רעכט ניט אופגעגאנגען, איז שוין געקומען פײַגע. אין איר קלאָר־װײַס קאַפּטעלע, די האָר פארנומען ארויף, פארלײגט אויבן אפן קאָפּ, ס'גאנצע פּאָנעם אָפן, ליכטיק, — האָט זי זיך גוט אײַנגערעמלט אין אָ־דעם פרימאָרגן. זי איז געווען הוילער שמייכל, הוילע שײַן.

— כ'האָב פאר דיר א סאך נײַס.

— האָסט געזען די צײַטונג?

— געזען די צײַטונג אויך. ניין, ניט דאָס. כ'מיין, גוטע נײַס.

אין דער צײַט, וואָס איך בין געווען מיט יעכיעל שטיוולמאַנען אין שינשעוץ, איז זי ספּעציעל צוליב מײַנטוועגן דורכגעפאָרן זיך קיין סאָראָקע. געפאָרן איבערעדן מיט די סאָראָקער כאַווײרים פונעם רעגיאָנאַל־קאָמיטעט. זי איז דאָרטן אָפּגעווען גאנצע דרײַ טעג. די כאַווײרים האָבן זיך אָנגעכאַפּט באַם קאָפּ. וואָס הייסט, מ'איז אזוי קליינשטעטלדיק און מע האַלט מיך באַהאַלטן בא זיך אליין אין דער היים, אין אזא קליין אָרט, ווו איינער ווייסט וואָס באַם צווייטן אין טעפּל קאָכט זיך? מע שמועסט שוין ניט, וואָס מע האַלט מיך איזאָלירט פון דער וועלט, אָפּגעריסן פון מענטשן. כ'האָב קיין איין טאָג ניט געטאָרט זײַן אין דער היים. כּאָנע אָדעסקי האָט געטאָן א גרויסן פעלער. ס'הייסט, דער פעלער איז, וואָס ער האָט גאָרנישט ניט געטאָן. געלאָזט עס לויפן, ווי עס לויפט, געוואַרט אף ניסים. מע דאַרף מיר העלפן לעגאַליזירן זיך, פרײַ ווערן, ארויסקריכן פון דער פארלווירנקײַט, פונעם כּאַמעט, וואָס כ'האָב אליין אָנגעטאָן אף זיך. דעם טשערנאָוויצער פּראָצעס דאַרף איך דערווײַל פארגעסן, דאַרף אים ניט טראָגן אין זיך, גלײַך ווי ער איז גאָרניט געווען און איז גאָר ניטאָ. מע דאַרף מיך אומקערן צום לעבעדיקן לעבן, צו ארבעט. אזוינס קאָן נאָר פּאַרקומען אין א גרויסער שטאָט. וואָס די שטאָט איז גרעסער, איז בעסער. אין בוקאַרעשטער סטודענטן־קאָמין איז דאָ א ראַשקעווער כאַווער אונדזערער, בוזיעלע גרינבערג, זייער אן ערנסטער כאַווער און זייער א ווילער באָכער. די סאָראָקער כאַווײרים האָבן באַשטימט מיר צו געבן צו בוזיעלע גרינבערגן א פאַרבינדונג. דאָס איז ניט קיין באַגעגעניש אף דער גאַס, אין א פרעמדער שטאָט, מיט א מענטשן, וואָס דו האָסט ביז דעמלט קיינמאָל ניט געזען. אזא באַגעגעניש, קאָן זיך אמאָל טרעפן, זאָל איבער זאכן, וואָס קיינער האָט פריִער ניט געקאָנט פאָרזען, ניט געלינגען אויך. אזוינס איז נאַטירלעך און מע דאַרף זיך איבער אזעלכן ניט פארלירן. איצט איז עס אי א פינקטלעכער אדרעס, אי א פינקטלעכער נאָמען. און בוזיעלע גרינבערג איז א היימישער מענטש. ער קען מיך, און איך קען אים. בוזיעלע גרינבערג וועט מיך שוין מיט אלצדינג באַזאָרגן, וועט מיר אין אלצדינג העלפן.

פײַגע האָט מיר דאָס אלץ דערציילט אי מיט גרויסער פרייד — ס'איז אונדזער ביידנס א בעשוטפעסדיקער ניצאָכן, אי שפּעטער, באַם סאָף פון אירע רייד, מיט אזא שטיל־בענקענדיקן אומעט אין איר שיין הייזעריקלעכן קאָל — ס'איז דער לעצטער טאָג הײַנט אונדזערער אינײנעם. זי האָט אזש, אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, א שטילן זיפץ געטאָן:

— כ'האָב שוין אלץ צוגעגרייט. כ'האָב אָפּגערעדט מיט יאַנקלען. כ'האָב שוין פאר דיר געלט אין וועג ארײַן. יאנקל וועט דיך הײַנט באַנאכט צופירן אף זייער פורל קיין קוביליע, צו דער סטאַנציע. ניט קיין סאָלדאַנעשט, ווו עס קענען זיך אומדרייען באַם וואָקזאַל היימישע מענטשן. נאָר קיין קוביליע. צום קובילייער וואָקזאַל.

דער טאַטע און די מאַמע האָבן שוין וועגן דער נײַס געוווּסט. די מאַמע איז עטלעכע מאָל אין טאָג אַראָפּגעקומען צו מיר, דאָ אראָפּגעקומען צו מיר, דאָ אראָפּגעבראַכט מיר עסן, דאָ געבראַכט א פּריש־אויסגעפּרעסט פּאָרל גרעט, נאָך א העמדל, נאָך א טיכעלע, יעדעס מאָל דערמאָנט זיך מיטצוגעבן מיר נאָך עפּעס, קעדיי יעדעס מאָל קענען צוקומען צו מיר, קלאַמפּערשט נאָכאַמאָל געזעגענען זיך, א זאָג טאָן: „נו, פּאָר געזונט און זײַ מאַצליִעך, זאָלסט טיייקעף שרײַבן, הערסט?" — קענען נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל ארומכאַפּן מיך קושן, לאָזן א טרער. דער טאַטע איז מיט מיר געזעסן מערער. געוואָלט, איך זאָל אים פינקטלעך אויסטאָלקעווען, וויאַזוי עס וועט זײַן דאָרט, אין דער גרויסער שטאָט, פּאַרקומען. געזאָגט דערנאָך, אז אויב די כאַווײרים האָבן אזוי געהייסן, איז עס אוודע א געדאַנק, איז עס אוודע ניט קרום געהייסן. יאַנקל בערל ריוועלעס איז ארײַנגעקומען צו מיר נאָר אף איין מינוט, נאָר א פרעג געטאָן מיך: „נו, ווער איז געווען גערעכט, האַ?" און נאָר אײַנפאַרשטיין זיך מיט מיר, אז פּונקט ארום דרײַ באַנאכט, וועט ער אָנקלאַפּן אין פענצטער, זאָל איך וויסן, אז ס'איז ער, און זאָל באַלד זײַן פאַרטיק.

פאַרנאַכט־צו בין איך געבליבן מיט פייגען אַליין. זי האָט מיר געהאָלפן צונויפּאַקעווען זיך. איך האָב זיך אוועקגעזעצט באַם פענצטער אָפּגאָלן, און זי האָט מיר דערנאָך מיט א קליין שערעלע אירס ארומגעגלײַכט די האָר הינטן באַם האַלדז. מיר האָבן אָפּן סאָפּקעלע אײנינעם עפּעס אָפּגעגעסן. ביז הײַנט האָבן מיר טאָמיד מערער גערעדט וועגן דעם, וואָס איז ביז איצטער געווען, איצט האָבן מיר מערער גערעדט וועגן דעם, וואָס וועט פון איצטער אָן און ווײַטער זײַן. פייגע האָט זייער געליובט בוזיעלע גרינבערגן, און איך האָב פייגען אָפּגע־מאָלט די גאַנצע פאַרגאַנגענע נאַכט מײַנע אָן שלאָף. א וואַכע נאַכט, פול מיט זעונגען, טראַכ־טענישן און באַשלוסן. א נאַכט, קאָן מען זאָגן, פון שווערער האַרעוואַניע. גלײַך ווי איך וואָלט פאַרגעפילט די פרימאָרגנדיקע נײַס, וואָס זי, פייגע, וועט מיר פאַרטאָג ברענגען. א נאַכט א צוגרייטונג, קאָן מען זאָגן, צום וועג. צום לאַנגן, ווײַטערדיקן וועג מײַנעם אין לעבן.

— געדענקסט, פייגע, כ׳האָב דיר געהאַט דערציילט וועגן א כאַווער מײַנעם אין טשער־נאָוויץ, מאָרדכע שקאָלניק, א יונגער רעוואָליוציאָנערער דיכטער, א דיכטער א סאָלדאַט, א זעלנער, ווי ער אַליין פלעגט זיך רופן. כ׳האָב איינמאָל געהאַט מיט אים א שמועס. ס׳קאָן אַפילע הייסן א שטיקל וויקועך. און אָט יעצנער שמועס אונדזערער האָט זיך מיר די נאַכט אויך געבאָמבלט אין קאָפּ. מאָרדכע האָט מיר איבערגעלייענט א ליד זײַנע, און איך האָב זיך פאַר אים מודיע געווען, אַז איך שרײַב אויך לידער. נאָר כ׳מיין, האָב איך געזאָגט, אַז ניט דאָס דאַרף איך איצטער טאָן. אויב אָנהאַקן א בינטל האָלץ אין וואַלד, אָנרופן זיך וואָסיל און אויסהייצן מיטן בינטל האָלץ באַ א קראַנקער ייִדענע די הרובע אין שטוב, איז פאַר פּע־רעצעס נעמיראָווער אויב ניט נאָך העכער, ווי קומען אין שול אַרײַן צו סליכעס, זײַנען די פּראָקלאַמאַציעס, האָב איך געזאָגט, די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס איך פאַרשפּרייט באַנאַכט, מײַן אויב ניט נאָך העכער. מאָרדכע, געדענק איך, האָט אַרופגעלייגט א האַנט אַף מײַן פּלייצע און מיר געענטפערט: „נאָר איינער, קיין אויב ניט נאָך העכער איז ניט פאַראַן. גענוג, אַז ס׳איז פאַראַן נידעריק, מיטלמעסיק און הויך. אויב דו מיינסט, אַז מיר איז פרעמד די זאַך, וואָס הייסט פאַרשפּרייטן פּראָקלאַמאַציעס, האָסטו א טאָעס. נאָר וואָס קער זיך אָן יענץ צו דעם? לידער קענען אין זיך האָבן די זעלבע היץ, ווי דעם נעמיראָווערס בינטל האָלץ, דעם זעלבן פּולווער, ווי די פּראָקלאַמאַציעס, וואָס מיר פאַרשפּרייטן. און קענען אין דער זעלבער צײַט זײַן דאָס גילדענע פינגערל — האָבן אין זיך די גילדענע הויכקײַט פון קונסט...״ כ׳האָב זיך מיט מאָרדכען געשפּאַרט, און האָב הײַנט א טראַכט געטאָן, אַז איך בין ניט געווען גע־רעכט. הערסט, פייגע, דיר שעם איך זיך ניט צו זאָגן: איך וויל טאָן פאַר אונדזער זאַך עפּעס מערערס, ווי כ׳האָב ביז איצט געטאָן, עפּעס העכערס. ס׳הייסט, איך דריק זיך עפּשער אויס ניט גוט. איך וויל טאָן דאָס, וואָס איך קאָן טאָן מיט אַלע מײַנע קויכעס. כ׳האָב א גאַנצע נאַכט געריסן פון זיך שטיקער. און כ׳ווייס ניט פאַרוואָס — ס׳איז מיר געווען גוט. ס׳האָט ווי אָפּגעשײַנט פאַר מיר א ליכטיקער פרימאָרגן. דיר שעם איך זיך ניט צו זאָגן: כ׳האָב מיט אַלע פיבערן מײַנע, מיט דער גאַרער ערלעכקײַט, וואָס ס׳איז דאָ אין מיר, געפילט, אַז איך בין בעקויעך עס צו טאָן, און אַז איך דאַרף דאָס טאָן.

פייגע האָט מיט איין האַנט אַרומגענומען מיך באַ די אַקסלען. די פּײַטלעכע אויגן אירע, האָט זיך מיר געדאַכט, זײַנען איצטער פּײַכטער ווי א צווייט מאָל. צי זי האָט די רייד מײַנע ניט איינגאַנצן פאַרשטאַנען, צי, פאַרקערט, זי האָט זיי באַשטעטיקט, געטיילט די רייד מײַנע מיט מיר:

— הער אויס. כ׳וויל, זאָלסט מיר איצטער־אַ, אין די לעצטע שאָען, וואָס מיר זײַנען נאָך איינינעם, געבן דאָס וואָרט. וויאַזוי עס וועט ווײַטער ניט זײַן, באַ וואָס פאַר אָן אַרבעט דו זאָלסט ניט שטיין, — באַ א גרעסערער, צי באַ א קלענערער, — גיב מיר דאָס וואָרט, אַז דו וועסט שרײַבן, וועסט ווײַטער שרײַבן.

שפּעטער א ביסל, נאָך א קליינער האַפסאָקע, אַפּאָנעם קעדיי איינס זאָל זיך ניט מישן מיטן אַנדערן, האָט פייגע פּלוצעם אַרויסגענומען פון איר טעשל א פאַרקלעפּטן קאָנווערט. זי איז אי רויט געוואָרן, אי זי האָט א לאַך געטאָן:

— כ׳האָב דיר דאָ אָנגעשריבן א בריוול. א בריוול צו דיר, איידער דו ביסט נאָך אוועק־געפאָרן. נאָר איך וויל, זאָלסט עס איבערלייענען מאָרגן, ווען מיר וועלן שוין זײַן ווײַט איינער פונעם אַנדערן. דער ערשטער בריוו מײַנער צווישן די אַלע בריוו, וואָס איך וועל דיר שיקן.

— און דו טראַכסט, אַז איך וועל האָבן קויעך לייענען דײַנע בריוו ערשט אַפּן אַנדערן טאָג? טראַכסט וועגן מיר זייער שיינס. לאָמיר ניט זײַן קינדיש. איך וועל דײַנע בריוו וועלן לייענען נאָך איידער דו וועסט זיי מיר אָנשרײַבן. גיב אַהער, וועל איך אויפרײַסן דעם קאָנ־ווערט.

— טו, ווי דו פֿארשטייסט. — איז פֿייגע נאָך רויטער געוואָרן.

דאָס, וואָס זי האָט מיר ביז איצטער קיינמאָל ניט ארויסגעזאָגט מיטן מויל, האָט זי מיר איצט ארויסגעזאָגט אין א פֿארקלעפּטן קאָנווערט. דאָס, וואָס זי האָט מיר קיינמאָל ניט געזאָגט פֿון דער נאָענט, האָט זי מיר איצט געזאָגט פֿון דער ווײַטן. זי האָט דאָס בריוול אונטערגעשריבן „דײַן פֿייגע“. זי האָט מיך אָנגערופֿן ניט „טײַערער“, נאָר „טײַערסטער“. „אומבאהאָלפֿענער, צעשויבערטער, טײַערסטער מײַנער“. זי האָט איצט — פֿאר דער גאנצער צײַט — טעלעכע מאָל איבערגעכאַזערט דאָס וואָרט, וואָס מיר האָבן ביידע, די גאנצע צײַט, געטראַכט און געפֿילט: ליב, ליב, ליב...

ס'איז שוין געווען פֿאַרנאַכט. דורכן פֿענצטער האָט אויבן אפֿן שאָכנס דאך נאָך געגאָלדיקט זיך א לעצט פּאסיקל זון. איך האָב פֿייגען ארומגענומען. מיט דער זעלבער ריינקײַט, ווי פֿאַראַיאָרן מאליען, האָב איך פֿייגען א זאָג געטאָן:

— פֿייגע, הערסט פֿייגע, כ'וואָלט זיך זייער געוואָלט מיט דיר געזעגענען... שיין געזעגענען.

— איך אויך. — האָט מיר פֿייגע געענטפֿערט פֿראַסט און ליב.

דאָס פּאסיקל זון אפֿן שאָכנס דאך איז פֿארשוווּנדן. אין דרויסן איז געוואָרן טונקעלער. אין שטוב, פֿארקערט — ליכטיקער.

3

די נאכט איז געווען א קילע, אף די פֿעלדער האָט שוין גוט געשמעקט מיט אָסיען.

כ'בין געזעסן טיף אין שטרוי אף יאנקל בערל ריוועלעס פֿורל, די קליאַטשע בערל ריוועלעס האָט זיך ניט מעסוקן געײַלט, דער הימל איבער אונדז — פֿארכמארעט, ארום־און־ארום — א שוואַרצקײַט, צוליב פֿאַרזיכטיקײַט, אפֿאָנעם, האָבן מיר מיט יאנקלען די גאנצע צײַט קימאַט ניט גערעדט, יאנקל האָט אפֿילע אף דער קליאַטשע קיין איין מאָל גוט ניט אָנגעשריגן, געשטורכעט זי נאָר פֿון צײַט צו צײַט מיטן בײַטשל, איך בין געזעסן אײַנגעקאַרטשעט אין שטרוי, און קאָן ניט זאָגן, אז ס'איז מיר געווען גאַר־גאַר פֿריילעך אף דער נעשאָמע.

א ראשקעווער קליינשטעטלדיק יינגל ווידער אין א גרויסער פֿרעמדער שטאָט. א שטאָט — א קעסל. וויאַזוי וועט ער זי איבערקאָכן? וועט ער נויסע־כיין זײַן בא מענטשן? וועלן זײַן ניצכוינעס, צי דורכפֿאלן? אי דורכפֿאלן! אי ניצכוינעס. בארג־אראָפּ און בארג־ארופֿן. ווידער וואָגלעניש. הונגער. קאמף. לייד און פֿרייד. לעבן. טיף און שווער לעבן.

נאָר איך באשרײַב דעם ראשקעווער קליינשטעטלדיקן יינגלס אוועקפֿאָרן דעמלט באנאכט אף יאנקל בערל ריוועלעס פֿורל איצט, פֿופֿציק יאָר ארום, ווען אלע יינגלשע טרוימען זײַנע זײַנען דערפֿילט געוואָרן, פֿון כאָלעם איז געוואָרן וואָר — און דער וועג דעמלט באנאכט צום קובילער וואָקזאל זינגט פֿון מיר ארויס.

פֿאָרנט אפֿן פֿורל איז יאנקל געזעסן אף אן איבערגעלייגט ברעטל. געזעסן אָנגעפּעלצט אין א גראָבער וועג־בורקע, די לענדן פֿארגאַרטלט מיט א שטריק, אלע מאָל אונטערגעשטורכעט דאָס פֿערדל מיט א שטילן מעשונעדיקן „גיא“. און מיר האָט זיך פֿלוצעם, אין דער פֿינצטער, א דאכט געטאָן, אז יאנקלס פּלייצע איז ניט יאנקלס פּלייצע. ניט ער, דער דאָזיקער פֿראָסטער באָכער יאנקל, האָט באנאכט ארויסגעגאַנוועט דאָס פֿערד־און־וועגעלע פֿון זײַן טאטנס שטאַל, ניט ער, יאנקל, פֿירט מיך צו מײַן ווײַטערדיקן וועג — פֿערעצעס נעמירעווער טוט אין דער סליכעס־נאכט זײַן אויב ניט נאָך העכער.

די קליאַטשע איז, נעבעך, געלאָפֿן מיט אלע אירע קויכעס, געמיט זיך פֿאר מײַנטוועגן. און כ'האָב געטראַכט, אז די קליאַטשע איז א באַלטשווועניצע. זי טוט איצטער טשווע פֿאר אלע טעג, וואָס זי איז געשטאַנען אויסגעדרייט מיט איר פֿערדישן הינטן צו מײַן באָבע יענטעס קיך־פֿענצטערל, פֿאר אלע זינד, וואָס זי איז באַגאַנגען קעגן מײַן באָבע יענטען און מײַן מומע איטען. און כ'האָב, פֿארשטייט זיך, געטראַכט אַנדערש אויך: וואָס ווייסט, נעבעך, סאָפּקאָלסאָף א שטומע קליאַטשע? ווו מ'האָט איר געהייסן שטיין, איז זי געשטאַנען, און וווהין מע הייסט איר לויפֿן, לויפֿט זי.

אין א בוזעם־קעשענע מײַנער, מאַמעש לעבן הארץ, האָט מיך געוואַרעמט פֿייגעס בריוול. און ס'האָבן מיך געוואַרעמט שורעס פֿון א נײַער ליד, וואָס האָט זיך אויסגעפּיקט אין מײַן קאָפּ. אין דער שוואַרצער און קאַלטער הארבסט־נאכט האָב איך די ליד פֿרילינגדיק אָנגערופֿן „ערדס געבורט“. די ערד ליגט פֿרילינגדיק אין קימפּעט. געבוירט. צעגרינטע ברויט־גראָזע־

לעך אָף די פעלדער. מײַ־גלעקלעך אין וואלד, קנאָספן און צוויטן אָף די צווײַגן. געבוירט אונדז נײַע אופגאנגען. ווײַטערדיק לעבן.

א ליבע־בריוול און שורעס פון א ליד. כ׳בין געפאָרן אין יאנקל בערל ריוועלעס פורל, אָנגעשפארט אָף אָ־די צוויי זײַלעכלעך, ווי אין א קארעטע.

ליבשאפט און דיכטונג. צוויי זײַלעכלעך, צווישן די געציילטע עטלעכע זײַלן, וואָס האלטן אונטערגעשפארט די וועלט.

דאָס פורל איז געלאָפן. דער וועג האָט מיך געפירט צום קובילייער וואָקזאל, אין דער גרויסער שטאָט, אין יאָרן ארום — אהער, אין מײַן היים. א לאנגער וועג מיט א סאך פײַן און א סאך פרייד. יעצירע־פײַן און יעצירע־פרייד. דער וועג האָט מיך צוגעפירט צו די דאָזיקע קאפיטלעך מײַנע, און פירט מיך איצט דאָ־אָ, באם שרײַבטיש, צו צום לעצטן וואָרט, וואָס איך וויל אוועקשטעלן באם סאָף פון די קאפיטלעך.

דאָס געגארטסטע און טײַערסטע, און מענטשלעכסטע, און באנאלסטע, און געוויינלעכסטע, און סוידעסדיקסטע וואָרט.

מאכמעס, יעדער פילט עס אף זײַן אויפן און פארשטייט עס אף זײַן אויפן.

גליק.

צו דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“

כאַשעווע כאווײרים!

די 20 יאָר, זינט עס דערשײַנט דער ליטעראריש־קינסטלערישער כוידעש־זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד“, זײַנען א באזונדערע טקופע אין דער ייִדישער ליטעראטור און קולטור.

„סאָוועטיש היימלאנד“ איז דער בעסטער זשורנאל, וואָס דערשײַנט הײַנט־צו־טאָג אין דער ייִדישער שפראך. רײַך איז זײַן אינהאלט, הויך־קינסטלעריש — דער ליטעראַרישער ניווע. די סאָוועטישע ייִדישע שריפטשטעלער פארעפנטלעכן אין אים זייערע שאפונגען וועגן דעם לעבן אין ראטנפארבאנד, וועגן דעם נײַעם שטייגער אין לעבנס־ארט פון די סאָוועטישע ייִדן.

ביז גאָר באלערעוודיק זײַנען אינעם זשורנאל די ווערק וועגן דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע, וועגן די סיבעס, וועלכע האָבן געבראכט צום אופקום פונעם דײַטשישן פאשיזם. איינצײַטיק דרוקט „סאָוועטיש היימלאנד“ דערציילונגען און לידער וועגן די שוידערלעכע איבערלעבונגען פון די ייִדישע מאסן אין דער צײַט פון דער היטלערישער אָקופאציע, וועגן די העלדישע קעמפער אין די רייען פון דער רויטער ארמיי, וועגן די פארטיזאנער און דעם ווידערשטאנד אין די געטאָס און לאגערן.

„סאָוועטיש היימלאנד“ שילדערט דעם קאמף קעגן די מערדער פונעם ייִדישן פאָלק און פון אנדערע פעלקער, קעגן בעאָ־נאציזם און פאשיזם. ער ווײַזט אָן אף דער סאקאָנע, וואָס עס דראָעט דער מענטשהײַט דאָס יאָגן זיך נאָך באוואָפענונג מיצאד די אימפעריאליסטן.

דער זשורנאל גיט אָפּ א סאך אָרט די דערגרייכונגען אין געביט פון דער סאָציאליסטישער בויונג אין בירָאבידזשאן, די קולטורעלע, ליטעראַרישע און קינסטלערישע דערגרייכונגען פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט.

א וויכטיקע דערגרייכונג פון „סאָוועטיש היימלאנד“ איז זײַן קאָנסעקווענטער, פרינציפּיעלער קאמף קעגן דער ציוניסטישער אידעאָלאָגיע און פראקטיק. דער זשורנאל שפיגלט אָפּ די ווירקלעכקײַט אין ייִסראָעל און דעם קאמף פון די פראָגרעסיווע קויכעס קעגן דער אָקופאציע פון די אראבישע געביטן, פאר א גערעכטן און סטאבילן ייִסראָעל־פאלעסטינער שאָלעם.

די דאָזיקע אלע ווערטן, מיט וועלכע עס קאָן זיך גרויסן „סאָוועטיש היימלאנד“, זײַנען שטארק ניט צום הארצן די הערשנדיקע קרײַזן אין ייִסראָעל, די סטראטעגן פונעם הײַנטצײַטיקן ציוניזם און זייערע נאָכשלעפער אפן מײַרעוו, וועלכע ארבעטן צוזאמען מיט די נעכטיקע און הײַנטיקע סאָנים פון דעם ייִדישן פאָלק. דעריבער קריצן זיי מיט די ציין נאָך יעדן געלונגענעם נומער פון אײַער זשורנאל. „סאָוועטיש היימלאנד“ ווערט אָבער אופגענומען מיט פרייד און ליבשאפט מיצאד די ברייטע ייִדישע פראָגרעסיווע פאָלקס־מאסן אין דער גאנצער וועלט, מיצאד די ליבהאָבער פון עכטער ייִדישער ליטעראטור און קולטור.

מיר באגריסן „סאָוועטיש היימלאנד“, דעם אָרגאן פונעם שרײַבער־פארבאנד פון פססר, דעם וווּנדערלעכן ליטעראַריש־קינסטלערישן כוידעש־זשורנאל, און ווינטשן אים ווײַטערדיקע דערגרייכונגען אין זײַן וויכטיקער טעטיקײַט.

פאר דער רעדאקציע „זו הדרך“
י. אונגער
פאר דער רעדאקציע „דער וועג“
ש. בעקער

א גרופּע פילאָלאָגן שרײַבער און לייענער אף דער שפראך־באראטונג אין לאָקאל פון „סאָוועטיש היימלאנד״

די ייִדישע אָפּטיילונג אין א בירָאבידזשאנער ביבליאָטעק



די קינסטלער א. לאבאז (רעכטס) און מ. אקסעלראָד באַהאנדלען בילדער פון ייִדישע מאָלער צוזאמען מיטן שעףֿ־רעדאקטאָר פון פאריזשער „נײַע פרעסע" ג. קעניג.

סידי טאל אף א ליטעראריש־טעאטראלן דאָנערשטיק אין רעדאקציע.

לעאָניד אוטיאָסאָוו באגריסט דעם קאָמפּאָזיטאָר לייב פולוּוער.

פון די לידער, וואָס זײַנען פאַרעפנטלעכט
געוואָרן אין „סאָוועטיש היימלאַנד" אין די
יאָרן 1981—1961

מאָטל גרוביאַן

צו דער פּאַרטיי

אָט די פליגל פון די לײַנערס
אינעם הימל אונדזער קלאָרן,
אָט דעם בוים באַם פענצטער מײַנעם,
וואָס איז מײַנער איצט געוואָרן,
אָט דאָס פעלד מיט די קאָמבײַנען
און פון נאַפט די טיפע קוואַלן,

פון לעוואָנע די סיגנאַלן —
דאָס איז זיסער מיר פון ווײַנען.
אַלע וואָלקנס האָסט צעריסן
און צעזייט מײַן ווינד־און־ווײ,
גלייב איך בלויז די קאָמוניסטן,
לעגינס וווּנדער — דער פּאַרטיי!

דאָרע כײַקינע

די וועלט איז שיין אַזוי

די וועלט איז שיין אַזוי... אַפילו זען אין כּאָלעם
א שענערע — איז קיינער ניט אימשטאַנד.
פאַרוואָס זשע איז אַזוי — דער רויגעז מיטן שאָלעם,
ווי כּאָסן־קאַלע גייען אום באַנאַנד?

די וועלט איז שיין אַזוי... דעם ווייכן גלאַנץ פון שנייען
ניט אופלעבן עס וועט דעם קינסטלערס האַנט.
פאַרוואָס זשע איז אַזוי — אַז מענטשן־גליק און ווייען,
ווי כּאָסן־קאַלע גייען אום באַנאַנד?

די וועלט איז שיין אַזוי... אין גאָלד די וואָלקנס שוועבן,
פון קינדווײַז איז דער צויבער מיר באַקאַנט.
פאַרוואָס זשע איז אַזוי — דער טויט, דאָס לעבן,
ווי כּאָסן־קאַלע, גייען אום באַנאַנד?

די וועלט איז שיין אַזוי... די שאָ פון מײַן געבאָרן
איך ווער ניט מיד צו בענטשן נאָכאַנאַנד.
כ'פאַרשטיי די וועלט — כ'האָב גוטע לערער — יאָרן,
דער שאָטן שטענדיק גייט מיט ליכט באַנאַנד.

הירש בלאָשטיין

ערעוו הארבסט

נאָך איז פון די פעלדער די בלענדיקע היץ ניט אוועק,
נאָך בעט די גערעטעניש־שעפע אף העלן און טרוקענעם וועטער,
נאָר ס׳איז שוין א מידקייט א שטילע אריין אינעם לייב פון די טעג —
זיי גייען אף נאכט־רו שוין פריִער און וועקן זיך שפּעטער און שפּעטער.

און ערגעץ אף ביימער, אינגאנצן געקליידט נאָך אין גרין,
גליט אוף שוין א בלעטל און ברענט, ווי געשײַערטער קופּער...
די דאָרעם־ווײַט וועט שוין באלד שפּאלטן א בושלשער קלין,
אין פּארק וועט פארבראָנזעטע בלעטער דער ווערטער פארשארן אין קופּעס.

כ׳האָב נעכטן פון אָוונט אין דאָרף אין א מיידלס א ליד
דערפילט אינעם אָפּקלאנג פון קאָל ווי א טראָפּנדל אומעט.
צי האָט איר פארדראָסן דער טאָג, וואָס האָט נאַרוואָס פארבליט?
צי עפּשער איז הײַנט דער געגארטער צו איר ניט געקומען?

אף גלאטקײַט פון טײַכל געזען כ׳האָב א קנייטשל א הארבס,
ווען ס׳האָט זיך אין בענקשאפט צעווינטלט דער טאָג באם אוועקגיין...
...דורך טויזנט שפּארונעס שלײַכט דורך זיך דער שאָטן פון הארבסט,
נאָך איידער עס האָבן די הימלען אף לאנג זיך צערעגנט.

און ביסטו א דיכטער, באהאלט ניט אין הארבסט דײַן געדיכט
פון אָט דער עלעגישער צארטקײַט, וואָס טוליעט צו דיר זיך בישטיקע, —
אין אלע פיר צײַטן פון יאָר איז פאראנען אי שאָטן, אי ליכט,
און אלץ האָט זײַן כיין און זײַן זון, און אלץ איז אין לעבן אן איקער...

כ׳האָב זיבעציק מאָל שוין געזען אָט די פּרעכטיקע שפּיל,
כ׳בין זיבעציק מאָל דעם פילפארביקן קרײַז שוין געלאָפן...
און אויב ס׳איז ווי ייִנגלוויַז, יונג נאָך ביז איצט מײַן געפיל,
איז יונג עס דערפאר, ווײַל מײַן הארץ איז געוועזן שטענדיק אָפן.

און יעדן באוועג פון דער זון, און יעדן באוועג פון דער ערד
האָב איך, ווי מײַן אייגענעם פּולס, געפילט אינעם לויף פון די בלוטן,
און כ׳האָב אינעם טראָט פון מײַן מיטמענטש אָן אופהער געהערט
דעם מונטערן מארש פון זײַן שפּאנען אלץ נעענטער — צום גוטן!

אווראַם גאָנטאר

אין לאנד פון זיקאָרן

פון יענער זײַט בריק, באַ דעם טײַך אין דער נידער,
אין לאנד פון זיקאָרן איך קלײַב מײַנע לידער.
דאָרט האָבן געזונגען די שוועסטער און ברידער,
די מאמעס און באָבעס די לידער פון לידער.

קוים שווים איך צום ברעג פון דער קינדהײַט אריבער,
דערהער איך דאָס איידעלע קאָל פון מײַן ליבער.
זי שטייט אפן גאנעק אריבערגעבויגן
און זינגט מיט פארבענקטע, פארכאַלעמטע אויגן.

קוים שפאַן איך דעם טרוים פון מײַן יוגנט אריבער,
דערהער איך, ווי ס׳זינגען די געסלעך און שטיבער.
פון טירן און פענצטער צעעפנט־צעפראַלטע
צעטראָגט זיך א ניגן א טרויריקער־אַלטער.

קוים שפאַן איך די שוועל פון מײַן עלטער אריבער,
כ׳דערהער דאָס געשריי פון פארשאָטענע גריבער.
דאָס קאָל איך דערקען פון דער נייטערן נעסיע,
וואָס זינגען פלעגט טאָמיד באַם נייען און פרעסן.

אין לאנד פון זיקאָרן געקומען כ׳בין ווידער,
צום קוואַל פון די טײַערע יידישע לידער.
שוין לאנג כ׳האָב געשווירן, געגעבן א ניידער,
ווי איידעלע שטיינער, זיי קלײַבן קעסיידער.

מוישע טייף

די קורצע ליד

די קורצע ליד,
די קורצע ליד,
וואָס פינקלט ווי א פיצל דימענט.—
זאָל לעבן איר געוואגטער פלי,
פון שיינער מוטער־ערד דער הימן.

די קורצע ליד...
ווי וויַט אין יאם
א דרייסטער זעגל אין געראַנגל,
אָ, לידער מײַנע —
זיסער סאַם
פון וואכע נעכט די פײַנלעך־לאַנגע.

די קורצע ליד,
די קורצע ליד,
ווו יעדער זילב איז פול מיט גוווּרע,
ווו יעדעס וואָרט,
ווי גליד צו גליד,
ווי צאָן צו צאָן —
א פעסטע שורע.

מיט וויפל פרייד מײַן האַנט צעברעכט
דעם צאַם,
וואָס שטעלט זיך מיר אנטקעגן,
קעדיי זיי ווארפן אין געפעכט,
ווי וויַט אין יאם
דער דרייסטער זעגל.

כאַים גורעוויטש

מײַן געמיט

פון זייער לאנג פאראַן בא מיר
א קלאַל, וועלכן כ׳קאָן קיינמאָל ניט פארגעסן:
אויב א ווינגע — איז אזא ווי אין סיביר,
אויב א געוויטער — איז אזא ווי אין פאַלעסיע.

אויב א וויגע — איז מיט אַט דער זעלבער קראַפט,
ווי אין צײַט פֿון ליבע בײַ א יונגער כּײַע,
אויב א געוויטער — איז דעם הימלשן לאַנדשאַפט
א בוראווע טאָן מיט שטעכנדיקן פֿײַער.

כ׳וואָלט אין מײַן לעבן זײַן פֿולקאָם באַנוגנט,
ווען קעסיידער וואָלטן מײַן האַרץ געדראָט
דער געוויטער פֿון פּאָלעסיע, די סיבירער וויגע,
פֿון א שטילן וועטער אַפּהיטן זאָל גאָט...

✧

מאָטל טאַלאַלאַיעווסקי

איך צאָל

פֿון קינדווײַז אָן כ׳בין א באַלכויוו —
אַזוי איז מיר באַשערט! —
דער זון פֿאַר יעדן טראָפּן שײַן,
און פֿאַר דער זאַפּט — דער ערד;

דעם טײַך, וואָס פֿלעגט מיך מונטערן
מיט אימפּעטיקן פֿלוס,
דעם ווינט, וואָס פֿלעגט מיר ברענגען אָפּטס
פֿון דר׳היים א פֿרישן גרוס;

דעם שניי, וואָס פֿלעגט דערציילן מיר
פֿון גליק דעם שענסטן סאָד,
דעם פֿרילינג־רעגן, וואָס מיט אים
פֿלעגט ווערן גרין מײַן סאָד;

דעם וואַלד, וואָס פֿלעגט באַהאַלטן מיך
פֿון גזיירעס און פֿון טויט;
די שכיינים פֿון מײַן אַלטן דאָרף
פֿאַר א שטיק קאָרנברויט;

כ׳בין שולדיק, שולדיק אָן א שיר
און ביז איך אָטעם — כ׳צאָל
באַזונדערס יעדערן פֿון זיי
און אַלע מיטאַמאָל.

איך צאָל מיט ליבע פֿון מײַן האַרץ
און ס׳איז מיר גאָר ניט שווער,
איך צאָל און צאָל און צאָלן כ׳וועל
אַלץ אָפֿטער און אַלץ מער!

✧

יוסעף איצקאָוו

מײַן ברוויזיקער יאָרהונדערט

כ׳האָב אַלץ געזען, און, דוכט זיך, גאָרנישט ניט געזען,
ווײַל יעדער טאָג מיט עפּעס נײַס אונדז וווּנדערט,
וואָס איז געשען, און ווידער וועט געשען, —
אַזאַ איז ער, מײַן ברוויזיקער יאָרהונדערט.

אין וויסט עס וואַקסן שטעט — אַף לעבן און אַף גליק,
די בריקן הענגען איבער נײַע וועגן,
עס פֿליִען ספּוטניקעס צום מאַרס און קומען אָן צוריק,
און וועלטן ווײַטע זיך פֿאַר אונדז אַנטפּלעקן.

שוין איינגעשפאנט אין מי די אטאָם־קראַפט —
זי שענקט אונדז שײַן און װאַרעמקײַט און לעבן,
און דאָס, װאָס הײַנט זי בויט, געבוירט און שאַפט,
איז בלויז דער אָנהייב, וואָס איז איר געגעבן.

פון ערשטן שטיין אין מענטשנס האַנט ביז הײַנטיקער מאַשין —
אַזאַ מעהאַלעך, און ס׳איז אומגעהייער אָט דער װוּנדער.
און מיר איז גוט, איך גרויס זיך, וואָס איך בין
אַ טײלעכל פון ברויזיקן יאָרהונדערט.

✧

בוזי מילער

אַ שטילער רעגן

עפּעס שעפּטשעט ער, דער רעגן.
וואָס?
עפּעס רוימט ער אײַן
דעם גרינבעם גראָז,
דעם רויטן ווײַמפּערל,
דער רויז.
וואָס שעפּטשעט ער אײַך? —
זאָגט מיר אויס!
נאָר ס׳שוויַיגט דאָס גראָז,
עס שוויַיגט דאָס ווײַמפּערל,

עס שוויַיגט די רויז.
זיי זאָגן גאָרניט אויס...
זיי בעטן
שטילער זײַן,
ניט שטערן —
הערן,
וואָס דער רעגן רעדט זיי אײַן.
איך שוויַיג.
עס שוויַיגט דער סאָד.
דער רעגן רוימט אים אײַן אַ סאָד...

✧

שיפרע כאַלאַדענקאָ

שטענדיק טראַכט איך וועגן מאָרגן

סײַ אין פרייד און סײַ אין טרויער
הײַזער האַלט מען אין איין בויען,
קינדער האַלט מען אין איין האָבן,
און... פאַרשטייט זיך, גריבער גראָבן.

שיינע אָדעמלעך און כאַוועס,
זינט די וועלט איז נאָר געבאָרן,
האַלטן שטענדיק אין איין האָוועז,
אונדזער מאָרגן צו באַזאָרגן.

איך באַגיי די זעלבע אוולע,
שטענדיק טראַכט איך וועגן מאָרגן,
ווײַל אַ מענטש כ׳בין גלײַך מיט אַלע.
איך פאַרגרייט און איך באַוואָרן.

נאָר בעשאַס די הייסטע דײַגעס
בלײַב איך שטיין און איך פאַרטראַכט
זיך, —

כ׳זאָל קיין גרעזל ניט פאַרבײַגיין,
כ׳זאָל קיין מענטשן ניט פאַראַכטן.

✧

אײַזיק הובערמאַן

פרײַנט

ס'האָט קיינער ניט,
ס'האָט קיינער ניט
אף דעם זיך ניט געריכט.
מיר זײַנען הײַנט,
מיר זײַנען הײַנט
מיר זײַנען הײַנט פאַרליבט.

און זיידעס זינד,
און זיידעס זינד,
און זאָלן זיי זיך זײַן.
נאָר יעדער קינד,
נאָר יעדער קינד
וועט אונדזערער שוין זײַן.

א לויב־געזאַנג,
א לויב־געזאַנג
מיר טראָגן אונדזער לאַנד,
א יוגנט־באַן,
א יוגנט־באַן
מיר יאָגן זיך באַנאַנד.

מיר גייען מיט,
מיר גייען מיט,
מיר גייען אינדערמיט.
און יאָ א ייִד,
און ניט קיין ייִד,
מיר גייען אינדערמיט.

און איך, און דו,
און דו, און איך —
מיר זײַנען שוין פון די.
אינגיכן שוין,
אינגיכן שוין
וועט קומען אונדזער זיג.

און איך, און דו,
און דו, און איך —
מיר זײַנען שויִן פון די.
אינגיכן שוין,
אינגיכן שוין
וועט קומען אונדזער זיג.

יויסעף קאָטליאַר

נאָך א קריג

ערשט ארויסגעגאַנגען אינעם פעלד,
דערפילן מיר, ווי גרינגע ווינטן ווייען,
אין רוסיש „מיר" — באַטײַט די גאַנצע וועלט,
אין ייִדיש — אויב אפילע מ'איז אינצווייען.

ס'איז דער הימל פון אזא קאָליר,
וואָס אַזעלכע זעט מען נאָר אין כאָלעם!
בייזער זיך ניט מער, אין רוסיש „מיר" —
האָט דאָך נאָך א טײַטש, דערמאָן זיך, —
שאָלעם!

קער מיר אום דאָס צערטלעכקײַט פון בליק,
נאָך אַזעלכע ווייִקע מעסלעסן,
ס'איז בעעמעס טאַקע אונדזער גליק,
וואָס מיר קאָנען, וואָס מע דאַרף פאַרגעסן!

וואָס האָסטו זיך פלוצעם אָפּגעשטעלט?
ס'זינגט דאָס פעלד? נאָר מיר די ליד
פאַרשטייען!
אין רוסיש „מיר" — באַטײַט די גאַנצע וועלט,
אין ייִדיש — אויב אפילע מ'איז אינצווייען.

א כוידעש פון שטילקייט

מע האָט היינט געמאָלדן א כוידעש פון שטילקייט,
א כוידעש פון שטילקייט,
א כוידעש פון מילדקייט.
די ביקסן — פאַרהאַנגען, אָן קוילן — די רערן,
און קיינער אין ערגעץ קיין שאָס וועט ניט הערן.
אף ראַכוועסן אלע —
אף לענגען און בריטן
עס וועלן ניט שאַלן
קיין יעגער־טרומייטן,
עס מעגן די פייגלען די נעסטן פאַרלאָזן,
עס מעגן די האָזן זיך שפּילן אין גראָזן,
עס מעגן די ענטלעך אין וואַסער זיך טוקן —
ס'וועט קיינער ניט קומען, קעדיי זיי פאַרצוקן.

מע האָט היינט געמאָלדן א כוידעש פון שטילקייט,
א כוידעש פון שטילקייט,
א כוידעש אָן ווילדקייט.
אין וואַלד און אין פעלד אין די פרישע קאַיאָרן
עס וועט זיך ניט הערן קיין רויש פון מאָטאָרן,
קיין פישער אין שטילע
פרימאָרגנס מע זעט ניט —
די ווענטקעס אפילע
צעוויקלען מע וועט ניט,
א שטעק טאָן פון נאָרע די נאָז וועט א כייע,
א שמעק טאָן, א שמוך טאָן: ס'איז שטיל, א מעכייע!
ארומגיין מע קאָן איבער וועגן און שטעגן
און שפּילן די קליינינקע בערעלעך מעגן.
מע האָט היינט געמאָלדן א כוידעש פון שטילקייט,
א כוידעש פון שטילקייט,
א כוידעש פון מילדקייט.
אפילע דער ווינט וועט פון אָרט זיך ניט רירן,
קיין בוים וועט קיין איינציקן בלאַט ניט פאַרלירן.
די טייכן און קוואַלן
ניט בויטען וועט קיינער —
קיין שטיין וועט ניט פאַלן
אין וואַסער אין ריינער.
די הירשן אף באַרג־שפּיצן מעגן זיך שטעלן
באַקוקן דעם כידעש פון טאָג פונעם הערן:
אפילע קיין שאַרך פון א מענטש ניט צו הערן,
די רויקייט קיינער עס וועט ניט צעשטערן...

מע האָט היינט געמאָלדן א כוידעש פון שטילקייט,
א כוידעש פון מילדקייט,
א כוידעש אָן ווילדקייט!..

ארן ווערגעליס

נאָענטע צוקונפט

זאָגט, צי איר פילט, ווי עס שמעקט שוין אין דרויסן
מיטן יאַנוואַר פון דעם דריטן יאָרטויזנט.
ס'דרייט זיך דער ערד־קײַלעך פּינקטלעך און ריכטיק,
טאָמיד צו ווײַטערע צײַטן געריכטעט,
טאָמיד געריכטעט צו ווײַטערע וועלטן,
ווו ניט קיין ערדישע געטער געוועלטיקן.
וואָס זשע? דער בײַט איז צו אײַך ניט דערגאַנגען?
שווער מיט די כושים צו טקופֿעס דערלאַנגען?
דאָס, וואָס איז נײַ און איז גוט און וועט הויזן,
וועלן מיר ברענגען אין דריטן יאָרטויזנט.

ס'גייען און גייען די טעג און כאָדאָשים,
קייטלען צונויף זיך אַליין, אָף כידושים.
ס'לויפֿן די יאָרן, סע שווינדלען די דוירעס,—
לעבן, מײַן לעבן, דו בײַטסט זיך און דויערסט!
ציילסט הײַנט די יאָרן נאָך יעזוס' געבוירן,
נאָר ס'הערט ניט אוף אין דעם מויעד צו בויערן:
הויך איז דער ייִכעס פון יעזוסן, אָבער
ציילן די צײַט איז שוין צײַט פון אָקטאָבער!
אַך, וועט אַ נײַס זײַן! אַך, וועט עס ברויזן
אינעם יאַנוואַר פון דעם דריטן יאָרטויזנט!

בא דעם דעקאַבער פון צווייטן, פון פולן,
גרויס די פאַרדינסטן, נאָר היפּש אויך די שולדן.
לאַנג איז דער וועג פון דעם מענטשלעכן ווען,
לאַנג ווי דער וועג צו דעם דעמב — פונעם גרעזל.
רויזן און שטעכלקעס כ'טראָג אין דער דלאָניע,
מאַצאַרט פאַראַן, און פאַראַן קאַקאָפאָניע...
אײַלט זיך ניט אָפּשיידן ליבע און סינע,
האָט אַלץ אין זינען! אַלץ האָט אין זינען!
יאָ, מיט די שטעכלקעס נעמט זיי, די רויזן,
ווען איר וועט קומען צום דריטן יאָרטויזנט.

מענטשן פון צווייטן יאָרטויזנט! אין דריטן
וועלן די טרוימען, ווי הײַנט, שטיין אין מיטן,
אָבער דאָס וועלן זײַן אַנדערע טרוימען,
סײַ אָף דער ערד, סײַ אויך דאָרט אין די רוימען.
ס'גייען און גייען די טעג און כאָדאָשים,
קייטלען צונויף זיך אַליין, אָף כידושים.
און מיר דערפילן: עס שמעקט שוין אין דרויסן
מיטן יאַנוואַר פון דעם דריטן יאָרטויזנט.

✧

יאנקעוו שטערנבערג

אפן רויטן פלאץ

1

איך וויל, אז עכט זאָל קלינגען דאָ מײַן זאץ.
פונוואַן די פײַערלעכע שטילקײַט אַפן רויטן פלאַץ?
צי ניט דערפון, וואָס אין דער אָוונט־שאָ, ווי פרײַנט,
עס רעדט דער גרויסער אָוואַר מיטן גרויסן הײַנט?

איך וויל, אז עכט זאָל קלינגען דאָ מײַן זאץ.
דער ספּאַסקע־זייגער זיך צעכוואַליעט, ווי א ריזן־טאַץ —
דער ריינסטער גאַנג פאַר פרידן אַף דער וועלט!
מײַן אָטעם אין זײַן קלאַנג אויך ריזלט, קוועלט —
איז אויך אין אים פאַראַן.

2

איך גיי און כ'פיל, ווי לאַנגזאַמער איך שפּאַן.
אין אָט דער שײַן, אין וועלכער פראַזשעקטאָרן־ליכט באַנאַנד
מיט פאַרב פון אייד'לער יעל זיך וועבט, —
עס טיילט זיך אויס און לעבט
נעשאָמעדיק די אַלטע קרעמל־וואַנט,
און אַף איר ברוסט דער לענין־מאַווזאָליי.

איך זע אים באַלד אין פרילינג־צווײַט און באַלד אין שניי...
ווי גוט איז, וואָס עס ווייסט בא אונדז הײַנט יעדעס קינד:
געשיכטע איבערמישט די בלעטער נאָך געשווינדער פונעם ווינט.
ס'איז ווידער לענין מיטן פאָלק — זינט ר'איז צוריק אליין, ניט צוויי,
אין מאַוזאָליי.

איך קוק זיך אײַן אין אופגעריכטער קרעמל־וואַנט,
און בענטש די מעכטיק־בלעטערנדע האַנט.

✧

שלוימע טשערניאַווסקי

שיידוועגן

אָ, וויפל זײַנען שיידוועגן פאַראַנען,
און גוט איז דעם, וואָס האָט זיך זיי פאַרטרויט.
עס לויפן טאָג און נאַכט אַף זיי די באַנען
און סעמאַפאָרן ווינקען גרין און רויט...

טרעט אָפּ די נאַכט פון זיי, דער טאָג זאָל גינען,
און ס'בײַטן זיך די צײַטן פונעם יאָר
ווען ס'וואָלט דער מענטש די וועגן ניט געפינען,
ווי אָרעם־קליין דאָס לעבן זײַן וואָלט גאָר.

אָט שטײַגט ער באַלד אַראָפּ, אָט פאָרט ער ווײַטער,
באַגלייט דורך עמעצנס א מילדן בליק,
נאָר אונטערטעניק איז ער שוין די ווײַטן
און פאָכעט מיט א טיכל אַף צוריק...

ווער איז ער, א געאָלאָג, צי א בויער?
ער איז אין גרויסער זוכעניש, אין וועג —
דעם ערשטן ציגל לייגט ער אינעם מויער,
דער ערשטער גייט ער דורך א נײַעם שטרעק.

טאָ זאָל זײַן האַרץ די שײדװעגן געהערן, זײ גײען זיך צונויף און גלײַך פאַנאַנדער,
ניט בענקען נאָך קײן רו און נאָך קײן שלאָף, און פירן אים אין קאָסמאָס אויך אַװעק.
און װוּ ער זאָל ניט װענדן זיך און קערן, ער ציט פון װײַטע אורזײדעס זײַן װאַנדער
זײ זאָלן לױפן אים אַנטקעגן אַן אַ סאָף. און לײגט פאַר װײַטע דוירעס דורך אַ װעג.

●

מענדל ליפשיץ

די גאַנצע װעלט כ׳האָב ליב

איך האָב געלערנט זיך זינגען בײַ גאָלד־פעלדער זאַטע
און בײַ די װעלדער, װען זון קלײַבט אין זיך פאַרגײן.
איך האָב געלערנט זיך זינגען בײַם רױש פון װאַרשטאַט,
דערפאַר איז דער ניגון — מײַן שטוב און מײַן היים.

איך האָב געלערנט זיך זינגען בײַ בראָװיזיקע גאַסן,
װען דער האַמוין, גרײט צו טאַט, פון זײַן רו גײט אַרױס,
און בײַ די שטילע כאַלופּעס, װי ריטשקעלעך װאַסער,
כ׳האָב זיך געלערנט. דערפאַר איז דער ניגון — מײַן הױז.

ריזיקע סימכעס מיך האָבן געלערנט: „זײַ מויכל״.
ריזיקער פּײַן האָט געפאָדערט — זאָלסט מויכל זײַן.
יעדער באַזונדער געהאַט האָט זײַן זין און זײַן סײכל —
כ׳האָב פון בײדן געטרונקען דעם שיקערן װײַן.

און װאָס איז שײַעך מײַן לײד און מײַן אײגענעם צאָרן,
איז קורץ מײַן זיקאָרן אָף שלעכטס, און װעסט גאָרנישט ניט טאָן,
נאָר װאָס איז שײַעך מײַן פאָלק און מײַן לאַנד, — מײַן זיקאָרן
היט עס בײַ זיך, װי דער קריגער אין שלאַכט היט די פאָן.

גײ איך מיט מוט און מיט סינע, מיט שמײכל פון מ׳כילע,
מיט פונקען פון פרײד און העלישן פײַער פון צאַר,
ביז גרויקײַט יונג, ביז צום שרײַען אַן אומענדלעך־שטילער,
און פעלד און װאַלד, שטאָט און רױש אין מײַן ניגן דערפאַר...

✧

פּיניע פּלאָטקין

מײַן אָנערקענונג אין ליבע

די ערטער די אַלטע באַזוכן אָפּט קום איך צו פאָרן —
באַגעגענען זיך מיט די װײַטע פאַרגאַנגענע יאָרן.

דער אַלטער װײַסרוס איז מיר טײַער, װאָס האָט זיך דערקליבן צום שטעטל —
דערלאַנגען מײַן טאַטן געבאַקטע קאַרטאָפל אין געטאָ.

איך זע אים קעסײדער, אַפילע באַנאַכט און אין כאָלעם,
װי יענע פאַרגאַנגענע טעג פון דער גרױסער מילכאָמע.

אָ היימלאַנד, דײַן רום איז אין מירמל פאַרקריצט און אין לידער פאַרייביקט —
כ'בין אויך אין אַ זײַט ניט געשטאַנען, איך האָב דיך פאַרטיידיקט.

כ'האָב ליב דײַנע פרילינגס, די ליכטיקע דײַנע באַגינענס,
דעם זאַפט פון דײַן ווײַסער בעריאָזע, די ריאַבינעס דינע.

די סטעזשקעס אין וואַלד, און אין שטאָט די פּראָספּעקטן די ברייטע —
זיי זײַנען מיר טײַער געוועזן און טײַער געבליבן ביז ווייטעק.

און ס'גייט ניט ביז איצטער די רעגונג די גרויסע אַריבער —
אין דעם איז מײַן פרייד און מײַן אָנערקענונג אין ליבע.

✧

איציק בראָנפמאַן

ראָמאַשקעס

פון באָמבע־אופרײַסן האָט זיך די ערד געוויגט,
אינעם פײַער זײַנען מענטשן אומגעקומען.
ס'האָט אויך אַף מיר שוין אָנגעצילט זײַן בליק —
דער טויט מיט אויגן קרומע.

און דאָ — ראָמאַשקעס... נעבן מײַן טראַנשיי.
בײַ נאָמענלאָזער הויכקייט זײַנען זיי געוואַקסן,
ווי מיר, געליטן האָבן זיי פון גרויל און ווײ
און אויסגעשטאַנען אַלע פײַערדיקע שלאַקסן.

מיט לעכצנדיקע ליפּעלעך געשעפּטשעט און געצאַנקט,
נאָר פון שטאַרבן ניט געוואָלט זיי האָבן וויסן.
און דאָ איז פּלוצלינג מיר געקומען אַ געדאַנק:
די ראָמאַשקעס, די ראָמאַשקעס דאַרף מען דאָך באַגיסן!

— לעם אײַך, יעסוימעלעך, אַליין דער קריג ווערט שטום,
ניין, אײַך פאַרטיליקן עס טאָר ניט קיינער וואַגן...
איעדן בלימעלע געגעבן כ'האָב אַ טרונק
אַ טראָפּן לעבן פון מײַן זעלנערישער פלי‌אַגע.

עס איז שוין ווײַט אָט יענער גרויליק־שווערער טאָג,
נאָר מײַן זיקאָרן האָט פאַרהיט מיר די דערמאָנונג.
די פרוי מײַנע — וואָס האָט זי הײַנט מיר אָנגעזאָגט?
„באַגיסן זאָלסטו די וואַזאָנעס"!...

✧

שיקע דריז

די פרימאַדאָנע

גענדז און קאַטשקעס, שאָף און רינדער,
קאַץ און מויז און קליינע קינדער,

ליאַלקעס, העזעלעך און בערן
מוזן באַלד אַנשלאָפֿן ווערן,

ניט גערירט זיך פֿונעם אָרט,
די פרימאַדאָנע פֿרילינג פֿאָרט!

אין אַ קאַרעטע אַ ווינער,
אין אַ קאַרעטע אַ גרינער,

מיט די שענסטע אויף דער ערד
אײַנגעשפּאַנטע זעקס פֿאַר פערד.

מיט צילינדערס אויף די קעפּ,
גרינע סטענגעס אין די צעפּ,

מיט קאַמאַשן אויף די פֿיס,
אויפֿגענייט פֿון ווײַסן פֿליס,

פֿלײַען זיי, באַדעקט מיט פֿינע,
צו די שנײַדערלעך די גרינע,

וואָס מיט סמיטשיקלעך, מיט נעדעלעך
אַהער־אַהין אויף פֿעדעמלעך

שפּילן אויס דאָס גרינע קלייד
פֿאַר דער פרימאַדאָנע שטילערהייט...

— — — — — — — — — — — — — — —

שלאָפֿט זשע, שלאָפֿט געזונטערהייט!
די פרימאַדאָנע מעסט דאָס קלייד —

אַקוראַט אַזייגער צען
וועט איר זי אין חלום זען.

✧

באָריס מאַגילנער

פערל

ס׳קאָן זײַן, אַז די זון אינעם הימל דעם ריינעם
געוואָרן אַ ביסל איז קאַליע:
צעשפּאָלטן זי האָט זיך, און שפּליטערן קליינע
צעשאָסן אין יאַם אויף די כוואַליעס.

איצט יאָגן זיי אַלע צום ברעג זיך באַרימען,
באַווײַזן די גאָלדענע פֿלעקן,
ווי ווילדע, זיי שרײַען מיט טויזנטער שטימען
און פּרוּוון די שטיינער צעוועקן,

נאָר ווערן צעשמעטערט אויף טויזנטער טראָפּנס,
אויף זויבערע קילבלעכע בליצן.
און פֿריילעך דעם ברעג פֿון די פֿיס ביז צוקאָפּנס
מיט זוניקע פערל באַשפּריצן.

עס ווערט ניט פֿאַרפֿאַלן דער פּורפּור פֿון שפּליטערס,
ער צאַפּלט אין כוואַליעס אין נײַע.
אָן אויפֿהער דעם זון־שטויב זיי שיטן און שיטן —
אויף לאַנג בײַ דעם יאַם קאָן ער סטײַען.

אַ כיטרע דער יאַם איז — די אויגן
פֿאַרבלענדט ער,
קעדיי אין דער טיפֿעניש קאַלטער
בײַ זיך אָפּן דעק, נאָך ביז איצט ניט
דערקענטע,
די עמעסע פערל באַהאַלטן.

✧

וועלוול ווערניק

צי קען איך דען?

צי קען איך דען גלײַכגילטיק זײַן,
ווען ערגעץ־ווו עס הערשט נאָך פּײַן,
ווען עמעץ ציטערט נאָך פון קעלט
אין א צעבראָכענעם געצעלט?

ווען ערגעץ־ווו דאָס בלוט זיך גיסט
און ס׳טרוימט א הײַנטיקער פאַשיסט
פאַרלעשן זי, די זונען־שײַן...
צי קען איך דען גלײַכגילטיק זײַן?

ווען לענדער לעבן נאָך אין נויט
און ס׳קלעקט פאַר קינדער ניט קיין ברויט,
ווען טשילי זינקט אינעם טראַר —
דאַן ווערט פאַר מיר באַזונדערס קלאָר:

איך טאָר ניט זײַן גלײַכגילטיק, ניין,
ווי די, וואָס ווילן ניט פאַרשטיין,
אַז אַראַדור און באַבי־יאַר
איז נאָך ביז איצטער — א געפאַר.

✧

ליפּע העלער

אונדזער היימלאַנד

וואָס איז נאָענט,
וואָס איז ווײַט —
ווער קאָן זאָגן?
מיר איז נאָענט
אונדזער הײַנט,
אונדזער מאָרגן.

וואָס איז העלער
פון דער וועלט,
וואָס מיר בויען?

עפּשער נאָר
די זון, וואָס קוועלט,
הימלען בלויע.

וואָס איז טײַערער
פון אַלץ
יעדן איינעם?
אונדזער פעלד
און אונדזער וואַלד —
אונדזער היימלאַנד.

✧

מאַקס ריזאַנט

וויפל בין איך אויסגעפאָרן וועגן

וויפל בין איך אויסגעפאָרן וועגן,
זיך געהאַט פאַרקליבן ווײַט העט־העט.
נאָר עס איז מײַן פריידיקסטער פאַרמעגן —
נײַע זען יישובים, נײַע שטעט.

שווימען איבער אויסגעבלויטע טײַכן
און מיט יעדן שטעגל זײַן באַקאַנט,
וואָס אַמאָל כ׳וואָלט רײַכער אַלץ און רײַכער,
ווען איך זע די שיינקייט פון מײַן לאַנד.

קוויקן זיך קאַיאָר מיט ווינטן פרישע,
אײַנזאַפּן דעם דופט פון רײַפן פעלד,
זיך מיט אומבאַקאַנטע מענטשן גריסן
אין א ווײַטן טײַגישן געצעלט.

גרויס ביסטו און ראַכוועסדיק, מײַן היימלאַנד,
פול מיט קראַפט און בלײַענדיקן כּיין.
צו דעם קאַנט, ווו כ׳בין געווען כאָטש איינמאָל,
ציט מיך ווידער, ווי צו זיך אהיים.

✧

אױף די ראַכװעסן פֿון דער ייִדישער אױטאָנאָמער געגנט

פֿאָטאָ־רעפּאָרטאַזש



אױף די פֿעלדער, אױף די לאָנקעס...

ביראָבידזשאַן — א אינדוסטריעלע שטאָט

דאָס לעבן אין טכום זעט מען בלויז אין טעאַטער...

די שטאָטישע ביבליאָטעק אַף שאָלעם־אַלייכעמס נאָמען

רײַך און פּרעכטיק איז די טײַגע

עס וואַקסט אונטער אַ נײַער ביראָבידזשאַנער דאָר

כאנע לעווין

דאָס הארץ

מײַן גאַסט ניט קיין געוווּנטשענער
און וויפל מאָל פארבעטענער,
צו אים די דלאָניע אָפּענע
כ'צי אויסעט, ווי א בעטלערן.

מײַן האנט אין בלויע רונדעלעך
פון קאמפּאָר־שטעך פארלאָפּענע,
כ'צי אויסעט, גלײַך באקומען כ'קאָן
פון גאסט א זשמעניע האָפענונג.

און ער, מײַן ניט־געוווּנטשענער,
מײַן גאסט צו מיר פארבעטענער,
א כמורנער און א שווײַגיקער,
פארטראכט זיצט בא מײַן בעטעלע.

מיט גרויען זאמשע־לעדערל
ווישט פלייסיק אויס זײַן ברילעכל,
און נאָכדעם רעדט אנטשיידן ער,
און הארב ער רעדט און ברידערלעך:

— דאָס הארץ ז'בא אײַך פארהאָרעוועט,
זײַן קלאַפּ איז צו אָן אײַליקער.

וואָס רוט איר ניט, וואָס ליגט איר ניט,
וואָס לויפט איר פונעם אלקערל?

וואָס האוועט איר, מײַן טײַערע,
די וועלט באזאָרגט ניט, ליובינקע,
שוין צײַט צו זײַן א באָבע נאַר,
א היימישע, א שטוביקע.

דאָס הארץ איז ווי א זייגערל,
מיט דינסטע שרײַפלעך־רעדעלעך.
פארשטייט איר, וואָס איך וויל פון אײַך?
פארשטייט איר, וואָס מע רעדט צו אײַך?...—

— מײַן שטרענגער גאסט און פרײַנט מײַנער,
איצט מיך הערט אויס א ווײַלינקע,
מײַן הארץ, זאָגט איר, ז'א זייגערל,
און ס'יאָגט און יאָגט און אײַלט זיך אַלץ.

איז זאָל עס יאָגן, אײַלן זיך,
אבי ניט אָפּגעשטאַנען זײַן,
איר האָט דאָך גוט מיך אויסגעהערט?
איר האָט דאָך גוט פארשטאַנען מיך?

✧

פּייסי יאַנאָווסקי

* * *

מיט סאָסנע און מיט פרישער ליים
עס שמעקט ביראָבידזשאַן.
עס וואַקסט, עס שטײַגט א יונגע היים
אָף שטאַרקן רוקן פון כינגאַן.

איך זינג,
איך טרינק די בלויקײַט פון די בערג —

עס איז מײַן שטאַרקסטער ווײַן,
ווען שפּיצן סאָסנעס ברענען אוף
אין פאַסן רויטער שײַן.

דאָס לײַב
כ'פריש אָפּ אין קאַלטער בירע.
איך פיל:
עס רינט אין מיר דער זאַפט
פון אופגעוואַכטער גוורע...

●

ריווע באַליאַסנע

אָנהייב פרילינג

דאָס לעבן פאר־זיך איז שוין אויך א נעס.
ס'איז דורכגעגאַן אינגאַנצן עטלעכע מעסלעס,
געוועזן איז גרוי און ווײַס דער הימל און די ערד,
איצט קוקט און הערט:
סע בלויט און גרינט... דאָס אײַז אין טײַך זיך ברעכט!
דער פרילינג האָט באַקומען אַלע רעכט:

ער שײַנט, ער זינגט, באַזײַטיקט אַלץ, וואָס שטערט,
ס׳צעשיט זיך זון אַף לאָנקעס און אין וואַלד.
מע זײַט שוין זוימען, ס׳זאָלן וואַקסן קווייטן,
און מע פאַרגעסט, אַז ערשט געווען איז קאַלט.
די ערד, דער הימל באָדן זיך אין פריידן.
סע זינגען פייגל און סע קוואַקען פרעש,
צווישן דעם גרינס פאַרבליבן איז פון הארבסט אַ צווײַג ווי מעש.

✧

גאָלדע מיכעלסאָן

„טו־104"

איר וועט לאַכן, כ׳ווייס שוין פריִער:
ס׳האָט דער „טו" דער זילבער־ווײַסער
מיר דערמאָנט דעם „טעפּיך־פליִער"
פון די ווונדערלעכע מײַסעס.

כ׳האָב אַ זעלטענע נעסיִע
דורכגעמאַכט ניט לאַנג אַהערצו:
גלײַך פון לענינגראַד ביז קיִעוו
פליט מען קוים אַ שאָ מיט פערציק!

זײַנען מיר אין „טו" געזעסן
מער פון הונדערט מאַן אוואַדע,
זויער־צוקערלעך געגעסן
און געטרונקען לימאָנאַדע.

דורך די קײַלעכדיקע שויבן
אַלע מאָל אַ קוק מיר כאַפּן:
אונדזער שטאָט זעט אויס פונויבן,
ווי אַן אָנגעמאָלטע מאַפּע.

באַלד וועט זי פאַרשווונדן ווערן
אין אַ נעפּלדיקער פּאַרע.
און אַרום עס הענגען שווערע
ליוויאַסנס — שטיקער כמאַרע.

די מאָטאָרן רוישן, וואָיען,
שלעפּן אונדז אַלץ העכער, העכער...
אין דער פערענע דער גרויער
לײַכטן דורך בלאַקיטנע לעכער.

פּלוצעם טוט אַ פלייץ מיט שטראַלן,
דאַכט זיך אויס גאָר, אַז מיר שטייען!
אַלע כמאַרעס — ווי פאַרפאַלן,
אונטער אונדז אַ יאַם פון שנייען.

ניין, מיר שטייען ניט, מיר פליִען,
קוים עס הוידען זיך די פליגל,
און פון שניי זיך נעמען ציִען
טשערעדעס מיט ווײַסע ציגן.

✧

איטשע באַרוכאָוויטש

ערשטער טוי

דאָס בעסטע, וואָס איך האָב, ניט מיר געהערט —
כ׳קאָן אַלץ זיך ניט צעצאָלן מיט דער ערד.

כ׳בין שולדיק איר אַ סאַך — איך ווייס גענוי —
פאַר כ׳יעסדיקער קעלט פון ערשטן טוי,

ווען ציטעריק אין מיזרעך־זײַט באַגינט
און ערשטע זוניקײַט באַפאַרבט מײַן קין.

כ׳בין שולדיק איר פאַר ערשטער היץ פון טאָג,
פאַר ערשטן בליץ און ערשטן דונער־שלאַג,

פאַר ערשטער פרישקײַט, וואָס נאָך זיי זיך זייט
אַף אַלעמען פון אונדז אָן אונטערשייד.

אַזאַ מין כויוו ווי קערט מען אום דער ערד?
...מיט אָט דעם כויוו אַ מענטש צו איר זיך קערט.

✧

מענדל גאָלדמאַן

צום דרײַסיקסטן יאָרטאָג פונעם סטאַלינגראַדער זיג

צעשטראַלט עס האָט די זון זיך,
ווי גאָר ניט אין פעווראַל־טעג,
און ווארעם איז די לופט,
ווי קיינמאָל ניט אין שוואט.
פון שווארצן יאם ביז באַלטיק
א יאַמטעוו־שטים עס טראָגט זיך:
— באפרײַט איז סטאַלינגראַד!

די יאָמטעוו־שטים זיך קײַקלט
אריבער קאָנטינענטן:
— די לעצטע רינג צעריסן
אין סטאַלינגראַדער קייט!
באפרײַט די שטאָט געשענדטע,
און זאָלן אַלע וויסן —
ס'איז יאָמטעוו אין מײַן היימלאַנד,
מײַן היימלאַנד הילכט פון פרייד...

עס רופט דער דאָן זיך איבער
מיט וואָלגע־טײַך דעם ברייטן,
פון ברעסטער העלדן־פעסטונג
דערגייט אהער די שטים:
— אויך דאָ עס וועלן פּלאַצן
דעם סוינעס שווערע קייטן,
קיין שאָטן וועט ניט בלײַבן
אף גאָרער ערד פון אים.

ס'וועט פרײַ ווערן דער דניעפּער,
די סענע און די ווײַסל,
דאָס פאָלק, וואָס איז פאַרמאַטערט,
באפרײַט וועט זײַן פון אַל.
און ווי א וואונדער־מײַסע
אף ערד און יאם עס פלאַטערט
דער קאַמף פאַר ליכט און פרײַהײַט,
אנטקעגן פויסט פון שטאָל.

צעשטראַלט עס האָט די זון זיך,
ווי גאָר ניט אין פעווראַל־טעג,
און ווארעם איז די לופט,
ווי קיינמאָל ניט אין שוואַט.
פון שווארצן יאם ביז באַלטיק
א יאָמטעוו־שטים עס טראָגט זיך:
באפרײַט איז סטאַלינגראַד!

✧

אלעקסאַנדער בעלאָוסאָוו

קלאָלעס און בראָכעס

די מילכאָמע איך שעלט
מיט אוראַלטע קלאָלעס
און מיט שפּאָגל־נײַע,
נאָך ניט געהערטע.
מעקויעם זאָלן זיי ווערן
אין זכוס פון בלוט און טרערן,
וואָס זײַנען געפלאָסן
אין כאָלעם און אף דער וואָר,
אין זכוס פון שטעט און דערפער צעשטערטע,
אין זכוס פון גויראָלעס,
אין ריזיקן פײַער פאַרברענטע,
אין זכוס פון דער וועלט דער געשענדטער.

דעם שאָלעם איך בענטש
מיט בראָכעס אוראַלטע
און מיט שפּאָגל־נײַע,
נאָך ניט געהערטע.
מעקויעם זאָלן זיי ווערן
אין זכוס פון פעלדער מיט זאנגען רײַפע,
אין זכוס פון סעדער מיט פרוכטן שטײַפע,
אין זכוס פון העלע ווענט,
אופגעשטעלטע מיט ווארעמע מענטשלעכע הענט,
אין זכוס פון מײַן קינד,
וואָס ווייסט נאָך ניט פון קיין זינד,
אין זכוס פון דער וועלט,
פון דער שיינער און ליכטיקער וועלט!

✧

זיאמע טימענטשיק

דאָ!

דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל געעפנט מײַנע אויגן,
געבוירן ווערן איז מיר געווען באַשערט.
מיט מאַמעס מילך האָב איך אַרײַנגעזויגן
די בעסטע זאַפטן פון דער גוטער ערד.
מײַן בעסטע שאָ,
מײַן שענסטע שאָ —
דאָ!

און ווען מײַן וועלט געלעגן איז אין פלאַמען,
און מיט מײַן גורל האָט דער סוינע זיך געשאַפט,
געשטעלט איך האָב זיך דאַן מיט אַלעמען צוזאַמען,
די ערד — זי האָט געהאָלפן מיר און מיר געגעבן קראַפט.
מײַן וויכטיקסטע שאָ,
מײַן ריכטיקסטע שאָ —
דאָ!

אַ בייזער טאָג, ווען ס׳האָט מיך אָנגעגריפן
און ס׳האָט געטראָפן מיך די גרעסטע קלאָג, —
די ערד איך האָב פאַרטרויט אין אירע טיפן,
דאָס טײַערסטע און בעסטע, וואָס איך האָב פאַרמאָגט.
מײַן ערגסטע שאָ,
מײַן שווערסטע שאָ —
דאָ!

כ׳האָב ליב מײַן ערד, כ׳בין רויִק און געדולדיק,
כאָטש פויקערס אין די ווײַטן זײַנען דאָ לערעוו.
מײַן גוטער ערד איך וועל ניט בלײַבן שולדיק,
איר אָפּגעבן צוריק כ׳וועל אַלעס ביזן סאָף.
מײַן לעצטע שאָ,
געשעצטע שאָ —
דאָ!

עס וועט מײַן טרײַשאַפט קיינער ניט פאַרלעשן —
דאָ איז מײַן ערד, דאָ איז מײַן לאַנד.
אויב כ׳וועל עס ווען־ניט־איז פאַרגעסן —
זאָל אָפּדאַרן מײַן רעכטע האַנט!

✧

ליובע וואַסערמאַן

וויטאַמיזורעכדיקער זומער

כ'האָב צעעפנט טיר־און־פענצטער —
קום אַרײַן, מײַן צאַרטער,
קום אַרײַן, מײַן שענסטער,
זומער מײַן געגאַרטער!

ליב איך האָב דײַן רײַפן שמייכל,
דײַנע פרישע ווינטן,
דײַנע טערפּקע, זיסע רייכעס
און דײַן סטעפּ צעגרינטן.

ליב מיר זײַנען גאַסן בונטע,
וואָס אין פוך זיך הילן,
און די סקווערן די באַזונטע,
ווו די קינדער שפּילן.

ס'זינגט אין מיר אַ שטילער ניגן,
טיף אין האַרץ פאַרטײַעט,
צו דעם קאָנט מײַנעם דעם היגן,
וואָס איז ליב מיר, טײַער.

טיר־און־פענצטער איך צעעפן,
און איך בענטש דײַן קומען,
האַרעפּאַשנער, פרײדיק־העלער
וויטאַמיזורעכדיקער זומער.

✧

יאָסל בוכבינדער

אַלע טײַכן האָב איך ליב

אַלע טײַכן האָב איך ליב,
סײַ גרעסערע, סײַ קלענערע,
יעדער טײַך פאַרמאָגט זײַן ברייטקײַט און זײַן טיף,
זײַן דורערסדיקע שײנקײַט, די געווינשאַפט צו זײַן ברעג.
כ'האָב ליב זיי אַלע,
כאָטש בעסער פילט געוויינלעך זיך אַ שווימענדיקע שיף
אַף אַ טײַך אַ טיפערן, וואָס ציט אומענדלעך זיך אַוועק
צו ברעגן ערגעץ פעלדזיקע, העכערע און שענערע.
נאָר איך — פון קינדווײַז אָן כ'האָב אַלע טײַכן ליב, —
ס'געפעלן מיר אי גרעסערע, אי קלענערע,
כאָטש ס'טײַכל, וואָס געלעבט האָט לעם מײַן שטוב,
איז קוים געפלאָסן, ס'האָט אַ ווינט עס אויסגעטריקנט מיטאַמאָל,
ווײַל ס'איז ניט טיף געווען, נאָר קליין און שמאָל,
ווי קליין און ניט דערוואַקסן עס האָט אויסגעזען מײַן געסעלע.
פאַרבליבן איז פון טײַכל מײַנעם בלויז אָן אויסגעדאַרטער דנאָ
מיט אַ שטיין אַ פלאַטשיקן, אַ קאַלטן, אַ פאַרגעסענעם.
גראָב איך טיפער אויס דאָס טײַכל אין מײַן היים,
אַז די ברייטקײַט און די טיפקײַט זאָלן קײנמאָל ניט פאַרגיין.
ווי די וואָלגע, אַמאַזאָנקע, ווי די ווײַסל, יעניסיי,
פליסט מײַן טײַכל צווישן טײַכן, צווישן פעלדזן אַזוי שיין.
ס'איז מײַן טײַכל, ווי אַ שפּיגל, אויסגעציכטיקט ריין,
יעדער טײַך פאַרמאָגט זײַן שײנקײַט און זײַן כײן.

✧

כאַנע װײַנערמאַן

שװאַרצערד

אינמיטן האַרבסט, װען ס׳װעלקט דער װאַלד,
דאָס פעלד
און ס׳לײגט זיך אױף דער ערד די ערשטע
קרירע,
דו טו אַ קוק, װי ס׳שײַנט פאַר דיר אַ װעלט
מיט װוּנדערלעכע פאַרבן און קאָלירן.

דער װאַלד אַרום פאַרשאָטן איז מיט גאָלד,
מיט װײַסע שװעמלעך צירן זיך די גראָזן.
עס פלאַקערט דער שיפּאָװניק אינעם טאָל,
מיט געלן פײַער ברענען די בעריאָזעס.

דער טײַך פאַרגליװערט איז װי מירמלשטײן
אין אָפּשפּיגלונג פון קופּער און פון זילבער.
נאָר דו, אָ, מענטש, דו קאָנסט אין האַרבסט
אַלײן
צו אָט דער פאַרבן־שפּיל זײַן האַרציק־פילבאַר.

אָ, פאַרבן האַרבסטיקע, אין אײַער שײַן
איז רײַכער מײַן דראָגבערטער פאַרמעגן.
איר זײַט מיט מוטערס מילך אין מיר אַרײַן.
איר לױכט אױף מײַנע אומװעגן און װעגן.

נאָר דאָך איז ליבער מיר אינמיטן האַרבסט
די שװאַרצע פאַרב, װאָס שװאַרץ איז
די שװאַרצע פאַרב פון רױכערדיקן „פּאַר“,
פון פלאַסטן װאַרעמע אין האַרטער רױערד.

איך נעם אין האַנט אַ הױפן שװאַרצע ערד
און כ׳פיל אין איר — אַ גרױסע װעלט זיך
עפנט.
די ערד — זי צערטלט מיך, זי שמעקט, זי
נערט,
מיט אַלע װײַרעכער פון זעט און שעפע.

און כ׳פיל, כ׳בין יונג, װי יאָרן לאַנג צוריק,
װען דעם דעקרעט באַגריסט האָט פעלד און
לאַנקע —
עס האָט איליטש מיט מאַזל און מיט גליק
די שײַנע ערד ברײטהאַנטיק אונדז געשאַנקען.

פון דעמאָלסט כ׳האָב אײן טרױם באַ זיך אין
בלוט,
אײן האָפענונג, װאָס כ׳גאַר פון דעם געניסן:
עס זאָל די מיל ניט װיסן פון קײן רו,
דער שפּײַכלער — פון קײן װידערקאָל ניט
װיסן.

עס זאָל פּולװערטיק זײַן די מי פון האַנט,
כ׳זאָל בײַשטײַן יעדן אומגליק און געװיטער.
אָ, רום דיר, שװאַרצערד הײליקע פון לאַנד,
איך בין דײַן זון, דײַן אַקערער און שניטער.

✧

מאָטל גראָסמאַן

אהײם!

עס טרעפט אַמאָל אין אָנהײב פרילינג,
װען ס׳װאַרעמט װײניק נאָך די זון, —
און פּלוצעם זע איך:
פײגל פליִען,
פון פרעמדן לאַנד זיך קערן אום.
אין װאַלד די בײמער —
הױלע, דאַרע,
נאָר זאַפטן פליסן שױן געהײם.
און ניט די װינטן,
ניט די כמאַרעס

די פײגל שרעקן ניט! —
אהײם!
אהײם, װוּ האָסט געשטעלט אָן מוירע
דײַן ערשטן טראָט
מיט ערשטן מוט,
אהײם —
װוּ ביסט אַמאָל געבױרן.
אָ, פײגל,
איך פאַרשטײ אײַך גוט!

✧

הירש רעלעס

פרילינג

און אָט איז ווידער מײַ שוין,
די טשעריאָמוכע איז פארקנאסט.
צו איר זויבערער קלייד דער ווײַסער
קומען פריילעכע בינען צוגאסט.

ס׳האָבן ווינטן פארטײַעט דעם אָטעם
און דערנאָך מיט א מעכטיקן בלאָז
פון דער קרוין אראָפּגעשאָטן
אלע צוויטערלעך אין גראָז.

דעם כאסענע־אויסזען פארלאָרן,
געבליבן אין וואָכיקער קלייד, —
די טשעריאָמוכע איז געוואָרן
אויס קאלע, ווידער מויד.

פון אלעם דער מענטש ווערט געניסן
אזא שיינקייט, אזא גערוך...
און דאָך טוט מיר שטארק פארדריסן,
וואָס פרילינג איז גיך אזוי דורך.

✧

מישע מאַגילעוויטש

דאָס גאָלדן שליסעלע

צווישן וואלד און ברייטן פעלד,
צווישן טײַך און הויכן פעלדז,
אינעם בלויען הימל־בויגן
לעבט א ווונדערלעכער פויגל.
זײַנע פײַערדיקע פליגל
לויכטן ווי צוויי העלע שפּיגלען.
און אין שנאָבעלע בא אים,
וואָס איז לויטער ווי בורשטין,
אָף א פעדעמל זיך וויגט
ס׳גאָלדן שליסעלע פון גליק.
כ׳עפן אופעט טיר און טויער
און די פענצטער פון מײַן מויער,
אין די שויבן לײַכט די שײַן:
— פויגל, פויגל, קום ארײַן.
אָט־אָ פליט ער שוין צו מיר,
זײַנע פליגל איך באריר.
און עס פלאַמט פון פרייד מײַן בליק.
ווי דאָס שליסעלע פון גליק.
כ׳וויל עס נעמען אין די הענט,
נאָר פון שײַן איך ווער פארבלענדט.
ווען געוואָלט כ׳האָב עס דערלאַנגען —
אין מײַן אויג איז עס צעגאַנגען.
און דער ווונדערלעכער פויגל
טראָגט זיך הויך אין הימל־בויגן.

✧

פיניע קיריטשאנסקי

מיר דוכט זיך, דער ווינט

מיר דוכט זיך, דער ווינט איז א רויטער,
ווי הארבסט־צײַט אָף ביימער די בלעטער.
אין קינדערשן בלוט אײַנגעטונקען
ער טראָגט זיך פון ווארשעווער געטאָ.

מיר דוכט זיך, דער ווינט איז א גרויער,
מיר דוכט זיך, אז ער איז א שווארצער.
א רויך פון די קוימענס טרעבלינקער
לייגט שווער זיך אוועק אף מײַן הארצן.

געוואָלט האָבן שווארץ־גרויע ווינטן,
פון מיר זאָל ניט בלײַבן קיין זייכער.
איז טראָגן זיי אום אף דער וועלט איצט
פון אייכמאנען אָפער־ווייפער.

✧

יאנקל עלקיס

איניינעם

ס'האָט מײַן הארץ באמערקט שוין לאנג
וואָס באמערקן וויל מײַן סייכל:
יעדע זאנג האָט איר גע‌זאנג,
יעדעס בלימל האָט זײַן שמייכל.

ווען ארום איז רויק, שטיל,
דאָס באזונדערע פארשטיי איך —
יעדער גראָז באזונדער וויל
היטן זײַן באזונדער רייעך.

יעדער בוים מיט שטאם און קרוין,
זעט נאָר אָבער סארא ווונדער —

טויזנטביימער — וואלד איז שוין,
נאָר ס'איז יעדער בוים באזונדער.

טויזנט מענטשן — טויזנט געגנג.
איין גאנג מײַנער, איז ניט קיינעמס —
ווען געפאר אין לופט סע הענגט,
שמידן רינגען זיך איניינעם.

טויזנט ווילנס — קעגן צוואנג,
טויזנט פײַערן — אף רויבער,
טויזנט לידער — איין געזאנג,
ווען דעם סוינע איז מען גויווער.

✧

דאָוויד בראָמבערג

נאָך יענעם מענטשן כ'וועל ניט בענקען

נאָך יענעם מענטשן כ'וועל ניט בענקען,
דעם וועג אים געבן — זאָל ער פאָרן,
אים אויסמעקן פון מײַן זיקאָרן
(געווען אזא, און ניט געוואָרן) —
נאָך יענעם מענטשן כ'וועל ניט בענקען.

נאָך יענעם מענטשן כ'וועל ניט קלאָגן.
אָט וועט אראָפּ א פרישער רעגן
און אויסוואַשן די גאס, די וועגן —

פאר מיר, און ניט פארזײַנעטוועגן.
נאָך יענעם מענטשן כ'וועל ניט קלאָגן.

ס'האָט דאָ דער מענטש ניט וואָס צו בלײַבן.
עס פרילינגט.
טיפער ווערט און ווייכער
דער הימל.
פון דער קעלט — קיין זייכער.
אינגיכן פרוכט מיר ווענן קלײַבן.

✧

מאָטל שטורמאן

דאָקטוירים

דאָקטוירים פאר אונדז —
וויער לעבן זיי שטעלן.
פון אלע דאָקטוירים
נאָר דרײַ מיר געפעלן.

דער ערשטער —
די זויבער־קרישטאָלענע לופט,
זי היילט און זי קוויקט
מיט איר ווײַניקן דופט.

דער דאָקטער דער צווייטער —
די ליכטיקע זון,

איר גלײַכע שײַן
נעמט געטרײַ מיך ארום.

דער דאָקטער דער דריטער —
דער ברוזיקער יאם,
ער ווייסט ניט קיין גרענעץ,
ער ווייסט ניט קיין צאם.

קעסיידער ער מונטערט,
קעסיידער ער קוועלט.
קיין דאָקטוירים קיין בעסערע
ניטאָ אף דער וועלט.

✧

אווראָם קאַצעוו

א גוט וואָרט

כ'האָב געהאַט פאַר א מענטש א גוט וואָרט —
ניט געזאָגט. יענער מענטש איז געשטאָרבן.
און אַצינד האָט דאָס האַרץ־ווייכע וואָרט
זיך געשטעלט, ווי א ביין, מיר אין גאָרגל.

עפשער וואָלט אים דאָס דאָזיקע וואָרט
אַף א ווײַל כאָטש פאַרלענגערט זײַן לעבן?
ס'גייט די צײַט, נאָר סע בלײַבט דער
פאַרדראָס:
כ'וועל זיך קיינמאָל מײַן שולד ניט פאַרגעבן.

✧

מאַטל גאָלבשטיין

רוסלאַנד

דאָס פײַערלעך געזאַנג פון דרייסטער יוגנט מײַנער,
דאָס קאָל באַגײַסטערטע פון גאָלד־געוועבן טײַנע,
די שיינקײַט פונעם אורקוואַל זויבערן, באַוווסטן,
די טרײַהײַט פון דער שוווּע און פון האַרץ די גלוסטונג, —
דאָס אַלץ ביסטו, מײַן הייס־געליבט רוסלאַנד!

דאָס ריזלען פונעם קוואַל אין ווײַנשל־גאָרטן ליבן,
דאָס עכטע פאָרגעפיל, דאָס וואָרט אַף מײַנע ליפּן,
מײַן ווייגענדיקע קלאַנג־ליד נאָך די ברידער זיבן,
וואָס זײַנען אומגעקומען אין די שלאַכטן די באַוווסטע, —
דאָס אַלץ ביסטו מײַן הייס־געליבט רוסלאַנד.

מײַן ווײ און מוט, מײַן טרייסט, מײַן מענטשלעך גלויבן,
מײַן פלאַמיקער באַגער — מײַן העלער רעגנבויגן,
ס'געזאַנג פון שיינער מײַ, פון יוגנט לעגענדאַרער,
די שטערן פונעם קרעמל, וועלכע גרייכן ביז די כמאַרעס,
וואָס שטראַלן פלאַמיק־פּרילינגדיקע גרוסן, —
דאָס אַלץ ביסטו, מײַן הייס־געליבט רוסלאַנד!

מײַן יעדער טראָפּן בלוט, וואָס וויל ניט דרימלען,
און יעדער פרייד־געשריי, וואָס וועקט די הימלען,
דער שײַנענדיקער טרוים, אין האַרץ — די ווײַנטרויב־קוסטעס, —
דאָס אַלץ ביסטו, מײַן הייס־געליבט רוסלאַנד!
מײַן הייס־געליבט רוסלאַנד!..

דווירע כאַראַל

ווײַסער צוויט

ווײל מײַן ייִנגעלע שוין שלאָפֿן,
און די פֿענצטער שטייען אָפֿן.
ווײַס דער סאָד האָט זיך צעבליט.
ווײַנשל־ביימער פּיל אין צוויט.
טראָגט אין שטוב אַרײַן דער ווינט
ווײַסע בלעטעלעך, מײַן קינד.
בא דײַן בעטעלע זיך שפּרייטן
בלעטעלעך פֿון ווײַנשל־קווייטן.

ס'איז אַרום די ערד צעאַקערט —
ווייך און וואַרעם איז די ערד.
און געאַקערט האָט אַ טראַקטאָר,
ניט קיין אָקס און ניט קיין פֿערד.
גיסן רעגנס,
רעגנס — שלאַקסן.
ווען ווײַנשל־ביימער וואַקסן.
וואַקסן שלאַנק עס וועט מײַן קינד
שלאַנק און פֿלינק, ווי פֿרילינג־ווינט.

שליס, מײַן ייִנגעלע, די אויגן,
סעדער שטייען ווײַס אין צוויט.
ס'איז די שויב מיט נאַכט פֿאַרצויגן.
שלאָף, מײַן ייִנגעלע, מײַן ליד.

✧

בראָניע סינעלניקאָווא

ווינטער

אין בלויער נאַכט אַ ווײַסער שליאַך,
אין ווײַס געקליידטע שטייען סעדער.
אַ ווײַסער הוט אַף יעדער דאַך,
באַצירט מיט שטערנדלעך קעסיידער.

פֿון פֿראָסט צעפּלאַמט איז מײַן געזיכט,
ער שטעכט מיט נאָדלען מיר די פֿינגער,
עס האָט אַהערצו מיך פֿאַרפֿירט
דער ווינט, וואָס פֿליט אַרום אַ ווילדער.
ער רײַסט די פּאָלעס פֿון מײַן קלייד,
ער שטיפּט מיט שנייעלעך, וואָס שיטן.
מײַן אייניקל האָט זיך דערפֿרייט
און שלעפּט צום באַרג זײַן גרינגן שליטן.

און איך, איך שטיי איצט אין אַ זײַט,
און עפּעס בויערט דעם זיקאָרן:
מיר דוכט, מײַן אויסגעבענקטע ווײַט
צו מיר אין געסט איז איצט פֿאַרפֿאָרן.

מוישע פּענס

קאַיאַר

די פֿרישקײַט פֿונעם טוי,
דער ציטער פֿונעם בלאַט,
די סוידעס פֿון דער בלוי,
וואָס נערט דעם הימל זאַט;

דאָס ערשטע צוויטשערײַ
פֿון שוועלבעלע אַף בוים,
דער ערשטער שטראַל־געשריי
אין אופֿגעלעבטן רוים, —

אַלץ, אַלץ עס גייט אַ קאָן:
„באַלד יאַוועט זיך די זון!"
און דו זאָגסט אויך מיר אָן:
„איך קום! איך קום! איך קום!"

כאַ״ים מעלאַמוד

דער נעס פון „סאָוועטיש היימלאַנד״

ווען איך זאָל זײַן א מעטאַלגיסער, וואָלט איך געמאַכט א מעדאַל „צוואַנציק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד״ און זי פאַנאַנדערגעטיילט צווישן אַלע שרײַבער און לייענער אַלס אָנדענק פון א זייער וויכטיקער דאַטע אין דער געשיכטע פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור.

ווען איך זאָל זײַן א שניצער, וואָלט איך אויסגעשניצט א קונציקע פיגור, אין וועלכער איך וואָלט פאַרקערפּערט די טיפע געדאַנקלעכע און נעשאָמעדיקע באַהעפטונג פונעם שרײַבער און לייענער, וועלכע האָט מעגלעך געמאַכט די גרויסע שעפערישע אויפטוען פון דעם זשורנאַל פאַר די צוואַנציק יאָר.

מיט איין וואָרט — די אויבן אָנגעשריבענע שורעס דערמאָנען מיסטאָמע דאָס אַלטע ייִדישע לידעלע „ווען איך זאָל זײַן דער בוירע־אוילעם״, נאָר איך בין ניט מער ווי א שרײַבער, איך בין פול מיט זעונגען, אָפּטמאָל גאַנץ צעשוווּמענע, און ניט שטענדיק גיט זיך אײַן „אויסגיסן״, אָדער „אויסשניצן״ פון זיי עפּעס רעכטס.

אָט איצט, אַשטייגער... אינמיטנדערינען האָט זיך א יאַווע געטאָן א זשוואַווע מענטשל מיט א כיטרע קוקעלע און מיט א בײַסיק שמייכעלע. און אין זײַן שטעכיקן בליק, וואָס האָט דורכגענומען ביז עקל, איז געווען א פאַרבאַהאַלטן רעמעזל, וואָס ער אַליין וואָלט עס אָפּגעלייקנט שטיין און ביין, נאָר אָן זײַן ווילן האָט דאָס נישטיקע רעמעזל אַרויסגעשטעקט פון זײַנע פײַכטע שוואַרצאַפּלען. ס׳הייסט: איך ווייס וועגן דיר אַזוינס!.. נאָר זײַ רויִק, איך וועל קיינעם ניט דערציילן, אַלץ וועט בלײַבן צווישן אונדז. סײַדן...

אין אָט דעם „סײַדן״ איז שוין געווען עפּעס דראָענדיקס. און כאָטש דאָס אַלץ איז ניט מער ווי א דוכטעניש, האָט דאָס מיך א ברי געטאָן באַם האַרצן, און איך האָב אויסגעשריגן א ביסל שטרענגלעך:

— ווער ביסטו עס?

— וואָס הייסט ווער? איך בין דער כאָכעם פון דער מאַ נישטאַנע. אָט נעמט אומיסטן די אַגאָדע...

— איז וואָס וועט זײַן?

— וועלן מיר פרעגן די פיר קאַשעס.

— פאַרוואָס עפּעס פיר? פאַרוואָס ניט אַלע הונדערט?

— ווײַל מיר אַליין זײַנען טאַקע פיר. פיר אַלציינע באָנים, איינס אין איינס. דער כאָכעם, דער ראָשע, דער טאַם און דער „שעיינוי יוידייאַ לישויל״[1].

— אַך, דאָס זײַנט איר דער נאַר? נו, מיילע... נאָר ווער דאַרף האָבן אַלע פיר? גענוג איינער.

דערמיט האָב איך געוואָלט זאָגן אָט וואָס. מיטן „שעיינוי יוידייאַ לישויל״ איז אויך ניטאָ וואָס צו רעדן. דער, וואָס קאָן אַפילע קיין פראַגע ניט שטעלן, וואָס טראַכט בלויז אַלע מאָל צו אַן אַנדער קלאָץ־קאַשע, — ער וואַרט ניט אויף קיין שום ענטפער. באַ אים איז דאָס פרעגן — בלויז דעמאַגאָגיע, אַבי עס זאָל אויפגעהויבן ווערן א טומל, אַבי דאָס ריינע וואַסער זאָל א ביסל צעקאַלויצעט ווערן. איז שוין בעסער האָבן צו טאָן מיטן טאַם. מיר ווייסן דאָך גוט, אַז אינדערעמעסן איז דאָס ניט קיין טאַם, ער מאַכט זיך בלויז טאַמעוואַטע, גלײַך ער הערט גאָרניט, זעט גאָרניט און פאַרשטייט גאָרניט. פאַקטיש איז דאָס טאַקע יענער ראָשע, וועלכער איז פול מיט רוגזע, מיט סינע און מיט קינע, און אויף יעדער שריט און טריט האַלט ער אין איין טײַנען:

[1] שאינו־יודע־לשאול — איינער, וואָס ווייסט ניט, וויאַזוי צו פרעגן; א נאַר.

וועגן „סאָוועטיש היימלאַנד"
אף פאַרשיידענע שפּראַכן פון דער וועלט



וועגן „סאָוועטיש היימלאנד״ אף פארשיידענע שפראכן פון דער וועלט

Еврейски вести

ПОСВЕЩАВА СЕ НА НРБ...

> מיר דערציילן אונדזערע לייענער וועגן דער בולגארישער פאָלקס=רעפובליק, וועגן דעם לעבן פון די ייִדן אין אָט דעם לאנד

Традиционните братски взаимоотношения на ръководството на списание „Советиш Хеймланд — Съветска родина" с Обществената културно-просветна организация на евреите в НРБ и с нейните издания „Еврейски вести" и „Годишник" намериха още една ярка изява: тазгодишният брой 7 на идишистския орган на Съюза на съветските писатели е посветен на нашата родина.

„Разказваме на нашите читатели за Народна република България, за живота на евреите в тази страна, за тяхната култура и литература" — с тези думи, факсимиле на които поместваме, започва новият брой на списанието.

Не за пръв път списание „Советиш Хеймланд — Съветска родина" запознава многобройните си читатели в СССР и в десетки други страни на света с нашата социалистическа родина. Но сега, със съдействието на Централното ръководство на нашата организация то за пръв път посвещава цял брой на Народна република България.

Книжката започва с вълнуващата и широко популярна творба на Орлин Орлинов „Ода за СССР", преведена на идиш от А. Ленбуш. Непосредствено след това е отделено централно място на голямата статия на д-р Йосиф Аструков, председател на Централното ръководство на Обществената културно-просветна организация на евреите в НРБ, в която се прави цялостен обществено-политически преглед на живота на евреите в страната, населявали българските земи още от времето на създаването на първата българска държава. Статията разказва за масовото участие на българските евреи в националноосвободителната и в антифашистката борба, описва уникалния факт за спасяването им от унищожение в хитлеристките лагери на смъртта — факт, станал възможен благодарение на съпротивата, организирана и ръководена от БКП. Заключителната част на статията е посветена на щастливото свободно и творческо настояще на българските евреи, които като неразделна част от целия народ участвуват всеотдайно в строителството на социализма.

Под заглавието „Пет светли образа" Израел Майер илюстрира участието на българските евреи в антифашистката борба, като пресъздава светлите образи на героите Емил Шекерджийски, Леон Таджер—Бен Давид, Анн Вентура, Виолета Якова и Мико Папо.

За да получат представа читателите на списанието за участието на евреите в българската литература, в броя са поместени откъси от произведения на Драгомир Асенов, Хаим Бенадов, Арманд Барух, както и творби на Валери Петров, Дора Габе, Давид Овадия, Салис Таджер и Виктор Самуилов.

Публикувани са и спомени на ... нието са представени с факсимилета от заглавията и кратки подборки в „Еврейски вести" и „Годишник".

Всички статии и художествените произведения са предшествувани от снимки, биографични и творчески бележки за авторите. Преводите са дело на Аарон Гонтар, Хаим Бейдер, Мендел Лифшиц, Дора Хайкина и др.

В броя са включени цветни репродукции и графики на народния художник Цанко Лавренов и на заслужилата художничка Ана Крамер.

Широкото разпространение на списанието в СССР и във всички държави, в които живеят евреи, говорещи идиш, допринася още хиляди хора да научат истината за нашата народна република, за нашия свободолюбив и ...

«Sowjetisch Heimland»s jubileumsnummer er kommet. Men nå skal neste nummer leveres til setteriet. Etter en livlig diskusjon hvor diverse rettelser blir gjort, er utkastet ferdig. Bildet viser (fra venstre): litteraturkritikeren Israil Serebrjannyj, korrekturleseren Aron Strelnik, redaktør Moisei Sjulman, sjefredaktør Arom Vergelis, redaktør Bljuma Kotik, medlem av redaksjonskollegiet, lyrikeren Avraam Gontar, lyrikeren Matvei Grubian og redaktør Moisei Ilkovitsj.

«Sowjetisch Heimland»

«Barnet» er meget ungt. Det har bare fylt fem år, men mange kjenner det allerede. Det har vært skrevet om det alt. Nylig viet den jødiske organisasjonen «Bnei Brit» i USA det en spesiell brosjyre.

Jeg snakker om tidsskriftet «Sowjetisch Heimland» som utgis på jiddisch i Moskva. Til å begynne med hadde det 128 sider og kom ut en gang hver annen måned. Men meget snart ble det etter lesernes ønske utvidet til 160 sider og kom ut hver måned. Tidsskriftet spres i alle Sovjet-Unionens republikker. Også lesere i andre land har mulighet til å abonnere på det.

I de fem år «Sowjetisch Heimland» har eksistert har det offentliggjort verker av over hundre jødiske yrkesforfattere.

Av S. Rabinovitsj

ER «SOWJETISCH HEIMLAND» NASJONAL?

I en samtale jeg hadde med tidsskriftets redaktør, Aron Vergelis sa han:

... kjente diktet «Sangenes Sang», (Salomos høysang), lyrisk gjendiktet av Moisei Teif, særlig oppmerksomhet. «Sangenes sang» har alltid ...

— מאָ האָאווידאָ האזויס לאָכעם?[1]

צו וואָס, הייסט עס, טויג אײַך אָט דער ייִדישער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד"? צו וואָס טויגן אײַך די שרײַבעכצן אף ייִדיש אין דער צײַט, ווען די מערהײַט סאָוועטישע ייִדן רעדן און לייענען אף רוסיש, ווען פיל פון זיי פארשטייען שוין אינגאנצן ניט קיין ייִדיש, און אין דער גאנצער וועלט איז דאָס ייִדיש־לאָשן אויך א קליינער ייִכעס?

אײַ, אָט דער ראָשע, וואָס מאכט זיך טאמעוואטע! ס'איז יענער, וואָס קאָבוינִקאָוו פון בוזי מילערס ראָמאן „ייעדן דאָר זײַנס", וואָס בענקט שטארק נאָך א ייִדיש וואָרט, איז פול מיט טײַנעס, פארוואָס ס'איז שווער צו קריגן א ייִדישן בוך, נאָר וויל, אז לייענען זאָל דעם בוך אן אנדערער. ס'איז אויך פון יענע „גוטעפרײַנט" אין אויסלאנד, וואָס זאָגן, אז זיי וואָלטן זיך געלאָזט קאָסטן ווער ווייסט וויפל, אבי אָט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" זאָל אינגאנצן ניט זײַן. ער פאטערט זיי אוועק זייער גאנצן אנטיסאָוועטישן ביזנעס, מאכט צונישט זייערע רעכילעס און בילבולים.

ווילט זיך א שמועס טאָן וועגן דעם נעס, וועלכער איז געשען מיט דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, וועגן דעם נעס פון „סאָוועטיש היימלאנד". נאָר צוערשט דארף מען ענטפערן אף דער פראגע — צוליב וואָס? בײַכלאל איז דאָס טאקע א פראגע נאָר פון א ראָשע. וואָס הייסט צוליב וואָס? גאנץ פּאָשעט. זי איז געווען און איז דאָ, א לעבעדיקע, א שאפונגס־פייִקע, א הויך־קינסטלערישע סאָוועטישע ייִדישע ליטעראטור, און זי האָט ניט געקאָנט ניט פאנאנדערוויקלען זיך, ניט צעבלִיִען זיך, ניט ווײַזן אירע גרויסע שעפערישע מעגלעכקײַטן אף די זײַטלעך פונעם זשורנאל. און נאָך א „פּאָשעט" מיט א „צוליב וואָס": אין אָט דעם פאראקשנטן גלאָבאלן געראנגל אף אלע געביטן פון קולטור, קונסט און אידעאָלאָגיע איז שווער איבערשאצן דאָס, וואָס עס טראָגן ארײַן די סאָוועטישע ייִדישע שרײַבער איצט, פאר די איצטיקע לייענער, ווי אויך פאר די קומענדיקע.

איך וויל דאָ א טרוים טאָן וועגן דער צײַט, ווען די גאנצע וועלט וועט ווערן א סאָציאליסטישע, ווען אלע סאָציאלע און נאציאָנאלע פראָבלעמען וועלן באקומען גאָר אן אנדער באפארבונג, זיי וועלן בִיכלאל אופהערן זײַן פראָבלעמען, און אונדזערע אוריינִיקלעך וועלן פרווון דערוויסן זיך — וואָס האָט מיט זיך פארגעשטעלט דער סאָוועטישער ייִד אין יענע שטורמישע און העראָישע יאָרן, אין מעשעך פון וועלכע ס'האָט זיך געלייזט דער גורל פון דער מענטשהײַט? און נאָך א פראגע: וואָס פאר אן אָרט האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראטור פארנומען אין אָט דעם גלאָבאלן געראנגל? אין אונדזערע ווערק, אף די זײַטלעך פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד", וועט מען קאָנען געפינען אן ענטפער אף די דאָזיקע פראגן. דערפאר מעגן מיר קוקן דרייסט אין די אויגן פון די קומענדיקע דורעס. מיר האָבן, וואָס צו זאָגן זיי, מיר האָבן, מיט וואָס צו שטאָלצירן: מיט אונדזער צײַט, מיט אונדזערע ווערק, מיט אונדזערע העלדן און מיט אונדזערע אידייִשע פּאָזיציעס. און ווען די אוריינִיקלעך וועלן פרווון פארגלײַכן דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" מיט געוויסע ייִדישע צײַטונגען און זשורנאלעכלעך, לעמאָשל, פון אמעריקע, וועלכע זײַנען דורכויס פארשמירט מיט געלן, אָדער מיט די ציִעניסטישע בלעטלעך פון ייִסראָעל, וועלן זיי אוודע פארשטיין, ווער עס איז אין אונדזערע יאָרן געבליבן באם ניכטערן געדאנק און ווער עס האָט זיך געלאָזט פארפירן אין דער נאציאָנאליסטישער בלאָטע.

דער נעס פון „סאָוועטיש היימלאנד"! דאָס מוז אפילע אנערקענען דער כאָכעם פון דער מא נישטאנע. נאָר אינדערעמעסן זײַנען קיין שום ניסים ניט געשען. פּאָשעט, מיר האָבן דערוויזן...

מיט וואָס דערווײַזט א ליטעראטור איר קינסטלערישע ווערט, איר לעבנספייִקײַט? מיט איר ענגער פארבינדונג מיט דער צײַט, מיט איר פייִקײַט אָפּשפיגלען די אָנגעווייטעקטסטע און זיטלעכע פראָבלעמען, מיט איר מעגלעכקײַט צו שאפן העלע און רעגעוודיקע געשטאלטן, מיט איר פעסטן זיקאָרן, וואָס פארשפרייט זיך ביז די אורקוואלן, מיט איר ניכטערן געדאנק, וועלכער דערלויבט איר ארײַנקוקן אינעם מאָרגן. בלויז דאָס גיט דער ליטעראטור א מעגלעכקײַט באנעמען, באשיצן און שטיצן יענע היסטאָרישע טענדענצן, וואָס האָבן שטענדיק געפירט און פירן איצט אוואדע די מענטשהײַט פאָרויס. דאָס אלץ קאָן אין דער פולער מאָס געזאָגט ווערן וועגן אונדזער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור, וועלכע איז א נאטירלעכער און גלײַכבארעכטיקטער באשטאנדטייל פון דער פילנאציִאָנאלער און פילשפראכיקער סאָוועטישער ליטעראטור. דאָס באשטימט אויך איר איקערדיקע טענדענציִעזקײַט. פונקט ווי דער סאָוועטנפארבאנד אינגאנצן געפונען באשטימט די היסטאָרישע טענדענץ פון אונדזער צײַט. יענע מעכטיקע און אומבאזיגבארע טענדענץ, אדאנק וועלכער די וועלט איז ניצל געוואָרן פונעם היטלערישן גענעם, אדאנק וועלכער די וועלט איז שוין ניט איין מאָל געראטעוועט געוואָרן פונעם

[1] צוליב וואָס דארפט איר זיך מיט דעם פארנעמען?

אטאָמישן כורבן. לאָמיר האָפן און גלייבן, אַז טאקע אדאנק דער סאמע אנטשיידנדיקער היסטאָרישער טענדענץ פון אונדזער יאָרהונדערט וועט די פּלאנעטע אויסמײַדן דאָס, וואָס אטאָם־מאניאקן גרייטן פאר איר. נאָר האָפן און גלייבן איז ווייניק. פארן שאָלעם, פאר דער גערעכטיקײַט דארף מען קעמפן. אָט דעם העכסטן כיווו האָט גענומען אַף זיך דער סאָוועטנפארבאנד. דעם זעלבן כיווו טראָגט אין זיך מיט שטאָלץ און מיט ערע די פילנאציִאָנאלע סאָוועטישע ליטעראטור.

איז אָט, אויב אָפּמעסטן די לעבנספייִקײַט און די קינסטלערישע ווערט פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראטור ביכלאל און פונעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" ביפראַט מיט אָט די הויכע מאָסן, קאָנען מיר מעלדן בעקויל ראָם: פאר די צוואנציק יאָר האָבן מיר אויסגעהאלטן די סאמע שווערסטע אויספּרוּוון און האָבן איצט רעכט צו פּראוועו אונדזער יאָמטעוו.

מיר קארגן ניט קיין ווערטער אַף צו דערציילן וועגן דעם שעפערישן וועג, וואָס דער זשורנאל האָט דורכגעמאכט פאר די צוואנציק יאָר. עס ווערן דערבײַ דערמאָנט שרײַבער און ווערק, און עס ווערט דערציילט וויִאזוי „סאָוועטיש היימלאנד" איז פון יאָר צו יאָר געוואקסן, וויִאזוי זײַן טראָט איז געוואָרן פעסטער, דער דיִאפּאזאָן פון זײַן שאפונג — ברייטער און פארשיידנארטיקער, וויִאזוי ער האָט פון יאָר צו יאָר געבראָכן דאָס צווייפלען פון די וואקלדיקע, די אקשאָנעס פון די סקעפּטיקער און וויִאזוי, ניט געקוקט אַף דעם ציִעניסטישן טשאד, וועלכער האָט פארטונקלט בא פיל די מויכעס, דעראָבערט ער אין אלע אויסלאנדס אלץ נײַע און נײַע פרײַנט. איך וויל דאָ אונטערשטרײַכן איין וויכטיקע זאך. ניט געקוקט אַף אלע רעכילעס און אויסטראכטענישן פון בייזוויליקע סאָנים, איז אונדזער זשורנאל געווען און געבליבן אזוי ייִדיש, פונקט ווי די אוקראיִנישע ליטעראטור איז אוקראיִניש, ווי די רוסישע — רוסיש, די גרוזינישע — גרוזיניש, די ליטווישע — ליטוויש. דאָס באשטעטיקט זי מיט איר גאנצן נאציִאָנאלן אייגנארט, מיט אירע קאָלאָריטפולע פערסאָנאזשן, מיט דער פאָלקסטימלעכקײַט פון איר שפּראך, מיט אלץ, וואָס איז אייגנטימלעך יעדער נאציִאָנאלער ליטעראטור. זי איז געווען און געבליבן אינטערנאציִאָנאליסטיש לויט איר טאָך, לויט איר אידייִשער צילגעווענדטקײַט, לויט איר קינסטלערישן מעהוס. ווי אלע אנדערע נאציִאָנאלע ליטעראטורן פונעם סאָוועטנפארבאנד, דינט די ייִדישע ליטעראטור דעם גרויסן היסטאָרישן ציל פונעם סאָוועטישן פאָלק — דער בויונג פונעם קאָמוניזם און דעם קאמף פאר שאָלעם. און אין דעם באשטייט איר גרויסע קינסטלערישע ווערט. פאר אונדז, פאר אירע שעפער, הייסט עס: דערציִען דעם לייענער אין גײַסט פון אינטערנאציִאָנאליזם און סאָוועטישן פאטריִאָטיזם, מיטווירקן אויסצופאָרמירן דעם נײַעם סאָוועטישן מענטשן. מיט דעם לעבן מיר, מיט דעם שטאָלצירן מיר, און דאָס האלטן מיר פאר אונדזער לעבנסכיווו.

און ווען איך פּרוּוו זיך ארײַנטראכטן אין די שעפערישע וועגן פון אונדזער זשורנאל אין די ווײַטערדיקע יאָרן, זע איך אים די גאנצע צײַט אַף דעם זעלבן ראכוועסדיקן פעלד, אַף וועלכן ס׳איז אונדז פרײַ און געמיטלעך, אַף וועלכע עס אָטעמט זיך מיט דער פולער ברוסט און אַף וועלכן עס שאפט זיך מיט העכסטער שעפע. אונדז איז גוט און פריידיק אַף אָט דעם ברייטן פעלד פון פעלקער־פרײַנטשאפט, פון אופריכטיקער פארברידערטקײַט פונעם סאָוועטישן פאָלק און פון דער פילנאציִאָנאלער ליטעראטור.

איצט, אין די טעג פון אונדזער יאָמטעוו, וויל איך אָפּגעבן א באזונדערן קאָוועד די לייענער אונדזערע. זיי זײַנען גאָר באזונדערע, העכסט מערקווירדיקע, אונדזערע פילצאָליקע לייענער. די מערהײַט פון זיי לייענען אויך רוסישע, אוקראיִנישע, ווײַסרוסישע, מאָלדאווישע ליטווישע ביכער און זשורנאלן, זײַנען באקאנט מיט די ווערק פון באָנדארעוון און ראספּוטינען, פון אײַטמאטאָוון און גאָנטשארן, פון מעזשעלײַטיסן און מעלעזשן, פון פּראָסקורינען און אסטאפיעוון. דאָס קאָל פון דער ייִדישער ליטעראטור, פון „סאָוועטיש היימלאנד" הערט זיך בא זיי אין די היימען אין פולן אייַנקלאנג מיט די אנדערע. אין „סאָוועטיש היימלאנד" געפינען זיי דעם אייגענעם נעכטן און הײַנט, זיך אליין. און אויב עס טרעפט אמאָל, דער זשורנאל פארשפּעטיקט אַף עטלעכע טעג, פילן זיי א דאָרשט אַף ניט אײַנצושטילן. עפּעס פעלט זיי!

יאָ, בא אונדז איז הײַנט א יאָמטעוו, אונדזער מיזיניק איז אלט געוואָרן צוואנציק יאָר. מאזלטאָוו!

■

שירע גאָרשמאַן

„גיי און מאַך!“

אַזוי האָט צו מיר געזאָגט דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון אונדזער זשורנאַל מיט צוואַנציק יאָר צוריק, און ער האָט מיר געגעבן טשינגיז אײַטמאַטאָווס „דזשאַמיליאַ“.

— איך ווייס ניט, צי איך וועל קאָנען, כ׳האָב דאָס קיינמאָל ניט געטאָן, — בין איך זיך מודה געווען.

— איך בין אויך אַ רעדאַקטאָר דאָס ערשטע מאָל. מאַך וואָס גיכער, מיר האָבן קנאַפּ צײַט.

איך בין געגאַנגען אַהיים דורך דעם צווועטנאָי בולוואַר, און אויפן האַרצן איז מיר געווען ניט קווייטלדיק.

...מיט אַ שאָ צוריק בין איך נאָך געווען אַ „פרײַער“ באַסאַר וועדאַם, איך האָב ניט געטראַכט און ניט געדאַכט וועגן אַ „דזשאַמיליאַ“. און דאָ האָב איך מיט די אייגענע הענט אויפגעהאַנגען אַ זשאַרנע אויפן האַלדז.

אינדערהיים האָב איך קעסיידער געלייענט, געלייענט „דזשאַמיליאַ“, איך האָב שוין אויסגעכאַזערט דעם טעקסט אויף אויסווייניק, אָבער קיין איין שורע ניט איבערגעזעצט.

מײַנע היימישע האָבן גערעדט שטיל, געקוקט צו מיר מיטפילנדיק. עס איז געווען אַ ראַכמאָנעס אויף מיר.

די טעג האָבן אויף מיר ניט געוואַרט. ענדלעך האָב איך פאַרשטאַנען, אַז עס איז קיין פולע ניט מײַן אויסלערנען אויף אויסווייניק, איך דאַרף פאַרשטיין, צוליב וואָס טשינגיז אײַטמאַטאָוו האָט אָנגעשריבן דאָס ווערק.

עס איז געקומען די געגאַרטע שאָ, און איך האָב זיך דערוווּסט פון „דזשאַמיליאַ“ וועגן אַ קאָלאָריטפולן, אייגנאַרטיקן, זאַפטיקן שטייגער. איך האָב עטלעכע מאָל זיך גופא אויף ייִדיש דערציילט „דזשאַמיליאַ“, ניט קוקנדיק אין טעקסט. איך האָב געכאַפּט דעם מאַנוסקריפּט, בין אַוועקגעפאָרן צו דער מאַשיניסטקע און אָנגעהויבן דיקטירן: „אָט שטיי איך און קוק ווידער אויפן בילד“, מיט אָט די ווערטער הייבט זיך אָן „דזשאַמיליאַ“.

פון דעמלט אָן זאָג איך זיך ניט אָפּ פון איבערזעצונגען. איך טו דאָס מיט כיישעק און זיפּ דורך זעק מיט ווערטער.

איך וואָלט שוין געקאָנט האָבן אַ היפּשן באַנד מיט מײַנע איבערזעצונגען, וועלכע זײַנען פאַר די פאַרפלויגענע צוואַנציק יאָר געווען געדרוקט אין „סאָוועטיש היימלאַנד“.

בוזי מילער

אַזוי ווערט איבערגענומען אַ פּאָן

מיט צוואַנציק יאָר צוריק, אין פעברואַל 1961, בין איך געווען אין מאָסקווע, ווו ס׳איז פאָרגעקומען אַ רעפּובליקאַנישער סעמינאַר פון פאַראַנטוואָרטלעכע סעקרעטאַרן פון קאַנטישע און געגנטלעכע נאַציאָנאַלע צײַטונגען. (איך האָב דעמלט געאַרבעט אַלס פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן“).

אין אָט די טעג האָב איך זיך געטראָפן מיט ייִדישע שרײַבער, אָפטער מיט יענע פון זיי, וואָס האָבן פריִער, ווער אַ קירצערע, ווער אַ לענגערע צײַט, געלעבט און געאַרבעט אין ביראָבידזשאַן.

אַרן ווערגעליס איז צווישן די דאָזיקע שריפטשטעלער געווען דער סאַמע ייִנגסטער. ער האָט אין אָט דער צײַט זיך באַשעפטיקט מיט אַזאַ וויכטיקער אַרבעט, ווי צוגרייטן צום דורק ביכער פון ייִדישע שרײַבער אין דער איבערזעצונג אויף רוסיש.

אין פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“ איז דערשינען אין דער רוסישער איבערזעצונג אויך מײַן זאַמלונג דערציילונגען „אונטערן רעגנבויגן“ מיט אַ. ווערגעליסעס נאָכוואָרט.

בײַ איינער פון אונדזערע באַגעגענישן האָט ווערגעליס מיך אַ פרעג געטאָן, ווען איך קלײַב זיך צוריק קיין ביראָבידזשאַן, געבעטן זיך ניט אײַלן מיטן אַוועקפאָרן.

— כ׳וועל קומען זיך געזעגענען, — האָב איך געענטפערט.

— ווערסט, מעגלעך, קומען ניט געזעגענען זיך, — האָט ווערגעליס זיך אָנגערופן מיט אַ גאַנץ סוידעספולן אויסזען, — נאָר פאַרקערט...

אויף מײַן באַקאָשע, ער זאָל דערקלערן, אין וואָס עס גייט, האָט ער בלויז געזאָגט, אַז עס ווערט דערוואַרט אַ וויכטיקע נײַס און געבעטן אַלע טאָג אים קלינגען אין טעלעפאָן.

די נײַס איז בעעמעס געווען אַן אויסערגעוויינלעכע. עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר צו גרינדן אין מאָסקווע אַ ייִדישן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל, און איך בין צווישן די מיטגלידער פון רעדקאָלעגיע!

אַצינד פלעג איך שוין קומען אַלע אינדערפרי אויפן צווועטנאָי בולוואַר, ווו עס האָט אין אַ פילשטאָקיקן מויער זיך געפונען די רעדאַקציע פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“. דאָ איז פאַרן נײַעם זשורנאַל אָפּגעגעבן געוואָרן אַ היפּשער צימער.

מיט וואָס פאַר אַ געהויבענער שטימונג האָבן מיר, די מיטגלידער פון דער רעדקאָלעגיע, אין סאַמע ערשטן טאָג זיך געטראָפן אונטן, אינעם גראַמען וועסטיביול, אויפגעהויבן זיך מיטן ליפט אויפן פינפטן שטאָק און אַרײַנגעגאַנגען אין אָט דעם הויכן ליכטיקן צימער!

ווי הײַנט זע איך זיי, די מיטגלידער פון רעדקאָלעגיע. אָט זײַנען צוויי פון זיי:

נאָכעם אויסלענדער. א באַוווּסטער ליטעראַטור־פאָרשער, קריטיקער, פּראָזאַיקער, איז ער געשטאַנען בײַ דעם וויגל פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. אַצינד איז ער געוואָרן פאַרוואַלטער מיטן קריטישן אָפּטייל אין זשורנאַל. ניט קיין הויכער, מיט אַן עטוואָס שולדיקן שמייכל אויפן גלאַט ראַזירטן פּנים, מיט דער שטענדיקער ביטע, מע זאָל פאַרמאַכן די פאָרטקע. ער האָט מורא געהאַט פאַר א צוגווינט...

מוישע טייף. פעסט געפּאַקט, אין א וואָכעדיקן הוילעך, מיט א וואָכעדיקער מינע אויפן פּנים, מיט אָנגעבראָקנטע זעקלעך אונטער די אויגן. צוזעענדיק אָט די אויסערלעכע וואָכעדיקײַט זײַנע, האָט מען געשטוינט: ווּ נעמט זיך בײַ אים אַזוי פיל פּאָעטישער יאָמטעוו, וועלכער שײַנט אַרויס פון יעדער שורע פון זײַנע לידער און פּאָעמעס?.. ער איז געווען פאַרוואַלטער מיטן אָפּטייל פון פּאָעזיע אין זשורנאַל.

אַלע טאָג פלעגן מיר זיך צונויפקומען, די מיטגלידער פון רעדקאָלעגיע, צוליב קאָנקרעטער אַרבעט — צונויפשטעלן דעם פּלאַן פונעם ערשטן און פון די נאָענטסטע נומערן, באַהאַנדלען באַזונדערע ווערק.

אײַנגיכן האָב איך זיך אומגעקערט קיין ביראָבידזשאַן און ווידער זיך אַרײַנגעטאָן אין מײַן ניט לײַכטער אַרבעט אין דער צײַטונג. נאָר אויב פריִער האָב איך די אייגענע שעפערישע פּלענער געקאָנט אָפּלייגן אויף שפּעטער, האָב איך איצט שוין געאײַלט זיך צוזעצן צום שרײַבטיש גופא. מיטן פאַקט פון זײַן דערשײַנען איז „סאָוועטיש היימלאַנד" געוואָרן א מעכטיקער שעפערישער סטימול. עס וועט ניט זײַן קיין גוזמא צו זאָגן, אַז פיל מײַנע ווערק, — און ניט נאָר מײַנע, כ'בין זיכער, אַז אויך פיל ווערק פון אַנדערע שרײַבער, — וואָלטן ניט אָנגעשריבן געוואָרן, ווען ניט דער נײַער אַדרעס פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער האָט אײַנגיכן זיך באַוויזן: מאָסקווע, קיראָווער־גאַס, 17. דאָ, אין צענטער פון דער הויפּטשטאָט, האָט אין גראַמע אַפּאַרטאַמענטן אויף לאַנגע יאָר זיך באַזעצט די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל. פון אַלע עקן לאַנד און פון גאָר דער וועלט האָבן אַהער א פלייץ געטאָן מאַנוסקריפּטן, ס'האָבן אַהער גענומען אײַלעריגל זײַן אויסלענדישע פרײַנט. עס איז געשאַפן געוואָרן א נײַער צענטער פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וועלכער ציט צו זיך צו, ווי א מאַגניט, אַלדאָס לעבעדיקע, פּראָגרעסיווע, שעפערישע.

דרוקן זיך אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז געוואָרן א קאָוועד, א זאַך פון ערע און ווירדע פאַר יעדן שרײַבער. עס איז אַוועק א ניט געמאָלדענע פאַרמעסטונג פון פּראָזאַיקער, דיכטער, פּובליציסטן, און אין דער דאָזיקער פאַרמעסטונג זײַנען געבוירן געוואָרן הויכקינסטלערישע ווערק — אָנגעהויבן פון אַן עפּאָפּייע ביז א נאָוועלעט, פון א פּאָעמע ביז א לירישע מיניאַטיור, וועלכע באַשײַנען די ליטעראַטור און הייבן זי אויף אויף א נײַעם, העכערן אידייִשן און קינסטלערישן שטאַפּל.

אין פאַרלויף פון אַלע צוואַנציק יאָר פון זײַן עקזיסטענץ ווײַזט אַרויס דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" גרויס אינטערעס צו ביראָבידזשאַן — צו זײַנע פּראָבלעמען און מענטשן, צו זײַנע שרײַבער. אַן אָנהייב דערצו איז געמאַכט געוואָרן שוין אינעם ערשטן נומער, אין וועלכן עס זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן די וואַרעמע אָנגעשריבענע נאָטיצן פון ליובע טשערניאַק „בײַ די ביראָבידזשאַנער שרײַבער" און ליובע וואַסערמאַנס ניט גרויסע, נאָר זייער אויסדריקלעכע נאָוועלע „אייגן בלוט".

אין צווייטן נומער האָט זיך באַוויזן מײַנע א דערציילונג און אין דער דיכטערישער רובריק — איציק בראָנפמאַנס לידער.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָבן זיך פיל מאָל געדרוקט נײַע ווערק פון די שוין אָנגערופענע ביראָבידזשאַנער שרײַבער, ווי אויך סאַלווואַדאָר באָרזשעס, העשל ראַבינקאָוו, נאָכעם פרידמאַנס און פונעם ייִנגערן דאָר שרײַבער און זשורנאַליסטן — ראָמאַן שוויכעטס, לעאָניד שקאָלניקס, נאָום אײַזמאַנס, שניייער קאָניקס ווערק.

אינעם זשורנאַל איז ניט איין מאָל אַרויסגעטראָטן דער ערשטער סעקרעטאַר פון געגנטקאָם פון דער פּאַרטיי פון דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט, דער קאַנדידאַט אין מיטגלידער פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון קפּסס, דעפּוטאַט פונעם אויבערסאָוועט פון פּססר ל. ב. שאַפּיראָ.

א ספּעציעלער נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" איז אין 1974 יאָר געווען געווידמעט דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער געגנט.

זאָל דאָ אויך אָפּגעמערקט ווערן, אַז פאַר אַלע צוואַנציק יאָר, זינט דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן דערשײַנען, איז ניט געווען קיין איין נומער, וואָס זאָל ניט באַקומען קיין גענוגיע אָפּשאַצונג אין דער צײַטונג „ביראָבידזשאַנער שטערן".

אין די דרײַסיקער יאָרן, פאַר דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז אין מאָסקווע דערשינען דער אַלמאַנאַך „סאָוועטיש". נאָך דער מילכאָמע — דער זשורנאַל „היימלאַנד". אונדזער הײַנטיקער יובילאַר האָט גענומען פאַר זיך אָט די ביידע נעמען און דערמיט ווי פאַראייניקט דאָס בעסטע און שענסטע, וואָס יענע אויסגאַבעס האָבן פאַרמאָגט און אין אונדז אײַנגעפּלאַנצט: דעם גײַסט פון סאָוועטיש — פון טרײַען און איבערגעגעבענעם קאַמף פאַר אַלעם נײַעם, וואָס עס ברענגט מיט זיך אונדזער סאָציאַליסטישער לעבנס־אַרט, און דעם גײַסט פון היימלאַנד — די גרייטקײַט ניט צו שוינען קיין מי און ענערגיע פאַר דעם גליק און אויפבלי פונעם לאַנד. און נאָך האָבן זיי אין אונדז אײַנגעפּלאַנצט — א געפיל פון אַכרײַעס פאַר יעדער שורע, וועלכע קומט אַרויס פון אונטער דעם שרײַבערס פעדער. דאָס אַלץ האָט בײַ „סאָוועטיש" און בײַ „היימלאַנד" איבערגענומען „סאָוועטיש היימלאַנד".

אַזוי ווערט אין ברען פון שלאַכט איבערגענומען א פאָן אויף טראָגן זי ווײַטער צו נײַע גרענגלען און צו נײַע ניצכוינעס.

אוורָאָם גאָנטאַר

דער ערשטער טאָג

אז אין מאָסקווע זאָל זיך אויסגעבן דעם ערשטן מארט אזא שיינער טאָג, ווי אין 1961, טרעפט זייער זעלטן — ניט מער ווי איין מאָל אין צוואנציק יאָר, און דעמלט איז דער ערשטער מארט געווען א גאָלדיק־בלויער, א מעכײַעדיקע ווארעמקײַט האָט פון גאנצפרי געבלאָנקעט ניט נאָר צווישן די פרי־צעגרינטע ביימער אין די בולווארן, נאָר אויך אין דער נעשאָמע.

די גאסן זײַנען פול געווען מיט לײַכט־געקליידטע פרויען און מענער. די עלטערן האָבן אפילע דערלויבט די קינדער אראָפּוואַרפן זייערע ווינטערדיקע מאנטעלעך און אין די שולפאָרמעס לויפן אין שול ארײַן. ס׳האָט זיך געדאכט, אז אלעמען ווילט זיך הײַנט גיין צופוס, אונטערשטעלן דאָס פּאָנעם דער שטראלנדיקער לופט, דעם לינדן ווינטל, וואָס טוט א לײַכטן שויבער די האָר און אנטלויפט ווײַטער.

איך האָב פּאמעלעך געשפּאנט לענגויס די בולווארן, וואָס ציִען זיך פונעם טרובנע פּלאץ ביז דער רוישנדיקער סאדאָווע. דאָ אין דער רעכטער זײַט שטייט די טונקל־גרויע געבײַדע פון דער „ליטעראטורנאיא גאזעטא" און אפן פינפטן שטאָק, אינעם צימער נומער 537, וועט פון הײַנט אָן זיך געפינען די רעדאקציע פונעם נײַעם יִדישן זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד". ארבעטן וועט דאָ די רעדאקציע צײַטווײַליק, ביז עס וועט פארענדיקט ווערן דער רעמאָנט פון דעם באשטענדיקן לאָקאל אף דער קיראָווגאס, 17.

כאָטש כ׳האָב זיך ניט אָנגעשטויסן, וויאזוי עס זעט אויס דער רעדאקציע־צימער, האָב איך זיכער געוווּסט, אז ווי פרי איך זאָל אהער ניט קומען, וועלן שוין אלע זײַן אפן אָרט. פאר די מיטארבעטער, פאר אלע מאָסקווער שרײַבער איז דער ערשטער ארבעטס־טאָג פונעם נײַעם זשורנאל געווען א יאָמטעוו.

קיין טאָעס האָב איך ניט געהאט. דער צימער אפן פינפטן שטאָק איז געווען פול מיט פרילינגדיק־געקליידטע פרויען און מאנצבלען. און דער צימער אליין איז געווען פארפּוצט מיט שיינע שרײַבטישן און ביכער־שאפעס, קאָלערליי שטולן און בונטע פאָרהאנגען אפן פענצטער, וועלכער האָט פארנומען קימאט א גאנצע וואנט. און צווישן דעם געדיכטן שרײַבער־אוילעם האָט א לײַביקער, אָבער פלינקער מאנצבל מיט א גוטן שמייכל אפן גאנצן פּאָנעם, טומלדיק באפוילן זײַנע צוויי געהילפן ארײַנברענגען שרײַב־מאכשירים, פּאפּיר, אײַבערשטעלן איין טיש אהער, א צווייטן אהין, — ס׳האָט זיך גלײַך געלאָזט פילן, אז דאָס איז א טיכטיקער באלעבאָס, וועלכער ווייסט, וואָס ער וויל, ווייסט, וואָס מע דארף.

און באלד האָב איך שוין געוווּסט, אז דעם דאָזיקן „באלעבאָס" רופט מען דיאדיע וואסיע, קיין אנדער נאָמען וואָלט אים גאָרניט געפּאסט, פונקט אזוי, ווי עס וואָלט אים ניט געפּאסט קיין אנדער פאמיליע — מעדוועדיעוו. פאר אים זײַנען דער נאָמען און די פאמיליע געווען אָנגעמאָסטן. געמאכט האָט אן אײַנדרוק, אז קיינער האָט אים ניט געהייסן עפּעס טאָן פאר דער נײַער רעדאקציע, פארקערט, ער האָט אליין אלץ גענומען אף זיך פרײַוויליק מיט גרויס פארגעניגן. כאָטש געווען איז ער דער דירעקטאָר פונעם פארלאג „ליטעראטורנאיא גאזעטא", האָט ער געהייסן, אז זײַנע אייגענע מיטארבעטער זאָלן באפרײַען דעם צימער, אָפּגעזוכט אן אנדער אָרט פאר דעם אָפּטייל פון פעליעטאָנען. עמעס, די פעליעטאָניסטן האָבן קיין פאריבל אף אונדז און אפן דיאדיע וואסיע ניט געהאט, זיי האָבן פארשטאנען, אז די רעדאקציע פונעם יִדישן זשורנאל דארף דרינגענד צוטרעטן צו דער ארבעט — און אז מע דארף, מוז מען.

אָט איז ארײַנגעקומען דער גלאוונע פעליעטאָניסט לעאָניד ליכאָדייעוו, אף א קאָל אונדז אלעמען באגריסט, געווונטשן דעם נײַעם זשורנאל לאנגע יאָר און גענומען אונדז אײַנריידן, אז גראָד דער דאָזיקער צימער איז דער בעסטער און גליקלעכסטער פון אלע צימערן אין דער גאנצער געבײַדע.

דערנאָך זײַנען געקומען אנדערע שרײַבער פון דער „ליט. גאזעטא" אונדז באגריסן. מיר האָט זיך פארגעדענקט יעווגעני ווינאָקוראָוו, וועלכער איז שוין דעמלט געווען באוווּסט אלס אויסגעצייכנטער רוסישער דיכטער. ער האָט גלײַך געמאָלדן, אז מע זאָל אים פארעכענען „פאר א מיטארבעטער" פון „סאָוועטיש היימלאנד".

מיר האָבן געפּרוּווט פארנעמען אונדזערע ארבעטס־ערטער, געפּרוּווט אפילע אָנוואַרפן די ערשטע בריוו צו די שרײַבער פון אנדערע שטעט, נאָר די געדאנקען זײַנען דערבײַ ניט געווען.

דער טיש פונעם הויפּט־רעדאקטאָר איז געשטאנען בא דער רעכטער זײַט פונעם פענצטער. דאָס איז געווען אן עמעס רעדאקטאָרישער טיש מיט קאָלערליי שניצעכצן און מיט

אָן א שיר שופלאָרן. דערווײַל זײַנען זיי אלע געווען ליידיקע. ארן ווערגעליס האָט באטראכט דעם טיש, געעפנט און פארמאכט די טירלעך און מיטאמאָל, אומגעריכט געמאָלדן:

— מירן אויסנוצן די געלעגנהײַט, וואָס צו אונדז אין רעדאקציע זײַנען הײַנט געקומען אזויפיל שרײַבער, און טאקע שוין גלײַך א שמועס טאָן וועגן דעם טאָך — וועגן די גרונטאופגאבן פון אונדזער נײַעם זשורנאל.

ס'איז קלאָר געוואָרן, אז דער זשורנאל הייבט אָן זײַן טעטיקײַט ניט אף קיין פוסט אָרט.

אז די פריִערדיקע ייִדישע ליטעראריש־קינסטלערישע זשורנאלן „די רויטע וועלט", „דער שטערן", „סאָוועטישע ליטעראטור" און א ריי אנדערע האָבן פאר פיל יאָרן דעראָבערט א גאנץ גרויסע פראקטיק, טראדיציעס און קינסטלערישע פרינציפן, אז יעדערער פון זיי האָט געהאט זײַנע אוטאָרן, אָנהייבנדיק פון די עלטסטע און ביז די ייִנגסטע, — האָבן געוווּסט אלע. אונדז אָבער איז קלאָר געווען, אז, אויסנוצנדיק דאָס אלץ, וועט „סאָוועטיש היימלאנד" אָנהייבן זײַן וועג אף אן אייגענעם אויפן.

קאָן זײַן, אז טאקע דערפאר האָבן מיר די ערשטע צוויי כאדאָשים ניט אופגעהערט שמועסן וועגן דעם, וויִאזוי מיר פארשטייען און שטעלן זיך פאָר דעם זשורנאל אויסערלעך און נאטירלעך, אין דער ערשטער ריי, זײַנע קינסטלערישע פרינציפן.

איך געדענק, אז ס'איז אָנגעגאנגען א ווײַקועך וועגן דעם, וויִאזוי צו שרײַבן: „דאָס סאָוועטישע היימלאנד" צי „סאָוועטיש היימלאנד". אייניקע האָבן געהאלטן, אז אויב מיר נוצן דאָס ארטיקל „דאָס" צום וואָרט „היימלאנד", דאן מוזן מיר זײַן קאָנסעקווענט און אָנרופן די נײַע אויסגאבע „דאָס סאָוועטישע היימלאנד", אָבער די דיכטערישע אינטויִציע, דער אויער האָט אונטערגעזאָגט, אז וווילקלינגעוודיקער איז „סאָוועטיש היימלאנד", און אין דעם פאל איז דער פארברעכן קעגן דער גראמאטיק א בארעכטיקטער.

אינגיכן זײַנען אונדזערע שפראכיסטן, וועלכע האָבן אָנגעהויבן די דאָזיקע דיסקוסיע, איבערצײַגט געוואָרן, אז דאָ האָט געמוזט זיגן גאָגאָלס זאָג וועגן קינסטלערישער ליטעראטור אין שײַכעס מיט גראמאטיק.

אין דעם אזויגערופענעם אָרגאניזאציִאָנספעריִאָד, זײַנען צונויפגערופן געוואָרן א ריי בעראטונגען פון לינגוויסטן, ביבליִאָגראפן, קינסטלער און, נאטירלעך, פון פראָזאיִקער, דיכטער און קריטיקער.

די צעטלען, וועלכע מיר האָבן צונויפגעשטעלט פון די קומענדיקע אוטאָרן, זײַנען געווען גאנץ גרויסע — העכער הונדערט אָנגעזעענע, גוט באקאנטע נעמען פון ייִדישע פראָפעסיִאָנעלע שרײַבער, די מערהײַט פון וועלכע זײַנען געווען מיטגלידער פונעם אלפארבאנדישן שרײַבער־פאריין.

אף אונדזערע פארברייטערטע זיצונגען האָבן מיר אײַנגעלאדן שרײַבער פון אנדערע שטעט און רעפובליקן — פון קיִעוו, אָדעס, כארקאָוו, טשערנאָוויץ, קעשענעוו, ביראָבידזשאן.

איך דערמאָן זיך, אז באזונדערס פלאמיק זײַנען געווען די דעבאטן ארום דער ערשטער הילע פארן זשורנאל. דער פרינציפ איז קלאָר געווען — „סאָוועטיש היימלאנד" דארף זיך אויסטיילן פון אנדערע זשורנאלן, און ניט נאָר פון די ייִדישע — מיט דער פארביקײַט, לאקאָנישקײַט, פראָסטקײַט פון שריפט און געמעל.

די אופגאבע, וועלכע איז געשטעלט געוואָרן פאר די קינסטלער און וואָס די קינסטלער האָבן זעלבסט פאר זיך זי געשטעלט, איז געווען א קלאָרע, און עס האָבן זיך א שאָט געטאָן עסקיזן, פראָיעקטן. ס'איז געקומען די צײַט, ווען מע האָט געדארפט זאָגן קאָנקרעט „יאָ" צי „ניין", זיך אָפשטעלן אף אזא הילע, וואָס זאָל קאָנען אָנגענומען ווערן אלס גרונט, און געזיגט האָט דער באוווּסטער קינסטלער גערשן קראַווצאָוו.

פיל פון אונדזערע לייענער געדענקען געוויס די ערשטע הילע, וועלכע איז קאָמבינירט פון געשריבענע און געדרוקטע אויסיִעס, דעם איידל געלבלעכן פאָן, אף וועלכן עס טיילט זיך אויס דער ברוינער און רויטער שריפט „סאָוועטיש היימלאנד". די דאָזיקע הילע איז גאָר אינגיכן באקאנט געוואָרן אין סאָוועטנלאנד און אין פיל לענדער פון דער וועלט. גוטעפרײַנט האָבן אונדז געשיקט בריוו מיט ווינטשעוואניעס, באגײַסטערטע טעלעגראמעס, און סאָנים האָבן גלײַך געפונען כעסרוינעס — דער זשורנאל איז ניט געדרוקט, נאָר פאָטאָגראפירט, קיין לאנגן קיִעם וועט ער ניט האָבן, און נאָך אזעלכע „שיינע" זאכן. אָבער איינס האָבן אפילע די קעגנער געמוזט אנערקענען — רייִנקײַט פון שפראך און קינסטלערישקײַט פון די ווערק דארף מען זיך לערנען באם יונגן זשורנאל.

דאָ בין איך א ביסעלע פארפאָרן פאָרויס, נאָר מירן גלײַך זיך אומקערן צוריק. ס'זײַנען מיר באזונדערס פארבליבן אין זיקאָרן אונדזערע געשפרעכן וועגן פאָעזיע.

מיר האָבן זיך געפרוּווט באשטימען די ספעציפיק פון דער געשטאלטלעכער אָפשפיגלונג פונעם לעבן אין דער קינסטלערישער ליטעראטור און איר געזעלשאפטלעכע באדײַטונג. דער בירגערלעכער עלעמענט אין דער דיכטונג, אירע עטישע און עסטעטישע פרינציפן פירן דעם קינסטלער צו דער נאָבעלער אופאסונג פונעם לעבן און דעם נאָבעלן אויפן פון געפיל. דאָס איז פאר אלעמען קלאָר געווען אפן בײַשפיל פון אזעלכע דיכטער, ווי בלאָק, בריוסאָוו און מאיאקאָווסקי אין דער רוסישער ליטעראטור, ווי מארקיש, פעפער, האָפשטיין און אנדערע אין דער ייִדישער דיכטונג.

נאטירלעך, אז אינעם באגריף פאָעזיע ווערן אײַנגעשלאָסן אלע זשאנרען: ליריק, דראמע אין פערזן, עפאָס, פאָעמע אאוו. בא דער מערהײַט

פון אונדזערע סאָוועטישע ייִדישע דיכטער קאָן מען געפינען די פאַרשיידנסטע זשאַנרען אין זייער שאַפונג.

דער בעסטער בײַשפּיל זײַנען דאָוויד האָפּשטיינס און שמועל האַלקינס לירישע לידער און עפּישע לײַוונטן — בײַ האָפּשטיינען די פּערלדיקע ליריק „בײַ וועגן" און די פּאָעמע „גאָלד", זײַנע לידער „אין ווינטער־פאַרנאַכטן אויף רוסישע פעלדער", ציקל „אָ, פּרוי, אָ, לאָקנדיקער וווּנדער", און די אויסגעשפּראָכן בירגערלעכע לידער „אָקטאָבער", „מיר שטאַמען פון פעלדזן", בײַ האַלקינען — די לידער „דאָס גלאָז", און די דראַמאַטישע ווערק „גערטאָגראַד", „שולאַמיס", „באַר־קאָכבאַ".

אינעם 537־טן צימער פון דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" האָבן מיר געדאַרפט פיל געדענקען און נאָך מער ברענגען נײַס. דאָס האָבן אַלע, וועלכע זײַנען געקומען אַהער, געהאַט אין זינען. קיינער האָט זיך ניט געשראָקן צו זאָגן עפּעס אַ נאַרישקײַט, מע האָט גערעדט, ווי מע רעדט צו זיך אַליין — „עפּשער אַזוי, און עפּשער פּונקט פאַרקערט..."

אינגיכן איז געקומען די צײַט, ווען מע האָט געדאַרפט קאָנקרעט צוטרעטן צוזונויפשטעלן דעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד", און דאָ האָבן זיך אַלע געהאַלטן בײַ איין פּרינציפּ — פאָרשטעלן אין אים וואָס מער שרײַבער.

און אָט ליגט פאַר מיר דער נומ. 1. נאָך דער ווענדונג צו די לייענער קומען יעכיעל שרײַבמאַנס מיניאַטיורן: „פליגל", „אַ מאַמע", „שוועסטער", „יונג גראָז", „מײַן מאַמע — מײַן לייענערן". כוץ די עטלעכע צענדליק ייִדישע דיכטער, וואָס זײַנען דאָ אַרויסגעטראָטן מיט זייערע לידער, זײַנען אויך פאָרגעשטעלט די רוסישע דיכטער אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי און אַלעקסאַנדער פּראָקאָפּיעוו.

איינע פון זײַנע בעסטע דערציילונגען האָט דאָ אָפּגעדרוקט טעוויע גען. פאַראַן אויך „דזשאַמיליאַ" פון טשינגיז אײַטמאַטאָוון אין שירע גאָרשמאַנס איבערזעצונג. ווײַטער — פאַרצייכענונגען, קריטישע אַרטיקלען אאַוו.

אינטערעסאַנט: אין ערשטן נומער איז אַרויסגעטראָטן סאָניע פּרײַ מיט אַן אַרטיקל וועגן קאָסמאָס — אין צוואַנציק יאָר אַרום האָט די רעדאַקציע אײַנגעשטעלט אַן ענגע פאַרבינדונג מיט אונדזערע באַרימטע קאָסמאָנאַווטן און פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע ריי מאַטעריאַלן וועגן זייערע אויפטוען.

ס'איז מאַמעש סימבאָליש דאָס, וואָס אין הײַנטיקן יובילײַ־נומער, דאָס הייסט — אין צוואַנציק יאָר אַרום, פאַרעפנטלעכט זײַן ראָמאַן „ווײַטער..." יעכיעל שרײַבמאַן, וועלכער האָט דעם ערשטן נומער געעפנט מיט פינף קורצע מיניאַטיורן.

איך וואָלט געקאָנט דערציילן און דערציילן וועגן דעם אָנהייב פונעם זשורנאַל, נאָר ניט דאָ איז דאָס אָרט, איך וועל עס מיט דער צײַט עפּשער טאָן. יאָ, יאָ! אומבאַדינגט וועל איך דערציילן וועגן דעם וועג, וואָס אונדזער ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז דורכגעגאַנגען פאַר די לעצטע צוויי צענדליק יאָר, האָבנדיק אַזאַ ברייטן וועג, ווי „סאָוועטיש היימלאַנד".

אויף דער ערשטער זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". יול, 1961 (פון רעכטס אויף לינקס): סעקרעטאַר פון שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר א. סאַלינסקי, ערשטער סעקרעטאַר פונעם שרײַבער־פאַרבאַנד פון פססר ג. מאַרקאָוו, הויפּט־רעדאַקטאָר א. ווערגעליס

ראָזע קאַץ־ראַבינאָוויטש

עלטער און ייִנגער

אין אָט אזא פרילינגדיקן טאָג, ווען איך שרייַב אָט די שורעס, מיט צוואנציק יאָר צוריק, האָט מייַן מאַן ראַבינאָוויטש, וועלכער האָט געאַרבעט אין דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי", מיר אָנגעקלונגען אַהיים:

— פאַראַן א נייַס. מיר טרעטן צו אַרויסצוגעבן א ייִדישן זשורנאַל. הייַנט וועל איך קומען אַהיים שפּעט, כ'בין זייער פאַרנומען.

אין א האַלבער שעה אַרום האָט מיר אָנגעקלונגען אונדזער פרייַנט דער דיכטער מוישע טייף:

— רייזעלע, קאָנסט באַקן לעקעך, די רעדאַקציע פונעם נייַעם זשורנאַל זוכט דיך שוין, זאָלסט זייַן א מאַשיניסטקע.

א גאַנצן טאָג האָט דער טעלעפאָן בא אונדז אין שטוב ניט גערוט, אַלע אונדזערע פרייַנט — שרייַבער, זשורנאַליסטן האָבן געייַלט אָנזאָגן די בסורע. אויפן צווייטן טאָג איז שלוימע ראַבינאָוויטש אויפגעשטאַנען, ווי שטענדיק, זייער פרי און לאַנג זיך פאַרהאַלטן באַם אַלמער, זוכנדיק דעם שענסטן אָנצוג. פרעג איך:

— וווּהין קלייַבסטו זיך און וואָס פּוצסטו זיך אַזוי? ענטפערט ער:

— איך בין הייַנט פאַרבעטן אויף דער ערשטער זיצונג אין דער רעדאַקציע, ווו מע וועט, דאַכט זיך, צונויפשטעלן דעם פּאַרלויפיקן אינהאַלט פונעם ערשטן נומער.

אין עטלעכע טעג אַרום האָבן צענדליקער צייַטונגען אין דער וועלט אָפּגעדרוקט ראַבינאָוויטשעס אינפאָרמאַציע:

„מאָסקווע, פּרעס־אַגענץ „נאָוואָסטי". דער שרייַבער־פאַריין פון סאָוועטנפאַרבאַנד הייבט אָן אַרויסגעבן א ייִדישן ליטעראַריש־קינסטלערישן זשורנאַל. ער וועט הייסן „סאָוועטיש היימלאַנד"."

שלוימע האָט מיר אין יענעם טאָג געזאָגט:

— איך האָב געפיעלט, אַז מייַן דעפּעשע וועט איבערגעגעבן ווערן טייקעף־אומיאַד, אין דער ערשטער ריי, לויט אַלע אַדרעסן און אויף אַלע לעשוינעס. אָבער די עטלעכע שורעס דאַרף מען נאָך איבערזעצן. דאָס איז אַן אַרבעט אויף א פּאָר מינוט. די אַרכיפּעדאַנטישע איבערזעצער האָבן מיך ניט אָפּגעלאָזט: וויאַזוי שרייַבט מען „סאָוועטיש היימלאַנד"? וויאַזוי וועלן די צוויי ייִדישע ווערטער קלינגען אין ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש, דייַטש, יאַפּאַניש? מע האָט זיך געשפּאַרט, געגריבלט זיך אין ווערטערביכער און סאָפעקלאָסאָף אָנגענומען: "Sovietisch Heim-land" — איך האָב ערשט דאַן אָפּגעאָטעמט פרייַ, ווען די טעלעטייַפּן האָבן ריטמיש אָנגעהויבן אויסקלאַפּן: ניו־יאָרק, פּאַריז, לאָנדאָן, בוענאָס־אײַרעס, ריאָ־דע־זשאַניירא, מאָנטרעאַל, מאָנטעווידעאָ, טעל־אָוויוו...

די צייַט לויפט, און אָט זייַנען שוין פאַריבער צוואַנציק יאָר. א קלייניקייט צו זאָגן — צוואַנציק יערעלעך! צוואַנציק יאָר שוין אַדורך, זינט דער ערשטער קאָסמאָנאַווט יורי גאַגאַרין האָט זיך אויפגעהויבן אין קאָסמאָס, און וועגן זייַן פלוג האָט דאַן געשריבן דער סאַמע ערשטער נומער פון „סאָוועטיש היימלאַנד"! מיר האָבן פאַר די צוואַנציק יאָר א סאַך געפונען און אויך א סאַך פאַרלוירן. שוין צען יאָר, אַז ראַבינאָוויטש איז ניטאָ צווישן די לעבעדיקע. אָך, ווי ער וואָלט זיך געפרייט צו זען דעם איצטיקן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" מיט די בייַלאַגע־ביכעלעך, וואָס גייען אַרויס אַלע כוידעש. ער וואָלט הויך אָפּגעשאַצט די נייַע רובריקעס, וועלכע דערשייַנען אין זשורנאַל, באַזונדערס דאָס „קאָסמאָס־ווינקל".

איך אַליין בין געוועזן אַנציקט און אַפילע איבעראַראַשט, ווען עס האָט זיך איין טאָג אויפגעעפנט די טיר אין לאָקאַל פון דער רעדאַקציע און עס האָט זיך באַוויזן דער לעגענדאַרער קאָסמאָנאַווט פּאַוועל פּאָפּאָוויטש מיט זייַן פרוי — דער פליִערן מאַרינא פּאָפּאָוויטש. איך האָב געוואָלט זיך אַליין א קנייַפּ טאָן אין באַק, כ'זאָל זיך איבערצייַגן, צי איז עס טאַקע עמעס, צי זע איך ניט אַלץ אין כאָלעם. אַזוי איז אויך געווען, ווען אין א שטיקל צייַט אַרום איז געקומען צו אונדז אין רעדאַקציע דער קאָסמאָנאַווט געאָרגי בערעגאָוואָי, וועלכער האָט באַקומען זייַן ערשטן גאָלדענעם שטערן אין פאָטערלענדישן קריג און דעם צווייטן אין דער עפּאָכע פון קאָסמאָנאַווטיק. זיי זייַנען געקומען אין רעדאַקציע, ווי צו זייערע פרייַנט, און געזעסן בא א פרייַנטלעכן טיש מיט די שרייַבער און מיט די מיטאַרבעטער פון רעדאַקציע און געפירט א פאַרטרוילעכן, היימישן שמועס וועגן דער באַהערשונג פונעם הימל־רוים, וועגן הייַנטצייַטיקער ליטעראַטור און טאַקע בעפייַרעש וועגן דער ייִדישער ליטעראַטור אויך. דאָס זייַנען גרויסע דערפאָלגן פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד", פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור!

מיר האָבן פאַר די צוואַנציק יאָר פאַרלאָרן א סאַך שרייַבער, פּאָעטן, רעדאַקטאָרן. דאָ ניט לאַנג איז פון אונדז אַוועק אין דער אייביקייַט אונדזער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע — ראַכיל קאַגאַרליצקאַיאַ, וועלכע איז צוואַנציק יאָר געזעסן אויף איר אָרט. צום באַדויערן, האָט זי ניט דערלעבט צום 20־יאָריקן יובילײַ.

מיר זייַנען אַלע עלטער געוואָרן אויף צוואַנציק יאָר, אָבער דער זשורנאַל אַליין ווערט אַלץ ייִנגער און ייִנגער, ער דינט געטרייַ דעם היימלאַנד, האַלט הויך די טראַדיציעס פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווערט אַלץ שענער און אינהאַלטסרייַכער.

דאָרע כײַקינע

מײַן יאָמטעוו און מײַן אינדערוואָכן

אין א ווײַטן יול־טאָג פונעם 1961־טן יאָר בין איך רײַכער געוואָרן מיט א יאָמטעוו.

דער יאָמטעוו איז געקומען צו אונדז אין שטוב, צו מיר און צו מײַן מאַן, דעם ייִדישן פּראָזע־שרײַבער, רעדקאָלעגיע־מיטגליד פון „סאָוועטיש היימלאַנד” יעכיִעל פאַליקמאַן, ווי עס דאַרף קומען א געגאַרטער יאָמטעוו — פײַערלעך, גרויסאַרטיק, מאַיעסטעטיש־דערהויבן. איינצײַטיק איז ער ארײַן אין נאָך טויזנטער און טויזנטער שטיבער, א שטראַליקער שאָ־ליעך פונעם אייביקן קוואַל, וואָס ברויזט, ווייסט ניט פון רו.

בלעטערנדיק דעמלט יענעם ערשטן זשורנאַל־נומער, וואָס איז ארויס אין א זוניק־גאָלדן טעוועלע, אַף וועלכן עס האָבן געהעלט די אויסיִעס „סאָוועטיש היימלאַנד”, איז בא אונדז געווען דאָס געפיל, אַז עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אין שטוב אַף א גרויסער סימכע אונדזערע פרײַנט און קאָלעגן, געקומענע פון אַלע עקן לאַנד, און יעדער איינער האָט געבראַכט מיט זיך דאָס טײַערסטע, וואָס ער פאַרמאָגט.

ס׳איז באוווּסט, אַז דאָס לעבן איז ניט קיין דורכויסיקער יאָמטעוו. וואָכעדיקע טעג, פולע מיט האָרעוואַניע, מיט זאָרגן, מיט פּלענער און פאַרטראַכטן, זײַנען ווי א מין פאָרהאַנאָכע צו א יאָמטעוו, זיי פאַרנעמען אויך שפּעטער זײַן אָרט. אָבער אַפילע אין די שווערסטע ארבעטסטעג איז ניט שווער, ווען דו פילסט, אַז דײַן ארבעט דאַרף מען האָבן און דו גיסט זי איבער אין גוטע און געטרײַע הענט.

מיטן דערשײַנען פון „סאָוועטיש היימלאַנד” האָט זיך פאַרשטאַרקט אין מיר דער דאָזיקער טײַערער געפיל.

ניט זעלטן, זוכנדיק דאָס נייטיקע וואָרט, מאַטערנדיק זיך איבער א שורע, וועלכע וויל זיך ניט אונטערגעבן, גלייב איך, אַז אויב כ׳וועל סאָפּקאָלסאָף זיגן אינעם דאָזיקן געראַנגל, וועל איך באַלוינט ווערן מיט א יאָמטעוו, וועלכער וועט קומען צו מיר אַף די זײַטלעך פון „סאָוועטיש היימלאַנד”.

ניט בלויז מײַן יאָמטעוו קומט צו מיר אַף די זשורנאַל־זײַטן. ווען איך נעם אין האַנט א נײַעם נומער און לייען די פאַרעפנטלעכטע ווערק, פריי איך זיך מיט די דערגרייכונגען פון מײַנע כאַווײרים, ווען אין אײַנגעשפּאַרט וואָרט, א פאַרפלאָנטערטער זאַץ, צי ניט גאָר קיין בוילעט בילדל קאָסטן א סאַך מי, און די נײַ־געשאַפענע ווערק קומען זיי אָן געוויס ניט גרינג.

קאָלזמאַן איך אַליין וועל נאָך זײַן אַף דער וועלט, וועל איך געדענקען יענעם טאָג, ווען כ׳בין דאָס ערשטע מאָל אריבערגעטראָטן די שוועל פון דער רעדאַקציע אַף דער מאָסקווער קיראָוו־גאַס. אין די מאַכשאָוועס מײַנע האָב איך לאַנג זיך געגרייט צו דער דאָזיקער באַגעגעניש. כ׳האָב זיך פאָרגעשטעלט, וויִאַזוי דאָס וועט זײַן... און ניט געטראָפן. די עמעסע באַגעגעניש איז לאַכלוטן ניט ענלעך געווען אַף די אויסגעמאָלטע אין מײַנע געדאַנקען. פּאָשעטער איז זי געווען, צי דערהויבענער? איך ווייס ניט. כ׳ווייס בלויז, אַז געדאַרפט האָט זי זײַן אַזאַ, ווי זי איז געווען, און ניט קיין אַנדערע.

ווי נאָר איך בין דעמלט אריבערגעטראָטן די שוועל פון דער רעדאַקציע, האָב איך אָנשוילעך דערפילט, אַז געקומען בין איך אין א סוויווע פון עכטער פײַערלעכקײַט. ניין, קיין געדעקטע טישן זײַנען אינעם פּרעכטיקן אופנאַם־צימער ניט געשטאַנען, בא דער וואַנט, אין א ווינקל, האָבן קלעזמער זיך ניט געזעצט מיט זייערע פילבאַרע און איידעלע אינסטרומענטן. בא די הויכע שפּיגל־פענצטער האָבן געניטע מאַשיניסטקעס, ווי קישעפמאַכערנס, אָדער ווירטואָזע קלאַוויר־שפּילערנס, אַף קיין רעגע ניט געלאָזט צורו זייערע פלינקע פינגער. אַנדערע מיטאַרבעטער זײַנען מיט פּאַפּירן אין די הענט געגאַנגען באַשעפטיקט פון איין צימער אין א צווייטן. דורך דער אָפענער טיר אין שכײנעסדיקע כאַדאָרים, האָב איך געזען, ווי אופמערקזאַם מע זיצט דאָרט, אָנגעבויגן איבער פאַנאַנדערגעלייגטע אַפן טיש מאַטעריאַלן, און דאָך האָב איך אין דער פאַרנומענקײַט, אַפילע אין דער פאַרהאַוועטקײַט — דערפילט א יאָמטעוו.

— די ארבעט איז בא אײַך אין פולן ברען, — האָב איך געזאָגט איינעם פון די מיטארבעטער, — און דאָך ווײַזט זיך מיר אויס, אַז געקומען בין איך אין רעדאַקציע יאָמטעווצײַט...

— בא אונדז איז הײַנט טאַקע א יאָמטעוו, — האָט ער שמייכלענדיק געענטפערט, — מיר גיבן אָפּ אין זאַץ דעם אָרדנטלעכן נומער. און אַלע מאָל, כוידעש נאָך כוידעש, איז בא אונדז דער דאָזיקער טאָג א יאָמטעוודיקער. מיר טוען

אפילו אַן יאַמטעוודיקע בגאַדים אין אָט דעם טאָג. ניט צוניפגערעדטערהייט, — האָט ער ווידער א שמייכל געטאָן.

דעמלט האָב איך פאַרשטאַנען: יאַמטעוו געבירט יאַמטעוודיקייט.

ווען איך קום אצינד צו פאָרן קיין מאָסקווע, אין א הויפּטשטאָטישן פאַרלאַג, לויט מײַנע ליטעראַרישע איניאַנים, ווייס איך, אַז איך קאָן אַרײַנגיין אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, ניט ווי אין אָן אָפּיציעלן אנשטאַלט, נאָר ווי אין דער היים צו נאָענטע פרײַנט, און דערציילן, וויאַזוי עס שרײַבט זיך און ווי עס האַלט מיט מײַן קינפטיקן בוך. מע וועט מיך אופמערקזאַם אויסהערן, און אויב איך נייטיק זיך אין דעם — אַרײַנקוקן אין מײַן מאַנוסקריפּט, וואָס דאַרף ערשט ווערן א בוך, און אפילו זיך דורכגיין מיט א בלײַער איבער די מאַשין־זײַטן. די כאַווירים וועלן אופריכטיק זיך פרייען, אויב אלץ גייט באַ מיר אין פאַרלאַג קעשורע, און אַף אָן עמעס באומרויִקט ווערן פון דעם, וואָס עס איז עפּעס־וואָס נאָך ניט דערלייזט.

אָט אזוי, ווי איך קום אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ מיט מײַנע פריידן און מיט מײַנע זאָרגן, פּונקט אזוי פלעגט אין מעשעך פון פינף יאָר, ביז ער האָט ניט פאַרענדיקט די לערע, אויך קומען אין רעדאַקציע מײַן מיזיניק — א סטודענט פונעם מאָסקווער אוניווערסיטעט, א מאַטעמאַטיקער. ניט קיין ליטעראַרישע איניאַנים האָבן אים געפירט אין „סאָוועטיש היימלאַנד״. גיכער פון אלץ — א פּאַשעטע יוּנגלשע בענקשאַפט נאָך דער היים, מיט וועלכער ער האָט זיך דעמלט ערשט צעשיידט. זי, די בענקשאַפט, פלעגט אים אָפּט אָפּרײַסן פון די לערנביכער און קאָנספּעקטן אין זײַן געמיטלעכן צימער אַפן איין־און־צוואַנציקסטן שטאָק, ווו ער האָט געלעבט אין צוזאַמענוווינונג, און אראָפּברענגען אים אַף דער קיראָוו־גאַס, נומער 17. ער פלעגט אויך קומען אין רעדאַקציע, ווי מע קומט אין א שטוב צו נאָענטע מענטשן. און וויאַזוי די כאַווירים זאָלן ניט זײַן פאַרנומען, פלעגן זיי פאַר אים געפינען צײַט.

יאָר נאָך יאָר, קומענדיק צו פאָרן קיין מאָסקווע אַף א זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע, פלעגט יעכיעל פאַליקמאַן אלע מאָל ברענגען דעם זון אין „סאָוועטיש היימלאַנד״. „מיר זײַנען געווען צוגאַסט אין רעדאַקציע״ — פלעגט מען מיר געבן צו וויסן אין א בריוו.

לויט די אויבנבאַשריבענע עפּיזאָדן און בילדלעך קאָן זיך שאַפן אָן אײַנדרוק, אַז „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז א מין שטיל אינדזעלע אינעם שטורמישן יאַם, וואָס הייסט מאָסקווע.

ניין, ניין. בעשום־אויפן ניט. אויב זיך באַנוצן מיט יאַם־אַנאַלאָגיעס, איז „סאָוועטיש היימלאַנד״ א מעכטיקע, א הײַנטצײַטיקע, א שווימענדיקע שיף אינעם ברויזנדיקן, אינעם קאָכיקן, אינעם אומרויִקן יאַם, וועמענס נאָמען עס איז — דאָס לעבן.

אַף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ דרוקן זיך ניט בלויז פּראָפעסיאָנעלע שרײַבער. אונדזערע לייענער באַקומען ניט זעלטן א מעגלעכקײַט צו פאַרעפנטלעכן דאָ זייערע ווערק. ס'איז זייער וויכטיק, ווען א לייענער האָט אזא גרויסע טריבונע. קיין אנדער יידישן זשורנאַל, וואָס זאָל סיסטעמאַטיש דרוקן ווערק און בריוו פון לייענער — ווייס איך ניט.

ביז גאָר א וויכטיקע באַדײַטונג האָט דער אָפּטייל „אַף די שפּורן פון געשעענעם״ — נאָך אין בוילעטער באַווײַז, אַז קיינער ווערט באַ אונדז ניט פאַרגעסן.

טיפע טעאָרעטישע אַרטיקלען אַף פילאָסאָפישע, סאָציאַל־עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע, ליטעראַריש־פאָרשערישע טעמעס דרוקן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ אָנגעזעענסטע סאָוועטישע פּובליציסטן און געלערנטע. אונדזער לייענער שפּירט נאָך מיט גרויסער פאַרינטערעסירטקײַט נאָך אלע רובריקעס אין זשורנאַל. ליטעראַרישע געדענק־דאַטעס... מאַטעריאַלן צום לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור... לימודים פון דער יידישער שפּראַך... קולטור־ און ליטעראַטור־כראָניק... פּובליציסטיק... געפונענע מאַנוסקריפּטן... קאָמענטאַרן פון רעדאַקציע... קורצע רעצענזיעס.. שמועסן וועגן מוזיק... הומאָר... קינסטלערישע רעפּראָדוקציעס... איבערזעצונגען פון ברידערלעכע סאָוועטישע ליטעראַטורן און ווערק פון אויסלענדישע שרײַבער... לידער צום זינגען... רעזיומע אַף רוסיש און ענגליש...

דעם גאַנצן סכום אַרבעט, וועלכע ווערט געטאָן אין „סאָוועטיש היימלאַנד״, איז אפילו שווער איבערצורעכענען און אַרומכאַפּן מיטן געדאַנק. די דאָזיקע אַרבעט טוט זיך אין מעשעך פון 20 יאָר.

יאָ, דער יאַמטעוו, וואָס הייסט „סאָוועטיש היימלאַנד״, איז הײַנט אַלט געוואָרן 20 יאָר. די אינדערוואַכנס, פאַרבונדענע מיטן יאַמטעוו, זײַנען אַלט פּונקט אזוי פיל. צוואַנציק יאָר איז א סאַך, און צוואַנציק יאָר איז ווייניק.

אָבער די העכער צוויי הונדערט זשורנאַל־נומערן, וועלכע האָבן אַרײַנגענומען אין זיך די האַרעוואַניע, די באַגײַסטערונג, די וויזיע פון הונדערטער מענטשן: פּראָזאַיקער, דיכטער, ליטעראַטור־פאָרשער, פּובליציסטן, היסטאָריקער, זשורנאַליסטן, סאָציאָלאָגן, ביבליאָגראַפן, קאָמפּאָזיטאָרן, מאָלער, רעדאַקטאָרן, קאָרעקטאָרן, זעצער, מאַשיניסטקעס, מעטראַנפּאַזשן — די העכער 200 זשורנאַל־בענדער זײַנען זייער און זייער א סאַך.

זאָל אונדזער יאַמטעוו לאַנג־לאַנג זיך יאַמטעווען.

זאָלן אונדזערע אינדערוואַכנס זײַן ביזן ברעג אָנגעפילט מיט שווערער און ליבער מי, וועלכע וועט מעגולגל ווערן אַף די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד״ אין נײַע האָריזאָנטן פאַר דער סאָוועטישער יידישער ליטעראַטור.

■

שמועל גאָרדאָן

מעראַגלים

אַזוי האָב איך אָנגערופן איינס פון מײַנע רײַזע־בילדער אין דער סעריע „איבער די ייִדישע ייִשוּוים פון קרים", וועלכע האָט אין מעשעך פון א לענגערער צײַט זיך געדרוקט אין די ערשטע נאָכ־מילכאָמע־כאָדאָשים אין דער צײַטונג „אייניקייט".

ארומרײַזנדיק אין יענע ווײַטע יאָרן איבער די ייִדישע קאָלווירטן פון קרים, האָב איך דאָ און דאָרט ניט איין מאָל באַגעגנט אונטערוועגנס מעראַגלים פון מיטל־אַזיע און טיף רוסלאַנד, ווּהין ס׳האָט אַמײַנסטנס זיך עוואַקוירט די גרעסטע ייִדישע באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע געגנטן. ניט אַלע עוואַקוירטע האָבן גלײַך נאָך דער מילכאָמע געהאַט ווּהין זיך צוריקצוקערן. די היים, פּונוואַנען מע שטאַמט, איז געלעגן אין רויִנען. אַנשטאָט הײַזער — הרודערס צעקרישלטע ציגל. אופשטעלן פון רויִנען א שטאָט איז ניט דאָס זעלבע ווי אומקערן צום לעבן א דאָרף. און געהערט האָט מען, אַז אין א טייל קרימער ייִשוּוים, זײַנען פאַראַן פרײַע הײַזער. האָט מען פון ווײַט און פון נאָך ווײַטער געשיקט אַהין שעליכים, א קוק צו טאָן מיט די אייגענע אויגן וואָס און ווען. אָבער די קאָלווירטניקעס, וואָס האָבן זיך עוואַקוירט פון דאָרטן, האָבן קיין מעראַגלים אַהינצו ניט געשיקט. דער איינציקער שאַליעך, וועלכער האָט זיי צוריק אַראָפּגעבראַכט אין סטעפּ, איז געווען די נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים. דאָס זעלביקע איז זיך נאָכדעם אויך פאַרלאָפן מיט די עוואַקוירטע פון די כאָרעווע שטעט און שטעטלעך. אַזויאַרום, איז אונדז, ייִדישע שרײַבער, ניט אויסגעקומען דעמלט צו ווערן מעראַגלים, זיך אַרומקלאַפּן זוכן אין אומבאַקאַנטע מעקוימעס די פּער־סאָנאַזשן פון אונדזערע פרײַערדיקע און קינפטיקע ווערק. מיר האָבן זיי שוין אין די ערשטע נאָכמיל־כאָמע־כאָדאָשים ווידער געהאַט לעבן זיך אָף די אַלט־אײַנגעזעסענע ערטער, כאָטש אי די היים, אי די פּערסאָנאַזשן האָבן צוזאַמען מיט דער גרויזאַמער צײַט זיך שטאַרק געענדערט. און אומגעקערט האָט מען זיך אין דער באַפרײַטער היים ניט נאָר פון דער עוואַקואַציע, נאָר אויך פונעם שלאַכטפעלד, פון די פאַשיסטישע טויט־לאַגערן...

וועגן דעם האָבן מיר בלויז באַוויזן אָנהייבן צו דערציילן. פאַרגעזעצט האָבן מיר אין יענעם אומ־פאַרגעסלעכן זוניקן טאָג, ווען עס האָט זיך אָנגע־הויבן אין אונדזער ליטעראַטור א נײַע טקופע, די טקופע פון „סאָוועטיש היימלאַנד". מיר האָבן פאַר־שטאַנען, אַז מיר קאָנען ניט אָנהייבן אונדזער ווי־דערגעבורט בלויז פון דעם, באַ וואָס מיר זײַנען שטיין געבליבן. מיר האָבן געמוזט אָניאָגן די דורכ־געלאָזטע צײַט און גיין מיט איר אין פוס. באַגרע־נעצן זיך בלויז מיט די פון פריִער באַקאַנטע פּער־שוינען, אין די פון פריִער שוין פון לאַנג באַקאַנטע מעקוימעס, בײַס אין די נײַאויפגעקומענע אינדוסט־ריִעלע קאַנטן אין פאַרשיידענע עקן פונעם לאַנד האָבן געוואַרט אָף די שרײַבער נײַע טעמעס, נײַע פּערסאָנאַזשן, וואָלט פאַראָרעמט אונדזער ליטעראַטור. אויב דאָס איז ניט געשען, איז עס אין א היפּשער מאָס אויך דערפאַר, ווײַל מיר, די שרײַבער, זײַנען געוואָרן מעראַגלים. יעדערער פון אונדז, ווער פריִער, ווער שפּעטער, האָט גענומען אָף זיך אָט די שווע־רע, אָבער בעקאָוועדיקע לאַסט.

אויב אין אָנהייב וועג פון אונדזער יובילייִאַר האָט דאָס פאַרוואַנדלען זיך פון די ייִדישע שרײַ־בער אין מעראַגלים, דאָס אַוועקלאָזן זיך אין אומ־באַקאַנטע ווײַטן, קיינעם איבעריקס ניט פאַרוואונדערט, ווײַל צווישן אונדז זײַנען נאָך דעמלט געווען אויך פערציקיאָריקע, איז אָבער איצט, ווען מיר זײַנען אַלע עלטער געוואָרן אָף גאַנצע צוואַנציק יאָר...

עמעס, דער לייענער קאָן דערויף ענטפערן: אָבער די עלטער ברענגט דאָך מיט זיך פאַרן שרײַבער מער רײַפקײַט, העכערע קינסטלערישע מײַסטער־שאַפט, מער פאַרטיפטקײַט אין אופנעמען און באַזי־ניקן דאָס לעבן. ס׳איז זיכער אַזוי, אָבער די עלטער ברענגט מיט זיך אויך א בענקשאַפט, וואָס אײַלט אונטער דעם שרײַבער צו שרײַבן זײַן אייגענעם „פונעם יאַריד"...

פאַר א ליטעראַטור, וואָס איז געבענטשט מיט שעפער פון פאַרשיידענע דורעס, איז אַזאַ נאַטיר־לעכער גאַנג ניט קיין שטרויכלונג אין איר ווײַטער־דיקער אַנטוויקלונג. פאַרקערט, דער „פונעם יאַריד" האָט די ליטעראַטור שטענדיק באַרײַכערט מיט א ליריש־פּאָעטישן שטראָם, ווײַל וואָס קאָן דען זײַן לירישער און פּאָעטישער ווי די קינדהײַט און די יוגנט? אָבער א ליטעראַטור, וואָס באַשטייט אין גרונט פון איין שרײַבערישן דאָר און, ווי באַוווּסט, פון א היפּש באַיאָרטן, דערצו נאָך פון ניט קיין גרויסן אין צאָל, האָט פון אַזאַ קער זיך געקאָנט מיט דער צײַט פאַרוואַנדלען אין א מעמוארן־ליטעראַטור, דאָס הייסט — פון א לעבעדיקער און הײַנטצײַטיקער ווערן א ליטעראַטור פון זיכרוינעס.

ס׳איז זיכער א וווּנדער, וואָס מיר זײַנען בײַגע־קומען אָט די שטרויכלונג און מיר הייבן אָן דעם דריטן יאָרצענדליק פון „סאָוועטיש היימלאַנד", פול מיט לעבן, מיט ברויזנדיקע שעפערישע קויכעס, זעצן פאָר גיין אין פוס מיט דער צײַט.

געשען איז עס אין א באַדײַטנדיקער מאָס, ווי שוין געזאָגט, ווײַל פון די ערשטע טעג פון אונדזער שעפערישן ווידערגעבורט, זײַנען מיר, די ייִדישע שרײַבער, געוואָרן, און אָף ווײַטער פאַרבליבן, מע־ראַגלים.

■

מוישע אלטמאַן

פּראָבלעמען

— אַף אונדז, סאָוועטישע יידישע שרייבער, זיינען פון כּוח לעאָרעץ געפאַלן בערג מיט שטיינער. באַזונדערס שווער איז עס פאַר יענע פון אונדז, וועלכע האָבן, ווי דער, וואָס שרייבט דאָ, געגלייבט אין מענטשן. דעם גלויבן אין מענטשן האָבן מיר, יידישע אינטעליגענץ פון אונדזער דאָר, אָפּגעגעבן אונדזער גאַנצן צוטרוי.

די פאַרדראָסן, וואָס זיינען אויסגעפאַלן אַף דער יידישער פּראָגרעסיווער אינטעליגענץ, זיינען אַזוי שווער, אַז מע מוז זיך אָנשטרענגען ניט צו טראַכטן דערפון. איך פּלאָג מיך צו טראַכטן פון מער פריילעכע מאָמענטן. גוט, וואָס אַזעלכע זיינען דאָך פאַרבליבן פון דער פאַרגאַנגענהייט. עס דערמאָנט זיך אַזאַ עפּיזאָד:

געווען צווישן פּראָסטן, ניט געבילדעטן אוילעם זייער קלוגע פאַרשוינען, פון וועלכע אַ מענטש מיט טאַלאַנט האָט געקאָנט אַ סאַך אָפּלערנען.

אין מיין נאָענטקייט איז געווען איינער אַזעלכער, שלוימע דער לאַנגער. איך האָב שוין אייניקע זיכרוינעס דערציילט וועגן אים, ער איז געווען מיין טאַטנס אַ לעבנס־כאַווער. פלעגט ער אָפט אַראָפּקומען צו אונדז. מיר איז געווען גאָר אינטערעסאַנט צו באַאָבאַכטן דעם עלטערן אוילעם. כ'האָב אינסטינקטיוו געפילט, אַז מע קען פון זיי פיל אָפּלערנען.

איז אָט, איינמאָל, בעשאַס אַ שמועס מיט מיר, זאָגט ער:

— מוישעלע, מיר געפעלט זייער דאָס, וואָס, קענענדיק אַזוי גוט רוסיש און יידיש, גיסטו אָפּ אַזויפיל צייט דעם אַלטן טאַנאַך. איך בין ניט קיין לאַמדן, דו ווייסט עס. נאָר דעם טאַנאַך געדענק איך.

שלוימע האָט אויסגעשטעלט אַלע פינגער פון ביידע הענט און גענומען ציילן:

— קוידעם — ברייסיס, ברייסיס איז טייטש אין אָנהייב. צום אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד. די ערד איז געווען פּוסט און פינצטער ביז דעם אָפּגרונט. באַפעלט אלוהים: ליכטיק זאָל ווערן! און עס ווערט ליכט.

— מוישעלע, אַז דו לייענסט אונדזער ביבליע, אַזוי דאַכט זיך רופט מען דעם כומעש, בלייבסטו שטיין פאַרכידעשט — ווי אויסגערעכנט עס איז אַלצדינג, אַ הימל איז דאָ, ערד איז דאָ, אָבער קיין ליכט איז ניטאָ, און אָן ליכט קאָן ניט מעגלעך זיין אַ לעבן. דאַרף מען, אַז ליכט זאָל זיין!

און נאָכאַמאָל.

אַז מע דערפילט, ווי ווינציק געזונט עס איז אין גוף פאַרבליבן, פּרוווט מען איבערוואַרפן זיך צום צווייטן טייל פונעם זיין: צום גייסט.

עס איז מעגלעך, אַז ס'זאָל זיך געפינען אַן אַפּיקוירעס, וועלכער וועט אָפּפרעגן: וואָס קער זיך אָן געזונט מיט גייסט?

עס קער זיך אָן! און גאָר נאָענט!

מיט גייסט הייבט זיך אָן דער מענטש, דאָס מענטשלעכע, דאָס הומאַנישע.

עס איז אָבער נייטיק צוגעבן עפּעס. ניט זיין אַבסטראַקט... דאָס הומאַנישע איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פונעם געזונט! נאָר מע דאַרף די באַגריפן ניט נעמען שמאָל. עס גייט אַ רייד וועגן דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

אַ געזונטע מענטשלעכע געזעלשאַפט. איך מיין, אַז אונדזערע לייענער בייטיקן זיך ניט, מע זאָל זיי אָנהייבן לערנען פונעם אַלעף. עס איז אָבער נייטיק אויסצוברייטערן די אַלטע באַגריפן, זיי זאָלן קענען אַריינעמען נאָך און נאָך, ווייל די מענטשלעכע געזעלשאַפט איז ניט קיין פאַרגליווערטע.

און דער גייסט איז דער, וואָס גיט דעם גוף דעם לעבנס־שטאָף.

אַ געזונטע געזעלשאַפט איז די גאַראַנטיע פאַרן גייסט. און אַ געזונטער גייסט איז דער, וועלכער באַשאַפט אַ קולטור, אַ ריכטיקע קולטור, אַזעלכע איז פאַרן מענטשן די בעסטע גאַראַנטיע פאַר דעם ווילזיין פון דער געזעלשאַפט.

* * *

מיר וואָלטן באַדאַרפט ברייטער און טיפער באַהאַנדלען די קוים אָנגערירטע פּראָבלעמען. אָבער איך האָף, אַז זיי וועלן פאַרינטערעסירן נאָך קאָלעגן. עס איז שוין צייט, מיר זאָלן זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג, ווי וויכטיק עס איז און וואָס פאַר אַ גרויסע באַדייטונג עס האָט דער פאַקט, וואָס מיר פאַרמאָגן אַזאַ ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן אָרגאַן, ווי עס איז אונדזער זשורנאַל.

דאַרף מען טאַקע אויסנוצן די געלעגנהייט און זיך דורכשמועסן וועגן אַלע פּראָבלעמען, וואָס קאָנען אינטערעסירן אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן.

טעוויע גען

צוגאַסט בא די לעבעדיקע

א מאָדנער כאָלעם האָט אַנומלטן מיר זיך געכאָלעמט... אונדזערע דרײַ באַרימטע אָנהייבער, אונדזערע דרײַ קלאַסיקער — מענדעלע מויכער־ספאָרים, יִיצכאָק־לייבוש פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם זײַנען אין זכוס פון זייערע גרויסע ליטעראַרישע פאַרדינסטן באַלוינט געוואָרן מיט א ליבער מאַטאָנע — א שיין געשאַנק, פון וואָס קיין איין מענטש, וועלכער האָט אַמאָל געלעבט אַף אונדזער זינדיקער ערד, וואָלט זיך אַוואַדע ניט אָפּגעזאָגט און וואָלט דאָס געוויס געהאַלטן פאַר א גרויסן גליק און קאָוועד. אין איינעם א טאָג פון אונדזערע איצטיקע טעג האָט דער גוטער מאַלעך, וועלכער היט אָפּ די רו פון די, וואָס זײַנען שוין אַף אייביק אַוועק פון אונדז, א פּאָכע געטאָן מיט זײַנע גרינגע לופטיקע פליגל און אַראָפּגעשוועבט צו מענדעלעס קייווער אין אָדעס, צום אויהעל פּערעץ אין וואַרשע, צו שאָלעם־אַלייכעמס קייווער אַפן ייִדישן בעסוילעם אין ניו־יאָרק און געגעבן דאָרטן צו וויסן מיט זײַן מילד פרײַנטלעך קאָל:

— טײַערע מײַנע, הויכגעשעצטע שריפטשטעלער! ווען איר האָט געלעבט, האָט איר אומדערמידלעך באַאָבאַכטעט אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַף דער ערד. אַלעס, וואָס אײַערע אויגן האָבן געזען און אײַער האַרץ האָט געפילט, האָט איר ערלעך און זאַפטיק באַשריבן. אײַער פרוכטבאַרע פעדער האָט געדינט נאָר צו גוטן, איר זײַנט געווען גרויס בא אײַער צײַט, בא די לייענער פון אײַער דאָר, און אַלס אַזעלכע, אין טיפער פאַרערונג און אַלגעמיינער הויכער אָנערקענונג, זײַנט איר אויך געווען און פאַרבליבן בא די שפּעטערדיקע דוירעס לייענער, ביז הײַנט־צו־טאָג. איצט ווערט אײַך געגעבן די מעגלעכקײַט צו באַזוכן די לעבעדיקע ערד. ס׳וועט אָן סאָפעק זײַן פאַר אײַך אינטערעסאַנט א קוק צו געבן אַף איר איצטיקן צושטאַנד, — איז זי אין בליִונג, אָדער זי איז פאַרוויסטעט געוואָרן? קלײַבט יעדערער פון אײַך אויס דעם מאַרשרוט, וועלכער רעגט אַמערסטן אײַער נײַגעריקײַט און זיקאָרן. געדענקט אָבער, אַז די צײַט איז בא אײַך זייער באַגרענעצט, יעטווידע מינוט קאָנט איר ווידער גערופן ווערן אין אײַער רו אַרײַן. דעריבער דאַרף אײַער אויסוואַל זײַן שטרענג דורכגעטראַכט, אַניט וועלן די ריינע נעשאָמעס אײַערע דערנאָך לײַדן דערפון, וואָס איר האָט פאַרזען דאָס וויכטיקסטע. זאָלן זײַן געצוימט די אופגעוואַכטע עמאָציאָנעלע באַגערן, האַלט ניכטער דעם פאַרשטאַנד. זײַט מאַצליִעך, — האָט דער גוטער מאַלעך צום שלוס צוגעוווּנטשן און ער איז אַוועקגעפלויגן.

די ערדישע זייגערס האָבן געשלאָגן זעקס אינדערפרי, און דרײַ מאַנספּאַרשוינען, אינעם זעלבן עלטער, אין וועלכן זיי זײַנען געווען אין לעצטן יאָר פאַרן טויט, מיטן זעלבן דעמאָלטיקן אויסערלעכן אויסזען און אין דער זעלבער קליידונג פון יענער צײַט, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן ניט אין קיין שטאָט, ניט אין קיין דאָרף, ניט אין וועלכן־ס׳איז אַנדערן מענטשלעכן ייִשעוו, נאָר אַף א פרײַער גרינער לאָנקע באַם ברעג פון א טײַך, מיט א הויכן בלויען הימל איבערן קאָפּ.

— ווי שיין איז דאָס לעבן אַף דער ערד! — האָט אויסגערופן דער איין־און־אַכציקיאָריקער מענדעלע, זײַן לענגלעך אויסגעצויגן קינדישקיינעוודיק פּאָנעם מיט די יונג־פינקלענדיקע אויגן הינטער די ברילן מיט די דינע באַגילדעטע אָהלאָבליעס; די קנייטשן אַפן שיינעם הויכן שטערן; דער שרונט אין די ווײַס־ווײַסע האָר אַפן קאָפּ; די קײַלעכדיק־אַרומגעשוירענע שטײַפע ווײַסע באָרד, — יעדער טייל און טייטעכל פונעם זקייניש־קלוגן און קינדיש־צאַרטן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט היסלײַוועס און אַנציקונג. מענדעלע האָט אַרויסגעריסן א גרעזל פון דער ערד, צוגעטראָגן צו די נאָזלעכער, אַרײַנגעשמעקט זײַן רייעך.

— ס׳איז א מעכײַע! פון וואָס זשע וועלן מיר, ראַבויסײַ, אָנהייבן? — האָט ער געווענדט זיך צו זײַנע צוויי ייִנגערע פרײַנט — פּערעצן און שאָלעם־אַלייכעמען.

ייִצכאָק־לייבוש פּערעץ מיטן גרויסן פעסטזיצנדיקן קאָפּ אַף די אַקסלען, מיטן געדיכטן טשוב אַרויף־צו איבערן אויסגעפּוקלטן שטערן, מיט די געדיכטע האַרטלעכע וואָנצעס און, דעריקער, מיט די פײַער־בליצנדיקע אויגן — איז געווען מאַיעסטעטיש שיין, ווי אַליין די פאַרקערפּערונג פון ווירדיקער שיינקײַט אַף דער ערד, צו וועלכער ער האָט אַף א קורצער צײַט, לויט א געבענטשטן גנאָד, ווידער זיך אומגעקערט. מיט א פּאָר האַסטיקע שאַרפע בליקן האָט ער אַרומגעכאַפּט די לאָנקע, דעם טײַך, דעם ווײַט־אויסגעשפּרייטן אַרום — ביזן האָריזאָנט.

— אַלע טענער שווימען זיך צוזאַמען אין דער שמעקנדיקער לופט און קומען מיר צום אויער, — האָט ייִצכאָק־לייבוש אויסגערופן אין

העכסטער באגײַסטערונג. — די פארבן גיסן זיך צונויף — דאָס גרינס, די ווײַסקײַט, די גרויסקײַט, דער בלאָ־בלאָער הימל איבער דעם אלעם, זיי גלעטן מיך...

שאָלעם־אלייכעם איז דער ייִנגסטער אינעם דריילינג, ער איז נאָך אפילע ניט קיין בען שישים. דאָס פּאָנעם זעט אויס מאָגערלעך, עס צייכענען זיך אויס די פארשארפטע קינבאקן. סאמעט־ווייכע האָר אפן קאָפּ, עס פילט זיך, אז ציינדלעך פון א קאם האָבן זיך ניט געבראָכן, ווען זיי האָבן אָט די האָר פארקעמט; די קין איז ניט בארעמלט מיט אזא באָרד, ווי בא מענדעלען, און ניט נאקעט, ווי בא פּערעצן, נאָר פארהילט מיט א שמאָל בערדל. אף דער פּלייצע איז ארופגעוואָרפן א פּעלערינע, אזוי ווי ס׳וואָלט אים א ביסל געפרעסטלט. די אויגן האָבן באם לעבן קיינמאָל ניט געלאכט און לאכן איצט אויך ניט; גוירלדיק־באשערטע טרויעריקע אויגן פון א הומאָריסט, וואָס מאכט לאכן אנדערע, און אים גופע וויינט דאָס הארץ.

— בענעמאָנעס, ס׳איז גאָרניט שלעכט אף גאָטס וועלטל, — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט זיך ארומגעקוקט, — א קאפּאָרע צען טויטן פאר איין מינוט לעבן.

— פון וואָס זשע וועלן מיר, ראבויסיַ, אָנהייבן? — האָט מענדעלע איבערגעכאזערט זײַן פראגע.

— איך וואָלט געפרעגט — ווּהין וועלן מיר אָנהייבן? — האָט פּערעץ פאריכט. — בא יעדערן פון אונדז, מײַנע ליבע קאָלעגן, איז, בעלי־סאָפעק, דער באגער פריִער פון אלץ צו באזוכן דאָס היים־אָרט, דערזען מיט די אויגן די אופגעוואקסטע אין זיקאָרן באקאנטע בילדער, אויך א האָר אופכאפּן די נײַע שפּראָצונגען. איך, צום בײַשפּיל, וויל אומגעזאמט באזוכן ווארשוי, אויך פארבלאָנקען אין מײַן געבורטס־שטאָט זאמאָשץ.

— איך וואָלט, דוכט מיר, אָפּגעגעבן דאָס גאנצע לעבן, ווען ס׳וואָלט נאָכאמאָל געשאָנקען געוואָרן, קעדיי דורכגיין זיך א ווײַלע איבערן שטעטל וואָראָנקע, זײַן א מינוט אין פּערעיאסלעוו, א קוק טאָן אף מײַן יעהופּעץ, כ׳מיין קיִעוו, דורכשפּאצירן זיך הין און צוריק איבערן קרעשטשאטיק, א שמעק טאָן פּאָדאָל... — האָט זיך אָפּגערופן שאָלעם־אלייכעם, און די אויגן הינטער די ברילן האָבן שטארק געגלאנצט, ווי זיי וואָלטן שוין בווילעט געזען פאר זיך די אלע היימישע ערטער.

— און איך וואָלט געוועזן גליקלעך, — האָט געזאָגט מענדעלע, — כ׳זאָל קאָנען גלײַך פארפאָרן אין מײַן אָדעסע, זאָל זײַן אפילע אף מײַן אלט פערד־און־וועגעלע, א פולס מיט אלטפרענקישע מײַסע־ביכלעך פאר ווײַבער. כ׳וויל אויך זען מײַן גלופּסק, מײַן היימשטעטל קאפּוליע... נאָר, ליבע פרײַנט מײַנע, מיר ווייסן ניט, וויפל צײַט ס׳איז אונדז געשאָנקען צו זײַן צווישן די לעבעדיקע, און אויב יעדערער פון אונדז וועט ציִען אין זײַן זײַט, וועלן מיר, ווי דער גוטער מאלעך האָט אונדז געוואָרנט, פארזען דאָס וויכטיקסטע...

— וואָס זשע איז נאָך וויכטיקער פון היים, פון בענקשאפט און ליבשאפט צו דעם? — האָט ייִצכאָק־לייבוש א בליץ געטאָן מיט די אויגן.

— אמאָל, געדענק איך, האָט מען מיך גערקרוינט מיטן נאָמען „זיידע”, דער ערשטער האָט מיר אָפּגעגעבן דעם קאָוועד טאקע ניט קיין אנדערער, ווי אָט דער קונדעס. — מענדעלע האָט מיט צארטקײַט אָנגעוויזן אף שאָלעם־אלייכעמען, — דערום דערלויב איך זיך צו ריידן, אזוי ווי סע פּאסט פאר א זיידע — מעיר־שעוודיק, באטראכט... איך, דער זיידע; איר, ייִצכאָק־לייבוש, דער פאָטער; שאָלעם־אלייכעם, דאָס אייניקל, — מיר האָבן מיט א הונדערט יאָר צוריק פארזעצט א ווילן גאָרטן, דעם גאָרטן פון דער נײַער ייִדישער ליטעראטור. דאָס איז געווען אונדזער וויכטיקסטער אופּטו אין אונדזער לעבן אף דער ערד. דארפן מיר, מיין איך, אונדזער ערשטן גאנג ווענדן אהין, צו יענע פלאנצונגען, א קוק טאָן, וואָס איז פון זיי געוואָרן. זײַנען זיי זיך צעוואקסן, אָדער, כאָלילע, געוואָרן פארוויסטעט, פארדארט?.. עפּשער נייטיקן זיך די נײַע שריפטשטעלער אין א פרײַנטלעך וואָרט, ווילן הערן די מיינונג פון דערפארענע לײַט. דערנאָך, אויב דער מאלכאמאָוועס וועט ניט צוײַלן אוועקצושלעפּן אונדז צוריק אין זײַן פינצטערן קיניגרײַך, וועלן מיר זיך לאָזן אין די אנדערע באליבטע מעקוימעס.

— ליטעראטור — אָן לעבן? — פּערעץ האָט פארוונדערט געקנייטשט מיט די אקסלען. — איר זענט דאָך, רעב שאָלעם־יאנקעוו, שטענדיק געווען דער גרויסער רעאליסט, אפילע אײַער אלעגאָרישע „קליאטשע” איז מענטשלעך, פול־איבערפול מיט צאָרעס, מיט ליידן, וואָס פארשווענקען דאָס לעבן. דארף מען דען ניט, איידער מיר וועלן באזוכן דעם ליטערארישן גאָרטן, זען דעם גאָרטן דעם לעבעדיקן?

— אלע זײַנען מיר אמאָל, מײַנע ליבע פרײַנט, געווען ליידער־ייִנגלעך, און מיר האָבן ניט שטענדיק געפאָלגט אפילע דעם גוטן רעבן, — האָט געזאָגט שאָלעם־אלייכעם. — לאָמיר איצט אויך א ביסל ניט פאָלגן דעם גוטן מאלעך, וואָס האָט אונדז געוואָרנט... עט! צו וואָס טויג אונדז דאָס געשאָנקענע לעבן, אויב מיר וועלן דאָס לעבן ניט זען, אפילע ניט א לעק טאָן פון דעם, נאָר האלטן ארײַנגערוקט דעם קאָפּ מיט די אויגן אין די ביכער. ווי זיי זאָלן ניט זײַן אינטערעסאנט, וועלן מיר זיי ניט קאָנען ווי געהעריק אָפּשאצן, ווײַל מיר וועלן ניט האָבן די לעבעדיקע מאָס צו זיי. ווי איר ווייסט, בין איך בא מײַן לעבן געווען אין פיל ערטער, כ׳בין געווען אין אמעריקע, געהיילט זיך אין דער שווייץ. איך וויל ווידער כאָטש מיט איין אויג א קוק טאָן אף דער שיינער אָזערע אין זשענעווע, א פלי טאָן אהין, וווּ פיר זײַנען מיר געזעסן, — דער זיידע, בען־אמי,

ביאליק און איך. מיר האָבן דעמלט זייער שיין פארבראכט, געקראָכן אַף בערג, אָפּגעגאָסן געוואָרן מיט שווייס און גערעדט, פּײַן דורכגעשמועסט זיך... איר, זיידע, האָט דאן דערציילט, פונוואנען עס נעמט זיך אײַער „קליאטשע“, דערנאָך האָב איך דאָס אלץ, דוכט מיר, באַשריבן אין א פעליעטאָן. כ'וויל זײַן אין די דרײַ שטעט, וועלכע איך האָב אמאָל איבערגעפלאָנטערט, און מײַן ליבע אָלגע, זי זאָל האָבן א ליכטיקן גאנײדן, האָט געהאט אזויפיל איבערלעבונגען צוליב דעם. נו, און אין פּעטערבורג, ווו איך האָב זיך אָפּגעוואלגערט עטלעכע פּײַנע טעג, זיך מישטאדל געווען וועגן ארויסגעבן א ייִדישע בלאט? וויל איך דען ניט זען, ווי־אזוי עס זעט איצט אויס פּעטערבורג?

דאָ האָט זיך דערהערט דאָס קאָל פונעם גוטן מאלעך, ער האָט איבערגעשלאָגן שאָלעם־אלייכעמען:

— שאָלעם־נאָכעם וועוויקס! — האָט ער אויסגערופן, — אײַערע העלדן זײַנען געווען בארײדעוודיק, אָבער דער מעכאבער דארף זײַן געצוימט. פּאטערט ניט, הויכגעשעצטע שריפטשטעלער, קיין צײַט און געדענקט וועגן דעם, וואָס עס איז אײַך געזאָגט געוואָרן, ווען איר זײַנט ארויס אַף דער ליכטיקער וועלט.

— וווּהין זשע וועסטו אונדז הייסן, ליבער מאלעך, האלטן וועג? — האָט מענדעלע געפרעגט.

— פליט קיין מאָסקווע, — האָט קורץ געענטפערט דער מאלעך.

— אָבער אן אָטעם טאָן מיט דער לופט פון דער אלטער היים! — האָט געבעטן פּערעץ.

— כאָטשבי אהין און צוריק, אין מײַן קאָסרילעווקע, ווי איך בין א ייִד... — האָט אויך געבעטן שאָלעם־אלייכעם.

— דײַן גנאָד, הארציקער פּאָטער, איז גרויס, איז זאָל ער זײַן שוין נאָך גרעסער... — האָט אָנגעשלאָסן זײַן געבעט מענדעלע.

דער מאלעך האָט א באוועג געטאָן מיט די פליגל, אזוי ווי א גוטער טאטע טוט אמאָל א מאך מיט די הענט:

— וואָס זאָל איך מיט אײַך, קונדייסים, טאָן? איר האָט ניט געפאָלגט באם רעבן, איצט ווילט איר אויך ניט פאָלגן. פליט צוערשט, וווּהין עס גלוסט זיך אײַך. מאָרגן אינדערפרי קומט קיין מאָסקווע...

דרײַ יונגע מאלאָכימלעך, באהעלפערס פונעם גוטן מאלעך, האָבן גענומען די שריפטשטעלער אונטער זייער שוץ, יעדעס מאלעכל האָט באגלייט איינעם פון זיי, געפּאטשט פריילעך מיט די פּוכיקע פליגעלעך, געזונגען א זעמערל, געגעבן מיט דעם צו וויסן, אז ער פארלאָזט ניט דעם שרײַבער, האלט איבער אים לײַטזעליקן, גוטווינטשנדיקן אויפזיכט. אָבער ווען מענדעלע האָט זיך דערנענטערט צו זײַן אָדעס, פּערעץ — צו ווארשע, שאָלעם־אלייכעם — צו קיִעוו, האָט א דונער געטאָן א שטרענג בייז קאָל — דאָס קאָל פונעם טײַוול:

— פארקערעוועט אהער, אהער! — איז באַפוילן געוואָרן פּערעצן, ווען ער איז געווען צווישן די שטעט קאטאָוויץ און סאָסנאָוויץ, און ער האָט אראָפּגענידערט בא א קליין גרין געפארבט מויערל — „סטאנציע אָשווענטשים“. אין דער נאָענט איז געווען א טויער מיט אן אויפשריפט „Arbeit macht frei“. פּערעץ איז ארײַן אינעם טויער, און אין דער זעלבער רעגע זײַנען אים אנטקעגנגעקומען מענטשלעכע שאָטנס — טויזנטער, הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען שווארצע, פארקוילטע מענטשלעכע שאָטנס.

— אָט זײַנען זיי, דײַנע לייענער! — האָט דאָס זעלבע טײַוולאָניש קאָל ווײַטער זיך געלאָזט הערן. — הייב אוף, ייִצכאָק־לייבוש, די אויגן העכער, וועסטו זען דעם קוימען פונעם אויוון, ווו מע האָט זיי פארברענט, די קינדער און אייניקלעך פון דײַנע באָנצעס, מעשולעכס, פון דײַנע נייטערנס, קלעזמער, כסידים, מיסנאגדים...

שאָלעם־אלייכעם האָט שוין געדארפט אראָפּנידערן אפן קרעשטשאטיק, דער רייעך פון קאשטאנען האָט אָנגעפילט דעם ארום. „גוט, און שיין, און זיס איז דאָס לעבן!“ — האָט צוזאמען מיטן גרינגן אָטעם ארויסגעריסן זיך פון זײַן הארצן. אָבער דאָס זעלבע הארטע, ווי בלעך, שטרענג באפעלעריש קאָל, האָט ארויסגעדונערט:

— אהין! אהין! אין עק שטאָט, צו באבי יאר! דאָרט זײַנען דײַנע טעוויעס, דײַנע האָדלס, דײַנע מאָטל־פּייסיס, די סטעמפּעניוס, די סאָלאָווייען, די קעפּלעך פון דײַנע ייִדישע קינדער! דאָרט וועסטו זען די פארשאָטענע גרוב — די טיפסטע גרוב אין דער וועלט!

מענדעלע איז שוין געווען אין אָדעס, באם ברעג יאם. עס האָט זיך אים זייער געוואָלט א הער טאָן דעם רויש פון די כוואליעס, אָפּפרישן זיך א ביסל אין דער ריינער יאם־לופט. די טיף־דורכגעאקערטע קנייטשן אפן שטערן האָבן זיך אויסגעגלעט, די ליפּן האָבן געשעפּטשעט א לויב־געזאנג צום וועלט־באשאף, האָט אים אויך יענץ הארב קאָל אזוי ווי א שטורעם־ווינט א טרײַב געטאָן, אוועקגעטריבן צום ליוסטדאָרפער וועג — צו די לעבעדיק־פארברענטע אין די פולווער־סקלאדן, צום באָגדאנאָווקער טויט־לאגער...

— האָסט געשריבן פארן פאָלק — אָט איז דײַן פאָלק! דײַנע ביניאָמינס, דײַנע סענדערלס, דײַנע מענטשלעך מיט זייערע ווינטשפינגערלעך!

באָרוועס, דעם קאָפּ פארלוירן אַף דער ברוסט, איז יעדער פון די דרײַ גרויסע שרײַבער געבליבן פארשטיינערט זיצן אפן אָרט, ווו ער האָט זיך געפונען. מיט פארנעפּלטע אויגן האָבן זיי געקוקט אַף דער ערד, וועלכע איז געווען גענוג אָנגעזאפּט מיט בלוט נאָך אין זייער צײַט, אָבער אזא דורכויסיקע בלוטפארפלייצונג איז ניט געווען.

ס'האָבן ווידער זיך באַוויזן די דרײַ מאַר־
לאַכימלעך מיט די פאַכנדיקע גרינגע פּוכיקע
פליגל, גערופן ווײַטער אין וועג אַרײַן. אַ־צינד
איז דער וועג שוין ניט געווען קיין ווײַטער,
אייגנטלעך, זײַנען די שרײַבער געווען אַף אָן
אָרט — דאָרטן, ווו זיי האָבן געוואָלט.

וואַרשע האָט זיך דערוווּסט, אַז בא איר
איז א גאַסט — פּערעץ, און די קליינע צאָל
יידישע פּען־מענטשן, וואָס איז פאַראַן אין
שטאָט, און פיל פוילישע שרײַבער האָבן אים
אופגענומען מיט גרויסן קאָוועד. מע האָט אים
אונטערגעטראָגן „מײַנע זיכרוינעס”, וואָס דער
פאַרלאַג „יידיש בוך” האָט אַרויסגעגעבן אין
1951 יאָר, צום הונדערטסטן געבורטסטאָג פו־
נעם שרײַבער. פּערעץ האָט פאַרהאַלטן דעם
בליק אַף דער צווייפאַרביקער — העל־גרין און
העל־געל — הילע מיט זײַן ווײַסן סילועט אין
דער זײַט, דערנאָך האָט ער געמישט די
בלעטלעך פונעם ביכל, אייניקע שורעס אַרויס־
געשעפּטשעט קימאַט אין דער הייך: „א קינד,
א יידישס, אין א פעסטונג געבוירן... פון וואַלד
און פעלד, מיט מויערן און וואַלן אָפּגעגרע־
נעצט... צו דרײַ יאָר אָנגעהויבן (גלײַך מיט
אַלע חברים) חומש, געלייענט „ויקרא”, זאָגן
פלעג איך „ויטרא”, נישט געקאָנט אַרויסברענ־
גען קיין „ק”, קיין „ג” אויך נישט...” דער־
נאָך איז פּערעץ, אין דער באַגלייטונג פון א
סאַך מענטשן, געגאַנגען איבער די וואַרשעווער
גאַסן, געווען אַף צעגליאַנע, ווו ער האָט אַמאָל
געוווינט, אָבער מער פון אַלץ געבלאָנקעט, אין
טיפסטן טרויער, איבער דער געוועזענער וואַר־
שעווער געטאָ, מיט פּײַן און שטאָלץ פאַרנייגט
דעם קאָפּ באַם דענקמאָל, אַף וועלכן ס'איז
אויסגעקריצט:

„צום אָנדענק פון די,
וואָס זײַנען געפאַלן
אינעם בײַשפּיללאָזן קאַמף
פאַרן קאָוועד און פרײַהייט
פונעם יידישן פאָלק,
פאַר א פרײַ פוילן,
פאַר דער אויסלייזונג פונעם מענטש”.

שאָלעם־אַלייכעמען האָט אופגענומען גאַנץ
קיִעוו. אַלטע לײַט און מיטליאַריקע און יוגנט
און קינדער האָבן אויסגעדריקט זייער אַנצי־
קונג פאַר אים. דאָס הײַפל קיִעווער יידישע
שרײַבער האָבן אים דערציילט, אַז זיי שרײַבן
ראָמאַנען, דערציילונגען, פּאָעמעס, לידער וועגן
דעם איצטיקן לעבן, וואָס איז אינגאַנצן ניט
ענלעך אַפן פריִערדיקן.

— איך וועל אײַך דורכלייענען, ליבער
שאָלעם־אַלייכעם, א קאַפּיטל פון מײַנעם א
נײַעם ראָמאַן, וועט איר שוין עפּעס־וואָס זיך
דערוויסן, — האָט זיך אָנגערופן א ראָמאַניסט,
שאָלעם־אַלייכעמס א נאָכפאָלגער.

— א סאַך אונדזערע דיכטער, טײַערער
שאָלעם־אַלייכעם, האָבן אײַך געווידמעט לי־
דער. איך בין ניט קיין אויסנאַם, — האָט גע־
זאָגט א דיכטערן, האַלטנדיק גרייט אין דער
האַנט צוויי זײַטעלעך פּאַפּיר, פאַרשריבענע
מיט לירישע פערזן.

אַן אַלטער איבערזעצער האָט שאָלעם־
אַלייכעמען דערלאַנגט שאָלעם־אַלייכעמס אויס־
געוויילטע ווערק אין אוקראַיִניש.

— כאַפּט א לייען און זאָגט מיר, צי עס
קלינגט. אוקראַיִניש קאָנט איר דאָך. ס'איז
אונדז זייער וויכטיק צו וויסן... — האָט גע־
בעטן דער איבערזעצער.

— לאָזט מיר, קינדערלעך, א ביסל זיך
אָפּרוען, וועט איר מיר אַלץ ווײַזן, גאַראַניט
פאַרפעלן. זאָל נאָר דער אייבערשטער געבן א
ביסל מער צײַט, וועל איך אַלץ אויסהערן,
אַלץ זען, אומעטום גיין און זײַן מיט אײַך, —
האָט שאָלעם־אַלייכעם מיט פּאַטערלעכער ליב־
שאַפט געווענדט זיך צו זײַנע נײַע פרײַנט.

מענדעלע איז צוריקגעקומען קיין אָדעס
שאַ־שטיל, ער האָט געוואָלט אַליין זיך דורכ־
גיין איבער דעריבאַסאָווסקע און איבער אַנ־
דערע גאַסן, זײַן באַ דער טאַלמעטוירע, מיט
וועלכער עס זײַנען געווען פאַרבונדן אַזויפיל
יאָרן פון זײַן לעבן, אָבער א יידישער שרײַ־
בער האָט אים גלײַך געפונען צווישן דעם גע־
דיכטן אוילעם און ווי א טרײַ אייניקל קוי־
דעמקאָל אַוועקגעפירט דעם ליבן זיידן צו זיך
אַף דאַטשע באַם ברעג יאַם, מעכאַבעד אים
געווען מיט ווײַן פונעם אייגענעם ווײַנגאָרטן,
אונטערגעטראָגן אים מיט האַרציקע אופשריפטן
זײַנע הײַנטצײַטיקע ראָמאַנען.

א צווייטער יידישער שרײַבער, וואָס לעבט
אין אָדעס, איז איצט קראַנק, מאַמעש צוגע־
שמידט צום בעט. ער האָט ניט געקאָנט קומען
צום זיידן און זייער שטאַרק איבערגעלעבט
דערפון, איז מענדעלע אַליין געקומען צו אים.
דער כוילע האָט פון פרייד קימאַט זיך דער־
פילט געזונט.

— רעב מענדעלע! — האָט ער דעם זיידן
אַרומגענומען מיט טרערן אין די אויגן. — ס'איז
דאָס גרעסטע גליק אין מײַן לעבן!

— אײַער צײַט איז קורץ! פאַרזאַמט זיך
ניט! — האָט אויסגערופן דער גוטער מאַלעך,
און אונדזערע דרײַ גדוילים האָבן זיך אופ־
געהויבן — פון וואַרשע, פון קיִעוו, פון אָדעס —
און אַוועקגעפלויגן קיין מאָסקווע.

ברייט האָט זיך געעפנט די טיר פאַר די
דערהויבענע געסט אין דער רעדאַקציע פונעם
זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”. דער רעדאַק־
טאָר, א רויִקער אַף די פאַרשיידענע אופנאַ־
מעס, וואָס אים קומט אויס אָפט צו דורכמאַכן,
א רויִקער, לעכאַלאָפּאַכעס, אויסערלעך, האָט
דאָס מאָל ניט געקאָנט אויסבאַהאַלטן זײַן טיפע
איבערלעבונג. ער האָט געוווּסט, אַז קיין איין
וואָרט, וואָס ער וועט אַרויסברענגען, קיין איין
טנוע, קיין פינטל מיט אַן אויג וועט ניט דורך
אומבאַמערקט פאַר די דרײַ גאָניִאַלע צוהערער
זײַנע. די אויערן זייערע זײַנען אָנגעשפּיצט צו
הערן דאָס, וואָס ער וועט זאָגן.

אין דעם רעדאַקטאָרס אַרבעט־צימער האָבן

זיך פאַרזאַמלט די מאָסקווער ייִדישע שרײַבער. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט באַם לאַנגן טיש, און דער רעדאַקטאָר האָט געזאָגט:

— ווער פון אונדז, וואָס האָט אָנגעהויבן זײַן גאַנג אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַף אַ דאָר, אָדער אַף צוויי אָדער אפילו אַף דרײַ דורעס שפּעטער, פון די קלאַסיקער, ווער פון אונדז האָט ניט געשטרעבט צו פאַרקערפּערן דאָס רעאַלע לעבן אין בילדער פון הויכער קונסט? פאַר ווענען פון אונדז איז מענדעלעס, פּערעצעס, שאָלעם־אַלייכעמס קינסטלערישע מאָס ניט געווען קיין טרוים פאַר דער אייגענער שאַפונג? פאַר ווענען פון אונדז איז ניט דער גרעסטער קאָוועד, ווען אין אַן אָפּרוף אַף זײַנס אַ ווערק ווײַזט מען אָן, אַז ס'איז פאַראַן אין דעם פּערעצעס פּסיכאָלאָגישע פאַרטיפטקײַט, אָדער שאָלעם־אַלייכעמס אומשטערבלעכער הומאָר, אַז די שפּראַך אינעם ווערק איז אַ לויטערע, אַ זאַפטיק־פאָלקסטימלעכע, ווי באַ מענדעלען. מיר זײַנען אײַערע יאָרשים, און מיר ווילן איצט, הויכגעשעצטע פאַרגייער אונדזערע, הערן פון אײַך, צי מיר האָבן כאָלילע, ניט אָוועקגעלאָזן מיטן ווינט די רײַכע ירושע, צעטרענצלט זי, צעבײַטן אַף מינץ?

— אָבער אָט איז שוין אַ קײַמעלאָך פון איבער זעכציק יאָר, ווי איך האָב אַ ביכל אין דער האַנט ניט געהאַלטן, — האָט געזאָגט מענדעלע.

— אפילו אין סידער אַ „הײַ" ניט געזען, — האָט באַמערקט שאָלעם־אַלייכעם.

— קיין פּינטעלע ניט אָנגעקוקט אַפן פּאַפּיר, — האָט צוגעשטימט פּערעץ.

— ווילן מיר טאַקע, טײַערע פאַרגייער אונדזערע, בעטן אײַך, — האָט פאַרגעזעצט דער רעדאַקטאָר, — אַז איר זאָלט זיך באַקאַנען מיט דער נײַער און נײַסטער ליטעראַטור, וועלכע איז געשאַפן, ווען איר זײַנט שוין ניט געווען. אויב איר דערווידערט ניט, וועלן מיר איצט די זיצונג איבערײַסן און דערנאָך ווידער זיך צונויפזאַמלען, ווען איר וועט האָבן אַ פאַרשטעלונג וועגן אונדזערע ווערק...

דער לאַנגאָניקער ביבליאָטעקער פון דער רעדאַקציע האָט געעפנט די ביכער־שראַנקען און גענומען דערשינענע אין די לעצטע יאָרן ביכער. די שרײַבער און מיטאַרבעטער פונעם זשורנאַל האָבן אים געהאָלפן. אַף דרײַ גרויסע טישן איז אויסגעוואַקסן אַ באַרג ליטעראַטור. דער פאַרוואַלטער פונעם קריטישן אָפּטייל אין רעדאַקציע איז אומגעגאַנגען פון טיש צו טיש און שטילערהייט, מיט יירעס־האַקאָוועד פאַר די ניט געווייִנלעכע לייענער, קאָנסולטירט זיי, באַמיִענדיק זיך, אַז די ביכער זאָלן זיי האָבן אונטער דער האַנט אין אַ כראָנאָלאָגישן סײַדער, אײַנגעטיילט אין גרויסע פּעריִאָדן. דינע לידער־ביכלעך, אין פּראָסטע הילעס און אַף גרויען פּאַפּיר — „שוועלן", „בײַ וועגן", „אָקסן", „רויטער שטורעם"... אַלמאַנאַכן — „אייגנס", „שטראָם", „נײַערד", „אויפגאַנג", פאַרשיידענע אַנדערע צײַטשריפטן, זשורנאַלן.

אַפן טיש האָבן זיך באַוויזן צוואַנציק יאָרגאַנג „סאָוועטיש היימלאַנד". ס'האָבן זיך געוואָרפן אין די אויגן פּראָזע־ביכער — אויך לויט די יאָרן נאָך — און מיט יעדן יאָר, ביזן 1941־טן, אין די גרויסע הונדערטער, און אַלע צוזאַמען — אין די טויזנטער. באַ אַ צענדליק טויזנט ייִדישע ביכער זײַנען נאָך די קלאַסיקער דערשינען אין רוסלאַנד.

— אַ באַקאַנטער נאָמען... דאַן נאָך אַ יונגער שרײַבער געווען, געקומען צוגאַסט צו מיר אַף צעגליאַנע, — האָט פּערעץ זיך דערמאָנט, נעמענדיק אין האַנט בערגעלסאָנס אַ בוך.

— אויך באַקאַנט, — האָט פּערעץ ווידער באַמערקט, געבנדיק אַ קוק אַפן נאָמען פונעם מעכאַבער פון „מישפּאָכע מאַשבער".

מענדעלע, שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ האָבן גענומען לייענען. אין אייניקע ביכער איבערגעלייענט אַ פּאָר זײַטלעך און אוועקגערוקט אין אַ זײַט, פון אַנדערע ניט געקאָנט זיך אָפּרײַסן. דרײַ מעסלעס זײַנען זיי אַזוי געזעסן איבער די געדרוקטע ייִדישע אויסיעס, בלויז פון צײַט צו צײַט אַף אַ קורצער ווײַלע אופגעהויבן זיך אויסצוגלײַכן די רוקנס און צו מאַכן אַ פּאָר שפּאַן אַהין און צוריק איבערן צימער. זיי האָבן זיך צוגעהערט צום גערויש, וועלכער האָט דורך דער אָפענער פאַרטקע אין הויכן פענצטער אַרײַנגעריסן זיך פון דער באַלעבעטער קיראָוור־גאַס.

אַפן פערטן מעסלעס האָט די זיצונג זיך באַנײַט.

— זיידע, אײַך קומט די בכוירע, דאָס ערשטע וואָרט, — האָט דער הויפּט־רעדאַקטאָר געווענדט זיך צו מענדעלען.

— ראַבויסײַ, — האָט מענדעלע אָנגעהויבן, — מיר האָבן אַפן שפּיצמעסער זיך באַקאַנט מיט די ווערק, וואָס זײַנען געשאַפן געוואָרן נאָך אונדז. ס'איז אַ יאַם, מיר האָבן באַוויזן אַ לעק געבן איין טראָפּן. נו, און מיר ווייסן דאָך, אַז אין אַ יאַם שווימען קאָלערלייפיש — גרויסע קאַרפּן, סאָנדיקעס, און קליינע פּלאָטיצעס, ביטשקעלעך. ס'איז אַ נאַטירלעכע זאַך, ראַבויסײַ, מיר האָבן עטוואָס פאַרזוכט פון קאָל־האַאמינים. נאָר ניט דאָס בין איך אויסן. איר ווילט דאָך, מיסטאַמע, וויסן, וואָס עס מיינט דער זיידע, ווי איר רופט מיך, און ביכלאַל, וואָס האָט ער אײַך צו זאָגן? לייג איך אוועק, טײַערע מײַנע, די הענט אַפן האַרצן און, וואַיוימער מענדעלע, און דער זיידע מענדעלע זאָגט: איך בין צופרידן פון מײַנע אייניקלעך און אוראייניקלעך, זיי זײַנען ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט, מע האָט געשריבן און, כ'זעע, אַז מע האָט אויך דיסקוטירט, עפּשער ניט שטענדיק געווען גערעכט איינער צום אַנדערן, אַמאָל צופיל געלויבט, אַן אַנדערש מאָל צופיל געזידלט, געפּירט ברויגעזן, געמאַזלט מיט קינאַס סאָפרים. כ'דרינג דאָס אַרויס פון געוויסע קריטישע אַרטיקלען, וועלכע כ'האָב דורכגעלייענט. דאָס זײַנען אַלטע קרענק, אַלטע פּלאָגן נאָך פון אונדזערע צײַטן, אָבער ניט דאָס

בין איך אויסן, ניט דאָס איז דער איקער, וואָס איך וויל דאָ זאָגן.

ווען איך האָב העכער ווי מיט הונדערט יאָר צוריק אָפּגעדרוקט „דאָס קליינע מענטשעלע", האָט דאָס טײַכל פון דער ייִדישער ליטעראַטור ערשט אָנגעהויבן צו פליסן. מיט דער צײַט האָט דאָס טײַכל זיך אויסגעברייטערט, גענומען פליסן שטאַרקער, אַרויס פון די רוסלענדישע גרענעצן, דערגרייכט אייראָפּע, אַמעריקע. דאָס אָרעמע שטיפקינד איז געוואָרן אַ כיינעוודיק קאַלע־מיידל מיט פּײַנעם נאַדן, זי ווערט ניט פאַרשעמט צווישן די אַנדערע שיינע קאַלעס פון די אומעס־האָעילעם. אָבער ווידער טאַקע, ניט נאָר דאָס בין איך אײַך אויסן צו זאָגן...

ווען ניט איר, ליבע קינדערלעך, וואָלטן מיר זיך אומגעקערט אין אונדזער אויסקומעניש, אין אונדזער רו אַרײַן, און מיר וואָלטן גאָרניט געוווּסט, ווײַל אַ ביסל מער צײַט אַרומצוקוקן זיך, אַ שטויס טאָן זיך צווישן לעבעדיקן אוילעם, דורכשמועסן זיך מיט אַמכאָ, איז, ווײַזט אויס, אונדז ניט געשאָנקען געוואָרן. איצט ווייסן מיר פון אײַערע ווערק, אַז אין רוסלאַנד איז געוואָרן אויס מיט דער ייִדישער טאַרבע. ייִדן האָבן געאַקערט און געזייט, ייִדן האָבן געלערנט, ייִדן האָבן מילכאָמע געהאַלטן, ייִדן האָבן טײַכן בלוט פאַרגאָסן, און ייִדן לעבן. עס לעבט דאָס ייִדישע פאָלק!

נאָך מענדעלען האָט גערעדט פּרעץ.

— איר ווייסט, פּילײַכט, מײַנע ליבע פּען־קאָלעגן, — האָט ער געזאָגט, — אַז מאַנכע מאָל האָב איך געזינדיקט מיט לידער שרײַבן, און דאָס — ניט נאָר אין דער יוגנט, חטאת נעורים, אויך שפּעטער האָט מײַן געמיט צו דעם זיך געצויגן. דער טויט האָט מיך געטראָפן, ווען דאָס פּעדער אין מײַן האַנט האָט געשריבן קינדער־לידער. האָב איך יעצט קוידעמקאָל געלעזן אײַער פּאָעזיע. איך בין איבעראַשט און נייג מײַן קאָפּ פאַר אײַערע דיכטער. איר האָט שווונג, איר האָט נײַע ווערטער, טיפע אויסדריקלעכע סטראָפן. אויך פּראָזע־שרײַבער... — איך האָב ווינציק, צום בעדויערן, באַוויזן דורכלעזן, נאָר דאָס געלעזטע, צומיינסטנס, איז עכט, אײַנדרוקספול, ס'מאַכט זיך אויך אייניקע מאָל — צעפלאַסן, אָן פּינטעלעך, וואָס צווינגען דעם לייענער נאָכטראַכטן און מיטשאַפן. איך האָב געהאַט פּינטעלעך...

— כ'דערמאָן זיך, מײַנע הויכגעשעצטע קאָלעגן, ייִדישע שריפטשטעלער, מיט וועלכן ענטוזיאַזם ס'איז דערהויבן געוואָרן דאָס ייִדישלאַשן אָף דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ, — האָט פּרעץ ווײַטער געזאָגט. — ליידער, בין איך ניט געווען בעקאַנט מיט דער לאַגע יעצט, צי רעדט נאָך אויך הײַנט־צו־טאָג אין באַנײַטן רוסלאַנד די ייִדישע באַפעלקערונג אָף ייִדיש, ווי דאָס איז געווען צו מערקן אין אונדזערע צײַטן. אויב ניט אַלע ריידן ייִדישלאַשן, איז מיסטאָמע פאַראַן וויניקער אויך לעזער און ווינציקער שרײַבער. אין אײַער צײַטשריפט האָב איך באַמערקט, ליידער, אָפּטע נעקראָלאָגן איבער אוועקגעגאַנגענע אַלטע מעכאַברים און פיל זעלטענער געזען אַ נײַ־צוגעקומענעם נאָמען...

— איך האָב געטרוימט צו זען די ייִדישע ליטעראַטור אַ דערהויבענע, אין דער ריי פון וועלט־ליטעראַטורן, איר האָט אַזאַ ליטעראַטור געשאַפן, און זי וועט לעבן אַזוי לאַנג, ביזוואַנען ס'וועלן זײַן פעלקער אָף דער וועלט. ניט איך, ניט דער זיידע מענדעלע, ניט שאָלעם־אַלייכעם האָבן, ווי איר ווייסט, ניט אָנגעהויבן פון ייִדיש. מיר האָבן פאַרלאַנגט צו זײַן פאַרשטענדלעך דעם פאָלק און זײַנען אַריבער צו מאַמע־לאַשן, נאָר ווען מאַמע־לאַשן באַ דעם ברייטן אוילעם הערט אויף צו זײַן ייִדיש, איז דאָס אַ וויכטיקער אומשטאַנד, אָבער ניט קיין טויט־קלאַפּ. איך זע, אַז איר פאַרשטייט עס...

— קינדערלעך, — האָט נאָך פּרעצן גענומען דאָס וואָרט שאָלעם־אַלייכעם. — דער זיידע מענדעלע רופט מיך ביז הײַנטיקן טאָג „אייניקל", אָבער אַליין אַ זיידע בין איך נאָך זוכע געווען צו ווערן באַ מײַן לעבן. זײַנט איר שוין, גאָט צו דאַנקען, אוריינקלעך... איך האָב געהאַט דעם קאָוועד, אַזוי ווי רעב מענדעלע און רעב ייִצכאָק־לייבוש, באַקאַנען זיך מיט אײַערע שריפטן, און איך דאַרף אײַך זאָגן, אַז איך האָב געהאַט האַנאָע, איך האָב זיך געפּילט אין דער היים, כאָטש די העלדן באַ אײַך זײַנען צומערסטן גאָר אַנדערע. אין אייניקע ביכער אײַערע איז פאַראַן הומאָר. ווען איך האָב געלייענט, האָב איך געשמייכלט, אָן אַנדערס מאָל אויך געלאַכט. אָבער מיר דוכט, אַז איר זײַנט אַ ביסל קאַרגלעך אָף דעם. לאַכט, קינדערלעך, מע זאָל הערן, שמייכלט ברייטער, מע זאָל זען! אַז מע לאַכט, איז מען יונג... אין גאַניידן אָף יענער־וועלט איז טאַקע גוט, אָבער לאַכן לאַכט מען דאָרט ניט. אין מײַן צוואָוע, אויב דער זיקאָרן פירט מיך, ניט אונטער, האָב איך געבעטן די קינדער, אַז אין מײַן יאָרצײַט זאָלן זיי זיך צוזאַמענעמען און לייענען אַ פריילעכע מײַסע מײַנע... גלייבט מיר, טײַערע, ווען אונדזער טכיִעס האַמייסים וואָלט זיך געצויגן, מיט גאָטס גנאָד, אַ ביסל לענגער, וואָלטן מיר זיך ניט געפוילט און אוועקגעזעצט זיך שרײַבן. דער זיידע מענדעלע וואָלט פאַרקאַשערט די אַרבל און מיט זײַנע גאָלדענע הענט אויסגעשליפן אַ נײַ שיין ווינטשפינגערל, ייִצכאָק־לײבוש וואָלט אויסגעבליצט אַ נײַעם ציקל נאָוועלן און איך וואָלט עפּשער באַוויזן אָנשרײַבן נאָך אַ ראָמאַן אין מײַן אַלטן נוסעך, ניט קיין אומעטיקן...

דאָ האָט זיך דערהערט דאָס קאָל פונעם גוטן מאַלעך:

— די צײַט איז פאַראַנדיקט! אין אײַער רו אַרײַן!

און דער באַרימטער דרײַלינג איז פאַרשוווּנדן...

הערשל פּאָליאַנקער

אונדזער לעבנס־בוך

די צײַט טראָגט זיך מיט אַ קאָסמישער שנעלקײַט, גלײַך ווי עפּעס אַן אומבאַוווּסטער קויעך וואָלט זי אונטערגעיאָגט.

איך באַווײַז זיך ניט ארומקוקן, ווי איך האַלט שוין ווײַט פון פאַרנט!

— וואָס איז אַזוינס די אײַלעניש? — קומט אָפּט אַפן געדאַנק. און דער ענטפער איז:

— די צײַט!..

מיר לעבן אין אַ שטורמישער, גליקלעכער צײַט. אין אַ צײַט פון גרויסע אופטוען און ענדערונגען. אונדזער דאָר איז באַשערט איבערבויען די וועלט אויף נײַע יעסוידעס, מאַכן זי שענער, רײַכער, באַקוועמער. אַלץ פאַר דעם נײַעם מענטשן! אַלץ פאַר דער נײַער וועלט! — איז אונדזער דעוויז.

און דאָס פילאַרטיקע לעבן שטעלט אַרויס פאַר אונדז אַלץ נײַע און נײַע אויפגאַבן, פאָדערונגען, און אָפּשטיין פונעם לעבן איז שטרענג פאַרווערט.

באַזונדערס פאַר דער ליטעראַטור, באַזונדערס פאַר אירע טרײַע שעפער.

די צײַט יאָגט אונטער...

מיר האָבן זיך נאָך, דאַכט זיך, ניט באַוויזן ארומקוקן, ווי עס זײַנען שוין אַדורך צוואַנציק יאָר! אין פאַרגלײַך מיט דער אייביקײַט איז דאָס אַ טראָפּן אין יאַם. נאָר אַ יאַם באַשטייט דאָך, אייגנטלעך, פון טראָפּנס.

דאַכט זיך, ערשט ניט לאַנג איז דאָס געשען. אין אַ שיינעם זומער־פרימאָרגן, אַזאַ ווי הײַנט, האָט זיך בא מיר אין שטוב צעקלונגען דער טעלעפאָן. די שטים איז געקומען פון מאָסקווע. עס רעדט די רעדאַקציע פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד"...

— וואָס פאַר אַ רעדאַקציע? וואָס פאַר אַ זשורנאַל?

— פאַרגיב ניט קיין איבעריקע קאַשעס! — האָט זיך געהערט אין טרײַבל די פײַערלעך־רויִקע שטים. — מיר גרייטן שוין דעם ערשטן נומער און וואַרטן אויף דײַנע דערציילונגען און ראָמאַנען. עס ווילט זיך עפּעס רעכטס, מיר גיבן אָפּ דעם ערשטן עקזאַמען!

אַזוי איז ער געבוירן געוואָרן, אַזוי האָט ער זיך אָנגעהויבן, אונדזער זשורנאַל. און וועלכער שרײַבער פילט ניט דעם אומרויִקן האַרץ־צאַפּל, ווען מע דערמאָנט אים, אַז די לייענער, צוליב וועמען ער לעבט, קוקן אַרויס אויף זײַנע נײַע ווערק? און שטאַרקער פאַר אַלץ האָבן, דאַכט זיך, געקלונגען די ווערטער: „מיר גיבן אָפּ דעם ערשטן עקזאַמען".

געוויס אַן עקזאַמען! און ער לאָזט ניט רוען. דער שרײַבער מעג זײַן באַרימט, גראָוו און אַלט, אָדער יונג, ער מעג שוין האָבן אַ סאַך גוטע ביכער, נאָר דאָס נעמט ניט אַראָפּ זײַן אומרו. מיט יעדן ווערק גיט ער אָפּ אַפּסניי אַן עקזאַמען. לויט דעם נײַעם ווערק מישפּעט אים דער לייענער. פונקט דאָס זעלבע קומט פאָר מיט אַ זשורנאַל, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ לעבנס־בוך, וועמענס אַוטאָר עס איז אַ גאַנצער קאָלעקטיוו.

אַלע צוזאַמען שרײַבן מיר אים, אָט דעם לעבנס־בוך פון אונדזער היימלאַנד, פון אונדזער פאָלק. דאָס איז אונדזער גרויסער פּינקעס, און יעדערער פון אונדז באַזונדער, אַלע צוזאַמען שרײַבן אים טאָג־טעגלעך, שרײַבן מיט דער גרעסטער אַכרײַעס פאַר די וווּנדערלעכע סאָוועטישע מענטשן־העלדן, פאַר אונדזער רומפולער צײַט.

די צײַט גייט שנעל, מיט גיגאַנטישע טריט. זינט יענעם טעלעפאָן־קלונג איז אַדורך צוואַנציק יאָר.

און ווידער האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן אויף מײַן טיש. און ווידער די פײַערלעך־רויִקע שטים פון מאָסקווע. און יענע זעלבע שטים דערמאָנט, אַז מיר גרייטן זיך שוין צום צוואַנציקיאָריקן יובילײ, און מע וואַרט אויף נײַע ווערק. און אין זינען קומט די פראַגע: צי האָט אונדזער שרײַבערישער קאָלעקטיוו אויסגעהאַלטן דעם גרויסן עקזאַמען? צי קומען מיר ניט צו אונדזער יאָמטעוו מיט „ווייניק וואָג"?

און כאָטש ס'איז ניט אין אונדזער טעווע זיך באַרימען, קאָנען מיר דאָך מיט שטאָלץ זאָגן: דורכבלעטערנדיק די בענדער פונעם זשורנאַל, איצט שוין אין די הונדערטער, זעט מען, אַז מיר האָבן דעם גרויסן עקזאַמען אויסגעהאַלטן. אין דער מערהײַט ווערק פונעם זשורנאַל פילט מען דעם דויפעק פון אונדזער צײַט. דער קאָלעקטיווער לעבנס־בוך פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור נעמט אָן קראַפט, ער ווערט געשאַפן מיט שריפטשטעלערישער מײַסטערשאַפט, און כאָטש די יאָרן גייען, ווערט די ליטעראַטור אונדזערע מיט יעדן יאָר אַלץ ייִנגער און קרעפטיקער, ס'זעט אויס בוילעטער דער העלד פון אונדזער גרויסער עפּאָכע.

אַז איך טראַכט זיך אַרײַן אַ ביסל אין דער סטאַטיסטיק פון „סאָוועטיש היימלאַנד", עפנט זיך אַ שיין בילד. פאַר די צוואַנציק יאָר זײַנען דאָ אָפּגעדרוקט געוואָרן מער פון פופציק ראָמאַנען! פאַר אונדזער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור איז דאָס אַן עמעסער רעקאָרד!

מיר זאָגן ניט, כאָלילע, אַז אַלע פון די פופציק ראָמאַנען זײַנען אויף דער געהעריקער אידייִש־קינסטלערישער הייך. פאַראַן שטאַרקערע און שוואַכערע, — נאָר ניט ווייניק פון זיי האָבן זיך אויף שטענ־

דיק אײַנגעבירגערט אין דער פילנאציאָנאלער סאָ־
וועטישער ליטעראטור און פארנעמען דאָרט א בע־
קאָוועדיק אָרט.

אָבער אזא איז אונדזער שרײַבערישע פּראָפע־
סיע — זי ווייסט ניט פון קיין רו. דאָס אָנגעשריבע־
נע איז א פּרעליודיע צו דעם, וואָס עס שטייט נאָך
פאָר אָנצושרײַבן.

אונדזער „סאָוועטיש היימלאנד" פירט איצטער
אונטער א סאכאקל פאר די צוואנציק יאָר. מיר קוקן
זיך אום אפן אָפּגעטאָנענעם, און אײנצײַטיק קוקן
מיר פאָרויס — וואָס אונדז שטייט נאָך פאָר צו טאָן,
ארײַנטרעטנדיק אין א נײַעם יאָרצענדליק. און יע־
דערער פון אונדז גיט זיך אָפּ א דין־וועכעזשבן,
מאכט פאר זיך א סאכאקל. א וועלט מיט ארבעט
שטייט אונדז פאָר, — אפסנײַ אָפּגעבן עקזאמענעס,
און אזוי ווי מיר האָבן זיך פארהארטעוועט, פאר־
פעסטיקט פאר די פארגאנגענע יאָרן, וועלן מיר ווײַ־
טער אָנשטרענגען אלע אונדזערע קויכעס און פײַ־
קײַטן און ניט בלײַבן הינטערשטעליק, מיט ווירדע
שרײַבן אונדזער לעבנס־בוך, דעם פּינקעס פון אונד־
זער צײַט.

■

כאַ׳ים ביידער

פון מאָנטיק ביז שאַבעס

די קיראָוו־גאס כאפּט זיך אוף פון שלאָף
איינע פון די ערשטע אין דער הויפּטשטאָט.
באזונדערס לעבהאפט ווערט פון קאיאָר יענער
טייל אירער, וואָס ציט זיך פונעם טורגעניעוו־
פּלאץ ביזן פּלאץ אָף פעליקס דזערזשינסקיס
נאָמען. פון די מעטראָסטאנציעס „קיראָווסקאיא"
און „טורגעניעווסקאיא", וועלכע שטייען אקו־
ראט איינע קעגן דער אנדערער, הייבן אָן זיך
ארויסשיטן אָן אופהער מענטשלעכע שטראָמען
און פארפלייצן גלײַך די טראָטוארן אָף ביידע
זײַטן פון דער ניט ברייטער גאס. מערסטנטייל
זײַנען דאָס ניט קיין מאָסקווער טוישווים. די
מאגאזינען זײַנען נאָך פארמאכט, און די אר־
בעט אין די פילצאָליקע אנשטאלטן, וועלכע
געפינען זיך דאָ, האָט זיך דערווײַל ניט אָנגע־
הויבן. די היגע אײַנוווינער זײַנען נאָך אין
וועג, אָבער די גאס איז שוין פול מיט טומל,
מיט אײַלעניש, מיט גרילצנדיקן רויש פון אוו־
טאָמאָבילן, אויטאָבוסן, טראָלייבוסן — מיט יע־
נעם געוויינלעכן ריטם, וועלכער איז אזוי
אייגנטימלעך פאר דער גרויסער שטאָט אין א
געוויינלעכן ארבעטס־טאָג.

ניט קיין היגע מענטשן קאָן מען גלײַך דער־
קענען. א מאָסקווער טוישעוו וועט אײַנמיטנדע־
רינען זיך ניט אָפּשטעלן איבערצולייענען א
שילד. דאָס טוט געוויינלעך אָן אָנגעפאָרענער,
באזונדערס ווען ער קומט אהער צום ערשטן
מאָל. א שילד איז פאר אים ווי א וויזיט־
קארטל, א מין אײַנלאדונג:

— ביטע, קומט ארײַן...

— איר האָט אוודאי אָף מיר ניט געווארט,
נאָר איך מוז אײַך דערציילן...

אָט דער באזוכער איז אונדז שוין גוט בא־
קאנט. ווינען וווינט ער הינטער מאָסקווע, אין
א שטאָט, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן ניט
לאנג צוריק. דאָס ערשטע מאָל איז ער געקו־
מען אין דער רעדאקציע גלײַך נאָך דעם, ווי
עס איז דערשינען לעאָניד ברעזשנעווס „די
קליינע ערד", און „סאָוועטיש היימלאנד" האָט
פארעפנטלעכט די ייִדישע איבערזעצונג.

— איך בין אויך געווען א שלאכטמאן אין
דער אכצנטער ארמיי, און בא אונדז אפן זא־
וואָד צערײַסט מען מיך אָף שטיקער: „דערצייל,
שרײַב אָן, זאָלן אלע וויסן!"... כאָטש כ׳האָב
זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון נאָוואָראָסייסק,
ווו ס׳איז פאָרגעקומען א באגעגעניש פון די
געוועזענע אָדנאָפּאָלטשאנעס..."

און אפן טיש באווײַזט זיך א פּעקל פאָטאָ־
גראפיעס פון דער באגעגעניש.

דער זשורנאל האָט אָפּגעדרוקט שמועל
קריוויצקיס פארצייכענונג וועגן די שלאכטן
אָף דער „קליינער ערד". איצט איז ער געקו־
מען מיט א יעדיע:

— איר שטעלט זיך ניט פאָר, וואָס פאר א
בריוו־אויסטויש עס האָט זיך בא מיר אָנגעהויבן
נאָך דעם, ווי איר האָט אָפּגעדרוקט מײַנע נאָ־
טיצן!

— ווער זשע שרײַבט אים?

— טאקע מײַנע געוועזענע כאווײרים פון־
נעם פראָנט. כ׳האָב זיי געהאט פארלוירן פון
אויג, אזויפיל יאָרן זײַנען דאָך פארפלויגן! אָט,
לעמאָשל, נאָום דאָמעשעק פון איזיאסלעוו...
אגעוו, איר האָט נאָך ניט באקומען פון אים א
בריוו? דאָרט, אין איזיאסלעוו, לעבט זײַנער א

פרײַנט, ער שרײַבט לידער אַף ייִדיש, וויל ער זיי צושיקן, עפּשער קאָן מען עפּעס אָפּקלײַבן פאַרן זשורנאַל? נאום אַליין איז א זשורנאַליסט, ער וואָלט אויך פאַר אײַך עפּעס געוואָלט אָנ־שרײַבן...

אין קיִעוו לעבט כאַיִם מעסטיעטשקין און זײַנע זיכרוינעס האָט „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרעפנטלעכט נאָך אין נײַן־און־זעכציקסטן יאָר.

— וויאַזוי האָב איך עס דורכגעלאָזט, קאָן איך ניט פאַרשטיין! — שרײַבט אויס אונדזער גאַסט, — מיר זײַנען דאָך מיט מעסטיעטשקינען געווען אין איין מיליטער־טייל!

שמועל קריוויצקי איז מאָלע גדולע: א קלייניקײַט — געפונען א פראָנט־כאַווער!

ניט דאָס ערשטע מאָל געפינען לייענער איינער דעם אַנדערן דורך „סאָוועטיש היימ־לאַנד"...

שמועל קריוויצקי באַווײַזט נאָך ניט אוועק־גיין, ווי עס קומט אַרײַן א נײַער באַזוכער.

— איר האָט געבראַכט א קסאַוויאַד?

— ניין, — ענטפערט ער, — איך בין פּאָ־שעט א לייענער.

אַז עס קומען אין דער רעדאַקציע „פּאָשעט לייענער", קעדיי זיך דורכשמועסן, זײַנען מיר שוין פון לאַנג צוגעוווינט. איך ווייס ניט, צי אַזוינס איז אײַנגעפירט אין אַנדערע ליטעראַ־רישע זשורנאַלן, נאָר פאַר דער רעדאַקציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד" איז דאָס א מין באַ־שטאַנדטייל פון דער טאָגטעגלעכער אַרבעט.

— איך גיי איצט פון דער ביבליאָטעק אַף נעקראַסאָווס נאָמען, איך נעם דאָרט ביכער, האָב איך איבערגעלייענט מוישע אַלטמאַנס נײַע אויסגאַבע, וועלכע ס'האָט אַרויסגעלאָזט דער „סאָוועטסקי פּיסאַטעל". נאָר די לעצטע „זקיינישע נאָטיצן" זײַנען דאָרט ניטאָ. עפּשער דרוקט זיך א פאַרזעצונג אין „סאָוועטיש היימ־לאַנד"?

וואָס זשע, ווילן מיר וויסן, ער שרײַבט ניט אויס דעם זשורנאַל? דער „פּאָשעט א לייענער" ווערט שיר ניט באַליידיקט:

— וואָס הייסט, איך שרײַב אים ניט אויס? פונעם איין־און־זעכציקסטן יאָר שרײַב איך אים אויס, פון זינט ער גייט אַרויס, עמעס, בלויז דער סאַמע ערשטער נומער פעלט מיר אויס...

לויט דער אויסשפּראַך קאָן מען גלײַך פאַר־שטיין, אַז אונדזער באַזוכער איז א פּוילישער ייִד.

— יאָ, ביז דער מילכאָמע האָב איך גע־לעבט אין וואַרשע, נאָר א מאָסקווער טוישעוו בין איך שוין דרײַ מיט א האַלבן צענדליק יאָר.

און עס גייט אַוועק א רייד וועגן נאָך איין מענטשלעכן גורל, וועגן קינדער און אייניק־לעך, וועגן לייענערישע געשמאַקן...

א קלונג אין טעלעפאָן:

— די ביכער האָט איר שוין באַקומען? דער קלונג פאַלט צונויף אַקוראַט מיט דעם, ווי עס קומט דער פּאָטשטאַליאָן. יאָ, די ביכער האָט מען געבראַכט. וואָס פאַר א ביכער? דאָס איז א באַזונדערע געשיכטע.

קימאַט מיט הונדערט יאָר צוריק איז אין א שפּאָלער ייִדישער מישפּאָכע געבוירן גע־וואָרן א מיידעלע, וועלכע מע האָט אָנגערופן בערטע. בערטע גייבער. אין אָרעמע מישפּאָכע, און ווי געוויינלעך — א סאַך קינדער. בערטע האָט זיך צווישן זיי אויסגעטיילט מיט באַזונ־דערע פייִקייטן, און די אָרטיקע דעמאָקראַטי־שע אינטעליגענץ האָט געהאָלפן דעם מיידל צו באַקומען בילדונג. פרי האָט בערטע אָנגעהויבן אַרבעטן — צו צוועלף יאָר, ווי אַן איבערשרײַ־בערן (געווען אַזאַ פּראָפעסיע) אין יעליסאַוועט־גראַד בײַ א בלינדער לערערן, וועלכע מע האָט, דאַכט זיך, גערופן וועראַ מאַטווייעוונאַ. וועגן אָט דער לערערן האָט מען א סאַך געשריבן, דערונטער דער באַוווסטער רוסישער שרײַבער וואַלענטין קאַטאַיעוו. בערטע איז אויך געווען א לערערן, געגעבן פּריוואַטע לימודים פאַר נע־גידישע קינדער, געאַרבעט דערנאָך אין ייִדישע שולן פאַר אָרעמע קינדער, אין קאַמענעץ־פּאָ־דאָלסק, זשיטאָמיר, סמאָלענסק.

אין די ערשטע יאָרן פון דער סאָוועטן־מאַכט האָט בערטע גייבער אָרגאַניזירט קינ־דערהײַזער, געווען א דערציִערן אין אָט די קינ־דערהײַזער אין זשיטאָמיר, קיִעוו, לענינגראַד, א לערערן אין דער מאַלאַכאָווקער קינדער־קאָ־לאָניע. און ווען זי האָט דערפילט, אַז די באַ־קומענע בילדונג איז פאַר איר שוין ווייניק, איז זי אוועק זיך לערנען אין 2־טן מאָסקווער אוניווערסיטעט און אין דער אַספּיראַנטור באַם מאָסקווער פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט אַף בוב־נאָווס נאָמען לויט דער ספּעציאַליטעט ייִדישע ליטעראַטור. צוויי און דרײַסיק יאָר האָט זי דערנאָך געאַרבעט אַלס פּאַרוואַלטער פונעם לערן־אָפּטייל אין דער מאָסקווער מיטלשול נומ. 349. מע האָט זי באַלוינט מיט א לענין־אָרדען, מיט אַן אָרדען פון דער רויטער אַרבעטס־פאָן און מיט א סאַך מעדאַלן. אַף פּענסיע איז זי אוועקגעגאַנגען אין עלטער פון 83 יאָר, נאָר ביזן לעצטן טאָג פון איר לעבן איז זי געווען טעטיק אַלס געזעלשאַפטלעכע טוערן.

געשטאָרבן איז בערטע גייבער אין עלטער פון דרײַ און נײַנציק יאָר. א גאַנץ לעבן האָט זי געזאַמלט ביכער, צווישן זיי, געוויינלעך, ייִדישע, און א לייענערן פון „סאָוועטיש היימ־לאַנד" איז זי געווען, פון זינט דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן צו דערשײַנען. אָט וועגן די ייִדישע ביכער אין איר ביבליאָטעק, וועלכע זי האָט פאַרזאָגט איבערצוגעבן אין דער רעדאַק־ציע פון „סאָוועטיש היימלאַנד", איז געווען דער קלונג.

...א נײַער באַזוכער דערלאַנגט אונדז א דיקן העפט אין א היפּש אָפּגעריבענעם אײַנ־בונד:

— א ירושע פון מײַן טאַטן...

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען גע־בראַכט אין רעדאַקציע אַן ענלעכן העפט, אויך א ירושע פון א טאַטן. דאָס איז געווען א

טאָגבוך, וועלכן ס'האָט געפירט א סאָלדאט פון דער רוסיש־יאפּאַנישער מילכאָמע, און מיר האָבן אים פארעפנטלעכט. עפּשער איז דאָס אויך אזא זעלטענע מעציִע?

מיר הייבן אָן בלעטערן דעם העפט. לידער, סקיצן, ארויסזאָגונגען פון פושקינען, מערסטנטייל אף העברעיִש. צוריק מיט א הונדערט יאָר איז געזעסן א ייִד א לאמדן און פון צײַט צו צײַט פארשריבן מיט א שיינעם פערלדיקן קסאוו זײַנע געדאנקען. מע דארף זיך נאָך פאַרנאנדערקלײַבן, וואָס פאר א ווערט עס האָט דער מאנוסקריפּט. און דער גאסט טוט א זאָג:

— מײַן טאטע איז א לובענער, איך האָט געהערט וועגן אזא שטאָט אין פּאָלטאווער געגנט?

לובען... לובען... שאט, שאָלעם־אַלייכעם האָט, דאכט זיך, אויך געהאט עפּעס א שײַכעס צו אָט דער שטאָט... נו, יאָ, דאָס לעצטע קאַפּיטל „פונעם יאריד“ — די „וויבאָרעס“, דער יונגער סאָלאָמאָן נאומאָוויטש ראבינאָוויטש ווערט אויסגעוויילט אלס קאזיאָנער ראבינער אין לובען...

— איז, הייסט עס, אײַער טאטע געווען שאָלעם־אַלייכעמס א שטיקל בען־איר?

— אוואדע, — ענטפערט דער באלעבאָס פונעם יערושע־העפט. — און ניט נאָר זײַנער א לאנדסמאן, מיר דוכט, אז זיי האָבן אפילע געפירט א בריוו־אויסטויש...

גאָט מיינער, ס'קאָן זײַן, אז מיר האָבן דאָ אָנגעטראָפן אף אן אומבאוווּסטן אויצער. איך ווער אזש דערציטערט:

— שאָלעם־אַלייכעמס בריוו? ווו זשע זײַנען זיי?

מײַן גאסט איז אָבער צו רויִק:

— מע דארף א פרעג טאָן בא מײַן ברודער אין דער שטאָט קאלינין, ריכטיקער — בא דעם ברודערס מישפּאָכע, ווײַל ער אליין איז שוין ניטאָ אף דער וועלט. דאכט זיך, אז איך האָב די דאָזיקע בריוו געזען מיט די אייגענע אויגן...

הער א מײַסע — ערגעץ ליגן שאָלעם־אַלייכעמס בריוו, אָט דער מענטש, וועלכער זיצט לעבן אונדז, האָט צו די דאָזיקע בריוו א גאָר נאָענטע שײַכעס, און ער רעדט אזוי רויִק וועגן דעם!

דער גאסט גייט אוועק, נאָר אונדזער פאַנטאזיע, אז אָט־אָט וועלן זיך פאר אונדז אַנטפּלעקן נײַע אויצרעס, לאָזט ניט צורו...

מע קלאפט ווידער אין טיר:

— מע קאָן ארײַנגיין?

דאָס איז וואָלאָדיע טשערנין, אונדזער אלעמענס ליבלינג. וואָלאָדיע פארענדיקט האַיאָר דעם היסטאָרישן פאקולטעט פונעם מאָסקווער מעלוכע־אוניווערסיטעט, אָן עמעסער פאָליגלאָט, אליין זיך אויסגעלערנט ייִדיש און שלינגט ביכער, ווי די האלעשקעס. אלע מאָל, ווען ער קומט ארײַן, בעט ער, מע זאָל מיט אים ריידן אף ייִדיש, און מיר טוען אים גערן צוליב.

— וואָס וועסטו זאָגן, וואָלאָדיע?

לייגט ער אוועק א בוך אף אן אומבאקאנטער שפּראך:

— שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ אף עספּעראנטאָ...

יאָ, וואָלאָדיע קומט קיינמאָל ניט מיט ליידיקע הענט, און אָט נא דיר — ייִדישע קלאסיקער אין אן איבערזעצונג אף דער אינטערנאַציאָנאלער שפּראך, ארויסגעגעבן אין לײַפּציג אין יאָר 1923.

ווו זוכט ער עס אָפּ זײַנע זעלטענע געפינסן — איז שוין אן אנדער מײַסע. אָבער דאָס, וואָס ער האָט הײַנט געבראכט, איז אזוינס ווי אזעלכס.

— עפּשער וועסטו וועגן אָט דעם בוך עפּעס אָנשרײַבן פארן זשורנאל?

— כ'האָב שוין טאקע אָנגעשריבן...

צוויי זײַטלעך, געדרוקט אף דער שרײַבמאשינקע, אף רוסיש.

— דו וועסט אליין איבערזעצן אף ייִדיש?

— כ'וועל א פּרווו טאָן.

וואָלאָדיע ווייסט, אז אין דער רעדאקציע איז מען זייער פארנומען — געזעגנט ער זיך און גייט אוועק, ווי שטענדיק, מיט א שמייכל אף די ליפּן. א טײַערער באָכער!

עס צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן.

— יאָ, די רעדאקציע הערט.

— רעדט מיט טאשקענט.

דאָס זאָגט די טעלעפאָניסטקע. און ווײַטער קומט שוין א מאנצבלש קאָל:

— זאָגט, ביטע, דער נײַער נומער איז שוין דערשינען?

ענטפער איך אים אז יאָ, ער איז שוין דערשינען.

— פארוואָס זשע איז ער נאָך ביז איצט ניטאָ?

כ'באַרויִק דעם אומגעדולדיקן לייענער, אז הײַנט אָדער מאָרגן וועט די פּאָטשט אים ברענגען דעם זשורנאל.

לייענענדיק דעם דאָזיקן עמעסדיקן באריכט וועגן דער ארבעט אין דער רעדאקציע פון „סאָוועטיש היימלאנד“, וועט איר זיכער דאָך וועלן וויסן, ווען די מיטארבעטער פארנעמען זיך מיט צוגרייטן צום דרוק גופע די מאטעריאלן פונעם זשורנאל.

— וואָס הייסט, ווען? מע מאכט דעם זשורנאל! איר האָט נאָך ניט באקומען דעם פרישן נומער? זאָרגט זיך ניט, ליבע פרײַנט: אויב ניט הײַנט, וועט איר אים באקומען מאָרגן. אויב ניט מאָרגן, איז אומבאדינגט איבערמאָרגן... וואָס שײַעך, ווען מיר פארנעמען זיך מיט אים — איז דאָס א סאָד. א סאָד פאר גאנץ בראָד. גאנצפרי און באטאָג, אין אָוונט און באנאכט, נעכטן, הײַנט און מאָרגן, פון מאָנטיק ביז שאבעס, ארײַנפאָרנדיק אָפּט אין זונטיק — א גאנצע וואָך, א גאנצן כוידעש, א גאנץ יאָר, דאָס גאנצע לעבן...

■

יויסעף שוסטער

אַן אָפן פענצטער אין לעבן

די רובריק „טריבונע פון לעבן" איז איינע פון די ערשטע צווישן די טעמאטישע ריכט־ליניעס אין „סאָוועטיש היימלאנד". אונטער אָט דער רובריק זײַנען אין די אָנהייב־יאָרן פונעם זשורנאל פארעפנטלעכט געוואָרן אזעלכע פריש־צאפלדיקע פראָבלעם־פארצייכענונגען, ווי כאַיִם מעלאמודס „צוגאסט באם בריגאדיר", אלעקסאנדער גובניצקיס „א טאָג אין בראטסק", אווראָם גאָנטארס „א געוויינלעכע מישפּאָכע", שמועל גאָרדאָנס „צעלינא". מיר געפינען דאָ אויך ז. ווענדראָפס „יוגנט — אונדזער אוי־צער". דער נעסטאָר צווישן די ייִדישע שרײַבער האָט אויסגעדריקט זײַן טיפע האָפענונג און גלויבן אין דער דרייסטקײַט און געוואגטקײַט פונעם יונגן דאָר „...די יוגנט, — האָט ער געשריבן, — איז שטענדיק און אומעטום אפן ערשטן אָרט. די יוגנט איז אין די ערשטע רייען, ווען עס קומט צו באשיצן דאָס סאָציִאליסטישע היימלאנד; די יוגנט בויט שטעט און דערפער, פאבריקן און זאוואָדן, דאָמנעס און עלעקטראָסטאנציעס. די יוגנט האָט אופגעהויבן הונדערטער טויזנטער העקטארן נײַערד און גיט דעם לאנד מיליאָנען טאָן שטאָל, די יוגנט בויט שאָסייען און לייגט דורך הונדערטמײַליקע קאנאלן, באוואסערט מידבאָריעס, פארוואנדלט זיי אין בליִענדיקער ערד... יורי גאגארין און גערמאן טיטאָוו, די ערשטע קאָסמאָנאווטן אין דער וועלט, וועמענס נעמען עס וועלן לעבן אין דורעס, ווי א סימבאָל פון געוואגטקײַט און העלדנמוט, — געהערן צו דער סאָוועטישער הײַנטצײַטיקער יוגנט. ניין, איך האָב צו דער יוגנט קיין טײַנעס ניט, מיך פארדריסט בלויז, וואָס איך בין ניט איינער פון איר..."

זינט ז. ווענדראָף האָט געשריבן אָט די אָפּטימיסטישע שורעס, איז שוין אויסגעוואקסן א נײַער דאָר צוואנציקיאָריקע, וועלכע קומען צוהילף די בויער פון דער בײַקאל־אמורער מאגיסטראל, שטעלן זיך אין די רייען ענטוזיִאסטן אף די נײַ־בויונגען פונעם עלפטן פינפיאָר. עס ווערט פאָרגעזעצט דער דינאמישער איבערוף פון דורעס.

אין אָט דער אומגעבונג איז גרויס דער שטראָם פון פארלאנגען און פאָרשלאָגן פון די לייענער, אז אין „סאָוועטיש היימלאנד" זאָלן ברייטער אָפּגעשפיגלט ווערן די פארשיידנסטע אקטועלע פראָבלעמען פון דער צײַט. צוליב דעם האָט די רעדאקציע אײַנגעפירט אלץ נײַע און נײַע רובריקעס — אזעלכע ווי „פובליציסטיק", „קאָמענטארן פון רעדאקציע", „אונדזערע מיטצײַטלער", „די פאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאנד"", „פון אונדזער פאָטאָ־ארכיוו" און צווישן זיי — די סאמע אָפּעראטיווע, קימאט צײַטונגס־ארטיקע — „ליטעראטור־כראָניק", „נײַס פון אויסלאנד", „ביראָבידזשאנער נײַס", וועלכע נעמען אין זיך ארײַן א ביז גאָר ברייטן אינפאָרמאציע־אויסוואל.

וועגן דעם שטײַגנדיקן אינטערעס צו די דאָזיקע מאטעריאלן לייענען מיר אין פילצאָליקע בריוו, וואָס קומען אָן אין רעדאקציע. פון זיי איז צו זען, אז א סאך לייענער, זוכנדיק די נײַס־רובריק, ווי אויך אנדערע, וואָס דרוקן זיך געוויינלעך אין די לעצטע בויגנס פונעם זשורנאל, הייבן אָן בלעטערן א פרישן נומער פון דער לינקער זײַט, און ערשט נאָכדעם, איבערלייענענדיק די פארשיידנארטיקע צען־און צוואנציקשורעדיקע אינפאָרמאציעס, גייט מען שוין אריבער צו דער פונדאמענטאלער פראָזע און צו אנדערע ליטעראטור־זשאנרען.

לאָמיר ארײַנקוקן אין א פּאָר נומערן „סאָוועטיש היימלאנד" פון די פארגאנגענע יאָרן, קעדיי מיט א פריש אויג דערזען, מיט וואָס עס פארינטערעסירט אזוי דעם לייענער דער אָפּטייל „כראָניק". ווי פון א לאָטעריי־אפּאראט, ציִען מיר ארויס פון דעם ביי־כער־שראנק באליביקע זשורנאל־נומערן, ווו מיר טרעפן זיך אָן אף קורצע אינפאָרמאטיווע נאָטיצן.

נום. 2, 1967. „א גרויסער שאָלעם־אַלייכעם־אָוונט אין טאלין". דעם אָוונט האָט געעפנט דער פאָרזיצער פון דער פארוואלטונג פונעם עסטלענדישן שרײַבער־פארבאנד, לאורעאט פון דער לענין־פּרעמיע יאָהאנעס סמוול. מיט א פאָרטראָג „שאָלעם־אלייכעם און די הײַנטצײַטיקע ייִדישע ליטעראטור" איז ארויסגעטראָטן דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאנד" ארן ווערגעליס.

דער פאָלקס־ארטיסט פון פססר אנטאס לאוטער האָט מיט גרויס מײַסטערשאפט פאָרגעלייענט אין דער איבערזעצונג אף עסטאָניש שאָלעם־אלייכעמס אווטאָביִאָגראפישע נאָטיצן. מיט א באגריסונגס־רעדע צו די פארזאמלטע איז ארויסגעטראָטן דער פארוואלטונג־מיטגליד פון דער בריטאנישער געזעלשאפט פאר קולטור־קאָנטאקטן מיט פססר, דער באוווסטער ענגלישער זינגער מארטין לאָורענס, וועלכער האָט פונקט אין אָט דער צײַט געווײַלט אין סאָוועטנפארבאנד און איז ספּעציִעל געקומען צו פאָרן קיין טאלין אף דעם אָוונט.

מארטין לאָורעגס האָט אין זײַן ארויסטרעטונג צווישן אנדערס געזאָגט: „ווען איך וואָלט אליין מיט מײַנע אויגן ניט געזען, וויפל קאָוועד די פעלקער פון סאָוועטנפארבאנד גיבן אָפּ דעם קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור, וואָלט איך עס גלייבן ניט געקאָנט".

אין דעם זעלבן נומער: „א וויכטיקע קולטור־געשעעניש". אין ווילנע איז געפײַערט געוואָרן דער צעניאָריקער יובילײַ פונעם ייִדישן פאָלקס־טעאטער... דער צושוייער־זאל פונעם קולטור־פאלאץ פון די פראָ־

פארײנען, װעלכער נעמט ארײַן העכער 1.200 מענטשן, איז געװען פול געפאקט.

אָפּמערקן דעם דאָזיקן יובילײ זײַנען געקומען די ארבעטנדיקע פון דער ליטװישער הױפּטשטאָט, קולטור־טוער, ארטיסטן. װען עס האָט זיך געעפנט דער פאָרהאנג, האָבן אף דער בינע זיך געפונען די אָנטײלנעמער פון אלע קרײַזן פון דער קינסטלערישער זעלבסטעטיקײַט — פונעם דראמאטישן קאָלעקטיװ, פון דעם כאָר־ און טאנץ־אנסאמבל און פונעם אָרקעסטער — העכער 150 מענטשן.

א בינטל נײַס פון אױסלאנד:

„צוגאסט אין פאריזש". דער פאריזשער „עדיטער רעאני"־פארלאג, װעלכער גיט ארױס אין פראנצױזיש מאשע ראָלניקס טאָגבוך פון דער װילנער געטאָ, האָט אײַנגעלאדן דעם אװטאָר צוגאסט קײן פראנקרײַך...

אנטאָלאָגיע פון ייִדישער פּראָזע אין ייִסראָעל". אין טעל־אװיװ איז דערשינען אן אנטאָלאָגיע, װאָס שליסט אײַן װערק פון 65 שרײַבער פון ייִסראָעל... עס איז אָנגעװיזן געװאָרן, אז דאָס בוך װעט מיטהעלפן אײַנצושטעלן אן ענגערן קאָנטאקט צװישן די איװריט־שרײַבער מיט די שרײַבער, װאָס שאפן אין ייִדיש.

„א װאנדאלישער אקט". אין דעם בנין פונעם ירושאָלאיִמער מעדיצין־צענטער, װוּ עס געפינען זיך די װיטראזשן פון דעם גרױסן מאָלער מארק שאגאל, האָבן אומבאװוּסטע פּערזאָנען אף א װאנדאלישן אופן צעשעדיקט דרײַ פון אָט די קונסטװערק.

„קסאװיאדן פון שלומע־האמעלעכס צײַטן". די אָריִענטאלישע אָפּטײלונג פון דער מעלוכע־ביבליאָטעק אין מיזרעך־בערלין פארמאָגט א רײַכע זאמלונג פון קולטור־ און שפראך־אױצרעס פון די מיזרעך־פעלקער. דאָ געפינט זיך א קסאװיאד פון III יאָרהונדערט ביז אונדזער צײַטרעכענונג. אין אים זײַנען פארצײכנט אורטײלן און באגרינדונגען צו זײ פון די צײַטן פון שלומע־האמעלעך.

„יעדיעס װעגן דער ייִדישער באפעלקערונג אין אײניקע לענדער". אין דער אינפאָרמאציע װערן געבראכט יעדיעס װעגן דער צאָל ייִדן אין אױסטראליע, טשילי, אין דער דײַטשישער דעמאָקראטישער רעפּובליק, קאָלומביע, יאפּאָניע, אפן אינדזל ראָדאָס (מיטללענדישער יאם), אף די אזאָרער אינדזלען (אטלאנטישער אָקעאן).

אין דער אינפאָרמאציע „אײנער פון די עלטסטע ייִדישע ייִשוּװים אין דער װעלט" װערט מיטגעטײלט: „די קעהילע פון „װײַסע ייִדן" אין באָמביי מערקט אינגיכן אָפּ איר 400־יאָריקע עקזיסטענץ. די געשיכטע פון די ייִדן אין אינדיע ביכלאל איז א פיל עלטערע. די קאָטשינער קעהילע גרײט זיך צו איר 1900־יאָריקן יובילײ. דאָס איז דער עלטסטער צװישן די ביז איצט באװוּסטע ייִדישע ייִשוּװים אין דער װעלט".

אױך אינעם נומ. 5, 1967 װערן געבראכט יעדיעס װעגן דער צאָל ייִדן אין פארשײדענע לענדער פון דער װעלט: אין פינלאנד, אפן אינדזל קיוראסאאָ, אין אירלאנד, אין ראָדעזיע, מאראָקאָ, איטאליע.

װײַטער װערן אין דעם נומער פארעפנטלעכט אינפאָרמאציעס װעגן דער ייִדישער קולטור־טעטיקײַט אין פארשײדענע קאנטן פון אונדזער לאנד. אָט זײַנען די קעפּלעך פון אײניקע נאָטיצן: „א שול אפן נאָמען פון יוסף בומאגין אין בירָאבידזשאן", „אָװנטן פון ייִדישע זינגלידער אין מאָסקװער קאָמפּאָזיטאָרן־הױז", „א זאמלונג לידער מיט מוזיק פון די קאָמפּאָזיטאָרן ריװע באָיארסקאיא", „קאָנצערטן־לעקציעס אין די שטעט און שטעטלעך פון װײַסרוסלאנד", „מעמאָריאל־טאָװל צום אָנדענק פון שלוימע מיכאָעלס אין דאװגאװפּילס" (מיט א פאָטאָ פונעם הױז, װוּ עס איז געבױרן געװאָרן דער גרױסער שױשפּילער).

און דערנעבן — א זײַט „נײַס פון אױסלאנד": „דער פויפסט פּיִוס דער XII און די היטלעריסטישע פעלקער־מערדער", „אן אינטערנאציאָנאלער דענקמאָל די קדױשים פון אָשװענטשים", „טאָגבוך פון אנא פראנק אין אראביש", „שפּאניאָליש־בולגאריש װערטערבוך" אא.

אזױ — פון נומער צו נומער. א קאלײדאָסקאָפּ פון נײַסן. אָביעקטיװע קולטור־אינפאָרמאציע.

װען מע װאָלט צונױפגעקליבן אין א באזונדער אױסגאבע אָט די אלע קרױװישע לױטן כאראקטער און ביז גאָר באלערװעדיקע לױטן אינהאלט נאָטיצן װעגן דער קולטור־טעטיקײַט אף ייִדיש אין סאָװעטנפארבאנד און אין אנדערע לענדער פאר צװאנציק יאָר, װאָלט זיך באקומען אן אָריגינעלער באנד פון פארכאפּנדיקער אינפאָרמאציע.

דער בוך װאָלט ניט געהאט קײן אװטאָר, װײַל אלס קלאל װערן די נאָטיצן פון אָט דעם זשורנאליסטישן זשאנער פארעפנטלעכט אָן אונטערשריפטן. אמאָליקע יאָרן פלעגן די אװטאָרן־כראָניקיאָרן — דער פארעלטערטער נאָמען פון א רעפּאָרטיאָר — זיך נוצן מיט פסעװדאָנימען, מענטשן פון עלטערן דאָר געדענקען נאָך מיסטאמע אזא נאָמען אין דער ייִדישער זשורנאליסטיק, װי א. ד. מיראל. די לײענער פון די צײַטונגען „דער עמעס" און „אײניקײַט" פלעגן געװײנלעך זיך אינטערעסירן, װאָס עס טײלט הײַנט מיט „דער אדמיראל". זעלטן־װער האָט געװוּסט, אז די עמעסע פאמיליע פון אָט דעם לײַדנשאפטלעכן רעפּאָרטיאָר איז געװען ייִצחאָק קאצנעלסאָן. ער איז שטענדיק געװען אין קורס פון אלע געשעענישן, און אדאנק אים האָבן זיך דערװוּסט װעגן זײ טױזנטער און טױזנטער לײענער.

א. ד. מיראל האָט דערלעבט ביז דער אנטשטײונג פון „סאָװעטיש הײמלאנד". א הױכער און מאָגערער, מיט אױסגעלאָשענע בלױע אױגן, איז ער נאָך א פאָר מאָל אלײן ארײַנגעקומען אין רעדאקציע. ער איז שױן אָבער געװען שטארק אלט און קראנק. פלעגט ער מיט א מילדן טריבן שמײכל בלעטערן דעם זשורנאל און מיט גוטער קינע קוקן אף די מענטשן, װאָס זײַנען געזעסן בא די שרײַבטישן.

אין יענע יאָרן האָט מיטן אינפאָרמאציע־אָפּטײל אין זשורנאל פארװאלטעט דער באװוּסטער זשורנאליסט און פּובליציסט, א גרױסער מײַסטער פונעם קינסטלערישן רעפּאָרטאזש — שלוימע ראבינאָװיטש.

אין „סאָװעטיש הײמלאנד" װערט דער דאָזיקער אָפּטײל פאָרגעזעצט ביז הײַנטיקן טאָג.[1]

---

[1] פון רעדאקציע. אין אונדזער צײַט פירט די רובריק פון קולטור־און ליטעראטור־נײַס דער אװטאָר פון דער דאָזיקער נאָטיץ.

באָריס מאַגילנער

אויצרעס

די גרינדער פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאנד” האָבן געוווּסט, אַז אַלץ, וואָס איז נייטיק, קעדיי ער זאָל קאָנען עקזיסטירן, — פאפיר, אַ דרוקערײַ מיט הײַנטצײַטיקער פּאָליגראַפישער אויסשטאַטונג, רעדאַקציע־לאָקאַלן, טראַנספּאָרט־באַדינונג, געלט־מיטלען אדג. — וועלן זיי באַצײַטנס באַקומען אין אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־פאַרבאַנד. ווײַבאַלד עס איז אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויסגעבן אַ צײַטשריפט פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועט ער אויסגעפילט ווערן. די גרינדער פונעם זשורנאַל זײַנען געווען באַוואָרנט, אַז עס וועלן קלעקן רעדאַקטאָרן, מאַשיניסטקעס, קאָרעקטאָרן, סטיליסטן. אוואַדע און אוואַדע וועלן זײַן ווערק אָפּ צו דרוקן. איינס האָט מען ניט געוווּסט אָפּ געוויס אין די ערשטע כאַדאָשים, ווען דער זשורנאַל האָט אָנגעהויבן זײַן וועג: צי וועלן זײַן גענוג לייענער?

די שעפער פון דער נײַער ייִדישער סאָוועטישער אויסגאַבע האָבן איבערגעגעבן אין רעשוס פון די קומענדיקע געברויכער פונעם קינסטלערישן וואָרט דעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד” מיט פרייד, מיט אומרו, מיט ביטאָכן און דערוואַרטונג: וואָס פאַר אַ ווידערקאָל וועט זיך אָפּרופן?

לאַנג וואַרטן איז ניט אויסגעקומען. דאָס הייסע וואָרט און דאָס הויכע געפיל פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער, זייערע ערשטע באַמיִונגען צו באַלײַכטן אָפּ די שפּאַלטן פונעם זשורנאַל דאָס לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק, זײַן מעסירעסנעפּעשדיקן קאַמף פאַרן קאָמוניזם, פאַר פרידן אָפּ דער גאָרער וועלט, פאַר אַ גליקלעכער צוקונפט האָבן טייקעף נאָכן דערשײַנען פונעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד” באַקומען אויסערגעוויינלעך האַרציקע אָפּקלאַנגען. לאָזט זיך אויס, אַז דער מענטש, וועגן וועלכן עס דערציילט די נײַסטע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור, דער הײַנטצײַטיקער ייִד, וואָס האָט זיך שוין פון לאַנג באַפרײַט פון דעם שווערן יאָך פון דער פאַרגאַנגענהײַט און ער לעבט מיט אַ שעפעריש־פּראָדוקטיוון לעבן צוזאַמען מיט אַלע בויער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט, — אָט דער דאָזיקער מענטש האָט אין אַלע קאַנטן פון דער סאָוועטישער ערד מיט ענטוזיִאַזם אויפגענומען דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”, דערשפּירנדיק אין אים אַ מין שפּיגל פון זײַן אייגענעם לעבן אין די איצטיקע צײַטן. וועגן דעם האָבן קוידעמקאָל איידעס געזאָגט די פילצאָליקע בריוו אין רעדאַקציע.

נאָכן דערשײַנען פון די ערשטע נומערן „סאָוועטיש היימלאַנד”, צום סאָף 1961, איז דער בריווּשטראָם אין רעדאַקציע געוואָרן אַ באַשטענדיקער. קימאַט אין יעדער ווענדונג פון די לייענער צו דער רעדקאָלעגיע און צו די מיטאַרבעטער פון דער רעדאַקציע קאָן מען טרעפן דעם אויסדרוק „אונדזער אײַער זשורנאַל”. „סאָוועטיש היימלאַנד” ווערט אָנערקענט מיצאַד די לייענער אַלס לײַבלעך־אייגענע אויסגאַבע. ניטאָ וואָס צו צווייפלען — עס לעבן און עס זײַנען פיל אין צאָל די פאַרערער פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור!

צווישן דעם זשורנאַל און זײַנע קאָרעספּאָנדענטן זײַנען אײַנגעשטעלט געוואָרן די סאַמע בעסטע באַציִונגען. אָפּ יעדן בריוו, וואָס קומט אָן אין „סאָוועטיש היימלאַנד”, שיקט די רעדאַקציע אַרויס אַן ענטפער, דער זשורנאַל סטאַרעט זיך, ווי ווײַט עס איז מעגלעך, באַפרידיקן די באַקאָשעס פון זײַנע פרײַנט. אָט דער ניטפאַרשריבענער קלאַל פונקציאָנירט אומופּהערלעך צוואַנציק יאָר. אין מעשעך פון דעם דאָזיקן פּעריִאָד האָט די פּאָטשט אַרײַנגעבראַכט אין רעדאַקציע העכער זיבן טויזנט בריוו. קימאַט פינף הונדערט זײַנען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אָפּ די זײַטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד”. אַן ערעך טויזנט אויסצוגן פון לייענערישע בריוו זײַנען אויסגענוצט אין די בריוו־איבערזיכטן, וועלכע ווערן פון מאָל צו מאָל פובליקירט אינעם זשורנאַל. אין דער גרעסטער מערהײַט נומערן פון „סאָוועטיש היימלאַנד” זײַנען אַזוי אָדער אַנדערש אָפּגעשפּיגלט די עקזיסטירנדיקע קאָנטאַקטן צווישן אים און די לייענער. אַזעלכע מאַטעריאַלן דרוקן זיך אין די רובריקעס „מיר אינפאָרמירן אונדזערע לייענער”, „בריוו און ענטפערס”, „צוגאַסט בא די לייענער”, „לייענער שרײַבן אונדז”, „אונדזערע לייענער טיילן מיט”, „מיר ענטפערן אָפּ פראַגעס פון אונדזערע לייענער”. אין די לעצטע יאָרן פונקציאָנירט אין זשורנאַל אַ באַשטענדיקע רובריק „די פּאָטשט פון „סאָוועטיש היימלאַנד”.” עס איז אויך דאָ אַ באַזונדער ווינקל פאַר די בריוו, וועלכע עס שיקן די געזעלשאַפטלעכע פאַרשפּרייטער פונעם זשורנאַל — דער סאַמע אַקטיווער אָטריאַד לייענער. פאַרשיידנאַרטיק זײַנען די פּראָבלעמען, וועלכע סע שטעלן אין זייערע בריוו די לייענער, עס טרעפן זיך צומאָל ביז גאָר אינטערעסאַנטע און וויכטיקע. נאָר אַפילע ווען די קאָרעספּאָנדענטן פון „סאָוועטיש היימלאַנד” דערציילן וועגן דעם פּאָשעטן טאָגטעגלעכן לעבן מיט אַ וואָכעדיקער שפּראַך, אָן פּרעטענזיעס אָפּ עפּעס אויסערגעוויינלעכס, אַפילע דאַן באַרײַכערן זיי דעם זשורנאַל, ווײַל זיי טראָגן אין אים אַרײַן דעם אָטעם פון דער צײַט.

„סאָוועטיש היימלאַנד” באַגײַסטערט די לייענער ניט נאָר אָפּ שרײַבן בריוו. צום סאָף פון די זעכציקער יאָרן האָט זיך אינעם פּאָרטפעל פון דער רעדאַקציע אָנגעקליבן אַ היפּש ביסל לייענערישע מאַטעריאַלן, וואָס אָנרופן זיי פּאָשעט בריוו וואָלט זײַן ניט ריכטיק. דאָס זײַנען נאָטיצן, אין וועלכע ס׳ווערט

דערציילט וועגן אינטערעסאַנטע פאַקטן פון דער רעוואָליוציאָנערער פאַרגאַנגענהײַט, וועגן שלאַכט־עפּיזאָדן פון דער פּאַטערלענדישער מילכאָמע, וועגן באַלערעוודיקע געשעענישן, וואָס קומען פאָר איצט. די רעדקאָלעגיע האָט באַשטימט זיי פאַרעפנטלעכן, זי האָט אײַנגעפירט א נײַעם אָפּטייל „אף די שפּורן פון געשעענעם”. פאַר צוואַנציק יאָר האָט „סאָוועטיש היימלאַנד” פאַרעפנטלעכט העכער 220 פאַרצייכענונגען אין אָט דעם אָפּטייל.

א גרויסע צאָל מאַטעריאַלן באַווײַזט זיך סיסטעמאַטיש אינעם אָפּטייל „מענטשן, זייער צײַט און זייער גוירל” (פאַר די לעצטע יאָרן האָט „סאָוועטיש היימלאַנד” אָפּגעדרוקט אין אָט דער רובריק באַ נײַנציק פאַרצייכענונגען). די אווטאָרן פון די מאַטעריאַלן, וועלכע ווערן פאַרעפנטלעכט, זײַנען אָן קיין שום ספק אופגערופן געוואָרן צו קינסטלערישער שאַפונג דורכן זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד”. אונטער זײַן האַשפּאָע האָבן געשאַפן קינסטלערישע פּראָזע און דיכטונג טאַלאַנטפולע פאָלקס־מענטשן (פאַר די לעצטע יאָרן זײַנען אָפּגעדרוקט אַרום 60 לידער, 22 דערציילונגען, 80 אַרטיקלען, צענדליקער קריטישע אָפּהאַנדלונגען און פּובליציסטישע אַרויסטרעטונגען פון לייענער).

די לייענער־ווערק קומען אָן אין רעדאַקציע טאָג־טעגלעך. דאָס זײַנען אוצרעס, וועלכע ווען ניט פאַרפאַלן ווערן.

מיר באַגריסן די מיטאַרבעטער פון „סאָוועטיש היימלאַנד” מיט די הויכע באַלוינונגען

לויטן אוקאַז פונעם פּרעזידיום פון דעם אויבער־סאָוועט פון ססר פאַרן 2 יוני 1981, אין צוזאַמענהאַנג מיטן דערפאָלגרײַכן אויספילן די פאַרגעבונגען פונעם צענטן פינפיאָר און דעם אַקטיוון אָנטייל אין דער קאָמוניסטישער דערציִונג פון די אַרבעטנדיקע, זײַנען באַלוינט געוואָרן

מיט אַן אָרדען „ערע־צייכן”:

גאָנטאַר אווראָם יוטקאָוויטש — רעדאַקטאָר־פאַרוואַלטער פונעם פּראָזע־אָפּטייל (נאָכן טויט).

שוסטער יאָסיף פּאַדישעוויטש — פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרעטאַר פון רעדאַקציע.

מיט א מעדאַל „פאַר אַרבעטס־אויסצייכענונג”:

מאָגילנער באָריס יוריעוויטש — רעדאַקטאָר־פאַרוואַלטער פונעם פּובליציסטישן אָפּטייל.

לויטן באַשלוס פון דעם מעלוכע־קאָמיטעט פון ססר איבער די איניאָנים פון פאַרלאַגן, פּאָליגראַפיע און בוך־האַנדל און פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פונעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון קולטור־טוער פאַרן 12 יוני 1981 זײַנען באַלוינט געוואָרן מיט ערן־גראַמאָטעס פאַר זייער פיליאָריקער פרוכטבאַרער אַרבעט אין דער סאָוועטישער פּרעסע:

קאַץ ראָזע יאַקאָוולעוונע — עלטערער רעדאַקטאָר

טשערניאַק סאָפיע אַבראַמאָוונע — עלטערער קינסטלערישער רעדאַקטאָר

גראָזאָווסקאַיאַ דווירע סאַמוילאָוונע — עלטערער רעדאַקטאָר

דעם זשורנאל
„סאָוועטיש היימלאַנד"
לייענען אלט און יונג

דעם זשורנאַל

„סאָוועטיש היימלאַנד"

לייענען אַלט און יונג

אירמע דרוקער

בלעטערנדיק די צוויי הונדערט צוואַנציק נומערן

אינעם עלפטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד" פאַרן 1979 יאָר איז מיט אַ באַזונדער שטאָלץ און זיכערקייט אָפּגעציילט און אָפּגעמערקט געוואָרן די צאָל 200!

רײַך איז די צאָל, וואָס שטעלט זיך ניט אָפּ, וואָס ווערט געציילט ווײַטער, האַלט אין איין געקרעפּטיקט ווערן מיט נײַע פּליוסן.

צום רומפולן צוואַנציקיאָריקן יובילײַ איז דער סאַכאַקל: 200+21 און 20+ בײַלאַגעס, וואָס זײַנען אויפגענומען געוואָרן פונעם לייענער, ווי אַן אומגעריכטע און ביז גאָר אָנגעלייגטע מאַטאָנע.

צוואַנציק איז איינע פון די גליקלעכסטע צאָלן. אין די אוראַלטע צײַטן האָט זיך גערעכנט, אַז צוואַנציק איז די צאָל פון יאָגן פּאָרויס, פון אָנזאַמלען קויכעס.

ס'איז אינטערעסאַנט דאָ צו דערמאָנען דעם סאַמע אײַנגעפונדעוועטסטן און פּאַרשפּרייטסטן העברעיִשן זשורנאַל „השלח" (האַשילויאַך). ער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1896 אין בערלין און איז דערשינען מיט אַ יאָריקן איבעררײַס ביזן 1903 יאָר. פון 1903 ביז דער מיט פון 1905 — אין קראָקע. נאָך אַן איבעררײַס פון אָנדערהאַלבן יאָר האָט ער איבערגעוואַנדערט קיין אָדעס. דער וואַנדערנדיקער זשורנאַל מיט די היפּשע איבעררײַסן האָט אין אַ געוויסער צײַט אַלס מאָטאָ אויסגעקליבן פאַר זיך דעם פּאָסעק פון ישעיע (קאַפּיטל ח) „מי השלח ההולכים לאַט[1] — די וואַסערן פונעם קוואַל האַשילויעך, וואָס גייען פּאַמעלעך. דער מאָטאָ האָט ביז גאָר טרעפלעך אויסגעדריקט די צײַט פון לאַנגזאַמקײַט, פון קליינע טריט.

„אַ טאָג — אַ יאָר" איז געווען איינע פון די גרעסטע קלאָלעס, ווײַל דאָס לעבן האָט זיך אַזוי נודנע געצויגן, אַז מ'האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך, וווּהין אַהינטאָן די צײַט. עס איז געבליבן בלויז איינס: ציילן די רעגעס, און רעגעס האָבן אין זיך אַזאַ אייגנשאַפט, אַז ווען מע ציילט זיי, זעען זיי אויס הונדערט מאָל גרעסער, איידער זיי זײַנען. פון מינוטן און שאָען איז שוין אָפּגערעדט.

דערמאָנט זיך, ווי פײַנפול לאַנגווײַליק עס האָט זיך געצויגן אַ זומערדיקער טאָג בײַ מענדעלען. רעב מענדעלע און רעב אַלטער באַגעגענען זיך אין וועג. אײַלן איז זיך ניטאָ וווּ, אַלציינס איז ניטאָ וווּהין צו פאָרן, די וועגן פירן אין ערגעץ ניט, מאַכט מען געשעפטן, מ'בײַט אַ סידער אויף אַ צענעוווערענע, אַ סליכע אויף אַ קינע, אַ מאַכזער אויף אַ קאָרבנמינכע, מע דערציילט זיך מײַסעס, אַ מײַסע אַרויף, אַ מײַסע אַראָפּ, די מײַסע איז אויס, און ווידער אַ מײַסע בעסויף מײַסע, און יעדע מײַסע איז באַוואַקסן מיט מײַסעס, ווי אַ בוים מיט צווײַגן, ווי צווײַגן מיט בלעטער. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז רעב אַלטער נעמט שוויצן. דאָס שטעלט אים אָבער ניט אָפּ, און רעב מענדעלע, וואָס גייט אויס נאָך אַ מײַסע, צוליב אַ מײַסע איז ער גרייט טרײַבן זײַן בידנע קליאַטשע ווו נאָר די וועלט האָט אַן עק, האַלט ניט אויס און גיט איידל אָנצוהערן זײַן מיטשפּרעכער — האַלעמײַ זאָלט איר זיך מאַטריִעך זײַן...

ניט ווייניקער האָבן זיך געצויגן די טעג בײַ בערגעלסאָנס מירעלע, וועלכע איז דערשטיקט געוואָרן אין דער נאָך־אַלעמען־אַטמאָספער, זיי זײַנען ענלעך געווען צו איר קליינשטעטלדיקן שידעך, וואָס האָט זיך אַזש „גאַנצע פיר יאָר געצויגן" און איז געוואָרן אויס, ווי אַלץ אין איר לעבן.

אַ שלעכטער טאָג האָט קיינמאָל קיין גוטע נאַכט ניט. באַנאַכט האָט מען געוואַרט, ווען עס וועט שוין נעמען טאָגן, און האָט געטאָגט, האָט מען ווידער אויף נאַכט געוואַרט.

אָט די קלאָלע פון „אַ טאָג — אַ יאָר", וועלכע איז געווען די שרעקלעכסטע טויכעכע פאַר די פאָריקע דורעס, איז געוואָרן די גרעסטע בראָכע פון אונדזער הײַנט.

עס האָט זיך געענדערט די צײַט, ס'האָבן זיך געענדערט די באַגריפן וועגן צײַט. וועמען איר זאָלט ניט באַגעגענען, מיט וועמען איר זאָלט ניט ריידן, איז איינער און דער זעלבער פאַריבל, איינע און די זעלבע טײַנע צו זיך אַליין: עס פעלט אויס צײַט, ניטאָ קיין צײַט, דער טאָג לויפט אַזוי פאָרויס, אַז ס'איז ביז גאָר שווער אים נאָכיאָגן, אַ טאָג צו אַ טאָג איז ניט גלײַך, יעדער טאָג מיט זײַן באַזונדער נײַס, מיט זײַנע באַזונדערע ענדערונגען, באַנײַונגען און איבערראַשנדע דערגרייכונגען.

ווען דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד" זאָל פאַרטראַכטן אַ מאָטאָ פאַר זיך, וואָלט דער סאַמע פּאַסיקסטער געווען: „אַ טאָג — אַ יאָר", ווײַל די הײַנטצײַטיקײַט, דער סאָוועטי־

---

[1] מיי האַשילויעך האַהולכים לעאַט.

שער טאָג געפינען אין אים זייער פולע אָפשפיגלונג. די איינגעפירטע גלייַך פון אָנהייב רובריקעס „אונדזערע מיטצייַטלער“, „מענטשן, זייער צייַט און זייער גורל“, „אַף די שפורן פון געשעענעם“ האָבן געפירט און געבראכט צו די ספעציִעלע פארצייכענונגס־נומערן, וואָס זייַנען פונעם אָנהייב ביזן סאָף געווידמעט דער הייַנטצייַטיקייַט, דעם בויער פון דער נייַער סאָציִאַליסטישער וועלט.

„די קאָלעקטיווע שעפערישע עקספעדיציע“ האָט אופגעהויבן נייַע טעמאַטישע רויערדן, נייַע פלאסטן, אויסגעפובען נייַע שלאָגנדיקע קוואלן.

די נייַע מאַפעס פון דער איצטיקער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור אינעם ראָמאַן, אין דער דערציילונג, נאָוועלע, פארצייכענונג, אַזוי אויך אין די בעסטע דיכטערישע שאַפונגען, ווייַזן די ריכט־ליניעס, וווּהין ס'איז געווענדט דער גאַנג פון דעם ייִדישן סאָוועטישן שרייַבער, ווייַזן די אָנגעמערקטע מאַרשרוטן, וואָס כאַפן אַרום אַלע ברייטקייַטן און ווייטקייַטן פון אונדזער לאַנד.

דער געוועזענער שטעטלדיקער ייִד איז שוין לאַנג געוואָרן אַ טוישעוו אין די גרעסטע שטעט פון אונדזער אומענדלעך לאַנד, איר געפינט אים אַף דאָנבאַס, אין קיִעוו, אין מאָסקווע, אין לענינגראַד, אין סווערדלאָווסק, אין נאָוואָסיבירסק, אין טאַשקענט, אין אַלמאַ־אַטאַ און אין כאַבאַראָווסק. איר געפינט אים אַף די זאַוואָדן און פאַבריקן, אַף דער יאַבאַשע, אַף די יאַמען, אין דער לופטן, אין די אוניווערסיטעטן, וויסנשאַפטלעכע לאַבאָראַטאָריעס און אַקאַדעמיעס.

כאַיִם־נאַכמען ביאַליק האָט נאָך אין זייַן צייַט געהאַלטן, אַז אָן שטעטך קאָן קיין שום ליטעראַטור זיך ניט אַנטוויקלען ווי עס געהער צו זייַן, אָן שטעטך האָט די ליטעראַטור ניט וווּהין צו גיין, וווּהין צו פירן.

אוונער אַ פראָפעסאָר, — פאַרפעסטיקט ביאַליק זייַן געדאַנק וועגן שטעטך, — האָט געפרעגט בא זייַנע צוהערער, וויפל ערד באַדאַרף האָבן אַ מענטש, ער זאָל זיך פילן, אַז ער שטייט זיכער מיט ביידע פיס אַף איר. האָט אַ צוהערער געענטפערט, אַז ס'איז גענוג דאָס שטיקל ערד, אַף וועלכער דער מענטש שטייט.

— דאָס איז ריכטיק בלויז דאַן, — האָט דער פראָפעסאָר פאַריכט דעם צוהערער, — ווען דער, וואָס שטייט מיט ביידע פיס אַף דער ערד, פילט דעם גאַנצן שטעטך אַרום זיך. און וויפל ערד באַדאַרף דער מענטש אַף אַ הויך אָרט, ווו עס פעלט אויס שטעטך, אַז זייַנע פיס און קני זאָלן אויסמייַדן דעם פּאַכעד פון פאַלן? ער באַדאַרף, — האָט דער פראָפעסאָר זיך אַליין געענטפערט, — דעם שטעטך ערד לויט דער גאַנצער הויך זייַנער, ווייַל ווען ער וועט זיך ספאָטיקען און פאַלן, וועט ער זייַן זיכער, אַז ער וועט זיך אויסציִען אַף דער ערד און ניט בלייַבן הענגען אין דער לופטן מיט אַ טייל פון זייַן גוף...

דער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט אין משך פון צוואַנציק יאָר געהאַלטן אין איין פאַרברייטערן דעם שטעטך.

דער קומענדיקער היסטאָריקער, וואָס וועט פרוּוון דערלערנען די גרויסע ענדערונגען, וועלכע די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אַרייַנגעבראַכט אינעם ייִדישן לעבן, וועט זיך בעליסאָפעק ניט קאָנען באַגיין אָן דעם גוויִעס־איידעס פונעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“.

דער קומענדיקער ליטעראַטור־פאָרשער וועט דעם שעפערישן סאַכאַקל בא יעדן אַקטיוון ייִדישן סאָוועטישן שרייַבער פאַר די צוואַנציק יאָר בעשום־אויפן ניט קאָנען נעמען אָפגעטיילט באַזונדער פון דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, וואָס האָט אין משך פון דער צייַט מאַשפּיִע געווען, אַרויסגערופן, באַפרוכפערט און אַלזייַטיק מיטגעהאָלפן יעדן איינעם אַראָפצונעמען זייַנע רייַכע ליטעראַרישע גערעטענישן.

דער זשורנאַל האָט אַף זיך גענומען די ראָל פון אַ וועקער, וואָס האָט ניט אופגעהערט צו וועקן און רופן — שטייט אוף לאַאוווידאַס האַשאַפן, לאַאוווידאַס האַליטעראַטער! ער האָט ניט געלאָזט איינשלאָפן, ניט געלאָזט איינדרעמלען, פאַנאַנדערגעבלאָזן די פונקען פון די זיך לעשנדיקע פייַערן, אַרייַנגעלייגט זיך אין אַ שאָלעם צווישן די צעקריגטע מיט דער מוזע.

דער שמור וזכור[1], דאָס אָפהיטן און געדענקען אונדזער אָוואַר, וועלכער האָט איבערגעלאָזט פאַר אונדז אומגעהייער רייַכע פאַרמעגנס און אויצרעס פון קולטור־געשיכטלעכע ליטעראַרישע ווערטן הען אין ייִדיש און הען אין העברעיִש, איז ביז גאָר שטאַרק אינעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“.

די, וואָס האָבן פאַר זיך ניט קיין צוקונפט, קיין אויסוועג, די, וואָס קאָנען ניט געבן קיין ענטפער אַף די האַרבע פראַגן און פּראָבלעמען, וועלכע די צייַט שטעלט אַרויס, קוקן אַף דער פאַרגאַנגענהייַט, ווי אַף אַן אָפטריניקן פלאַץ, אַן אָרעמיקלאָט פון אַלע צייַט־שטורעמס, ווו מ'קאָן אַנטרינען און ניט ווערן; פאַר די, וועמען אַלע וועגן גייען אַנטקעגן, איז די פאַרגאַנגענהייַט וויכטיק, ווי וויכטיק ס'איז דער אַרייַנבליק אינעם מאָרגן.

גייט מען פאָרויס, דאַרף מען אומבאַדינגט וויסן די גאָלדענע ייִכעס־קייט, וואָס ציט זיך פון פריִער.

[1] שאָמויר וועזאָכויר.

אלטע מעקוירעס זײַנען ניט קיין מאציייוועס, ניט קיין בעסאלמענס, וועלכע מע באדארף פאראקערן, נאָר לעבעדיקע פרישע קוואלן, וואָס קרעפטיקן אײַן דעם פאָרויסגאנג.

וואָס רײַכער די ירושה, וואָס מערער דער אָדער יענער קינסטלער נעמט פון איר, אלץ רײַכער איז דער זיקאָרן, אלץ טיפער און פארשיידנארטיקער זײַנען די אסאָציאציעס, וואָס פארברייטערן און פארלײַכטערן דעם שווונג.

„סאָוועטיש היימלאנד" האָט מיט א באזונדער ייִראס האקאָוועד אָפּגעטראָטן די מיזרעד־וואנט פאר אונדזערע קלאסיקער, ניט פארלייקנט די פארדינסטן פון אזעלכע גרויסע שרײַבער ווי שאָלעם אש, לייוויק, אָפּאטאָשו, מוישע־לייב האלפּערן, מאני לייב, זאלמען שנייער (וועלכער האָט זײַן צוימען־ברעכערישע דיכטונג, וואָס איז אריווער געווען אָף א סאך לאוון, געשריבן דעריקער אין העברעיִש און זײַן פּראָזע דעריקער אין ייִדיש).

וועגן ביאליקן זײַנען געווען גערדרוקט אָפּהאנדלונגען, ער איז א סאך מאָל ציטירט געוואָרן, א סאך מאָל דערמאָנט געוואָרן צום גוטן. אין זײַן ארטיקל „דער איבערזעצער פון דער ייִדישער דיכטונג — וואלערי בריוסאָוו" אין „סאָוועטיש היימלאנד" נום. 2 פארן 1979 יאָר שרײַבט דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראטור־פאָרשער וואלאדימיר אָגניעוו: „ביאליקס פּאָעזיע האָט געשפילט די ראָליע פון א פאָרויסזאָגערן פון דער נײַער דיכטונג. מיט דער קראפט פון א מעכטיקן טאלאנט האָט ער באקעמפט די דווירעסדיקע אָנשיכטונג פון פּאסיווקײַט". מיט גרויס אָפּשײַ רעדט וו. אָגניעוו אויך וועגן ביאליקס מיטצײַטלער און מיטגייער ווי טשערניכאָווסקי, יאנקעוו קאהאן און יאנקעוו פיכמאן.

אף די שפּאלטן פונעם זשורנאל האָט א לײַכט געגעבן דער רענעסאנס פון דער העברעיִשער פּאָעזיע. אין די איבערזעצונגען פונעם סאָוועטישן ייִדישן דיכטער ליפּע רעזניק זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן די לידער פון שמועל האנאַגיד, שלוימע איבן גאבירויל, מוישע איבן עזרא, יעהודע האלייווי, אימאָנועל האָרוימי. צום 700־טן געבורטסטאָג פון אימאָנועל האָרוימי איז געווען גערדרוקט אָשער מארגוליסעס ביז גאָר אינטערעסאנטע ארבעט וועגן דעם לעבן און שאפן פון דעם גרויסן דיכטער, וועלכער איז געווען דאנטעס מיטצײַטלער און פרײַנט („סאָוועטיש היימלאנד", 6, 1976).

פארן סאָוועטישן לייענער זײַנען אויך פאָרגעשטעלט געוואָרן א ריי מוסטערן פון דער הײַנטצײַטיקער פּראָגרעסיווער ייִסראָעל־ליטעראטור.

ביז גאָר געפרעסט און טרעפלעך זײַנען די קאָמענטארן פון דער רעדאקציע „שטריכן פון שמועל־יויסעף אגנאָנס שאפן" אין צוזאמענהאנג מיט זײַן באקומען אין 1966 די נאָבעל־פּרעמיע („סאָוועטיש היימלאנד", 1, 1967). עס ווערט געשטעלט די פּראָבלעם פון קעגנזײַטיקער ווירקונג פון ייִדיש אף העברעיִש און פון העברעיִש אף ייִדיש. די קינסטלערישע קראפט פון אגנאָנס ווערק ווארפט אָפּ די טעאָריע, אז די הײַנטצײַטיקע העברעיִשע ליטעראטור דארף אויסמײַדן דעם „גאָלעס" און ווײַזן בלויז דאָס ביבל־לאנד. דער קלאסיקער אגנאָן רופט זיך איבער אין זײַן שאפן מיט די קלאסיקער פון דער ייִדישער ליטעראטור. „בא דער גאנצער סטיליזירטער ארכאִישקײַט און אלעגאָרישקײַט פון אגנאָנס ווערק איז ניט שווער אָנצוטאפּן דעם דויפעק פון אונדזער עפּאָכע". די ווערק „אורח נטה ללון" (א גאסט אף א ווײַלע), „האדונת והרוכל" (די פּריצטע און דער פּעדלער) אא. ווערן אָפּגעשאצט אלס שעדעווּרען, וואָס פארמאָגן אופרײַס־שטאָף קעגן פאשיזם און רעאקציע. ס'איז ברייט באוווסט, אז שמועל־יויסעף אגנאָן שטעלט זיך קיינמאָל ניט אין קיין פּאָזיציע פון קאָנפליקטן מיט דער נײַער צײַט, נאָך מער, אין „ארח נטה ללון" קומט ער צום אויספיר, אז „די „שליסל פונעם קאטאסטראָפאל געטראָפענעם אלטן ייִדישן לעבן דארפן איבערגיין צו די טרעגער פון די נײַע אידייען — צום קאָמוניסט ירוכעם כאָפּשי".

די העלע פײַערן פון ירושע לײַכטן אין זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" פון פארשיידענע זײַטן, פון פארשיידענע צײַטן.

דער געלערנטער לייב ווילסקער האלט אין איין „גיסן בוימל" אין פײַער פון אונדזער פּראָגרעסיווער קולטור. ווו נאָר א הימן פון כאָכמע, ווו נאָר אן אנטיקל, ווו נאָר א פּערל, ווו נאָר א פּראָגרעסיווער געדאנק פון דער אלטער ייִדישער קולטור, ברענגט ער עס אף צו באַרײַכערן די אויצרעס פון „סאָוועטיש היימלאנד".

ווי עס איז צו זען, האָט דער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" ניט אוועקגעשטעלט קיין אײַזערנע וואנט צווישן דעם הײַנט און דעם נעכטן, ניט פארשלאָסן טיר־און־טויער פאר אונדזער רײַכער, דאָר־דוירעסדיקער ירושע, ווי עס טראכטן אויס די פארשיידענע רעכילעסטרײַבער. ניין, מיר זײַנען ניט קיין „בעספּאטשפּאָרטנע בראָדיאגעס", אונדזערע טשעמאָדאנעס זײַנען ניט קיין ליידיקע, אונדזער באגאזש איז א רײַכער.

און וואָס וועלן זאָגן די אָפּרעגער און פארלייקענער אף נאטאן זאבארעס ראָמאן „גאל־גאל האכויזער", וועלכער איז צום ערשטן מאָל געדרוקט אין זשורנאל? דער ראָמאן האָט דעמאָנסטרירט דעם אינטערעס צו דער היסטאָרישער טעמע, צו אונדזער ווײַטער פארגאנגענהײַט. און וואָס וועלן זיי זאָגן וועגן מוישע טייפס איבערדיכטונג פון „שיר־השירים", דער ליד פון די לידער, וועגן וועלכער געטע האָט געזאָגט, אז אזא ליבע־ליד האָט נאָר גאָט אליין געקאָנט שאפן? טייפס איבערדיכטונג איז אזוי מײַסטעריש, אזוי עכט שיר־השירים־

דיק, אז זי שטײַגט אָן אן ערעך איבער אלע ביז־אהעריקע איבערזעצונגען אין ייִדיש פון דעם וועלט־שעדעוור.

ניין, די פארדארבער האָבן גאָרניט וואָס צו זאָגן, איז לאָמיר געבן א וואָרט ארן ווער־געליסן, אף וועמען עס זײַנען אָנגעצילט די פײַלן פון די, וואָס האָבן ניט וואָס צו זאָגן:

שיר־האשירים, — זאָג איך בליציק, —
ניט קיין שירעם איז, קיין וואנט,
ניט קיין פאנצער, קיין מעכיצע,
נאָר א בריק צו אונדזער היינט.

(„באַלאַדע וועגן א באסקאַל און וועגן ייִדישער דיכטונג”, „סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 4, 1977).

איבער אָט דער בריק, וואָס פאַרייניקט אונדזער הײַנט מיטן נעכטן, האָט ארן ווערגעליס געשפאַנט, ווען ער האָט געריַיזט פון לאַנד צו לאַנד. אומעטום, אף וועלכער ערד זײַן פוס איז נאָר אראָפּגעטראָטן, האָט ער אומדערמידלעך געזוכט די שפּורן פון דער ייִדישער גע־שיכטע. אפילע אין די „נאָטיצן אָן א סיידער” פילט זיך ווערגעליסעס אומגעשטילטער נײַגער אף אופמישן די פּארמישטע ביז אים בלעטלעך.

אָט דער גאנג אף דער בריק האָט אופגעוועקט באַם סאָוועטישן דיכטער די „זיכרוינעס פון דער וויַט”, געבראַכט אים צו זײַנע ביבלישע מאָטיוון.

ווּלאַדימיר אָגניעוו איז גערעכט, ווען ער שרײַבט, אז „רוסלאַנד מיט אירע אלטע טראַ־דיציעס אינעם גײַסטלעכן באַוווסטזײַן איז געווען א דאנקבארער יורעש פון דער ביבלישער פּאָעזיע”. ס'איז פולקאָם אינעם סאָוועטישן נוסעך דאָס, וואָס דער פּאסעק פונעם נאָווי מיכאָ פּראָקלאַמירט, אז עס וועט קומען א צײַט און די פעלקער וועלן איבערשמעלצן די שווערדן אין גראַבײַזנס און די שפּיזן אף שנײַד־מעסערס, עס וועט ניט אופהייבן א פאָלק אף א פאָלק א שווערד און זיי וועלן זיך מער ניט לערנען מילכאָמע האַלטן.

אָט דער פּאסעק איז געוואָרן אן אקטועלער לאָזונג פון אונדזער צײַט, ווײַל קײנמאָל איז נאָך ניט געווען אזוי גרויס די געפאַר פון מילכאָמע און אירע פאַרדארבונגס־מעגלעכקײַטן, ווי אין דער צײַט פונעם אטאָם־געוועער, ווען די בלוטדאָרשטיקע מילכאָמע־אונטערצינדער פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט האַלטן זיך אין איין באַוואָפענען און אין איין פאַרפולקומען זיך אין דער טויט־מעלאָכע.

מוישע טייף האָט געשריבן:

די וועלט האָט אופגעוועקט א פּאסעק פון טאַנאַך,
ווו ניט קיין ווערטער — הייסע אויגן שײַנען.
און ס'האָט א סקולפּטאָר, ווי די שטאָלגיסער באַנאַכט,
געהאַקט א דענקמאָל פאַר דעם פּאסעק פון יעשאַיע”[1].

(„סאָוועטיש היימלאַנד” נום. 12, 1976).

אזעלכע אקטועלע פּסוקים און קאַפּיטלען נוצט גלענצנדיק אויס ארן ווערגעליס. דורך דער פּריזמע פון זײַן דיכטערישער ציל־אײַנשטעלונג — „פּאָליטיק אין ליד אזויפיל, וויפל אין דער צײַטונג „פּראַוודאַ” — געפינט ער אויס סאַרקאַסטיש בײַסיקע, הייניש־פאַרשאַרפטע אײַנפאַלן, פירט וויקוכים, פרעגט שײַלעס, געפינט דעם ענטפער אף פאַרשיידענע הארבע קאַ־שעס, פאַלט אָן מיט רעכט, צום בײַשפּיל, אפן ציעניסטישן „דאַוואַר”, וועלכער פירט אראָפּ דעם אלטן אוראָם אָווינו פונעם דערעך האַיאַשאַר, לערנט אים פּײַנט האָבן זײַן אייגענעם זון ייִשמאָעל.

איבערפּראַזירנדיק שוין באַקאַנטע ליטעראַרישע פּאַראַלעלן, ווילט זיך מיר זאָגן, אז ארן ווערגעליסעס שאַרפזיניקע, פּאָליטיש־אקטועלע אויסטײַטשונגען פון די ביבלישע מאָטיוון גיבן די זיכערקײַט צו האָפן, אז צום „מעדרעש איציק” (איציק מאַנגערס ביבלישע ווערק), צום „מעדרעש מוישע” (איך האָב דאָ אין זינען מוישע אלטמאַנען) וועט צוקומען אפן באָדן פון אונדזער זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד” א דריטער ווערטפולער „מעדרעש ארן”.

יעדער סיִעם איז א פריידיקער און א יאָמטעווודיקער, ווען אים פאַרבײַט גלײַך א נײַער ברײשיס.

איז לאָמיר צוליב אונדזער העמשעך מיט געמיינזאַמע קויכעס גיין אלע אָנהייבן אנטקעגן! לאָמיר ניט אָפּשטיין פון אונדזער צײַט, פון אונדזער דאָר, לאָמיר שטענדיק געדענקען, אז וואָס מער מע גיט אוועק דעם הײַנטצײַטיקן דאָר, אלץ מער בלײַבט פאַר די קומענ־דיקע.

---

[1] מוישע טייף האָט פאַרפלאָנטערט די נעוויִים, דער פּאסעק געהער צום נאָווי מיכאָ און ניט צו יעשאַיען.

■

הערש רעמעניק

א נײַער פּעריאָד אין אונדזער ליטעראַטור

די צוואַנציק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען א וויכטיקער עטאַפּ אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער קולטור און באַזונדערס אין דער נײַסטער געשיכטע פון אונדזער ליטעראַטור אין די נאָכמילכאָמע־יאָרן. אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָר ביז אָט דעם עטאַפּ האָט די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור געהאַט א קאָמפּליצירטע און אפילו טראַגישע לאַגע נאָך דער אומגעהערטער קאַטאַסטראָפע, וואָס דער דײַטשישער פאַשיזם האָט געבראַכט דעם ייִדישן פאָלק און אלע פעלקער פון אייראָפּע.

אין די ערשטע יאָרן נאָך דער מילכאָמע האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז קיין אויסוועג פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז ניטאָ. בײַס דער מילכאָמע און די ערשטע צײַט נאָך איר זײַנען אומגעקומען און אומגעבראַכט געוואָרן זעקס צענדליק ייִדישע שרײַבער, צווישן זיי די גרונטלייגער פון דער סאָוועטישער ייִדישער ליטעראַטור, די גרויסע שעפער אירע.

אָבער דאָ האָט זיך געהאַנדלט ניט בלויז אין דעם. אין דער מילכאָמע זײַנען אומגעקומען און אומגעבראַכט געוואָרן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער לייענער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. עס זײַנען רויִנירט און פאַרניכטעט געוואָרן די דוירעסדיקע צענטערס פונעם ייִדישן לעבן און פון דער ייִדישער קולטור־שאַפונג אין אוקראַיִנע, ווײַסרוסלאַנד, רוסלאַנד, אין די בײַבאַלטישע רעפּובליקן (ליטע, עסטלאַנד, לעטלאַנד), אין מאָלדאַוויע. די ייִדישע באַפעלקערונג האָט זיך עוואַקויִרט און איבערבאַזירט אין נײַע ראַיאָנען — אפן אוראַל, ווײַטן מיזרעך, קאַווקאַז, קיין סיביר, אין די מיטלאַזיאַטישע רעפּובליקן, אין די צאָפנדיקע ראַיאָנען פון אונדזער גרויס לאַנד.

מע דאַרף דערבײַ אין זינען האָבן, אַז דאָס געזאָגטע האָט א שײַכעס ניט בלויז צו דער ייִדישער באַפעלקערונג. פון דער מילכאָמע האָט אין די איבנאָגערופענע ראַיאָנען געליטן די באַפעלקערונג פון אלע נאַציאָנאַליטעטן. ניט אין אזא מאָס, ווי די ייִדישע באַפעלקערונג, אָבער אויך אין שוידערלעכע מאַססטאַבן. און דאָס האָט, נאַטירלעך, געווירקט אף דער אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן.

וואָס איז שײַך אָבער דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט זי אין פאַרלויף פון העכער א יאָרצענדליק אינגאַנצן זיך ניט באַנײַט.

אין אזא מאָמענט איז געקומען „סאָוועטיש היימלאַנד". געקומען איז אָט דער נײַער זשורנאַל ניט מיט קיין דערשלאָגענעם געמיט, ניט מיט קיין געפאַלענע שטימונגען פון ייִעש און אַנטוישונג, נאָר ווי א קעמפערישע טריבונע פון א ליטעראַטור, וואָס פאַרמאָגט א רײַכע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע שעפערישע טראַדיציע, א רײַכע קינסטלערישע ירושע. „סאָוועטיש היימלאַנד" אלס אָרגאַן פונעם אַלפאַרבאַנדישן שרײַבער־פאַריין האָט זיך דערקלערט פאַר אַן אָרגאַנישן טייל פון דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור, צוזאַמען מיט דער רוסישער, אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער, מאָלדאַווישער, ליטווישער, לעטלענדישער, פון אלע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן בא אונדז אין לאַנד.

א כאַראַקטעריסטישער שטריך: אין ערשטן נומער פונעם נײַעם זשורנאַל איז דערקלערט געוואָרן, אַז אין אים וועלן אָנטיילנעמען מיט זייערע ווערק 113 אויטאָרן, וואָס זייערע נעמען און פאַמיליעס זײַנען איבערגערעכנט; און צום סאָף ווערט געזאָגט — „און אַנדערע", דאָס הייסט, אַז אין דעם צעטל זײַנען נאָך ניט אלע שרײַבער אַרומגעכאַפּט.

אין דער ווענדונג פון דער רעדאַקציע צום לייענער אינעם ערשטן נומער פון דער נײַער צײַטשריפט ווערט געזאָגט:

„טײַערער לייענער!

מיר גיבן איבער אין דײַנע הענט דעם ערשטן נומער „סאָוועטיש היימלאַנד". דו וועסט דאָ דערפילן דעם אָטעם פון אונדזער צײַט, וועסט אָפּנעמען א גרוס וועגן דעם ליטעראַרישן לעבן, הערן די שטים פון דער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. זײַענדיק א טייל פון דער דאָזיקער ליטעראַטור, גלייבן מיר צוזאַמען מיט דיר, אַז אונדזער זשורנאַל וועט מיט ווירדע טראָגן דעם נאָמען, וואָס איז אָנגעצייכנט אף זײַן טאָוול".

אָט די ווענדונג פון דער רעדאַקציע איז אזוי מערקווירדיק, אַז איך וועל זיך דערלויבן צו ברענגען דאָ אייניקע אויסצוגן פון איר, וועלכע זעען אויס, ווי זיי וואָלטן געשריבן געוואָרן ניט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, נאָר אין אונדזערע טעג.

די רעדאַקציע שרײַבט:

„אַף די אומענדלעכע ראַכוועסן פון אונדזער לאַנד קומען פאַר געשעענישן פון ריזיקן פאַרנעם. דער סאָוועטישער מענטש האָט באַהערשט דעם קאָסמאָס, גאַנצע קאַנטן בײַטן זייער אויסזען, עס זײַנען אופגעהויבן געוואָרן מיליאָנען העקטאַרן נײַערד, אַף אַ קאָמוניסטישן אויפן אַרבעטן שוין און לעבן בריגאַדעס, צעכן, זאַוואָדן. עס איז די הייליקע פליכט פון אונדזערע שרײַבער — געפינען פאַר די היסטאָרישע געשעענישן דאָס הייסע וואָרט און דאָס הויכע געפיל".

אין דער ווענדונג ווערן אָנגעמערקט די וויכטיקסטע אופגאַבן און פּראָבלעמען פון דער ליטעראַטור אין אַלע זשאַנרען פון קינסטלערישער שאַפונג. אָט די אופגאַבן זײַנען דעמלט געווען אַקטועל און זיי קלינגען אַקטועל אויך איצט:

„דער העלד פון אונדזערע ווערק — דאָס איז דער מענטש, וואָס האָט שוין לאַנג אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע לאַסט פון דער פאַרגאַנגענהײַט און לעבט מיט אַ שעפערישפּראָדוקטיוו לעבן צוזאַמען מיט אַלע בויער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט.

אין דעם פּראַט איז וויכטיק אונטערשטרײַכן די באַדײַטונג פון דער קינסטלערישער פּראָזע, באַזונדערס פון דער פאַרצייכענונג. בלויז דאָס גרינטלעכע דערלערנען די לעבנסדערשײַנונגען גיט אַ מעגלעכקייט שאַפן בעעמעס קינסטלערישע, פאַרבנרײַכע ווערק. אין אונדזערע ראָמאַנען, דערציילונגען, נאָוועלן און אויך אין דער דאָקומענטאַלער פּראָזע ווערט פאַר דעם לייענערס אויגן זיך אויסשפּרייטן אַ ברייט בילד פונעם סאָוועטישן לעבן".

אַריבערגייענדיק צו דער דיכטונג, שרײַבט די רעדאַקציע אין איר ווענדונג:

„גרויס באַפרידיקונג רופט אַרויס דער פאַקט, וואָס בײַ די ייִדישע דיכטער דויערט און ווערט ניט אָפּגעשוואַכט דער אינטערעס צו דער פּאָעמע. דאָס שטימט דורכויס מיט דער דערפאַרונג פון דער פילשפּראַכיקער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס לערנט אונדז, אַז אין גרויסע צײַטן בליִען אויף גרויסע זשאַנרען. באַזונדערס איז דערפרייענדיק, וואָס דער גרויסער זשאַנער ווערט אויסגענוצט צוליב דער שילדערונג פון דער היינטצײַטיקייט, אָבער אַנטפּלעקן די גײַסטיקע וועלט פונעם מענטשן פון אונדזער צײַט, זײַנע געפילן, געדאַנקען און שטרעבונגען ווערט זיך אונדז אײַנגעבן נאָר דעמלט, ווען צוזאַמען מיט דער עפּישער פאָרם ווערט זיך אופהייבן אַף אַ העכערן שטאַפּל אויך אונדזער ליריק. דאָס איז באַזונדערס שײַעך צו דער פּאָליטישער ליד, אין וועלכער עס דאַרף זיך לאָזן הערן סײַ דער שעפערישער ענטוזיאַזם, וואָס איז אייגנטימלעך פאַרן סאָוועטישן מענטשן, סײַ דער קאַמף פאַר שאָלעם און סאָציאַלער גערעכטיקייט, סײַ דער פּאַלקס־צאָרן קעגן היטלערס יאָרשים, וואָס זײַנען ליידער נאָך ניט אָפּגעמעקט פון דער ערד".

און צום סאָף — וועגן קריטיק. אין דער ווענדונג פון דער רעדאַקציע ווערט געזאָגט:

„צוטרעטנדיק צו דער אַרבעט אין זשורנאַל, גלייבן מיר, אַז אונדזערע קריטיקער וועלן ווידמען אַ באַזונדערע אופמערקזאַמקייט דעם נײַעם דאָר שרײַבער, וואָס איז איצט טעטיק אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. מערסטנטייל זײַנען די אַקטיווע אָנטיילנעמער פון דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע. אין יענע יאָרן זײַנען זיי געווען נאָך יונגע שרײַבער. איצט שטייען זיי פאַר אונדז, ווי רײַפע קינסטלערישע פּערזענלעכקײַטן. מיר וואַרטן, אַז אונדזער קריטיק זאָל אופדעקן די אייגנאַרט פון די דאָזיקע וואָרטמײַסטערס, אָפּשאַצן זייער באַטײַט פאַר דער ליטעראַטור פון אונדזערע טעג".

דאָס איז געווען אַ געניויע פּראָגראַם, אַ טיפּזיניקע און ווײַטזיכטיקע פּראָגראַם פון דער פאַרשטייענדיקער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור אינעם נײַעם פּעריאָד פונעם סאָוועטישן לעבן. און איצט, אין צוואַנציק יאָר אַרום, קאָנען מיר זיכער זאָגן, אַז די ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט לויט אָט דער פּראָגראַם.

דאָס וויכטיקסטע אין „סאָוועטיש היימלאַנד" איז די פאַרבינדונג מיטן לעבן, מיט דער רעאַלער ווירקלעכקײַט פונעם לאַנד אין נאַציאָנאַלן און אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב. די פאַרבינדונג מיטן לעבן איז אָרגאַניש פאַר דער שאַפונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד", ווי קיינמאָל ניט פאַר קיין אײן צײַטשריפט אין דער גאַנצער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די אידייִשע און שעפערישע פּראָבלעמאַטיק פון די קינסטלערישע ווערק אין אַלע זשאַנרען איז אײַנגאַנצן אַ נײַע אין פאַרגלײַך מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון דער ליטעראַטור אין די פּריִערדיקע עפּאָכעס פון איר אַנטוויקלונג.

די שטורמישע סאָציאַלע אַנטוויקלונג, די רעוואָליוציאָנערע איבערקערענישן, דער קאַלאָסאַלער באַרג־אַרוף פון דער טעכניק און וויסנשאַפט אין XX און באַזונדערס אין XIX יאָרהונדערט ברעכן אַלע נאַציאָנאַלע פאַרצוימונגען, אַלע פּאַטריאַרכאַלע שטייגערישע געווינהײַטן און אופירונגען, אַלע פּסיכאָלאָגישע אַסאָציאַציעס און פאַרשטעלונגען פון דער ווײַטער און אַפילו פון דער ניט ווײַטער היסטאָרישער פאַרגאַנגענהײַט. ס'איז דערשינען אַ נײַע שעפערישע אידייִשע פּראָבלעמאַטיק פון דער קינסטלערישער שאַפונג.

ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט די ייִדישע קלאַסיק געשילדערט דאָס לעבן אין שטעטל און אין דער טכום־שטאָט. נאָך דער רעוואָליוציע איז די סאָוועטישע ייִדישע ליטעראַטור געווען אַ ליטעראַטור פון שטאָט, שטעטל און דאָרף. איצט, נאָך דער גרויסער פּאַטער־

לענדישער מילכאָמע איז זי אין גרונט א ליטעראַטור פון שטאָט. די פריִערדיקע פּראָבלעמאַטיק, וועלכע איז געווען פאַרבונדן מיט נאַציאָנאַלן שטייגער און פּסיכאָלאָגיע, האָט אָנגעווירן איר ענגן באַטײַט און אָפּגעטראָטן דאָס אָרט דער נײַער פּראָבלעמאַטיק פונעם אַלסאָוועטישן לעבן, ווו דעם צענטער פאַרנעמט דאָס אַלגעמיין־סאָוועטישע, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן לעבן פון אַלע ברידער־פעלקער.

דער דאָזיקער פּראָצעס איז כאַראַקטעריסטיש ניט בלויז פאַר דער ייִדישער, נאָר פאַר דער גאַנצער פילנאַציאָנאַלער סאָוועטישער ליטעראַטור. דאָס אָפּגעזונדערטע, דאָס נאַציאָנאַלע אין דער רוסישער, אוקראַיִנישער, ווײַסרוסישער, קאַזאַכישער און אַנדערע ליטעראַטורן ווערט וואָס ווײַטער אַלץ מער פאַרקערפּערט און פאַרווירקלעכט אינעם אַלסאָוועטישן, אַלפאָלקישן לעבן, אין דעם שאַפן און אינעם קאַמף פון אַלע פעלקער, פון דער נײַער סאָוועטישער געמיינשאַפט, פונעם סאָוועטישן פאָלק. אין דער פילנאַציאָנאַלער ליטעראַטור קלינגט אַלץ שטאַרקער דער מאָטיוו פון פעלקער־פרײַנטשאַפט, פון אינטערנאַציאָנאַלער ברודערשאַפט.

די טעכניק און די וויסנשאַפט, דער נײַער שטייגער ניוועלירן ניט דאָס לעבן פון די סאָוועטישע מענטשן, שאַפן ניט אָפּ דאָס נאַציאָנאַלע, דאָס אינדיווידועלע, די פילטאָניקײַט און פילפאַרביקײַט אינעם שטייגער. פּונקט ווי דאָס פּאָליפאָנישע געזאַנג שליסט ניט אויס די באַזונדערע טענער און פילאַרטיקע מעלאָדישע קלאַנגען, נאָר פאַרייניקט זיי אַלע אין א פאַרגאַנצטער מוזיקאַלישער האַרמאָנישער וועלט, אַזוי איז אויך דאָס סאָוועטישע לעבן א האַרמאָנישע איינהײַט פונעם לעבן פון אַלע פעלקער און נאַציאָנאַליטעטן. און אָט דער היסטאָרישער פּראָצעס איז בולעט אויסגעדריקט און אָפּגעשפּיגלט אין דער גאַנצער סאָוועטישער קינסטלערישער ליטעראַטור און אויך, נאַטירלעך, אין דער ייִדישער.

פאַר די צוואַנציק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד" האָט די ייִדישע ליטעראַטור געשאַפן א ריי ווערק אין אַלע זשאַנרען, וואָס פאַרווירקלעכן און פאַרקערפּערן קינסטלעריש די נײַע פּראָצעסן אינעם סאָוועטישן לעבן. די אידייִש־קינסטלערישע פּראָבלעמאַטיק פון די ווערק, וועלכע זײַנען פּובליקירט געווען אין זשורנאַל פאַר אָט דער צײַט, איז אין דער איבערוועגנדיקער מערהײַט אָרגאַניש פאַרבונדן מיט אַלע פּראָצעסן און דערשײַנונגען פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן. דאָס, וואָס איז ביז דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע געווען דער גרונט־מאָטיוו פון דער ליטעראַטור, איז איצט שוין געוואָרן א מין היסטאָרישע פאַרגאַנגענהײַט. די פּראָדוקטיוויזאַציע, דאָס אַרײַנציִען די ייִדישע פאָלקסמאַסן אין דער אינדוסטריע, אין דער לאַנדווירטשאַפט, אין דער קוסטאַרישער קאָאָפּעראַציע האָט אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן פאַרנומען דעם אויבנאָן. די דיכטונג האָט געזונגען וועגן „קײַלעכדיקע וואָכן", „אופגאַנג אויפן דניעפּער", „ניט געדײַגעט", וועגן שטעטל, וועגן „בליִענדיקע מיסטן", „א שטיין צו א שטיין", „געפונענע פונקען", „פּלאַסטן". די פּראָזע האָט דערציילט וועגן „הרעבליעס", „אַגלאָמעראַט", „ביראָבידזשאַן", „שאַכטעס", „דער סטעפּ רופט". אויך די דראַמאַטורגיע האָט מערסטנטייל קאָנצענטרירט די אויפמערקזאַמקײַט אויף די קאָליזיעס און פּראָבלעמען פון פּראָדוקטיוויזאַציע. אין דער קריטיק האָט מען דיסקוסירט אין א ברייטן מאַסשטאַב די פראַגן פון איבערבויען דאָס לעבן אויף נײַע יעסוידעס. דאָס איז געווען א צענטראַלע פּראָבלעם פון דער ליטעראַטור.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, די ליטעראַטור האָט ניט פאַרגעסן די פּראָבלעמען פון דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, פון בירגערקריג, פון די פּאָגראָמען, אאַז״וו. עס איז געשילדערט געוואָרן „מידאַס־האַדין", „שטורעם־טעג", „יוליס", „אין א צײַט אַזאַ", „טאָג אַנטקעגן", „שערבלעך", „כאַדאָשים און טעג", „דער וועג איז אָפן" — די געשעענישן און די געשיכטע פון דער רעוואָליוציע. אין „ברידער", „יאַטן", „יאָסל שינדער", „מינסקער בלאָטעס" האָט די פּאָעזיע באַזונגען דעם רעוואָליוציאָנערן פּאַטאָס פון די פאָלקסמאַסן. דאָס איז געווען און איז ביז איצט צוזאַמען מיט די שילדערונגען פונעם גרויסן פאָטערלענדישן קריג פאַרבליבן א צענטראַלע טעמע אין דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור. אָבער שוין אין די צוואַנציקער און דרײַסיקער יאָרן איז דאָס געווען ניט בלויז א וויכטיקע הײַנטצײַטיקע פּראָבלעם, נאָר אויך א היסטאָרישע טעמע וועגן דער העלדישער פאַרגאַנגענהײַט. און פולשטענדיק הײַנטצײַטיק, דורכויס אַקטועל איז געווען אין דער ליטעראַטור די פּראָדוקטיוויזאַציע.

אינעם נײַעם עטאַפּ פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע איז פאַרבונדן מיט די צוואַנציק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד", איז שוין די אידייִש־קינסטלערישע און שעפערישע פּראָבלעמאַטיק אַן אַנדערע און א נײַע, ווײַל דאָס גאַנצע לעבן איז, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן פריִער, אַן אַנדערס. ווער עס שרײַבט איצט וועגן שטעטל און וועגן דאָרף, וועגן פּראָדוקטיוויזאַציע און וועגן אַרײַנציִען די ייִדישע מאַסן אין דער אינדוסטריע, אין דער לאַנדווירטשאַפט, דער מוז אין זינען האָבן דעם היסטאָרישן אַספּעקט פון אָט דער פּראָבלעמאַטיק. די ייִדישע פאָלקסמאַסן זײַנען שוין פון לאַנג פּראָדוקטיוויזירט, זיי אַרבעטן אין דער אינדוסטריע, אין דער לאַנדווירטשאַפט באַנאַנד מיט די מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. די הײַנטצײַטיקע פּראָבלעמאַטיק פון דער ייִדישער ליטעראַטור איז דאָס לעבן פונעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, פונעם סאָוועטישן מענטשן אויף דער קאָלווירטישער ערד,

אין שטאָט און אױף די בױונגען, אין הימל, אױף די יאַמען און אין קאָסמאָס, אין די זאַװאָדן און סאָװכאָזן, אין װיסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן און אין דער טעאָרעטישער װיסנשאַפט. הײַנטצײַטיקײַט איז איצט אין דער ליטעראַטור דער קאַמף פאַר שאָלעם, קעגן נעאָפאַשיזם, קעגן אימפּעריאַליזם, ציִעניזם און ראַסיזם אין אינטערנאַציאָנאַלן מאַסשטאַב.

פאַר די צװאַנציק יאָר „סאָװעטיש היימלאַנד" האָט די ייִדישע ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד זיך אױפגעהױבן אױף אַ גאָר הױכער שטופע פון קינסטלערישן פאַרקערפּערן ניט בלױז נאַציאָנאַלע, נאָר אַלמענטשלעכע אינטערנאַציאָנאַלע דערשײַנונגען פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן. דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע זשאַנרען, קױדעמקאָל פון דער פּראָזע — פאַרן ראָמאַן, דערציילונג, נאָװעלע, פאַרצייכענונג, ס'איז אין אַ ברייטן מאַסשטאַב פאַרקערפּערט די אידייִש־שעפערישע פּראָבלעמאַטיק פון אונדזער צײַט; דער קאַמף קעגן פאַשיזם, קעגן אימפּעריאַליזם און מילכאָמע, די דערגרייכונגען אין דער בױונג פון דער אינדוסטריע און לאַנדװירטשאַפט, דער טריִומף פון דער װיסנשאַפט און קולטור, דער פאַרבעסערטער לעבנסשטײגער פונעם פאָלק, די פּסיכאָלאָגיע פונעם מענטשן אין אונדזער צײַט. עס װערן באַהאַנדלט און באַלױכטן פראַגן פון זיטלעכקײַט און מאָראַל, פאַרשײדענערלײ שװעריקײַטן און װידערשפּרוכן אינעם קאַמף פאַר דער װײַטערדיקער דיִאַלעקטישער אַנטװיקלונג.

אַ װיכטיקע דערגרייכונג פון „סאָװעטיש היימלאַנד" אין װענדן און ריכטן די ליטעראַטור צו די װיכטיקסטע פּראָבלעמען פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן פון דעם פאָלק זײַנען אַ רײ בוך־אױסגאַבעס, װאָס די רעדאַקציע האָט געבראַכט דעם לייענער אין פאַרלױף פון די צװײ צענדליק יאָר. איך האָב דאָ אין זינען אין דער ערשטער רײ ל. אי. ברעזשנעװס אױטאָביִאָגראַפישע טרילאָגיע אין דער איבערזעצונג אױף ייִדיש, װי אױך די זאַמלונג פון דאָקומענטאַלע נאָװעלן, פאַרצייכענונגען, רעפּאָרטאַזשן „אַזױ לעבן מיר" (1964), די אַנטאָלאָגישע זאַמלונג „האָריזאָנטן" פון דער הײַנטצײַטיקער סאָװעטישער ייִדישער דיכטונג (1965).

אינעם ארײַנפיר צו דער זאַמלונג „אַזױ לעבן מיר" װערט געזאָגט:

„װיִאַזױ לעבן ייִדן אין סאָװעטנפאַרבאַנד? מיט װאָס פאַרנעמען זײ זיך, װוּ װױנען זײ, װאָסער סוױװע רינגלט זײ אַרום אין די זעכציקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט? צי איז נאָך הײַנט פאַרבליבן ערגעץ־װוּ אין די געװעזענע גובערניעס פון דער געװעזענער רוסלענדישער אימפּעריע אַ סימען פון דער טכום־װאָנט, װאָס האָט אַזױ אומזיניק אָפּגעצױמט דאָס באַדנלאָזע ייִדישע שטעטעלע פון דער אַרומיקער װעלט?

װי גרױס איז דער בײַטראָג פון די סאָװעטישע ייִדן אין דער טיטאַנישער מי פון די פאַרברידערטע פעלקער? צי זײַנען פאַראַן, װי אַמאָל, ספּעציפישע „ייִדישע פּראָפעסיעס", צי פאַרקערט, די ייִדן אין סאָװעטנפאַרבאַנד זײַנען אַרבעטער און קאָלװירטניקעס, געאָלאָגן, געלערנטע, צעליניקעס, פּילאָטן, אינזשעניערן, טראַקטאָריסטן, שאָפערן, עלעקטריקער, מאַשיניסטן?

אין דער עפּאָכע פון קאָסמאָס און אַטאָם, אין לאַנד, װאָס בױט דעם קאָמוניזם, האָט פאַר די לעצטע פאַר יאָרצענדליקער זיך באַװיזן ניט װייניק נײַס אױך אין דעם לעבן פון די ייִדן, װעלכע טיילן גלײַך אױף גלײַך מיט אַלע איבעריקע סאָװעטישע פעלקער סײַ די רעכט, סײַ די פליכטן פון בירגער פון אַ נײַער װעלט. אױב אַפילע ריידן בלױז װעגן דעם סאַמע װיכטיקסטן, איז דאָך קלאָר, אַז די צײַט פון דער אַזױגערופענער פּראָדוקטיװיזאַציע פון די ייִדן פון די טכום־געביטן, ד.ה. די צײַט, װען דער „לופטמענטש" האָט געהאַלטן אין װערן אַ מענטש פון פּראָדוקטיװער מי, — די דאָזיקע צײַט איז שױן לאַנג אַדורך, און נײַע, גאָר נײַע שטריכן פונעם פאָלקס־כאַראַקטער, נײַער שטײגער, נײַע פּסיכאָלאָגיע זײַנען איצט באַשײַמפערלעך צו זען באַם סאָװעטישן ייִדן — דעם מענטש פון די זעכציקער יאָרן".

און אַזױ די גאַנצע צײַט, אַלע צװאַנציק יאָר פירט די רעדאַקציע קאָנסעקװענט און אַקשאָנעסדיק די ליטעראַטור אױפן װעג פון ענגער פאַרבינדונג מיט דער הײַנטצײַטיקײַט, מיט די ברענענדיקע אַקטועלע פּראָבלעמען פון קאַמף און שאַפונג. אין 1977 איז דער צענטער נומער פונעם זשורנאַל אינגאַנצן געװידמעט דער נאָװעלע. אונטערן קעפּל „נײַע פּראָזעװערק אױף הײַנטצײַטיקע טעמעס" זײַנען אין זשורנאַל פאַרעפנטלעכט זעקס און צװאַנציק גרעסערע און קלענערע דערציילונגען, װעלכע שטעלן מיט זיך פאָר אַ דערגרייכונג פון דער ייִדישער סאָװעטישער פּראָזע. דערנאָך האָבן מיר באַקומען די צװײ נומערן פאַרצייכענונגען פונעם זשורנאַל (דעקאַבער 1978 און דעקאַבער 1979), װאָס זײַנען געװידמעט אינגאַנצן פּראָבלעמען פון דער הײַנטצײַטיקײַט, און דעם ערשטן נומער פון 1981, װעלכער איז אױך אינגאַנצן פאַרפולט מיט דאָקומענטאַלע קינסטלערישע מאַטעריאַלן װעגן װיכטיקע פראַגן פונעם הײַנטצײַטיקן לעבן.

אַ װיכטיקער אױפטו איז די כױדעשלעכע בײַלאַגע צום זשורנאַל, װעלכע די לייענער באַקומען איצט צו יעדן נומער „סאָװעטיש היימלאַנד". דאָס איז אַ דערגרייכונג פון דער גאַנצער ליטעראַטור. אין דער בײַלאַגע דערשײַנען װערק װעגן אַקטועלע פראַגן פונעם שעפערישן און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן באַ אונדז אין לאַנד און אין אױסלאַנד.

דערמיט װיל איך ניט זאָגן, אַז „סאָװעטיש היימלאַנד" איז אַ זשורנאַל בלױז פון הײַנטצײַטיקײַט, אַז עס װערן איגנאָרירט פּראָבלעמען פון געשיכטע, ליטעראַטור־געשיכטע און עס

ווערט ניט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פֿונעם פֿאָלק אין דער פֿאַרגאַנגענהייט. פֿאַר צוואַנציק יאָר זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן וויכטיקע קינסטלערישע היסטאָרישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע מאַטעריאַלן וועגן דעם לעבן פֿונעם פֿאָלק אין דער נאָענטער און ווײַטער פֿאַרגאַנגענהייט. נאַטאַן זאַבאַרעס עפּאָפּיי „גאַלגאַל האַכויזער״, לעמאָשל, איז אַ ברייטע היסטאָריש־קינסטלערישע שילדערונג פֿון אַן עפּאָכע, וועלכע איז פֿון אונדז דערווײַטערט אויף אַ מעהאַלעך פֿון זיבן הונדערט יאָר.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז בוילעט אָפּגעשפּיגלט די אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער פּאָעזיע אינעם נײַעם עטאַפּ פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. אויך די דיכטונג איז אינגאַנצן דורכגעדרונגען מיטן הײַנטצײַטיקן לעבן פֿונעם פֿאָלק. באַזונדערס איז דאָס כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער ליריק אין מײַן אַרטיקל „וועגן דער ייִדישער סאָוועטישער פּאָעמע״ („סאָוועטיש היימלאַנד״ נומ. 4 און 5 פֿאַרן 1980) האָב איך שוין באַמערקט, אַז אין די לעצטע יאָרן איז דער עפּישער זשאַנער אָפּגעשטאַנען אין פֿאַרגלײַך מיטן לירישן. פֿאַר די צוויי צענדליק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד״ זײַנען, צום באַדויערן, געשאַפֿן געוואָרן גאָר ווייניק פּאָעמעס. די איבערוועגנדיקע מערהייט דיכטער האָבן געשאַפֿן אין לירישן זשאַנער — פּאָליטישע ליריק, ליבע־ליריק, פּייזאַזש־ליריק.

די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע ליריק איז, ווי די גאַנצע סאָוועטישע ליטעראַטור, ענג פֿאַרבונדן מיטן לעבן פֿונעם סאָוועטישן מענטשן. די פּאָליטישע און פּאַטריאָטישע לירישע ליד פֿאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דער שאַפֿונג פֿון אַלע סאָוועטישע ייִדישע דיכטער. שוין אין דער פֿריִער דערמאָנטער זאַמלונג „האָריזאָנטן״ איז צו באַמערקן אָט די טענדענץ פֿון דער הײַנטצײַטיקער ליריק.

דער אויפֿשטײַג פֿון דער ליריק פֿאַר די צוויי צענדליק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד״ איז אַ ביז גאָר באַדײַטנדיקער פֿאַקטאָר אין דער געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַטור.

ווייניקער באַדײַטנדיק פֿאַר די צוואַנציק יאָר זײַנען די דערגרייכונגען פֿון דער דראַמאַטורגיע. אויסער ב. מילערס פּיעסן, וועלכע זײַנען געשטעלט געוואָרן אויף דער בינע פֿון די ייִדישע טעאַטערן, זײַנען די דראַמאַטישע ווערק (פֿון אַ. ווערגעליס, י. יאָסאַדע, ב. זאַבאַרע, ש. גאָרדאָן, מ. אַלטמאַן) געבליבן בלויז אַלס „לעזע״־ווערק.

וואָס איז שײַך דער קריטיק, איז זי געשטאַנען אויף דער הייך פֿון די אויפֿגאַבן, וואָס די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געשטעלט פֿאַר איר. און אַנדערש קאָן ניט זײַן. די קריטיק איז ענג צוזאַמענגעבונדן מיט דער ליטעראַטור. פֿאַר צוואַנציק יאָר „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט די קריטיק געשטעלט פּראָבלעמען פֿון דער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור: וועגן איר העמשעך, וועגן דער אַנטוויקלונג פֿון זשאַנרען אאַז״וו. הײַנטצײַטיקייט איז געווען און בלײַבט די צענטראַלע מאַגיסטראַל פֿון דער סאָוועטישער ייִדישער פּראָזע און פּאָעזיע. אין די פּילצאָליקע אַרטיקלען, אָפּהאַנדלונגען, איבערזיכטן, רעצענזיעס האָט די קריטיק געגעבן אָפּשאַצונגען פֿון אַלע נײַע ווערק, וואָס די הײַנטצײַטיקע ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער האָבן געשאַפֿן. אין דער ליטעראַטור־פֿאָרשונג זײַנען באַטראַכט געוואָרן פּראָבלעמען פֿון פֿאַרבינדונג צווישן דער ייִדישער ליטעראַטור און דער רוסישער, צווישן דעם קלאַסישן און סאָוועטישן פּעריאָד. עס זײַנען פֿאַרעפֿנטלעכט געוואָרן ווועגן אַרבעטן וועגן די עלטערע דורות פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור. די קריטיק אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ האָט שטענדיק געשטעלט דעם פּראָגנאָז פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער ליטעראַטור אין העסקעם מיט די אויפֿגאַבן, וואָס זײַנען געשטאַנען און שטייען פֿאַרן גאַנצן לאַנד.

ניט געקוקט דערויף, וואָס פֿאַר די צוואַנציק יאָר זײַנען פֿון אונדז אַוועק אין דער אייביקייט אַזויפֿיל ליטעראַטור־קריטיקער (נאָכעם אויסלענדער, אויזער האָלדעס, כאַיִם לויצקער, מוישע נאָטאָוויטש, ייִסראָעל סערעבריאַני, גליזער, די ביבליאָגראַפֿן כאַצקל נאַדעל, אַבע פֿינקעלשטיין און אַנד.), איז די קריטיק אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן. באַנאַנד מיט די פּראָפֿעסיאָנעלע ליטעראַטור־פֿאָרשער האָבן אין דעם געביט אַקטיוו זיך באַטייליקט אַ היפּשע צאָל פּראָזאיִקער און דיכטער, וועלכע האָבן געבראַכט אַ באַדײַטנדיקן בײַטראָג אין דער טעטיקייט פֿון דער קריטיק.

(סאָף קומט)

נאַטע לוריע

צוויי קאַפּיטלען פונעם פערטן טייל פון דעם ראָמאַן „הימל און ערד"

די דערשינענע צוויי הונדערט צוואַנציק בענדער פון „סאָוועטיש היימלאַנד" זײַנען אַן אויצער פון הײַנטצײַטיקער קינסטלערישער שאַפונג — פון טאַלאַנטפולער דיכטונג, פּראָזע, דראַמאַטורגיע און אַנדערע זשאַנרען, אין וועלכע ס'איז ברייט און פּילזײַטיק אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פונעם פאָלק אין פאַרשיידענע פּעריאָדן, דער אַקטיווער אָנטייל פונעם סאָוועטישן ייִדנטום אינעם לעבן פון דעם לאַנד.

וועגן זיך קאָן איך זאָגן: דאָס, וואָס מיר האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפן די ראָמאַנען „הימל און ערד", „די געשיכטע פון א ליבע" און דאָס איבעריקע, וואָס האָט זיך געדרוקט, האָב איך אין א היפּשער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם זשורנאַל. דעריבער איז מיר אַזוי אָנגענעם צו איבערגעבן פאַר זײַנע לייענער אין אָט דער מערקווירדיקער דאַטע צוויי פראַגמענטן פונעם ווערק, איבער וועלכן איך אַרבעט איצט.

נאַטע לוריע

שעפּטל און אַרעשין

ווען דער נידעריטשקער סטאַרשינאַ האָט פון דער פּלאַטפאָרמע, ווו דער מיליטער־עשעלאָן האָט געהאַט זיך אָפּגעשטעלט, הייזעריקלעך אויסגערופן: „אַרעשין אַלעקסיי איוואַנאָוויטש!", האָט בא שעפּטלען, וועלכער איז געשטאַנען דערבײַ בא דער ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטער טעפּלושקע־טיר, עפּעס מאָדנע א טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ. אין יענער רגע האָט ער נאָך אַליין קלאָר ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. באַלד אָבער נאָך דעם, ווי אַלעקסיי איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם טרעפּל און אַוועקגעשפּאַנט קווער דעם עשעלאָן צו דעם שטאַבוואַגאָן, האָט שעפּטל זיך פלוצלינג געכאַפּט, אַז די פאַמיליע, וועלכע דער סטאַרשינאַ האָט אויסגערופן, איז אים זייער קענטלעך. „אַרעשין... אַלעקסיי אַרעשין...". שעפּטלען איז מיט־אַמאָל אַזש הייס געוואָרן. — צי דען זאָל זײַן, אַז ס'איז ער?.. עלקעס מאַן? נו, יאָ. ס'איז דאָך די פאַמיליע פון איר מאַן... אַרעשין... אַלעקסיי אַרעשין... ער געדענקט עס זייער גוט. דעמלט, אין הולײַפּאָליע, ווען ער, שעפּטל, איז צום ערשטן מאָל געווען בא עלקען צוגאַסט און געפרעגט בא איר טעכטערל, בא סוועטקען, ווי איז איר פאַמיליע, האָט זי מיט א ווײַבנדיקער שטים געענטפערט: „אַרעשינאַ". ער האָט דעמלט אפילו געזאָגט, אַז ס'איז א שיינע פאַמיליע. און דעם נאָמען האָט ער אויך גוט פאַרגעדענקט. נו, יאָ... „אַלעקסיי"... — שעפּטל האָט האַסטיק איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און מיט דער ברייטער דלאָניע א וויש געטאָן דעם געדיכטן שווייס, וואָס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן.

„זאָל זײַן, אַז ס'איז טאַקע עלקעס מאַן? ווי קומט ער אָבער אַהער? ניין, ס'איז ניט ער. עס זײַנען דען ווייניק פאַראַן אַרעשינס אויף דער וועלט?.. ער האָט דאָך אָבער געזאָגט, אַז ער האָט געוווינט אין טשיטאַ. און אין הולײַפּאָליע איז ער אויך געווען... נו, דעריבער איז וואָס? אין טשיטאַ האָבן געקענט וווינען א סאַך אַרעשינס... אָבער ווי קומט ער צו זײַן

אין הולײַפּאַליע? אויב אַזוי, איז עס טאַקע ער. ס'איז ער, עלקעס מאַן... מע דאַרף גלײַך אָנשרײַבן עלקען, — האָט שעפּטל אָן אופגערודערטער א טראַכט געטאָן, — צו וויסן געבן איר, דערפרייען זי. זי האָט דאָך זייער איבערגעלעבט, ניט געוווּסט, וואָס איז מיט אים, אין איינע שרעק געווען, צי ער איז, כאָלילע, ניט אַרײַנגעפאַלן צו די היטלעריסטן אין די הענט... נאָר... צי דען האָט ער איר ניט געשריבן, ניט געגעבן צו וויסן וועגן זיך, וועגן דעם, אַז ער איז אין דער אַרמיי? — זײַנען שעפּטלען באַפאַלן נײַע ספּייקעס, — ניין, ס'קאָן ניט זײַן. ס'איז ניט עלקעס מאַן... און עפּשער זײַנען די בריוו פאַרפאַלן געוואָרן, ניט דערגאַנגען צו איר?.."

מיט ניט געהאַרכזאַמע פינגער האָט שעפּטל פאַרדרייט א גראָבן ציגאַר, זיך דורשטיק פאַרצויגן, א צעשטרייטער, אַלע ווײַלע אַרויסגעקוקט פון דער טעפּלושקע, געגנישטערט מיט די אויגן, מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז יענער זאָל שוין וואָס גיכער זיך אומקערן. „פאַרוואָס האָב איך זיך ניט דערטראַכט פרעגן בא אים זײַן פאַמיליע, — האָט שעפּטל זיך ניט געקענט מויכל זײַן, — גיי ווייס, גיי ריכט זיך. וווּהין זשע האָט מען אים עס אַרויסגערופן? צום קאָ־מיסאַר? פאַרוואָס נאָר אים?" — שעפּטל האָט אפילע ניט דערײַכערט, אוועקגעוואָרפן דעם אָקוראָק און גלײַך פאַרדרייט נאָך א ציגאַר, ווידער פאַררײַכערט און ווידער אַרויסגעקוקט אַהין, ווו ס'האָט זיך געפונען דער שטאַב־וואַגאָן. געוואַרט, אַז פון דאָרט זאָל אַרויס אַרעשין. נאָר אַרעשין האָט זיך ניט געוויזן. שעפּטל האָט שוין געוואָלט אָפּזוכן דעם סטאַרשינאַ. בא אים עפּשער זיך דערוויסן. אין דער זולבער רעגע האָט ער דערפילט, אַז דער עשעלאָן האָט זיך גערירט. „זיך ניט אומגעקערט", — האָט ער מיט א שווער געמיט א טראַכט געטאָן, קוקנ־דיק אַף דער פאַרבײַשווימענדיקער פּלאַטפאָרמע, — „וואָס זאָל עס באַדײַטן? וואָס האָט געקענט געשען מיט אים?.."

און געשען איז אָט וואָס:

אַרײַנגעגאַנגען אין וואַגאָן, איז אַלעקסיי, צולייגנדיק די אויסגעצויגענע דלאָניע צו דער ענגער פּילאָטקע, געבליבן שטיין אַנטקעגן דעם פּריש אַרומגעהובלטן טישל, בא וועלכן ס'איז געזעסן דער קאָמיסאַר, און ראַפּאָרטירט, ווי ס'איז אין אַזעלכע פאַלן פאַרויסגעזען לויטן אוסטאַוו.

בא דעם באַיאָרטן קאָמיסאַר, אין דער שפּאַגל־נײַער אוניפאָרם מיט צוויי שפּאַלעס פון ביידע זײַטן קאָלנער, האָט דאָס ריין ראַזירטע פּאָנעם אויסגעזען שטרענג. אויסער אים האָבן אין וואַגאָן זיך געפונען עטלעכע יונגערע טשינען. דער קאָמיסאַר האָט אָנגעטאָן די ברילן, וועלכע זײַנען געלעגן אַנטקעגן אים אַפן טיש.

— זײַנט איר, הייסט עס, אַרעשין? — האָט ער זיך אָנגערופן, באַטראַכטנדיק אַלעקסייען פון קאָפּ ביז די פיס, — פאַר געוואַגטקײַט און אַרויסגעוויזענעם מעסירעסנעפעש אין שלאַכט קעגן די פאַשיסטישע פאַרכאַפּער זײַנט איר באַלוינט מיטן אָרדען „רויטער שטערן".

אָנבייגנדיק זיך עטוואָס, האָט ער צוגעפּעסטיקט צו אַלעקסיי אַרעשינס גימנאַסטיאַרקע דעם אָרדען, אויסגעגלײַכט זיך, ווי אַף א פּאַראַד, און פײַערלעך אַרויסגעבראַכט:

— אין נאָמען פון דער קאָמאַנדשאַפט באַגריס איך אײַך מיט דער הויכער רעגירונגס־באַלוינונג...

ווען אַלעקסיי איז אַרויס פונעם וואַגאָן, האָט דער עשעלאָן זיך שוין גערירט. זײַן טע־פּלושקע, האָט ער פאַרשטאַנען, וועט ער שוין ניט דעריאָגן. זי איז געווען אין אָנהייב עשע־לאָן, און פאַר זײַנע אויגן האָבן געשווינדלט די לעצטע וואַגאָנען. אָנגענומען א פולע ברוסט מיט לופט, האָט אַלעקסיי פלינק א שפּרונג געטאָן און אַרופגעכאַפּט זיך אַפן ערשטן פאַרבײַ־שווינדלענדיקן טרעפּל. דער אַנטקעגנדיקער ווינט האָט אים שטאַרק א שטויס געטאָן אין ברוסט, ווי ער וואָלט אים וועלן אומוואַרפן אַף צוריק. אַלעקסיי האָט זיך אײַנגעקלאַמערט אין דער פּאָרענטש, זיך פאַרקליבן אין טאַמבור, דאָרט האָט דער ווינט אַזוי ניט געבלאָזן, און אַלעקסיי האָט פרײַער אָפּגעטעמט. „נאָך גוט, וואָס ער האָט זיך ניט פאַרלוירן. איין רעגע — און געקאָנט אָפּשטיין פונעם עשעלאָן". ער האָט א ריר געטאָן מיט דער האַנט דעם אָרדען, און אַפן געדאַנק איז אים געקומען, אַז עלקע וועט דאָרט, ווו זי געפינט זיך (ווו נעמלעך, האָט ער ניט געוווּסט), מעגלעך, איבערלייענען אין צײַטונג דעם אוקאַז וועגן דער באַלוינונג און וועט אַף אַזאַ אופן זיך דערוויסן וועגן אים. סאַראַ פרייד וועט עס זײַן פאַר איר און פאַר סוועטען!..

דער לאָקאָמאָטיוו האָט עטלעכע מאָל פאַרשטיקט א פײַף געטאָן. אַלעקסיי האָט אַרויסגע־קוקט פונעם טאַמבור. ס'איז אים שוין דערעסן געוואָרן שטיין דאָ. אים האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרײַן צו זיך אין טעפּלושקע. זײַן נײַער באַקאַנטער קאָן שוין דאָרט וואַרטן אַף אים. קיין סטאַנציע האָט זיך נאָך ניט געזען. דער אונטערסאָפּענדיקער צוג האָט זיך אַרויסגע־ריסן פונעם סאָסנע־וואַלד און מיט א ראַש זיך דורכגעטראָגן איבער א ניט גרויסער בריק.

באלד נאָך דער בריק האָבן זיך אוועקגעצויגן ניט קיין צוגעקליבענע פעלדער, איבער וועלכע מע האָט געטריבן גרויסע סטאַדעס פֿי.

מיט א ראַשיקן טומל האָט זיך דורכגעטראָגן אן אנטקעגנדיקער צוג. ווען ער איז פאַרשווונדן, האָט פונדערווײַטן זיך באַוויזן א ייִשעוו.

אינגיכן האָט דער עשעלאָן זיך אָפּגעשטעלט לעבן א קלייניקער סטאַנציע. אַלעקסיי איז אַראָפּגעשפּרונגען אף דער הילצערנער פּלאַטפֿאָרמע, און, צוהאַלטנדיק דעם אָרדען בא דער ברוסט, אוועקגעלאָפן צו זײַן טעפּלושקע.

שעפּטל האָט אים דערזען נאָך פונדערווײַטן, געפּאַכעט צו אים מיט דער פּילאָטקע. ווען אַלעקסיי איז צוגעלאָפן, האָט שעפּטל אים אויסגעשטרעקט די האַנט און געהאָלפן ארופהייבן זיך אין וואַגאָן.

— איך האָב שוין ניט אָנגעהויבן צו וויסן, וואָס עס איז געשען מיט אײַך, ארויסגעקוקט, געוואַרט. זאָגט, אײַער פאַמיליע איז אָרעשין? — האָט שעפּטל א פרעג געטאָן.

— וואָסי דען? — אַלעקסיי האָט ניט פאַרשטאַנען, אנטקעגן וואָס ער פרעגט עס.

— קומט בעסער אהין, לאָמיר זיך צוזעצן, — האָט שעפּטל א ווײַז געטאָן אף דער אונטערשטער נאַרע אין ווינקל.

די רויטאַרמייער זײַנען געזעסן גרופּעסווײַז אין מיטן פון דער טעפּלושקע און געשפּילט אין דאָמינאָ.

שעפּטל און אָרעשין האָבן זיך צוגעזעצט אינעם האַלב־טונקעלן ווינקל אף דער ליידיקער נאַרע.

— איך האָב געוואַרט אף אײַך, זייער געוואַרט, — האָט שעפּטל עטוואָס פאַרטויבט, ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט צום גערויש פון די רעדער איבער די רעלסן, זיך אָנגערופן. — איך... מעגלעך, אז איך האָב א טאָעס... נאָר מיר דוכט זיך, אז איך קען אײַך... דאָס הייסט, כ׳מיין ניט אײַך פערזענלעך. נאָר ווי זאָל איך אײַך זאָגן. כ׳ווייס וועגן אײַך... איר זײַנט אָרעשין? אַלעקסיי איוואַנאָוויטש? ריכטיק?..

— ריכטיק, יאָ, אזוי הייס איך, — אָרעשין האָט אופמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין שעפּטלען, סטאַרענדיק זיך דערמאָנען, ווו און בא וועלכע אומשטענדן זיי האָבן זיך געקאָנט זען, — פונוואַנען קענט איר מיך?

— ניין, ניט אײַך זעלבסט... נאָר... איר האָט, דוכט זיך, געזאָגט, אז איר האָט געוווינט אין טשיטאַ? — האָט שעפּטל א פרעג געטאָן, קעדיי אן איבעריק מאָל זיך איבערצײַגן, אז ער האָט ניט קיין טאָעס.

— יאָ, געוווינט אין טשיטאַ.

— און איר זײַנט געווען אויך אין הוליַיפּאָליע?

— געווען.

— און... אײַער טעכטערל הייסט סוועטע?

— איר קענט מײַן טעכטערל? — האָט אַלעקסיי א שטאַרק פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

— אי דאָס טעכטערל, אי די פרוי אײַערע.. עלקען...

— איר ווייסט עפּעס וועגן זיי? איר האָט זיי געזען?

— איך בין געווען בא זיי...

— ווען? ווו? זינט ס׳האָט אויסגעבראָכן די מילכאָמע האָב איך פון זיי קיין איין בריוו ניט געהאַט, — ווו האָט איר זיי געזען? ווען? — האָט אַלעקסיי מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם געפרעגט, און מיטאַמאָל דערהערט, ווי עמעצער האָט אויסגעשריען: „וואָזדוך!“...

— וואָזדוך! — האָט זיך אופגעהויבן אן אַליאַרעם.

— וואָזדוך!..

שעפּטל און אַלעקסיי האָבן באַגלײַך מיט אַלעמען זיך געלאָזט צו דער ברייט פאַנאַנדערגעעפנטער טיר. אנטקעגן, אין הימל, האָבן זיך באַוויזן עטלעכע „יונקערס“. זיי האָבן זיך דערנעענטערט אהער. דער לאָקאָמאָטיוו האָט גרויזאַם געפּײַפט, געוואָרנט וועגן א סאַקאָנע.

די רויטאַרמייער, מיט אוטאָמאַטן און ביקסן אין די הענט, האָבן זיך געשטופּט בא דער אָפענער טיר, געשפּרונגען אראָפּ פון דער טעפּלושקע אפן געלבלעכן ערד־אָנשיט.

שעפּטל איז אַראָפּגעשפּרונגען באלד נאָך אַלעקסייען, געלונגען אומגעפאַלן אף דער פּלייצע, האָט ער זיך אופגעזעצט און געוואָלט אָפּזוכן אַלעקסייען. אין דער זעלבער רעגע האָט די ערד אונטער אים א ציטער געטאָן. ערגעץ ניט ווײַט האָט, אופטרייסלענדיק די לופט, זיך אופגעריסן א באָמבע.

די רויטאַרמייער האָבן זיך געלאָזט לויפן צו דעם דערבײַיִקן וואַלד. אײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען, איז שעפּטל אויך געלאָפן אהין. אים האָט זיך געדוכט, אז אַלעקסיי לויפט

עטוואָס רעכטס, ניט ווײַט פון אים. אין וואַלד אָבער, וויפל ער האָט ניט געגישטערט מיט די אויגן, האָט ער אים ניט געזען.

די „יונקערס" האָבן געבושעוועט. לעבן דער אײַזנבאַן־ליניע האָט זיך אופגעריסן נאָך א באָמבע, און באַלד נאָך איינע.

— פײַער!.. איבער די פאַשיסטישע שפּאַרבערס — פײַער! — האָט זיך דערטראָגן א קאָמאַנדע.

אין וואַלד האָט זיך צעהילכט א שיסערײַ.

אראָפּגעוואָרפן נאָך עטלעכע באָמבעס, האָבן די „יונקערס" פארקערעוועט אף מײַרעוו און פארשווונדן געוואָרן.

ארויסהויכנדיק פון זיך שווארצע קנוילן רויך, האָט דער לאָקאָמאָטיוו שווער געסאָפּעט, געפײַפט, גערופן וואָס גיכער פארנעמען צוריק די ערטער אין די טעפּלושקעס.

די ארמייער האָבן אונטערגעקליבן די פארוווּנדעטע, געטראָגן זיי צו דער טעפּלושקע, פון וועלכער עס האָט זיך געהערט א ווייטעקדיק קרעכצן. די דערהארגעטע האָט מען איינעם נאָכן אנדערן ארײַנגעטראָגן אין דעם לעצטן וואַגאָן.

שעפּטל, א שטארק פארזאָרגטער, איז געלאָפן הין און צוריק לענגויס דעם עשעלאָן, ארײַנגעקוקט אין די טעפּלושקעס, געזוכט אלעקסייען. אין ערגעץ אים ניט געטראָפן. פּלוצלינג איז דאָס הארץ בא שעפּטלען פארקילט געוואָרן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אז מע האָט ארײַנגעטראָגן אין לעצטן וואַגאָן עלקעס מאַן — אלעקסייען. שעפּטל האָט זיך געלאָזט לויפן אהין, נאָר דער צוג האָט זיך גערירט פון אָרט. א פארלוירענער, א דערצאָרנטער, א באַגאָסענער מיט קאַלטן שווייס, האָט שעפּטל זיך פארנומען צוריק, קוים באוויזן זיך ארופכאַפּן צו זיך אין טעפּלושקע...

שעפּטל

העכער דרײַ שווערע ווינטערדיקע וואָכן האָט דער עלטערער סערזשאַנט שעפּטל קאָבילעץ זיך געפונען ווידער אף די פאָדערשטע פּאָזיציעס, באַטייליקט זיך מיט זײַנע אווטאָמאַטלער אין די אָנגרײַפנדיקע שלאַכטן, געווען אין סאַמע פײַער און צוזאַמען מיט אלע די, וועלכע האָבן זיך געשלאָגן אף לעבן און טויט, איבערגעלעבט די ביז גאָר געגארטע, אומגעהײַערע פרייד פונעם זיגרײַכן צשמעטערן דאָס היטלערישע כאַיל הינטער מאָסקווע.

דעם זעקסטן מארט האָט די גווארדיע־דיוויזיע געדאַרפט לויטן באפעל אָפּגעפירט ווערן פון די פאָדערשטע פּאָזיציעס אף איבערפאָרמירונג און אָפּרו. און מיט א מעסלעס פאר דעם, דעם פינפטן מארט, שוין צו פארנאַכט־צו, אין דער פארביסענער שלאַכט באַם באפרײַען די שטאָט יוכנאָוו, איז שעפּטל פארוווּנדעט געוואָרן.

אָפּגייענדיק מיט בלוט, האָט ער מיט פארשטשעמעטע ציין פאָרגעזעצט פון הינטער דעם שניי־בערגל באַשיסן דעם סוינעס לעצטן פארפעסטיקטן פונקט, ניט ארויסגעלאָזט דעם אווטאָמאַט פון די אונטערציטערנדיקע הענט, ביז ער איז ניט געבליבן ליגן אפן פארבלוטיקטן שניי אָן באוווּסטזײַן.

ערשט אין דיוויזיאָנעם מעדסאַנבאַט נאָך א בלוט־איבערגיסונג איז שעפּטל געקומען צו זיך, זיך דערוווּסט, אז עטלעכע סאַנריאַד־שפּליטערס האָבן אים געטראָפן אין לינקן פוס ניִדעריקער און העכער פונעם קנעכל. ער איז פארבליבן שטארק דערצאָרנט: „אזויפיל געפארן אין די שווערסטע שלאַכטן אויסגעמיטן, און אָט, נאַ דיר, אין דער לעצטער מינוט, קאָן מען זאָגן... דער רוועך האָט מיך געטראָגן אריבערלויפן עטלעכע שפּאַן צו אָט דעם פארשאָלטענעם שניי־בערגל, — האָט ער זיך אויסגעגעסן דאָס הארץ, — גיי ווייס, אז פונקט דאָרט וועט עס מיך טרעפן..."

אין דיוויזיאָנעם מעדסאַנבאַט האָט א יונגינקע בלאָנדע כירורגן ארויסבאַקומען די שפּליטערס פון די וווּנדן, ארופגעלייגט גיפּס־באַנדאַזשן אפן פוס, און אין עטלעכע טעג ארום האָט מען שעפּטלען מיט נאָך פארוווּנדעטע אָפּגעפירט אפן עוואַקאָ־פּונקט, און פון דאָרט, אין שפּעטן אָוונט, אף שליטנס צו דעם אָנגעקומענעם סאַניטאַר־צוג, וועלכער איז מיט אראָפּגעלאָזטע שווארצע שטאָרעס איבער די וואַגאָן־פענצטער פארטײַעט געשטאַנען בא דער ניט לאַנג באפרײַטער שטארק צעבאָמבירטער אײַזנבאַן־סטאַנציע.

דער סאַניטאַר־וואַגאָן, ווו די פארהאוועטע מעדשוועסטער אין זויבערע ווײַסע כאַלאַטן האָבן באַלייגט שעפּטלען אף אַן אונטערשטער קויקע, האָט ניט געהאַט קיין קופּעען, קיין

װענטלעך, קײן פֿאַלקעס, אױסגעזען, װי אַ גרױסע גערמאַ פּאַלאַטע מיט אונטערגעהאַנגענע קױקעס אין צװײ יאַרוסן.

אַרום די קױקעס מיט די פֿאַרװוּנדעטע האָט זיך געײסעקט דער מעדפֿערסאָנאַל, איבער־געבונדן די װוּנדן, געגעבן מיקסטורן, פֿאַרשפּרייטנדיק אַ שאַרפֿן גערוך פֿון יאָד, פֿון קאַר־באָלקע.

הינטער די װאַגאָן־װענט, אין דרױסן, האָט געװױעט אַ װינט, און פֿון מאָל צו מאָל האָבן, קאַנטיק, דאָ ניט װײַט זיך אױפֿגעריסן שװערע באָמבעס. באַ יעדן אױפֿרײַס האָט דער װאַגאָן אױפֿגעציטערט, זיך אַ װיג געטאָן הין און צוריק אױף די רעלסן, דערשטיטערט געקלאַפּט מיט די בופֿערן.

באַלד װי די שפּאַרבערס זײַנען פֿאַרשװוּנדן, האָט דער סאַניטאַר־צוג געלאָזן זיך גע־ריִרט און זיך געלאָזט אין װײַטן װעג, װאָס האָט געפֿירט אין הינטערלאַנד. באַרויִקטע און פֿאַרװיגטע פֿונעם מאָנאָטאָנעם געקלאַפּ פֿון די רעדער, האָבן די פֿאַרװוּנדעטע אָנגעהױבן אײַנדרעמלען.

נאָר שעפּטלען האָט דער שלאָף ניט גענומען. אָן אױסגעבלײכטער, אָן אָפּגעשװאַכטער, איז ער געלעגן אױף דער עטװאָס זיך אונטערהױדענדיקער קױקע און פֿאַר די אױגן איז אים געשטאַנען די לעצטע שלאַכט. ער האָט ניט געקענט זיך מוחל זײַן, װאָס ער איז אריבערגע־לאָפֿן צו דעם שלימאַזלדיקן שנײ־בערגל. עס איז שױן אָבער געװען אַ פֿאַרפֿאַלענע זאַך. דע־ריבער האָט ער זיך געסטאַרעט איצט ניט טראַכטן װעגן דעם, טראַכטן װעגן עפּעס אַנדערס, אָנגענעמס, װען דעם, װאָס עס דערװאַרט אים אין שפּיטאָל. עפּשער װעט זיך אים אײַנגעבן, זײַענדיק אין שפּיטאָל, זיך דערװיסן עפּעס־װאָס װעגן דער מישפּאָכע, װעגן זעלדען מיט די קינדער און דער מאַמען.

שעפּטל האָט אײַנגענורעט דעם גלאַט־אַרומגעגאָלטן קאָפּ אינעם קילבלעכן קישעלע. צוגעמאַכט די אױגן, לאַנג אַזױ געלעגן, ביז ער האָט גענומען אײַנדרעמלען, און שױן ניט געפֿילט, װי ער האָט צוזאַמען מיט דער אונטערגעהאַנגענער קױקע זיך אַ װיג געטאָן. דער סאַניטאַר־צוג האָט אומגעריכט פֿאַרטאַרמאַזירט, געבליבן שטײן. אַ גאַנצע נאַכט געשטאַנען אין מיט פֿונעם כּױשעכדיקן סטעפּ, געװאַרט, ביז מע װעט פֿאַריכטן דאָס אײַזנבאַן־בריקל, אין װעלכן עס האָט געטראָפֿן אַ דײַטשישע באָמבע.

ערשט פֿאַרטאָג האָט דער סאַניטאַר־צוג מיט זײַנע צװעלף פֿאַרשנײטע װאַגאָנען זיך געלאָזט אינעם װײַטערדיקן װעג.

שעפּטל איז שױן געװען װאַך. באַ באַליבּיקע אומשטענדן, װי ער זאָל זיך ניט געפֿינען, האָט ער, לױט זײַן דאָרפֿישער געװױנהײַט, זיך געפֿעדערט, װי נאָר עס האָט אָנגעהױבן שאַ־ריִען אױף טאָג. קײן שײַן האָט אין װאַגאָן־פּאַלאַטע שױן ניט געברענט. די שטאָרן איבער די פֿענצטער זײַנען געװען אױפֿגעהױבן, און פֿון דעם פֿאַרטאָגיקן מיט שנײ פֿאַרפּאַראָשעטן דרױסן האָט זיך דורכגעזיפּט אהער אַ פֿאַרנעפּלטע בלײַכקײט. שעפּטל האָט אַרופֿגעװאָרפֿן אױף זיך דעם כאַלאַט, װאָס האָט אים דערלאַנגט ביז די קני, פֿאַרדרײט אַ מאַכאָרקע־ציגאַר, און, אָנשפּאַרנדיק זיך אױף די מיליצעס, אַװעקגעהונקען צום סאַמע סאָף װאַגאָן, װו ס'איז אָפּגע־פֿירט געװען אַן אָרט צום רײכערן.

טיף פֿאַרצױגן זיך, האָט שעפּטל עטװאָס זיך אָנגעשפּאַרט באַם פֿענצטער און מיט אַ זשעדנעם אױסגעבענקטן בליק אַרױסגעקוקט אױף די פֿאַרבײַשװױנדלענדיקע פֿאַרשנײטע שע־טאָכים און אײַנגיכן דערזען פֿאַזע דער אײַזנבאַן־ליניע אַ היפּש פֿעלד מיט ניט אָראָפּגענומע־נער, שױן שװאַרץ־געװאָרענער קוקורוזע.

— אײַ־אײַ־אײַ... ניט צוגעקליבן... אַזױפֿיל גוטס, אַזױפֿיל קוקורוזע געפּאַטערט גע־װאָרן, — האָט ער זיך אױסגעגעסן דאָס האַרץ.

שעפּטל, זינט ער געדענקט זיך, האָט ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, װען ער האָט געזען, אַז עס גײט פֿאַרפֿאַלן דאָס, װאָס עס איז אױסגעכאָװעט און דערװאָרבן געװאָרן דורך מענטש־לעכער האָרעװאַניע. עס האָט אים געקאָסט געזונט, בײס ער האָט אױף די מילכאָמע־װעגן גע־זען פֿאַרלאָזטע, ניט קײן אױסגעגראָבענע קאַרטאָפֿל־גערטנער, ניט קײן אונטערגעקליבענע, צעטראָטענע װײץ־ און קאָרן־פֿעלדער. ניט ער האָט די פֿעלדער געאַקערט, ניט ער האָט זײ פֿאַרזײט, נאָר סײַװױסײַ האָט אים װײ געטאָן.

אַ פֿאַרזאָרגטער, איז ער אַזױ היפּש געשטאַנען, ביז די קורנאָסינקע מעדשװעסטער האָט אים אַ רוף געטאָן.

אין װאַגאָן־פּאַלאַטע איז שױן געװען גוט ליכטיק. באַ די פֿאַרװוּנדעטע האָט מען שױן געהאַט אױסגעמאָסטן די טעמפּעראַטור, מע האָט זיך געגרײט צום פֿרישטיק. דאָס לעבן איז דאָ געגאַנגען לױט דער אײַנגעשטעלטער אָרדענונג.

ווען ס'האָט זיך פאַרענדיקט דער „אַבכאַד", האָט שפּעטלס שאַכן, דער אַמפּוטאַנט פון דער דערבײַיִקער אונטערשטער קויקע, זיך אויסגעדרייט מיטן בלייכן אויסגעצערטן פּנים צו אים און מיט א שלאַבעריקער שטים געבעטן פאַרייכערן.

— פון וועלכע קאַנטן, בראַטאַק? — האָט שפּעטל א פרעג געטאָן, געבנדיק אים א ציגאַר. שפּעטל האָט געוואָלט א ביסל זיך דורכשמועסן, זיך אויסריידן דאָס האַרץ, טיילן זיך מיט זײַנע דײַגעס און זאָרגן וועגן דער מישפּאָכע.

דער שאַכן איז אויך גערן געווען זיך צעשטרייען א ביסל. זיי האָבן זיך פאַנאַנדערגערעדט, און שפּעטל האָט זיך דערוווּסט, אַז דעם שאַכן רופט מען אַנדריי, ער איז א סיביריאַק, א טראַקטאָריסט, האָט א פרוי מיט פינף קינדער. די פרוי אַרבעט, ווי פריִער, ווי ביז דער מילכאָמע, אַף דער קאָלווירטישער פערמע. די עלטערע קינדער לערנען זיך דאָרט אין שול. די קלענערע גייען אין קינדערגאָרטן. טאַקע דאָרט, בא זיי אין קאָלווירט. די פרוי שרײַבט גוטע בריוו.

ווען אַנדריי האָט דערציילט, האָט שפּעטל געקוקט אַף אים, ווי אַף דעם סאַמע גליקלעכסטן. ער האָט געוווּסט, אַז בא אַנדרייען האָט מען אַמפּוטירט די רעכטע פוס, אַז ער איז פאַרבליבן אַף שטענדיק א קאַליקע, און דאָך איז ער אים מעקאַנע געווען. מעקאַנע געווען, וואָס ער איז רויק וועגן זײַן מישפּאָכע, וואָס ער ווייסט, אַז די פרוי און די קינדער זײַנען בא זיך אין קאָלווירט, וואָס ער באַקומט אָפט גוטע בריוו פון זיי... ווען ער, שפּעטל, האָט כאָטש איצט איין בריוו פון זעלדען, ווען ער ווייסט, אַז זיי האָבן זיך עוואַקויִרט, אַז זיי לעבן... וואָס וואָלט ער דעמלט נאָך באַדאַרפט?

— און איך... ווייס גאָר־גאָרניט וועגן מײַניקע, — האָט שפּעטל פאַרומערט זיך אָנגערופן, — איך האָב מוירע, אַז זיי האָבן ניט באַוויזן זיך עוואַקויִרן, אַרײַנגעפאַלן, גאָט באַהיט, צו די היטלעריסטן אין די הענט...

— צוליב וואָס אויסלייגן אַף שלעכטס, — האָט אַנדריי קימאַט מיט פאַרדראָס שטיל באַמערקט.

— ווען זיי עוואַקויִרן זיך, וואָלטן זיי דאָך געשריבן, — האָט שפּעטל מיט א פאַרשטיקטן אָטעם געזאָגט, — זיי וואָלטן דאָך צו וויסן געגעבן וועגן זיך. שוין וויפל כאָדאָשים, און קיין איין בריוו...

— מאַלע־וואָס מיט די בריוו האָט געקענט טרעפן, — אַנדריי האָט זיך געסטאַרעט באַרויִקן אים, — עפּשער בלאָנדזשען זיי ערגעץ. עפּשער זײַנען זיי אַרונטערגעפאַלן אונטער א באָמביאָזשקע... ערגער זיך ניט. דײַניקע זײַנען בא די דײַטשן ניט פאַרבליבן...

— האַלעווײַ... ווי־אַזוי זשע דערוווּסט מען זיך כאָטש עפּעס־וואָס וועגן זיי? — האָט שפּעטל אָנגעקוקט זײַן בלייכן שאַכן מיט אַזעלכע אויגן, ווי פון אַנדרייס ענטפער וואָלט אָפּהענגיק געווען איצט זײַן לעבן.

— שרײַב קיין בוגורוסלאַן. באַלד, ווי דו קומסט אין שפּיטאָל, שיק אָן אָנפראַגע אַהין, — האָט אַנדריי געצייגט, — בא זיי, דערציילט מען, זײַנען פאַראַן יעדיִעס וועגן אַלע עוואַקויִרטע. אָט וועסטו זען, זיי וועלן דיר צו וויסן געבן, ווו דײַניקע געפינען זיך...

פּנים שאַכנס רייד איז שפּעטלען גרינגער געוואָרן אפן האַרצן, עס האָט זיך געשטאַרקט אין אים דער גלויבן, אַז זעלדע מיט די קינדער און די מאַמע האָבן באַוויזן זיך צו עוואַקויִרן און ער וועט, מעגלעך, אינגיכן זיי אָפּזוכן.

„זיי קענען זײַן ערגעץ אין טיף רוסלאַנד אָדער אין מיטלאַזיע, גיכער פאַר אַלץ זיך פּריטוליעט אין א קאָלווירט, — האָט ער שפּעטער, ליגנדיק אַף דער קויקע, מיט אָן אופגעוואַכטלײַכט געמיט געטראַכט, — זעלדע קאָן אַרבעטן אוודע אַף א מילך־פערמע, שמועלקע לערנט זיך שוין אין שול, פאַרן קליינוואַרג איז מיסטאַמע פאַראַן א קינדערגאָרטן, נו, און די מאַמע, זעלדע האַלט זי געוויס אונטער..."

שפּעטלען האָט זיך געוואָלט שוין וואָס גיכער קומען אַפן אָרט, קעדיי פון דאָרט גלײַך זיך ווענדן קיין בוגורוסלאַן. דער וועג אָבער האָט זיך געצויגן לאַנג. אַף אייניקע סטאַנציעס איז דעם סאַניטאַר־צוג אויסגעקומען שטיין און וואַרטן, ביז מע וועט דורכלאָזן די אַנטקעגנדיק־אָנקומענדיקע עשעלאָנען, אָנגעלאָדענע מיט טאַנקען, מיט האַרמאַטן, מיט קאָלערלייוואָפן, און ערשט נאָכדעם האָט דער צוג מיט די פאַרוווּנדעטע זיך געלאָזט אין זײַן ווײַטערדיקן וועג.

קיינער פון די פאַרוווּנדעטע, דערין אויך שפּעטל, האָט ניט אָנגעהויבן וויסן, וווּהין מע פירט זיי. איינס איז אָבער קלאָר געווען: אין טיפן הינטערלאַנד. מע איז שוין געהאַט דורכגעפאָרן אוראַל מיט די שטאַרקע פרעסט און זאַווייעס. די פענצטער פונעם וואַגאָן זײַנען געווען אַזוי געדיכט פאַרקאָוועט מיט אײַז, אַז מע האָט נישט געקענט זען ניט די פאַרבײַפאָרנ־

דיקע שעטאָכים, ניט די סטאַנציעס, ניט די וואָקזאַלן. וואָס ווײַטער דער צוג מיט די צוועלף פאַרשנייטע וואַגאָנען, אַף וועלכע עס האָבן זיך קוים אַרויסגעזען די רויטע קרייצן, האָט געיאָגט, אַלץ אָפּטער האָט זיך אָנגעהויבן ווײַזן די זון. צוביסלעך האָט גענומען זיך צעשמעלצן דאָס אײַז, וואָס מע האָט פאַרפירט אַהער פון די קאַלטע פראָסטיקע קאַנטן, און די שויבן פון די וואַגאָן־פענצטער האָבן אָנגעהויבן ווערן דורכזיכטיק־ריין.

דעמלט, אין אַ באַזוניקטן ליכטיקן קאַיאָר, ווען דער סאַניטאַר־צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ גאַנץ היפּשער סטאַנציע, שוין אין מיטלאַזיע, איז שעפּטל, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף די מיליצעס, צוגעשפּרונגען צו דעם דערבײַיִקן פענצטער, אַרויסגעקוקט און דערזען באַם וואָקזאַל אַף דער ברייטער הילצערנער פּלאַטפאָרמע אַ סאַך פרויען, קינדער, אַלטע לײַט, — אַ שלאַל עוואַקויִרטע, וועלכע זײַנען, קאָנטיק, ניט לאַנג צוריק אָנגעקומען אַהער.

„עפּשער איז זעלדע מיט די קינדער און די מאַמע אויך דאָ”, — האָט בא שעפּטלען אויפגעבליצט אַ געדאַנק. מיט זשעדנע אויגן האָט ער זיך אײַנגעקוקט אין די פּנעמער פון די אויסגעדאַרטע פאַרמוטשעטע קינדער און דערשלאָגענע פאַרזאָרגטע פרויען, און מיטאַמאָל איז ער פאַרשטאַרט געוואָרן. „צי דען איז עס זי?.. צי דען?..” די פרוי מיטן קינד אַף די הענט, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן צום אָנוואַלגער פון די פּעק, האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז זעלדע... שעפּטל, אַ שטאַרק פאַרלוירענער, האָט אַ שפּרונג געטאָן מיט די מיליצעס אַהין־אַהער, צום אַרויסגאַנג, און אין דער זעלבער רעגע האָט זיך צעטראָגן אַ הייזעריק פײַפערײַ פונעם לאָקאָמאָטיוו...

with the renegades. The effectiveness of this campaign was vividly demonstrated when our article "What Is Happening to *Morgen Fraihait*?" was brought out by New York readers in the form of a May Day leaflet.

2. In April 1976, "Sovietish Heimland" published a selection of documentary items denouncing the traitor Vladimir Samarin, former deputy editor of the newspaper *Rech*, published in the fascist-occupied city of Oryol. The fascist and antisemitic Samarin acted in the USA in the guise of "a friend of the Jews", cooperating with the zionists and working as a lecturer in Slavonic Philology at Yale University. Our information in "Sovietish Heimland" evoked a stormy reacton from the students and academic staff at Yale, among whom there were readers of the Soviet magazine. As a result Samarin was expelled from the university, and public opinion there launched a further campaign demanding that he be handed over to the organs of Soviet justice.

3. After the Arab-Israeli war of 1967, "Sovietish Heimland" concentrated on propagating the cause of cooperation between the peoples of the Arab countries and Israel. Dozens of items in the magazine were devoted to this problem. Here is one example. Peace-loving forces in Israel published in April, 1976, in Hebrew and Arabic, a small collection, "The Meeting of the Two Banks". Owing to the lack of sufficiently qualified writers in Yiddish, no translations of the items into that language were supplied, the authors and publishers expressing their regrets and pointing out that one third of the Jewish population in Israel spoke Yiddish as their native language. "Sovietish Heimland" decided to organise the translation of items in the collection and publish them on its pages. As a result, the Israeli fighters for peace commented on the usefulness and timeliness of this publication.

The editors of "Sovietish Heimland" do everything possible to stimulate the development of the creative essay and documentary reporting. We are helped in this by the fact that our writers are permanently resident in such cities as Novosibirsk, Perm, Moscow, Leningrad, Kiev, Gorky, Minsk, Lvov, Birobijan, Samarkand, Chernovtsy and Vilnius. Jewish writers with travel vouchers issued by "Sovietish Heimland" leave for the virgin lands, for the Baikal-Amur Railway project and for the northern regions of the Soviet Union. The essays published investigate a series of contemporary sociological, economic and demographic problems, especially those concerning the re-distribution of the population and new trades being practised by the Jewish population in our country during the period of mature socialism.

In this work, the editors give the monthly book supplement a special role to perform. There was a lively response from readers in the Soviet Union and abroad to the publication in Yiddish as a separate book, of Leonid Brezhnev's "Malaya Zemlya", "Resurrection" and "The Virgin Lands". In September 1979, the editors devoted their monthly Supplement to this fundamental publication. Since January 1980, the reader has been receiving, with every issue of our magazine, a carefully compiled booklet. The "Sovietish Heimland" library has recently included a number of books of essays by contemporary Jewish writers, a collection of documentary material, "The Road to the Abyss", about the victims of the zionist emigration to Israel racket, and a collection, "Soviet Jews—Facts and Figures", published for the 1980 Olympics. This booklet brought in a flood of readers' letters. We quote one of them:

"Dear Editors,

I shall be needing several copies of the Supplement to Nos. 9 and 10, since in the talks and reports which I conduct in the working collective, there arises a necessity to use the material in it. I earnestly request you to send me at least three copies as soon as possible. E. Kosyachevsky, Guards Colonel, veteran of the Armed Forces of the USSR in the Great Patriotic War."

Our readers were delighted by the introduction last year of a feature entitled "Our Space Section". It was opened by Twice Hero of the Soviet Union, General-Lieutenant G. Beregovoi, Head of the Cosmonauts' Training Centre. In an interview which he gave to "Sovietish Heimland", he stated: "If 'Sovietish Heimland' has thought of inaugurating a new regular feature telling the readers about the cosmonauts and about the latest achievements of Soviet cosmonautics, then the magazine is in step with the times."

In July-August this year, the magazine "Sovietish Heimland" will be twenty years old.

Translated by Alex Miller

Supplement to the issue: "Sovietish Heimland" During Twenty Years. Bibliography

all writing in Yiddish. In the last two decades, over 50 Russian, Ukrainian, Lithuanian, Byelorussian, Moldavian, Georgian and Latvian writers have been published in the magazine. We regularly print works by progressive Jewish writers in the USA, Israel, France, Argentina, Canada and other countries.

The magazine's readership has become very stable, thanks to a precise programme which was outlined in the form of an enquiry from the editors to the readers in the first issue and has been followed ever since.

At the present time, "Sovietish Heimland" has readers in approximately 25 countries, apart from the Soviet Union. Items appearing on its pages are constantly being reprinted or commented on in dozens of newspapers and magazines published in Yiddish, Hebrew, English, French, Spanish, Bulgarian and other languages in many countries. During visits abroad by the Chief Editor of "Sovietish Heimland", crowded readers' conferences were held in New York, Los Angeles, San Francisco, Miami Beach, Chicago, Paris, London, Montevideo, Brussels and Copenhagen.

"Sovietish Heimland" came into being at height of the Cold War, when anti-Soviet reactioin was trying in every possible way to exacerbate the so-called "Jewish problem", armed conflict in the Middle East was gathering momentum, and the activities of the zionist centres were being stepped up during the Arab-Israeli war of 1967. Under these conditions, the magazine gave special prominence to items which upheld the principles of proletarian internationalism, Soviet patriotism and the friendship of peoples, and it rebuffed, from the right positions, the anti-Soviet sallies of forces hostile to socialism and democracy in the Jewish milieu, denouncing the current "theories" of so-called "dual citizenship", exodus of Jews from the USSR, the "extinction" of Jewish literature in the Soviet Union and so forth. "Sovietish Heimland" delivered continual attacks on opportunism and revisionism. At the same time, ever since the first issues, because of the principles it upholds, the magazine has attracted healthy creative forces in foreign Jewish literature.

Adhering to a precise orientation on the ties between Jewish literature and our Soviet realities and guided by the principle of the Party approach in literature, the magazine has drawn Jewish writers into a single creative team.

At the present time, Jewish literature in the USSR is working hard to mobilise readers for the achievement of communist construction objectives. In Moscow, Kiev, Chernovtsy, Birobijan and various cities in the Russian Federation, the Ukraine, Moldavia, Byelorussia, and Lithuania, there are active forces using the Yiddish language, including 30 members of the Writers' Union.

Statistics of the number of books published in Yiddish and in translation into other languages furnish vivid testimony of the creative potential of Soviet Jewish writers. During the existence of "Sovetish Heimland", the "Sovietsky pisatel" Publishing House, drawing on creative writing published in the magazine, has brought out 85 books in the Yiddish language. In translation into Russian, this publishing house alone has put out 105 books by Jewish writers in editions totalling 3 million 131 thousand 3 hundred copies.

The magazine has published 55 novels by Soviet Jewish authors, 75 short novels, 1,075 short stories and novellas, 63 long poems, 5,606 short poems, 25 plays, 1,098 articles on literary criticism and history and 235 publicistic articles.

The editors always guide Jewish writers towards a close connection with life, towards the correct reflection of phenomena which, as a rule, are distorted in foreign national literature and press. An important achievement for the magazine was the creation of issues dealing with a specific subject. Three of them (December 1978, December 1979, and January 1981) were entirely given over to documentary essays and articles.

As a result of this policy, we have published 195 documentary and travel essays, 215 items in the sections "In the Track of Events" and "The Forum of Life", and 78 documentary items under the heading "People, Their Times and Destinies". Publicistic items are printed together in the sections "Conference on Theory", "Information for Our Readers", "Editorial Commentary", "Answers to Readers' Question", "The Publicist Speaks" etc.

Here are a few examples of how material in the magazine has gained results:

1. In the early 70s, the editors of the New York Jewish daily, *Morgen Fraihait,* which had adopted a progressive standpoint in the past, forced it in the direction of anticommunist and pro-zionist views. "Sovietish Heimland" launched a five-year campaign of controversy

RÉSUMÉ

"Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland")
No. 8, August 1981

Our current issue is dedicated to the 20th anniversary of the magazine and opens with the following message of greeting:

The Secretariat of the Board of the Writers' Union of the USSR sincerely congratulates the editorial board, writers and staff of the literary monthly "Sovietish Heimland" ("The Soviet Homeland") on the twentieth anniversary of the first issue.

Ever since it began appearing, the magazine has won the respect of readers in the Soviet Union and abroad for the clarity of its ideological positions and the high artistic standards of its contents.

It is encouraging to note that "Sovietish Heimland" gives prominence to contemporary subjects. In items of an ideological and political nature, the journal denounces with vigour and conviction all manifestations of anti-Soviet policy and speaks up in favour of peace and détente.

Soviet Jewish literature, represented by the monthly "Sovietish Heimland", actively demonstrates itself as being at one with the fraternal literatures of the Soviet peoples. The writers for "Sovietish Heimland" are successfully carrying on in the internationalist tradition of Soviet multi-national literature.

We wish the magazine and its contributors success in their creative work for the benefit of socialist culture.

Board of The Writers' Union of The USSR

In the current issue, we have published works by the following sixty Soviet Jewish writers who have been appearing on its pages since it was founded:

M. Altman, R. Balyasnaya, H. Beider, A. Belousov, G. Blostein, I. Borukhovich, D. Bromberg, I. Bronfman, I. Bukhbinder, I. Burg, Sh. Chernyavsky, O. Driz, I. Druker, Ya. Elkis, L. Geller, T. Gen, M. Golbstein, M. Goldman, A. Gontar, S. Gordon, Sh. Gorshman, M. Grubiyan, M. Gruvman, A. Guberman, H. Gurevich, I. Itskov, R. Kats-Rabinovich, A. Katsev, D. Khaikina, D. Kholodenko, D. Khorol, P. Kirichansky, I. Kotlyar, H. Levina, M. Lifschitz, Noteh Lurye, H. Melamud, B. Miller, G. Mikhelson, M. Mogilevich, B. Mogilner, M. Pens, P. Plotkin, G. Polyanker, G. Reles, G. Remenik, M. Riant, I. Shraibman, Ya. Shternberg, M. Shturman, I. Shuster, B. Sinelnikova, M. Talalayevsky, M. Teif, Z. Timenchik, H. Vainerman, L. Vasserman, A. Vergelis, V. Vernik, P. Yanovsky.

"Sovietish Heimland", a magazine devoted to literature and the arts, is the organ of the Board of the Writers' Union of the USSR. It has been appearing since July-August 1961. For the first two and a half years, it was brought out as a bi-monthly of 8-10 printed sheets, but in January 1965 it began to come out twice as frequently and its size was increased to 13 printed sheets. On 7 April 1970, the magazine acquired a political section. Subsequently, it introduced a Résumé in English and Russian and, in October 1979, a monthly Supplement in booklet form.

The contributors to "Sovietish Heimland" have formed a team of 100-120 prose-writers, poets, dramatists, critics, publicists, documentary journalists, art critics and historians,

чила ряд очерковых книг современных еврейских писателей, сборник документальных материалов «Дорога в пропасть» — о жертвах сионистской авантюры с эмиграцией в Израиль, сборник «Советские евреи: факты и цифры» выпущенный к Олимпиаде-80. Книжка «Советские евреи: факты и цифры» вызвала огромное количество писем читателей. Цитируем одно из них:

«Уважаемая редакция! Приложение к номерам 9—10 потребуется мне в нескольких экземплярах, т. к. в беседах и докладах, которые я провожу в рабочем коллективе, возникает необходимость использовать содержащиеся в нем материалы. Убедительно прошу выслать мне в возможно короткий срок хотя бы три экземпляра. Э. Косячевский — гв. полковник, ветеран Вооруженных Сил СССР и Великой Отечественной войны».

С большим удовольствием приняли читатели введенную в прошлом году в журнале рубрику под названием «Наш космический уголок». Открыл эту рубрику начальник центра по подготовке космонавтов, дважды Герой Советского Союза генерал-лейтенант Г. Береговой. В интервью, которое он дал представителю «Советиш геймланд» сказано: «Если журнал «Советиш геймланд» задумал открыть новую рубрику, рассказывающую читателям о космонавтах и о новых достижениях советской космонавтики, то это значит, что он идет в ногу со временем».

В июле—августе текущего года журналу «Советиш геймланд» исполняется двадцать лет.

Приложение к номеру: «Советиш геймланд» за 20 лет
Библиографический указатель

Редакция журнала неизменно ориентирует еврейских писателей на тесную связь с жизнью, на правдивое отражение тех явлений, которые, как правило, искажаются в националистической зарубежной литературе и прессе. Важным достижением журнала является создание тематических номеров. Три из них (декабрьские номера за 1978 и 1979 и январский за 1981) полностью предоставлены документально-очерковому жанру.

В результате в журнале опубликованы 195 документальных и путевых очерков, 215 материалов в разделах «По следам событий» и «Трибуна жизни», 78 документальных материалов под рубрикой «Люди, их время и судьбы». Публицистические материалы сведены в целевые разделы «Теоретическая конференция», «Информируем наших читателей», «Комментарии редакции», «Отвечаем на вопросы читателей», «Выступления публицистов» и др.

Вот некоторые примеры действенности выступлений журнала:

1. В начале 70-х годов редакторы Нью-Йоркской ежедневной еврейской газеты «Морген Фрайгайт», стоявшей в прошлом на прогрессивной платформе, столкнули ее на позиции антикоммунизма и просионизма. Журнал «Советиш геймланд» провел острую, на протяжении пяти лет, полемику с ренегатами. Действенность этой полемики обнаружилась особенно наглядно, когда статья «Советиш геймланд» «Что происходит в газете «Морген фрайгайт» была выпущена Нью-Йоркскими читателями в виде первомайской листовки.

2. В апреле 1976 года журнал «Советиш геймланд» выступил с документальной подборкой, разоблачившей предателя родины Владимира Самарина, бывшего заместителя редактора газеты «Речь», выходившей в оккупированном фашистами городе Орел. Фашист и антисемит Самарин орудовал в США под личиной «друга евреев», сотрудничая с сионистами. Он работал преподавателем славянской филологии в Иельском университете. Публикация в «Советиш геймланд» вызвала бурную реакцию среди студентов и преподавателей Иельского университета, в числе которых оказались читатели советского журнала. В результате Самарин был изгнан из университета и университетская общественность развернула дальнейшую кампанию с требованием выдачи его органам советской юстиции.

3. После арабо-израильской войны 1967 года внимание журнала «Советиш геймланд» сосредоточилось на пропаганде дружбы и сотрудничества между народами арабских стран и Израиля. Этой проблеме посвящены десятки выступлений журнала. История одного из них такова. Миролюбивые силы в Израиле выпустили в апреле 1976 года на иврите и арабском языке небольшой сборник «Встреча двух берегов». Из-за отсутствия достаточно квалифицированных прогрессивных литераторов, пишущих на идиш, перевод материалов на этот язык был упущен, по поводу чего авторы и издатели выразили свое сожаление, указав, что одна треть еврейского населения Израиля пользуется идишем как своим родным языком. В этой обстановке редакция «Советиш геймланд» приняла решение организовать перевод на идиш материалов сборника и опубликовать их на своих страницах. Впоследствии израильские борцы за мир отметили полезность и своевременность этой публикации.

Редакция «Советиш геймланд» всячески стимулирует развитие жанра художественного очерка и документального репортажа. Помогает в этом своеобразная география самих авторов журнала, среди которых имеются коренные жители Новосибирска и Перми, Москвы и Ленинграда, Киева и Горького, Минска и Львова, Биробиджана и Самарканда, Черновцов и Вильнюса. По творческим путевкам «Советиш геймланд» еврейские писатели выезжают на целину, в район строительства Байкало-Амурской магистрали, в северные районы страны. В публикуемых очерках исследуется ряд современных социологических, экономических и демографических проблем, затрагивающих, в частности, новое расселение и новые профессии еврейского населения в нашей стране в период зрелого социализма.

Особую роль в этой работе редакция отводит ежемесячному книжному приложению. Живой отклик у читателей в нашей стране и за рубежом получил выпуск отдельной книгой произведений Леонида Ильича Брежнева «Малая земля», «Возрождение», «Целина» в переводе на идиш. В сентябре 1979 года редакция открыла этим фундаментальным изданием свое ежемесячное приложение. Начиная с января 1980 г. читатель получает вместе с каждым очередным номером журнала тщательно составленную книжку. За последнее время библиотечка «Советиш геймланд» вклю-

Д. Хорол, Ш. Чернявский, И. Шрайбман, Я. Штернберг, М. Штурман, И. Шустер, Я. Элькис, П. Яновский.

Литературно-художественный журнал «Советиш геймланд», орган правления Союза писателей СССР, издается с июля—августа 1961 г. Первые два с половиной года он выпускался в виде двухмесячника объемом 8—10 печ. листов, а начиная с января 1965 года была удвоена его периодичность и увеличен объем до 13 печатных листов. 7 апреля 1970 года в журнале был введен публицистический отдел. В дальнейшем редакция ввела резюме на русском и английском языках и, начиная с октябрьского номера за 1979 год, ежемесячное книжное приложение.

Вокруг «Советиш геймланд» сплотился авторский коллектив из 100—120 прозаиков, поэтов, драматургов, критиков, публицистов, документалистов, искусствоведов, пишущих на языке идиш. В журнале печатались в прошедшие два десятилетия около 50 русских, украинских, литовских, белорусских, молдавских, грузинских, латышских писателей. Регулярно публикуются произведения прогрессивных еврейских писателей США, Израиля, Франции, Аргентины, Канады и других стран.

Читательская база «Советиш геймланд» стала весьма стабильной благодаря четкой программе журнала, которая была изложена в виде обращения редакции к читателям в первом номере и осуществляется на протяжении всего 20-летия.

В настоящее время журнал имеет читателей, помимо нашей страны, примерно в 25 зарубежных странах. Появляющиеся на его страницах материалы постоянно перепечатываются или находят отклики в десятках газет и журналов, издающихся в ряде стран на идиш, иврите, английском, французском, испанском, болгарском и других языках. Во время поездок главного редактора журнала в зарубежные страны проводились многолюдные читательские конференции в Нью-Йорке, Лос-Анджелесе, Сан-Франциско, Майами-Бич, Чикаго, Париже, Лондоне, Монтевидео, Брюсселе, Копенгагене.

Журнал «Советиш геймланд» возник в разгар холодной войны, когда антисоветская реакция всячески раздувала так называемый «еврейский вопрос», набирал силу вооруженный конфликт на Ближнем Востоке и активизировалась в условиях арабо-израильской войны 1967 года деятельность сионистских центров. В этой обстановке журнал уделяет особое внимание материалам, в которых отстаиваются положения пролетарского интернационализма, советского патриотизма, дружбы народов, с правильных позиций дается отпор антисоветским вылазкам враждебных социализму и демократии сил в еврейской среде, разоблачаются имеющие хождение «теории» о так называемом «двойном гражданстве», эмиграции евреев из СССР, «угасания» еврейской литературы в Советском Союзе и тому подобном. На страницах журнала дан бой оппортунизму и ревизионизму. Вместе с тем «Советиш геймланд» привлекает на принципиальной основе с первых своих номеров здоровые творческие силы зарубежной еврейской литературы.

Придерживаясь четкой ориентации на связь еврейской литературы с нашей советской действительностью, руководствуясь принципом партийности литературы, журнал «Советиш геймланд» собрал еврейских литераторов в единый творческий коллектив.

В настоящее время еврейская литература в СССР работает в меру своих сил, мобилизуя читателей на выполнение задач коммунистического строительства. В Москве, Киеве, Черновцах, Биробиджане, в различных городах Российской Федерации, Украины, Молдавии, Белоруссии, Литвы работают на языке идиш активные творческие силы, в числе которых 30 членов Союза писателей.

О творческом потенциале еврейских советских литераторов наглядно свидетельствуют данные о выпущенных книгах на идиш и в переводе на другие языки. За время существования «Советиш геймланд» издательство «Советский писатель», беря за основу опубликованную в журнале творческую продукцию, выпустило на языке идиш 85 книг. В переводе на русский язык одно лишь это издательство выпустило 105 книг еврейских писателей общим тиражом 3.131.300 экземпляров.

В журнале «Советиш геймланд» опубликовано за время его существования 55 романов еврейских советских авторов, 75 повестей, 1075 рассказов и новелл, 63 поэмы, 5606 стихотворений, 25 пьес, 1098 критических и литературоведческих статей, 235 публицистических статей.

РЕЗЮМЕ

«Советиш геймланд» («Советская родина»)
№ 8, август, 1981

Номер посвящен 20-летию журнала. Открывается он следующим приветствием:

«Секретариат Правления Союза писателей СССР сердечно поздравляет редколлегию и редакцию литературного ежемесячника «Советиш геймланд» в связи с двадцатилетием со дня выхода первого номера.

За годы своего существования «Советиш геймланд» стал заметным явлением нашей литературной периодики. Ясность идейных позиций, высокий художественный уровень публикующихся произведений — эти ценные качества, свойственные «Советиш геймланд», снискали ему уважение читателей в нашей стране и за рубежом.

Советская еврейская литература, чьей печатной трибуной является ежемесячник «Советиш геймланд», находится в строю активно действующих братских советских литератур. Ее успеху содействует то обстоятельство, что журнал «Советиш геймланд» поставил в центре своего внимания современную тематику. Вызывает одобрение акцентирование в печатных материалах идейно-политических воспитательных функций, преобладание в них патриотического мотива. Авторы «Советиш геймланд» успешно продолжают интернационалистические традиции советской еврейской литературы.

Желаем журналу и его авторам дальнейших успехов в творческом труде.

Секретариат Правления СП СССР»

В номере опубликованы произведения следующих 60-ти советских еврейских писателей, печатавшихся на страницах журнала со дня его основания:

М. Альтман, Р. Балясная, Х. Бейдер, А. Белоусов, Г. Блоштейн, И. Борухович, Д. Бромберг, И. Бронфман, И. Бург, И. Бухбиндер, Х. Вайнерман, Л. Вассерман, А. Вергелис, В. Верник, Л. Геллер, Т. Ген, М. Голбштейн, М. Гольдман, А. Гонтарь, С. Гордон, Ш. Горшман, М. Грубиан, М. Грувман, А. Губерман, Х. Гуревич, О. Дриз, И. Друкер, И. Ицков, Р. Кац-Рабинович, А. Кацев, П. Киричанский, И. Котляр, Х. Левина, М. Лившиц, Нотэ Лурье, Х. Меламуд, Б. Миллер, Г. Михельсон, М. Могилевич, Б. Могильнер, М. Пенс, П. Плоткин, Г. Полянкер, Г. Релес, Г. Ременик, М. Риант, Б. Синельникова, М. Талалаевский, М. Тейф, З. Тименчик, Д. Хайкина, Ш. Холоденко,

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

(Советская родина)

Ежемесячный
литературно-художественный журнал

На еврейском языке

Орган Союза писателей СССР

Издается с 1961 г.

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. ВЕРГЕЛИС**

РЕДКОЛЛЕГИЯ:
Х. Бейдер (зам. главного редактора),
Т. Ген, С. Гордон,
Нотэ Лурье, Х. Меламуд,
Б. Миллер, Б. Могильнер,
Г. Полянкер, И. Шрайбман,
И. Шустер (ответственный секретарь)

Адрес редакции журнала:
101000, Москва, Центр, ул. Кирова, 17

Телефоны:
главный редактор — 228-27-91
ответственный секретарь — 223-96-07

Художественная и техническая редакция
С. Черняк, Е. Каплан

Корректор Б. Гершман

Сдано в набор 29.05.81. Подписано к печати 17.07.81 г. Формат 70×108¹/₁₆. Бумага типографская № 1. Печ. л. 11+0,25 вкл. (Усл. печ. л. 15,75). Бум. л. 5,5+0,125 Цена 50 коп. Зак. 404.

Ордена Трудового Красного Знамени
московская типография № 7 «Искра революции»
«Союзполиграфпрома» Государственного
Комитета СССР по делам издательств.
полиграфии и книжной торговли.
Москва, 121019, пер. Аксакова, 13.

© Журнал «Советиш геймланд», 1981 г.

Цена 50 коп.
70821

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

XX

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

В НОМЕРЕ:

К 20-летию журнала «Советиш геймланд». Приветствие Секретариата Правления Союза писателей СССР.

А. Вергелис. Итоги и перспективы.

И. Шрайбман. Продолжение пути (роман).

Стихи 50 советских еврейских поэтов (из опубликованного в журнале за 1961—1981 гг.).

Литературные заметки Х. Меламуда, Ш. Горшман, Б. Миллера, А. Гонтаря, Р. Кац-Рабинович, С. Гордона, М. Альтмана, Т. Гена, Г. Полянкера, Х. Бейдера, И. Шустера, Б. Могильнера, И. Друкера, Г. Ременика.

Нотэ Лурье. Главы из четвертой части романа «Небо и земля».

Резюме на русском и английском языках.

1981

№ 8